STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09239

DZSHUNGLS UN SHTET

Marcos Paryszewski

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מארקוס פארישעווסקי

דזשונגלס און שטעט



מאַרקוס פאַרישעווסקי

מאַרקוס פּאַרישעווסקי

דזשונגלס און שטעט

(רייזע איינדרוקן)

באַנד II

✡

אַרויסגעגעבן דורכן:
יידישן ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַריין „ה. ד. נאָמבערג“
אין אַרגענטינע

בועמאָס איירעס, 1951

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyrigth by
M. PARYSZEWSKI, Buenos Aires

M. PARYSZEWSKI

DZUNGLS UN SCHTET

(SELVAS Y CIUDADES)

*

Editado por la
Sociedad de Escritores y Periodistas "H. D. Nomberg"
en la Argentina

Buenos Aires, 1951

אינהאַלט:

קעטזאַל : 9
כ׳ווער אַ העלד 11
מיקסטעקסלאַסטל און אַ גראַבער דייטש 17
מיקסטעקסלאַסטל טזינטלאַנקאַסטלס אויטאָביאָגראַפיע 34
שטעט און מאָנומענטן פון די ערשטע מענטשן אין אַמעריקע . . 42
צווישן די חורבות פון פאַפּאַקאַטעפּעטל 46
אַ פייער־ספּעקטאַקל אין גואַטעמאַלאַ 60
קאָסטאַ ריקאַ, די פּערל פון צענטראַל־אַמעריקע 62
פאָרט לימאָן 65
רעוואָלוציע 67
אין די אורוועלדער פון קאָסטאַ ריקאַ 71
דער „וואַלד־גזלן״ 83
דאָס פאַרלאָזענע הויז 92
אַ לאַמפּאַלוגאַ־שלאַנג וויקלט זיך אַרום מיין פּילאָזאָפישן אייזל . . 102
דער סאַבאַטיסט 108
קאַרטאַגאַ 116
כ׳ווער אַ שותּף צו אַ גאָלד־מינע 118
אַן אָרנטלעכער פּעפּעסאָוויעץ 128
מאַלפּעס ראַטעווען אונדז פון טויט און הרגענען אונדזער גרעסטן
שונא... : 135
אויף אַן אינדיאַנער חתונה 140
די גאָלד־מינע 146
אין דער געזעלשאַפט פון 32 מאַלפּעס 151
אַ דיאַלאָג צווישן דואַרטען און אַנטאָניאָן 165
מיר ווערן איבערגעפאַלן פון אַ מחנה וואַמפּירן 172
ניקאַראַגואַ 180

ניקאַראָ אָדער ניקאַראַגואַ 187
מאַנאַגואַ 195
קסאָלאַטאַן אָדער מאַנאַגואַ־אָזערע 202
גראַנאַדאַ 208
דאָניאַ קאַרמענסיטאַ און אירע נייַן בנים און פיר בתולות 214
לעאָן 227
אַ פרומער איטאַליענישער פאַטריאָט און אַן ערלעכער אונגאַרישער
משומד 239
אַ מאָסקאָוויט אַ באַרבאַר 252
די אָזערע ניקאַראַגואַ אָדער „קאָסיבאָלקאַ“ 263

קעטזאַל

גוואַטעמאַלאַ איז אין דער אמתן אַ געבענטשט לאַנד: די ערד איז פּרוכטבאַר. די טייכן און אָזיערעס זענען פול מיט פיש און מיט אַלע באַשעפענישן, וואָס לעבן אויפן וואַסער, אונטערן וואַסער און לעבן וואַסער. דער באָדן פאַרמאָגט אַלערליי מעטאַלן און מינעראַלן, די יונגפרוילעכע וועלדער פאַרמאָגן די בעסטע און טייערסטע געהילצן, און אין זיי האַלטן זיך אויף די איבערגעבליבענע אינ־דיאַנער, אייניקע פון זיי זייער ציוויליזירטע און קולטורעלע. אין שכנות מיט זיי לעבן און געדייען אַלע חיות פון אַמעריקאַנער קאָנטינענט, אַנהויבנדיק פונעם יאַגואַר, פּומאַ, בער און קאָיאָטע, און ענדיקנדיק מיט דעם פּיצעלע קאָבאַיאַ אויף דער ערד און מיט די וועווערקעס אויף די ביימער. פונעם ריזיקן קאָנדאָר ביז דעם פּיצעלע פּיקאַפלאָר און קאָליברי־פייגעלעך. דער גוואַטעמאַלער פּיקאַפלאָר איז זייער שיין. ער איז עטוואָס גרעסער פון אַ בין. דער גוואַטעמאַלער קאָליברי, וואָס איז אויך אייגנטלעך אַ מין פּיקאַפלאָר, אָדער טאָנילעכאַ, איז אַ סך גרעסער ווי אין אַנדערע לענדער און איז אַזוי הערלעך, אַן אמתע צירונג. אויך דער קאַלאַנ־דריאַ איז שענער, דער קאַרדענאַל און טעסאָ־הו. אויך דער שוואַרצער מירלאַ האָט אַ שענערע שוואַרצקייט און זינגט שענער פון די מירלאָס פון אַנדערע לענ־דער, ביזן וואונדערלעכן קעטזאַל, וועלכן אייניקע רייזנדער רופן „די קליינע פּאַווע מיט גרויסער שיינקייט". דער קעטזאַל איז אָבער פילפאַכיק שענער פון דער שענסטער פּאַווע. איך מיין, אַז דער קעטזאַל איז אַפילו שענער, אַ סך שענער פון דעם הערלעכן פאַיזאַן. איבערהויפּט, אַז זיין לאַנגער עק איז זייער ענלעך צום פאַיזאַנס, כאָטש דעם קעטזאַלס קערפּער איז קלענער. מיר געפעלט דער קעטזאַל אַפילו מער פון דעם זייער שיינעם פויגל פּאַראַדיז. דער הויפּט־וווינאָרט פון קעטזאַל איז דער אורוואַלד פון נידעריקן און הויכן וועראַפּאַז. ער געפינט זיך אָבער אויך אין הועהועטענאַנגאַ, אין די וואַלדיקע בערג פון קוטשעמאַטאַנעס און אין די געדיכטעניש פון די קואַילאַקאַ־בערג. איבערהויפּט נעסטעט ער אין די טראָפּישע געגנטן, אויף דיביימער, וואָס רייסן זיך אַרויף העכער איבער אַלע אַנדערע שכנים צו די בלויע רוימען. ער אַקלימאַטיזירט זיך אָבער אויך אין די סוב־טראָפּיקאַלע וועלדער, אָבער תמיד אויף די העכסטע ביימער.

„קעטזאַל" איז אַ וואָרט פון די נאַהאָאַ־אינדיאַנער, וואָס באַדייט: גן־עדן־פויגל. די קיטשעס רופן אים „קוק", און די טשיכעס־אינדיאַנער רופן אים „כוק". אין אַלגעמיין אָבער רופט מען אים קעטזאַל.

ווינציק באַשעפענישן אויף דער וועלט האָבן זוכה געווען, אַז די וויסנשאַפט־לער זאָלן זיי אָנרופן מיט אַזוי פיל נעמען, און אַז סיי די ווילדע ווי די ציוויליזירטע זאָלן זיך אַזוי פאַראינטערעסירן און אַזוי באַוווּנדערן ווי דעם וווּנדערשיינעם קעטזאַל.

די אָרניטאָלאָגן *) רופן אים פאַראָמאָקראָס מעסינא, טראָגאָן רעספּלענדענס, טראָגאָן פּאַוואָנינוס, טראָגאָן פּאַראַדיזעאוס, קאָלורוס רעספּלענדענס און נאָך אַ טוץ אַנדערע נעמען. לעצטנס, האָבן די אָרניטאָלאָגן באַשאַנקען דעם באַרימטן קעטזאַל מיט נאָך אַ נאָמען: פּאַראָמאָקראָס לעציניאַ, לכבוד דעם מעקסיקאַנער נאַטור־פאָרשער און אָרניטאָלאָג, מאַריאָ לעציניאָ, וועלכער האָט אין זיין צייט אויסגעפאָרשט דעם גאַנצן גואַטעמאַלער דזשונגל.

דער ריכטיקסטער טייטש פון קעטזאַל, אין דער מאַיאַאישער שפּראַך איז שמאַראַגד, אַ נאָמען וואָס וועט שוין בלייבן דעם פויגל קעטזאַל, וואָס די מאַיאַס האָבן אים געגעבן, ווייל דער פרעדאָמינירנדיקער קאָליר פונעם קעטזאַל איז דער בלענדנדיקער שמאַראַגדן־קאָליר. זיין ברוסט שטראַלט ממש פלאַמיק פון רויט־קייט. אויפן קאָפּ טראָגט ער אַ גאָלדן פלאַטירט קופּקעלע. דער עק זיינער האָלט איבער ניינציק צענטימעטער די לענג און איז פון אַ כאַבער־בלויען קאָליר, מיט אַ געמיש פון רעגנבויגן־קאָלירן, וואָס מיניען זיך און בלענדן אין די אויגן, אַזוי ווי אַ טאָרנאַסאָל און די קאָלירן בייטן זיך, לויט דער פּאָזע, וואָס דער קעטזאַל נעמט אָן...

---

*) אָרניטאָלאָג: פויגל־וויסנשאַפטלער.

כ׳וועל אַ העלד

קומענדיק פון אינדיאַנער דאָרף טאַקטיק און אָנקומענדיק אין דאָרף טשורבילקאָ, האָב איך באַלד געהאַט אַ געלעגנהייט ווידער צו ווערן אַ העלד: אַ משוגענער הונט האָט צעביסן עטלעכע כלבים, אויך אַ ציג און אַ פּאַווע אַן ער, וועלכער איז אין יענעם מאָמענט געשטאַנען אויף אַ קלעצל מיט אַן אויפגעהויבענעם פּראַכטפולן עק, פּונקט ווי אַן אָנגעכמורעטער קעניג אין זיינע בגדי מלכות, און געפּרעדיקט אויפן הויכן קול צו עטלעכע הענער הלכות הערשאַפט...

אַ געוואלד, אַ געשריי צווישן די ווייבער און פּיצלעך קינדער — אַלע דערוואַקסענע מענער פון דאָרף זענען געווען אין פעלד ביים אַראָפּנעמען די צייטיקע וואַטן און טרויבן. איך בין פּונקט אָנגעקומען, בעת אַן אינדיאַנער מיידל פון אַ יאָר צוואַנציק, אָנגעטאָן אין אַ ווייס בלוזקעלע מיט רויטע צענערס און אַ קורץ־געבלומט יאַקעלע, האָט מיט אַ בעזים פון פּאַלמע־צווייגן זיך געווערט קעגן דעם צעיושעטן משוגענעם הונט, הויך ווי אַ וואָלף, גראָב און וואָליק ווי אַ שעפּס, מיט ווייסע און געלע לאַטעס; אַ גאַווערדיקע סלינע האָט זיך אים געגאָסן פון דער אָפענער מאָרדע ביז דער ערד, אַ לאַנגע גרין־בלויע צונג האָט פון דער אָפענער מאָרדע אַראָפּגעהאַנגען, און דער קודלעוואַטער געלער עק — צווישן די פיס.

איך האָב מורא געהאַט צו שיסן, כדי איך זאָל, חלילה, נישט טרעפן אין דעם ווי פּאַרמעט־בלאַסן מיידל, וואָס איז געווען איבערגעשראָקן אויף טויט; האָב איך מיט מיין פּאַקאָן *) אַראָפּגעהאַקט דעם הונט אַ האַלבן קאָפּ, בשעת ער האָט מיך געוואָלט אַטאַקירן. און אַזוי ווי קיין פּאַסטעור־אינסטיטוט, קיין דאָקטאָר און אַפילו קיין אַפּטייק איז אין דעם פאַרוואָרפענעם ישוב נישט געווען, האָב איך געמוזט ווערן אַ שטיקל היצעל... איך האָב דערהרגעט די געביסענע הינט, פּאַווע און ציג און די ווייבער זענען געוואָרן זייערע באַגרעבערינס...

נאָך אָט דער „העלדישקייט" מיינער האָט יעדע מאַמע און מיידל מיך מיט אויפריכטיקער באַגייסטערונג מכבד געווען מיט וואָס נאָר איינע האָט געקענט.

די אָרימקייט איז אָבער דאָרט געווען אַ שרעקלעכע, נאָר דערפאַר איז געווען

---

*) פּאַקאָן: אַזאַ מין ריזיק מעסער.

אַזאַ זויבערקייט, וואָס איז זעלטן צו טרעפן ביי ווייסע באַלעבאָסטעס אין דעם זעלביקן שטאַנד.

דאָס גאַנצע דאָרף באַשטייט פון אַ פופציק גרעסערע כאַטקעלעך פון בלאָטע, פירקאַנטיקע און קיילעכדיקע. אַרום זיי איז ציכטיק, ווי ביי אַ פרומער יידישער באַלעבאָסטע אין פוילן, פול מיט בלומען און פרוכטביימער.

אַמאָל האָבן דאָ געהערשט די זייער ציוויליזירטע קיטשעס־אינדיאַנער. דאָס גאַנצע לאַנד — דערציילט די לעגענדע, — איז געווען זייער רייך און פול מיט גרויסע שטעט. געגנוג איז צו דערמאָנען, אַז לעבן דעם טייך פּאַסיאָן, נישט ווייט פונעם מאָדערנעם שטעטל פון „ציוויליזירטע״, לאַ ליבערטאַד, זענען פאַראַן חור־בות פון אַן אינדיאַנער שטאָט, וואָס האָט אַמאָל פאַרנומען אַ שטח פון איבער 23 קוו. קילאָמעטער. אַנדערע ישובים, ווי אַטיטלאַן, גומאַרקאַאַה, טאַגאַלאַ און טולאַ, זענען געווען ריזיקע שטעט מיט שיינע הייזער פון האָלץ, שטיין און אַפילו פון פיינע געברענטע ציגל, מיט פּאַלאַצן, טעמפּלען, מעגאַליטן־מאָנומענטן פון צענד־ליקער טאָנען וואָג, מאָנומענטן געמאַכטע פון קינסטלער־סקולפּטאָרן, אָבעליסקן און קאָלומנעס, שפּאַציר־פּלעצער, איבונגס־פּלעצער און טעאַטערס.

דאָס פאָלק האָט זיך געבילדעט און ציוויליזירט מיט עכט מאָראַלישע געזעצן, אייניקע פון זיי ענלעך צו די צען געבאָט. אַפילו זייער קאָסמאָגראַפיע איז זייער ענלעך צו אונדזער בראשית. דערפאַר אפשר האָבן אייניקע יידישע און נישט־יידישע רייזנדיקע און וואַנדערער איבער מעקסיקאָ און גואַטעמאַלאַ אָנגענומען, אַז די אַצטעקן, קיטשעס און מאַיאַס שטאַמען פון יידן, אָדער זענען יידן...

היינט צו טאָג זענען די אַמאָל קולטורעלע און העכסט־ציוויליזירטע אינדיאַ־נער זייער דערשלאָגן און ממש פאַרדאַרבן. אפשר איז עס דערפאַר, ווייל דאָס בעסטע פון דעם גאַנצן דעפּאַרטאַמענט פון אַלטאַ־וועראַפּאַז, מיט אַ שטח פון 13.154 קוו. קילאָמעטער און אַ באַפעלקערונג פון איבער 177.180 נפשות, גע־הערט צו די דייטשישע לאַטיפונדיסטן און סוחרים־שפּעקולאַנטן.

איבער 95 פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג זענען פולבלוטיקע אינדיאַנער, פּאַראַרימטע און צוריקגעשטאַנענע, הגם אינסטינקטיוו, אָדער אינטו־איטיוו, זענען זיי זייער קלוגע מענטשן.

כמעט דאָס גאַנצע פעלד פון וועראַפּאַז, דאָס בעסטע פון דעם רייכן דעפּאַר־טאַמענט, איז זייער פרוכטבאַר און געהערט צו דייטשישע מאַגנאַטן, וואָס פאַרמאָגן זייער רייכע קאַפע־פּלאַנטאַציעס, קאַקאַאָ, צוקער־רערן, וואַטן, וויינטרויבן און אַנדערע פרוכטביימער, וועלדער, טייכן און מינעס. דער גאַנצער מסחר שטייט אייך אין דייטשישע הענט. און אַזוי ווי דייטשן זענען טאַקע דייטשן, קויפן זיי פאַר זייער געברויך קיין שום זאַך נישט אין לאַנד, וווּ זיי וווינען, נאָר זיי ברענגען אַלץ פון זייער הייליקן פאָטערלאַנד, פון דייטשלאַנד.

דער קיטשע אינדיאַנער, ווי איך האָב שוין פריער דערמאָנט, איז זייער קלוג. זיין אינטואיטיווע קלוגשאַפט ווערט אָבער נישט קולטיווירט און זיי זענען ממש פאַרשקלאַפט ביי די האַרצלאָזע דייטשישע באַלעבאַטים, וועלכע נוצן זיי אויס אַלס משא־באַשעפענישן אָדער לאַסט־בהמות אויף צו טראָגן אויף די פלייצעס פעק פון די דייטשישע פעלדער און געשעפטן, צו פופציק און מער קי־לאָגראַם וואָג, אָפטמאָל אויף אַ מהלך פון פופציק קילאָמעטער ביז אין אַ גרע־סערער שטאָט אַריין, אָדער ביז צו דער באַן און שיף.

די איינציקע טרייסט, וואָס איז נאָך פאַרבליבן די טרויעריקע און פאַר־חלומטע אינדיאַנער, איז זייער שיינע שפּראַך, געזאַנג, מוזיק און טאַנץ. זייערע פילקאָלירטע מלבושים, זייער ליבשאַפט צו בלומען און צו פרייהייט.

די קיטשעס, מאַיאַס, טאָטעקאָס, טאָטאָנעקאָס, קאַטשינעלאָס און טשיקימו־לאָס זענען זייער אַרבעטזאַם. די מערהייט פון זיי זענען אַגריקולטאָרן און בעלי־מלאכות. יעדער פון זיי איז אַ קינסטלער אין זיין פאַך, וואָס ווערט אגב זייער שלעכט באַצאָלט. די אויסלענדישע שפּעקולאַנטן־שווינדלער עקספּלואַטירן שרעק־לעך די זייער גוטע און אַרבעטזאַמע מענטשן.



אינדיאַנער „שאַלעען" פונעם דאָרף טשובולקאָ

זייער ערלעכקייט האָט נישט קיין גלייכן. ווען ווייסע ציוויליזירטע און אינ־דיאַנער פון אַנדערע שבטים קענען זיין גייציק אויף יעדע זאַך, פונקט ווי די טאָרדאָס און מירלאָס (זינגפייגל וואָס האָבן ליב צו גנבענען), זענען די אינדיאַ־נער פון וועראַפּאַזער דעפּאַרטאַמענט און פון די שכנותדיקע דעפּאַרטאַמענטן זייער ערלעך, אפשר שוין צו ערלעך. איך זאָג צו ערלעך, מחמת איך בין אי־

בערצייגט, אַז דער גאָר ערלעכער מענטש ווערט נישט אָפּגעשאַצט... מעגסט דעם ווערדפאַזער אינדיאַנער געבן גאָלד און פּלאַטין, בריליאַנטן און שמאַראַגדן, וועט ער עס צושטעלן אַזוי ווי ער האָט עס גענומען.

— איך וויל מיין ברויט פאַרדינען ערלעך, מיטן שווייס פון מיין שטערן וויל איך אויסקעמפן מיין חיונה, אָבער נישט גנבענען, — האָט מיר געזאָגט אַ 25־יעריקער אינדיאַנער, וואָס האָט געטראָגן צוויי און פופציק קילאָגראַם זילבער פלאַטן קיין גואַטעמאַלאַ־סיטי. — גנבה, גזלה און זנות איז, לויט די הייליקע פאָרשריפטן פון מיינע אָבות, באַשטראָפט געוואָרן מיט טויט, און נאָכן טויט האָט גאָט איבערגעגעבן זיין קערפּער פאַר די שלאַנגען, און די נשמה פאַר די העס־לעכע סאָוועס...

— פייף־א קלאָק־טי! ד״ה איך בין פאַרנאַכט־צו פאַרבעטן געוואָרן עפּעס איבערצוכאַפּן און אויסטרינקען ביי דער זייער נאָבעלער און זייער באַחנטער אינדיאַנקעלע, וועלכע איך האָב אָפּגעראַטעוועט פון דעם משוגענעם הונט. איר טאַטע מיט אירע צוויי ברידער זיינען שוין צוריקגעקומען פון פעלד.

די מאַמע מיט דער טאָכטער און די ווייבער פון דאָרף האָבן דעם אינדיאַ־נער דערציילט וועגן מיין „העלדישקייט". האָט ער אַ טיף־גערירטער מיך אומ־געאַרמט און מיט אַ כּליפּעדיקן קול צו מיר געזאָגט:

— אין נאָמען פון מיין איינציקער טאָכטער דאַנק איך אייך, גרויסער און זייער רייכער הער (?), וואָס איר האָט אַוועקגעלייגט אייער ווייסן כבוד אין אַ זייט, און איר האָט זי, מיין טאָכטער, אַ פּשוטע און מינדערוויכטיקע אינדיאַנער־מיידל, אָפּגעראַטעוועט פון אַ משוגענעם הונט, פון וואָס זי וואָלט נאָכדעם גע־שטאָרבן מיט אַ שרעקלעכן טויט. יאָ, שרעקלעך איז דער טויט, וואָס קומט פון אַ משוגענעם הונט! זאָלן די געטער פון מיינע אָבות, טאָהיל, אַווילִיקס און האַקאָוויטש, דיך באַשיצן און באַשירעמען פון יעדן בייז, און זאָל דער גאָט יעזוס מיט זיין הייליקער מאַמען, די בתולה, מיט זייער הייליקן גענעראַל־שטאַב אַכטונג געבן אויף דיין געזונט און אויף דיין לעבן. זאָלן די הייליקע גייסטער פון אונדזערע אבות, די גרויסע געטער, באַלאַן־קיטזע, מאַטשיקיטהאַ און יאַג־באַלאַן דיר שענקען אַ סך, אַ סך יאָרן, אַ סך געזונט, און זאָלסט קיינמאָל נישט געביסן ווערן פון אַ משוגענעם הונט, און פון קיין „טאַבאָבאַ" (אַזאַ שרעקלעך־גיפטיקע שלאַנג). זאָלסט פון די געטער קיינמאָל נישט געשטראָפט ווערן צו אַרבעטן ביי קיין דייטש, זאָלסט קיינמאָל נישט באַהערשט ווערן פון קיין שפּאַ־ניער, זאָלסט קיינמאָל זיך נישט פאַרליבן אין אַ שיין פּנים פון אַ גאָלד־בלאָנדער דייטשקע און זאָלסט קיינמאָל נישט אָנקומען צו יענעמס רחמנות...

— זאָלסט קיינמאָל קיינעם נישט אַרויסווייזן דיינע יסורים, דיין ווייטיק, דיין צער, און דיין הונגער, דורשט, און נויט, ווייל בלויז מיט אַ פריילעך פּנים, בלויז מיט שטאָלץ און מוט ווערסטו האָבן חברים און פריינט. ווערט מען וויסן, אַז דו ביסט אין אַ נויט, אַז דו ביסט הונגעריק און אויף צרות בכלל, וועלן די נעכטיקע פריינט דיינע זיך אָפּקערן פון דיר און וועלן דיר נישט די האַנט אויסשטרעקן, ווייל אַלץ איז פאַלש, אַלץ איז פאַרדאָרבן. יעדער טראַכט נאָר וועגן זיך, בלויז וועגן דער אייגענער קישקע, וועגן אייגענעם מאָגן... דערפאַר איז פאַר מיר, גרויסער האַר, אַ ווונדער, אַז אַ „קריסט", אַ ווייסער קריסט, און אפשר נאָך אַ קאַטאָליק, זאָל אַזוי בראַוו און מענטשלעך איינשטעלן דאָס אייגענע לעבן, אַבי אָפּצוראַטעווען אַן אינדיאַנערין...

— יאָ. מיר האָבן נאָך קיינמאָל נישט געהאַט אַזאַ מין שרעקלעכע פּלאָג ווי איצט. ביי יעדן דייטש זענען פאַראַן גאַנצע שאָקן מיט הינט, וואָס אַ סך פון זיי ווערן משוגע אין די הייסע חדשים.

— שוין געווען זייער אַ סך אומגליק־פאַלן צוליב משוגענע הינט! — האָט אונטערגעכאַפּט דעם מיידלס מאַמע.

— איצט, מיקסטעקסלאַסטל טזינטלאַנקאַסטל, גיב עפּעס צו קייען! — האָט דער טאַטע זיך געווענדט צו דער טאָכטער. — גיב עפּעס צו עסן מיר און דעם ווייסן הער און דיינע צוויי ברידער, ווייל מיר זענען זייער הונגעריק. נאָך גאָר נישט געגעסן, זינט מיר זענען אַרויס פון שטוב, ווען די חזירים האָבן זיך צעכאַרכלט... דערלאַנג פריער אַביסל משקה, פון דעם שטאַרקערן, וואָס די אַלטע מכשפה מאַכט, און אַ קרוג סאַן גערמאַנימאַ־ווייך, וואָס די מאַמע מאַכט פון די ווילדע טרויבן און ברענג שטיקלעך ציגן־קעז, די גוטע „עמפּאַנאַדאָס" (געפילטע קרעפּלעך געקאָכט אין פעטס אָדער בוימל) און שטיקלעך „טשאַרקי" (געטריקנט פלייש) פונעם „כאַבאַלי" (ווילדער חזיר) און שטיקלעך ווורשט פון דעם הירש, וואָס דיינע ברידער האָבן יענע וואָך געשאָסן.

בעת דאָס מיידל איז געגאַנגען ברענגען די מאכלים, איז דערווייל קוקו־מאַטזל (אַזוי האָט געהייסן דער טאַטע) מיט זיינע צוויי יינגלעך זיך געגאַנגען אַרומוואַשן. דער אינדיאַנער איז נישט געווען צו דיק, די האָר אויפן קאָפּ — שוואַרץ ווי פעך, אַרומגעשוירן ווי אַ ציוויליזירטער. ס'פּנים — ווי אַלטע בראָנז, ס'מויל אַ ביסל צו גרויס, אַ ברייטלעכע נאָז און שיטערע וואָנצעס, וואָס וואַקסן אויף אַראָפּ. אַ סברה, אַז ער איז שוין אַ מישלינג פון אינדיאַנער מיט כינעזער — די בראָנזענע הענט און פיס שוין צו קליין. אויך זיינע צוויי זין, פונקט ווי אַלע טאַטאַנעקן, קיטשעס מאַיאַס און קאַטשיקעלעס, האָבן פאַרמאָגט פיצלעך פיס און קליינע הענט מיט דריבנע פינגער. אפשר אָפּשטאַמונגען פון עפּעס אַן אַמאָ־ליקן יאַפּאַנישן שבט.

נאָך קלענערע הענט האָט זיין איינציקע, זייער געראָטענע טאָכטער און אויך איר מאַמע מיט דעם נאָמען פּזינטעפּעטל, ממש קינדערשע הענטלעך; דאָס מיידל האָט אַ שיין צאַרט מאַטע־קעפּל מיט שוואַרצע גלאַנציקע האָר, וואָס דערגרייכן איר ביז די היפּטן. אַ געפּלאָכטן רייפּל פון פּאַלמען־בלעטער אַרום קאָפּ, וואָס איז אָנגעזעצט געוועזן מיט בלוט־רויטע רויזן־קנאָספּן, שניי־ווייסע לאַרבער־בלימלעך און אַרומגענומען מיט אַ רייפּל מאַנגאָליען־בלומען.

אין דער בלאָטענער כאָטע — אַ גרויס עס־צימער, און אין מיטן צימער — אַ ווייסער טיש פון ווערבע־האָלץ, אַ ביבליאָטעק פון אייגענער אַרבעט מיט עטלעכע הונדערט ביכער, אַ סך טעקסט־ביכער, הויפּטזעכלעך אָבער ראָמאַנען, און פּאָעזיע פון די באַרימטסטע קלאַסיקער און אויך פון מאָדערנע שרייבער און פּאָעטן, פילאָזאָפן און דענקער, כמעט אַלץ אין דער שפּאַנישער שפּראַך. אָבער אויך עטלעכע טעקסט־ביכער אין ענגליש, פראַנצויזיש און דייטש. צען שטרויענע בענקלעך און אַ גרויסע שאַפע פאַר קליידער און וועש אין דער וואַנט און אַ זייער געדיכט־געפלאָכטענע טיר פון פּאַלמען־בלעטער. אויף די ווענט — בילדער פון זאָלאַ, טאָלסטאָי, קאַנט, בערנאַרד שאָו, גאַנדי און איינשטיין, אויסגעשניטענע פון צייטונגען און זשורנאַלן. דאָס שלאָפצימער, אויך אַזוי גרויס ווי דאָס עס־צימער, 6 אויף 5 מעטער, ווו עס שטייען צוויי גרעסערע און איין קלענערע „קאַטרעס" (אַזוינע שער־בעטן, געמאַכט פון דרענגלעך, יעדע צוויי דרענגלעך מיט אַ היל־צערנעם טשוואָק אינמיטן, כדי זיך צו באַוועגן, באַהאַפטן מיט אַ ראַגאָזשע, וואָס לייגט זיך צוזאַמען). די בעטן זייער ציכטיק פאַרבעט מיט אַן אַלבאַסטער־ווייסן ליילעך, וואָזאַנען פון אייגענער אַרבעט מיט בוקעטן לעבעדיקע בלומען. לעבן דער קלענערער קאַטרע, דער מיידלס — אַ נאַכט־טישל, אַ קעראָסען־לעמפּל און אַ גראָב בוך אויפן טישל. איך בין נייגעריק צו זען וואָסער בוך דאָס איז — טאָלסטאָיס „קריג און פרידן". איך בין ווי געפּלעפט, איך ווייס נישט אויף וואָסער וועלט איך בין. גאַרנישט אַזוי ווי איך בין געוווינט צו זען אין די שטי־בער פון אַנדערע אינדיאַנער. לאָמיר זיין פאַרזיכטיק מיט יעדן וואָרט, — איך בין אין אַ קולטורעלער שטוב...

מיקסטעקסלאַסטל און אַ גראָבער דייטש

נאָך דעם „פּיף־אָ־קלאָק־טי״ זיצנדיק מיט מיקסטעקסלאַסטל טזינטלאָנקאַסטל אויף דער וועראַנדע פון קלעטער־רויזן מיט קווייטן פון אַלערליי קאָלירן, דורכ־געמישטע מיט נעגעלעך און קלעטער־יאַשמינען מיט גאַנצע בוקעטן פון בלויען בעז, האָב איך מיך צוגעקוקט צו אירע קינדערשע הענטלעך מיט די דיקלעכע און אַ ביסל צו קורצע פינגער, אירע פיצלעך באָרוועסע פיסלעך, בלויז מיט אַ שטיקל זויל פון קאָרע אויף די פּאָדעשוועס, האָבן געהרגעט די זייער בייזע רויטע, ריזיקע מוראַשקעס. איך בין געזעסן פונקט אַנטקעגן איר, האָב איך געזען איר לייב, מער ווי מ׳דאַרף, — אַ ברוינלעך צאַרט לייב ווי זייד, אָבער נאַאיוו און אומשולדיק — דאַכט מיר — ווי אַ קינד. זי האָט מיר דעקלאַמירט אַ פּאָר לידער פון גוסטאַוו אַדאָלף בעקער: „ווען צוריק קומען די טונקעלע שוואַלבן?״, „גרויסע כוואַליעס״ פון סאַנטאָס טשאָקאַנאָ, רובען דאַריאָ, אַמאַדאָ נערוואָ און אירע אייגענע, איבערגעזעצטע פּאָעמען פון דער אַמאָליקער און מאָדערנער קיטשע־פּאָעזיע.

איך האָב מיט שטוינען געקוקט אויף דעם חנעוודיקן מיידל מיט אַ געמיש פון גרויס קולטור, ציוויליזאַציע און אינדיאַנישער פּשטות, אויפריכטיקייט, און דערצו אומפּאָרזיכטיקייט פון אַן אומשולדיק קינד...

— ווער איז זי? וואָס איז זי? — האָב איך מיך געפרעגט הונדערטער מאָל. — אַ רעטעניש! אַ טשיקומולאַ מיידל פון דער קיטשע־ראַסע פון אַ יאָר צוואנציק, העכסטנס, איין און צוואנציק יאָר, אַזאַ צאַרטע, אַזאַ מתיקותדיקע מיט צוויי ממזרישע חן־גריבעלעך אין די עטוואָס איינגעפּאַלענע בעקלעך, מיט אַ קאָליר פון מאַרפּיל, רויטע, נישט געפּאַרבטע און אַ ביסעלע דיקלעכע וואָלופּ־טיעזע ליפּעלעך, שניי־ווייסע, גלייכע, ברייטע ציין, ברייטע, און אַ ביסעלע צו שיטערע ברעמען, אַ קורץ דין נעזל מיט ברייטע נאָזלעכער, אַ שמאָלער אָבער הויכער כינעזישער שטערן, מיט אַ פּאָר פּייכטע, סאַמעטענע שוואַרצע אויגן, גרויסע ווי פון אַ שרעקעוודיקער וואַלד־קאָזעלע און צוויי גראָבע לאַנגע צעפּ שוואַרצע ווי אַסאַבאַטשע, וואָס זענען איר אַריבערגעוואָרפן איבער אירע פולע בריסטן, וואָס ווילן, דאַכט זיך מיר, אַרויסשפּרינגען פון דעם ווייסן בלוזקעלע אַרויס, און זיי ווערן פּאַרהאַלטן דורך אירע צעפּ.

— אַ טיפּישע ציגיינערין אָדער עגיפּטערין זעט זי מיר אויס אין מיינע פּאַרשנדיקע אויגן, אָבער אָנגעטון איז זי ווי אַ ציוויליזירטע, און איז אַזוי פיין, האָט אַ שפּראַך, וואָס ווייעט מיט דער העכסטער אָנשטענדיקייט און מיט אַ סך ויסן, גאָר אַ סך, און מיט אויסערגעוויינלעכער קולטור.

— געוואַלד, ווער איז זי? — האָב איך מיך געפרעגט צום הונדערטסטן מאָל.

— אַן אינדיאַנערין איז זי! — האָט מיר אַ בת־קול אָפּגעענטפערט — אָבער אַזאַ ציכטיקע, אַזאַ איידעלע, אַזוי יונג און קען אויסגעצייכנט פראַנצויזיש, ענגליש, דייטש און שפּאַניש, וואָס איז אַ זעלטנקייט אפילו ביי ציוויליזירטע סטו־דענטן אין אירע יאָרן. און ווו האָט זי אין דעם העק דאָ געלערנט, אַז קיין שולן זענען דאָ נישט פאַראַן?... — אין אַ גרעסערער שטאָט? ווי אַזוי? אירע טאַטע־מאַמע זענען דאָך אָרעמע אינדיאַנער. איך האָב צו איר גערעדט, און אַלץ גע־טראַכט וועגן דעם רעטעניש, ביז עס האָט זיך מיר געמאַכט אַן אומגעריכטע געלעגנהייט געוויר צו ווערן נאָך מער ווי איך האָב געוואָלט, נישט באַדאַרפנ־דיק זי פרעגן.

אַ משונהדיק גראָבער דייטש, ווי אַ געקראָפּטער חזיר, איז געקומען צו פאָרן אין אַ טילבורי (אַ וועגעלע אויף צוויי הויכע רעדער, געשפּאַנט אין איין פערד). מיט אַ דייטשן „פררררו" האָט ער זיך אָפּגעשטעלט פאַר דער טיר פון דער וועראַנדע, ווו איך בין געזעסן מיטן מיידל, און מיט אַ „קאָמען זי הער" האָט ער מיך אַוועקגערופן פון דער אינדיאַנערין, און מיך איינגעלאַדן, איך זאָל קו־מען אין גוט פון זיין באַלעבאָס „דעם האָך־געבוירענעם באַראָן פאָן דער שקאָפּע", ביי וועמען אין פּאַלאַץ איך זאָל געבן עטלעכע לעקציעס די „ווילגעבוירענע" פריילינס.

דער גראָבער דייטש מיט אַ בויך פון אַ ביר־פעסל האָט מיר דערציילט, נישט אַרויסלאָזנדיק די קרומע פּיפּקע פון מויל, אַז דאָס מיידל איז די דאָרפס־לערערין, זייער אַ באַגאַבטע, זייער אַ טאַלאַנטירטע, אָבער אַ „צו קלוגע", דאַכט זיך, אָנגעשטעקט מיט באָלשעוויזם, און זי גלויבט נישט אין גאָט און אין זיינע הייליקע שריפטן... זי האָט געענדיקט די העכערע נאָרמאַל־שול מיט אויסציי־כענונגען. זי איז אגב געהאָלפן געוואָרן מיט געלט פון דער יודען־קאָלאָניע, און איז בעקירט געוואָרן פון דער צענטראַלער גואַטעמאַלער רעגירונג. דערצו נאָך האָט זי זיך פּערפעקציאָנירט אַלס פּראָפעסאָרין פון געשיכטע און ליטעראַטור אין מעקסיקאָ־סיטי. אַלץ מיטן געלט פון ווילטעטיקע יודען און פונעם שטאַט, מחמת די פאַרפלוכטע אינדיאַנער זענען נישט מסוגל צו פאַרדינען און פאַר־שטייען נישט ווי אַזוי אָפּצושפּאָרן אַ סענט...

— צו די אַלע מעלות אירע, צו איר גרויסער בילדונג, צו איר גרויסן

פאַרשטאַנד און קלוגשאַפט, איז זי דאָך אַזאַ גרויסער אידיאָט, פונקט ווי אַלבערט איינשטיין און דער משוגענער גאַנדי: זי פאַרשטייט לגמרי נישט דעם ווערט פון געלט...

— געלט, דאָס איז דאָך אַלעס!... מיט געלט קאָנען זי אַלעס מאַכען, און אָנע געלט זיינען זי גאָרניכטס, זיינען זי שייסע... זעען זי דאָך, די גרויסע יודישע מיליאָנערן פון ב׳ אַמעריקע „הענריך פאָרד, מאָרגאַן, ראָקפעלער״, זיי זיינען דאָך מעכטיק. דער מולטימיליאָנער קרופּ פון דייטשלאַנד, ער איזט דאָך אַאוך אַ יודע, גאַנץ דויטשלאַנד איזט דאָך זיין, טיסען און סטינעס, זיי זיינען אַאוך יודען!... קאָטי און ראָטשילד פון פראַנקרייך זיינען אַאוך יודען. די ראָטשילדס, די גאַנצע וועלט ווייסט דאָך, אַז זיי זיינען די רייכסטע פון דער וועלט, אַלע באַנק־הייזער, אַלע באַנען, שיפן, טעלעגראַף און טראַמווייען, דאַס איזט פון דעם יודע ראָטשילד. שקאָדאַ פון טשעכיען איזט דאָך אַאוך יודע, אונד אין דויטשלאַנד שפּריכט מען, דאַס דער פּאַפּסט איזט אַאוך יודע, אונד די קעניג־לעכע פאַמיליע פון ענגלאַנד זינד אַאוך יודען, אונד דער גאַנצער גראָס־קאַפּיטאַל פון ענגלאַנד זינד אַאוך יודען...

איך האָב אָנגעקוקט דעם גראָבן דייטש מיט דער סלינע אין די מויל־ווינקלען ווי אַ משוגענעם הונט. עס האָט מיר גאָרנישט געהאָלפן מיין אויפווייזן אים, אַז פון די אַלע אויסגערעכנטע איז בלויז די ראָטשילדס אַ יידישע באַנק־הויז, און אַז די ראָטשילדס קענען זיך נישט פאַרגלייכן צו קיין איין מיליאָנער פון די אויסגערעכנטע, וועלכע זענען הונדערטפאַכיק רייכער פון ראָטשילדס הויז.

— יאָ, די דייטשישע גוטבאַזיצערס און סוחרים פון דער געגנט וואָלטן דאָס געלערנטע אינדיאַנער־מיידל אָפּגעשיט מיט גאָלדענע רענדלעך, ווען זי זאָל וועלן ביי זיי ווערן אַ לערערין. זי וואָלט אויך אפשר געקראָגן אַן אַרישן מאַן, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זי שטאַמט פון אַ „פאַרדאָרבענער״, „נידעריקערער״ ראַסע, און זי, דער דומער קאָפּ, וויל נישט... זי לערנט אפילו יאָ, אָבער כמעט אומזיסט, ווייל די הונדערט אינדיאַנער קינדער, וואָס זי לערנט, האָבן צומאָל נישט צו געבן קיין צענט חלק פון דעם, וואָס די דייטשישע קאָלאָניע וואָלט איר געצאָלט...

— זי האַסט, — זאָגט זי — די דייטשן צוליב דער מלחמה פון 1914—18, און איך ווייס נישט פאַרוואָס, — האָט ער אַ קראָקאָדילן־זיפץ געטון — די דייטשן זענען איבערגעפאַלן געוואָרן פון די פראַנצויזן, בעלגיער, ענגלענדער, און רוסן... מיט איין וואָרט: איבערגעפאַלן געוואָרן פון אַלע פעלקער פון דער וועלט, און צום סוף האַסט זי גאָר די דייטשן, ווייל מיר האָבן זיך נישט געלאָזט, אַז די בעלגיער זאָלן פאַרנעמען דייטשלאַנד. נו, און מער ווי צעשטערן ליעזשער פעסטונג האָבן דאָך די דייטשן גאָרנישט געטון.

און בעת אויסקלאַפּן די פּיפּקע און אָנשטאָפּן זי ווידער מיט פרישן טאַבאַק האָט ער מיר קאָנפידענציעל געזאָגט:

— איר זענט דאָך אַ ריינער דייטש, דאַרפט איר זיך קיינמאָל נישט קעגנ־שטעלן אַ געשפרעך פון אַן אַנדער דייטש, וואָס אַנבאַלאַנגט יידן. מיר אַלע ווייסן, אַז פון די אויסגערעכנטע מולטימיליאָנערן, איז בלויז ראָטשילד אַ ייד. עס איז אָבער נויטיק צו שרייען, אַז דאָס גאַנצע גאָלד פון דער וועלט ליגט אין יידישע הענט. וועט זיך אין קורצן ווידער מאַכן אַ וועלט־מלחמה, וועלן מיר אויסראַבירן די גאַנצע וועלט, און מירן זיך דערנאָך באַרעכטיקן מיט דעם, וואָס מיר וועלן אַלעמען איבערצייגן, אַז די געהרגעטע און צעראַבירטע מיליאָנערן זענען גע־ווען „יודען". און פאַר אַ ייד וועט זיך דאָך קיינער נישט אָננעמען... אַז מיר וועלן האָבן געלט, וועלן מיר באַהערשן די וועלט... מיליאָנען ענגלענדער, פראַנ־צויזן און פּאָליאַקן וועלן מיר אויסמאָרדן, און מיר וועלן שרייען, אַז די אַלע זענען געווען יידישע קאָמוניסטן און מולטי־מיליאָנערן...

— האָבן זי פאַרשטאַנען, גענאָסע? — האָט ער געזאָגט שטיל מיר אין אויער אַריין, און ער האָט ווייטער פאַרגעזעצט וועגן דעם מיסטעריעזן מיידל:

— דער דומער קאָפּ פון דער אידיאָטישער אינדיאַנערין זאָגט, אַז זי האָט שטודירט נישט אויף צו לערנען דייטשישע שאַקאַלן, נאָר אירע אונטערדריקטע, פאַרפאַלגטע און פאַרוואָרלאָזטע אינדיאַנער קינדערלעך... זי זאָגט, אַז די 50 דאָלאַר אַ מאָנאַט, וואָס זי פאַרדינט ביי די נאַקעטע אינדיאַנערלעך, 50 סענט אַ מאָנאַט פאַר אַ קינד, וואָס קלעקן איר קוים אויף דאָס נויטיקסטע, זענען ביי איר טייערער און ליבער ווי די עטלעכע הונדערט דאָלאַר אַ מאָנאַט מיט מתנות, וואָס זי וואָלט געקראָגן ביי די אָנגעפרעסענע און איבערגעזויפענע דייטשן... נו, שמעקט דאָס נישט מיט באָלשעוויזם? איך פאַרשטיי נאָר נישט, פאַרוואָס זי גייט נאָך אַרום אויף דער פריי, און ווערט נישט פאַרפוילט אין אַ פינצטערן קאַרצער?...

— כי, כי, כי! איז דאָס נישט קיין דומהייט פון אַ נאַרישער גאַנדז פון אַ ווילדער ראַסע? נישט אַזוי, קאַמעראַד? — האָט דער דייטש מיט דער פּיפּקע אין דער רויטער מאָרדע, קיילעכדיק ווי אַ דיניע, צו מיר געקוקט מיט זיינע פיצלעך גרויע לינדזן־אויגן, מיט דער לינקער האַנט זיך געגלעט דעם שטאָקיקן בויך און מיט דער רעכטער זיך געשפּילט, קלאַפּנדיק מיטן שפּיצרוט איבער זיינע רויטע, הויכע כאָליעוועס.

— איר ווייסט, גענאָסע: אפשר זענט איר פאַרליבט איר איר, בין איך נישט דאַקעגן. ס'איז אָבער וויכטיק, אַז איר זאָלט ויסן אַז אין שפּאַניש הייסט זי נישט מיקסטעקסקלאַסטל טזינטלאַנקאַסטל, נאָר פּעריקאַ דאָלאַרעס, מחמת זי איז גע־בוירן געוואָרן אינעם טאָג פון הייליקן פּעטרוס. אָבער קיינער פון די אינדיאַנער רופט זי נישט מיט דעם ציוויליזירטן און הייליקן נאָמען, וועלכן אַלע אינדיאַ־

נער האַסן אַזוי שטאַרק, ווייל עס דערמאָנט זיי אין דאָן פּעדראָ דע אַלוואַראַדאָ, וואָס האָט באַזיגט די באַרבאַרישע אורעלטערן פון די באַרבאַרישע אוראייניקלעך...

— און ווייסט איר, גענאָסע, אַז מיט זיין גאַנצער סטראַטעגיע איז אַלוואַראַדאָ, פּונקט ווי אַלע שפּאַנישע דעראָבערער, געווען אַ גרויסער דומקאָפּ. וואָלטן די דייטשן געווען די קאָנקיסטאַדאָרן, וואָלט שוין היינט צו טאָג קיין איין אינדיאַנער־באַרבאַר נישט געלעבט אויפן גאַנצן אַמעריקאַנער קאָנטינענט... זעט איר, די ענגלענדער זענען שוין אין דעם פּרט אַ סך קליגער פון די שפּאַניאָלן:

מיקסטעקסלאַסטל טזינטלאַנקאַסטל

אין ג׳ אַמעריקע, וווּ עס זענען אַמאָל געווען מיליאָנען אינדיאַנער, זענען איצט פאַראַן, שוין מיט קאַנאַדע אַריינגערעכנט, נישט מער ווי דרייסיק טויזנט לעבעדיקע אינדיאַנער. און ווייסט איר פאַרוואָס? ווייל די יענקיס געהערן צו דער

זאַקסישער ראַסע, אָדער בעסער געזאָגט, צו דער גערמאַנישער... אָבער די עכטע אַרישע ראַסע זענען בלויז די דייטשן, צו וועמען קיינער קען זיך נישט צוגלייכן... נו, אַדיע, קאַמעראַד, לאַנדסמאַן, און לאָמיר ביידע זאָגן:

— אַ טויט דעם ענגלישן בולדאָג, אַ טויט דעם פראַנצויזישן פאָקס־טעריער, אַ טויט דעם איטאַליענישן מאַקאַראָן, אַ טויט דעם רוסישן בער און פּוילישן פּשאַקרעוו. דאָס זענען אַלץ מישלינגען. לעבן זאָל דער דויטשער „בלוט־הונט" און דאַנען־הונט. דאָס זענען עכטע אַרישע הינט, אַזעלכע ריינע, ווי די דויטשע ראַסע...

— יאַ, יאַ, לעבן זאָל דער דויטשע וואָלף־הונט! דויטשלאַנד, דויטשלאַנד איבער אַלעס!...

***

ווען איך האָב זיך ווידער אַוועקגעזעצט אויף מיין פריערדיקן אָרט קעגנ־איבער מיקסטעקסלאַסטל טזינטלאַנקאַסטל, האָט זי נאָך אַ ווײַלע באַטראַכטן מיך שטילשווייגנדיק פּלוצלינג אַ פרעג געטון:

— זענט איר נישט אַמאָל אַ דייטש? וואָס איר האָט דאָ מיך אַזוי איבער־געלאָזט און זיך צערעדט מיטן עקלהאַפטן פּאַרשוין פון דער העכערער ראַסע? און ווי הייסט איר? לאָמיך כאָטש וויסן צו פאַרצייכענען אייער נאָמען אין מיין טאָג־בוך, אַז דער און דער מענטש פון דער ווייסער ראַסע האָט איינגעשטעלט זיין לעבן אויף צו ראַטעווען מיך, אַ פּשוטע אינדיאַנער־מיידל...

— ניין, איך בין נישט קיין דייטש, איך בין אַ ייד, אַ מענטש, און היט אָפּ די הייליקע געבאָטן פון גרויסן משהן: עזב תעזב עמו. און הייסן הייס איך מאַר־קוס, אין העברעאיש מרדכי, און מיין פאַמיליע־נאָמען איז פּאַרישעווסקי...

— אַזוי גאָר, איר זענט אַ ייד? זייער גוט. איך בין זייער צופרידן. איך וועל אפשר מיט אייך רעדן וועגן יידן, מחמת עס איז אַ טעמע, וואָס אינטערעסירט מיך זייער... בעת מיין שטודירן אין מעקסיקאָ־סיטי האָב איך מיך באַקאַנט מיט יידישע טעכטער און יידישע זין, ווי אויך מיט אייניקע פון זייערע עלטערן. אַ פיין פאָלק, כ'לעבן, אַ פיין פאָלק זענען די יידן. איך קען אַ ביסעלע די יידישע געשיכטע, די ביבל, וויל איך זאָגן, ווי אויך אייניקע ווערק, איבערגעזעצט אויף שפּאַניש און אויף ענגליש. אָבער דערווייל, מיסטער מאַרקוס, וויל איך אייך פרעגן עפּעס, און דערנאָך אויך דערציילן, — האָט דאָס עניגמאַטישע מיידל צו מיר גערעדט אַ פאַרטראַכטע:

— זאָגט מיר, פריינט מאַרקוס, איר האָט שוין ווען געזען דעם קעטזאַל? אַ פויגל, וועלכער איז היינט דער שטאָלצער עמבלעם פון דער גואַטעמאַלער נאַ־ציאָנאַלער פאָן? זאָגט מיר, צי האָט איר אין אייערע וואַנדערונגען ערגעץ־ווו געזען אַ שענער און פּראַכטפולער באַשעפעניש ווי עס איז דער פויגל קעטזאַל?

— איך ווייס, אַז די יידן האָבן ליב שיינקייט, בלומען, פרייהייט און גערעכ־טיקייט. און אויב איר, אַלס ייד, האָט די אַלע פיינע זאַכן ליב, וועל איך אייך דערציילן וועגן דעם פּראַכטפולן פויגל קעטזאַל, וועלכער איז אגב דער סימבאָל פון דער קיטשע־מאַיאַ ראַסע:

— בלויז אין די וועלדער און אויף די הויכע לאַנקעס, בלויז אויף דער ערד פון מיין געפייניקט פאָלק געפינט זיך דער קעטזאַל, וואָס איז אַזוי הערלעך, אַז קיין פענדזל, אפילו פון באַגאַבטסטן, קען נישט נאָכמאָלן זיינע פאַרבן. אַ שטאָלץ איז דער קעטזאַל פאַר מיין לאַנד, פאַר מיין פאָלק, פאַר מיינע געפּלאָגטע ברידער און שוועסטער. און יענער אויסלענדער, וועלכער האָט באַזוכט מיין לאַנד, און האָט דעם ווונדערלעכן פויגל נישט געזען, יענער קען נישט מיין לאַנד, וואָרום ער האָט נאָך קיין שיינס אין זיין לעבנס־וועג נישט געזען, און ער האָט צומאָל קיין אַנונג נישט, וואָס עס איז אַזעלכעס שיינקייט...

— אַ סך, גאָר אַ סך באַשרייבונגען פון לענדער און פעלקער, פון הימל, באַרג און וואַסער האָב איך געלייענט, אָבער איך פאַרגעס באַלד, וואָס איך האָב געלייענט.

— אַ סך פון די רייזע־באַשרייבער מאַכן מערסטנס די רייזעס ביי זיך אין צימער, און אָפטמאָל גאָר אין שלאָפצימער. ער פאָרט אַרויס, אויב ער פאָרט טאַקע, אויף אַ צוויי וואָכן, און שרייבט וועגן זיין רייזע יאָרן־לאַנג. אַ סך פון די שרייבער, וואָס זענען אפילו יאָ געפאָרן, פאַרצייכענען זיך בלויז די מאָדערנע פּאַלאַצן און די הויכע פירקאַנטיקע מאָדערנע הייזער מיט אַן אויסזען פון ריזי־קע קאַסטנס, די געפאַרבטע פרויען־ליאַלקעס מיט די הויכע קנאַפּלען, זאַלן מיט אַ סך ליכט פון עלעקטרישע לעמפּלעך. אָבער די נאַטור, די שיינע רויע נאַטור מיט די לעבעדיקע בעלי־חיים, מיט דער האַרעפּאַשנער אָרעמקייט, — זעען זיי קיינמאָל נישט. און אויב אַ וועלכער רייזע־באַשרייבער טראָגט דיר צו אַ בוך אָדער אַרטיקל פון זיינע וואַנדערונגען, האָט ער זיי פאַרפיקסירט אַ דאַנק זיינע קענטעניש, אַ דאַנק די געאָגראַפיעס, געשיכטעס און עכטע רייזע־באַשרייבונ־גען, וואָס ער האָט געלייענט. גיט ער אייך אַ פלאַגיאירטע זאַך, וואָס קומט נאָך דערצו ביי אים אַרויס פאַרטאַטשטע. אַזאַ בוך איז שווער צו לייענען, און אַז איר לייענט עס איבער, פאַרגעסט איר גלייך, וואָס איר האָט געלייענט, ווייל איר האָט גאָרנישט געזען, מחמת אויך דער שרייבער האָט גאָרנישט געזען...

— און טאַקע, ווי אַזוי זאָל די באַשרייבונג פון אַ וואַלד מיט זיינע סודות זיין איבערצייגנדיק פאַרן לייענער, ווען דער שרייבער האָט אין זיין לעבן קיינמאָל נישט אַריינגעשטעלט זיין פוס אין אַ וואַלד?

— די גוואַטעמאַלער וועלדער מיט די הויכע טאַפּאַליעס, מאַרוועס, דעמבעס, שווירקעס און ציפּרעסן און ביזן הימל הויכע לינדנביימער און צעדער־ביימער,

וואָלטן זייערע גרינגע שעוועליורעס, באַצירטע מיט קווייטן, אייגענע און פון די קלעטער־ביימער, צו דער ערד אַראָפּגעלאָזט, ווען דער רייצנדער קעטזאַל זאָל נישט פליען פון בוים צו בוים, און ווען ער וואָלט נישט יעדן פון די שטומע ריזן באַערט מיט זיינע טעגלעכע באַזוכן...

די ביימער פון וואַלד וואָלטן, דאַכט מיר, פאַרוועלקט געוואָרן, ווי עס ווערט פאַרוועלקט אַ פאַרליבט מיידל, ווען איר חתן קומט נישט מער...

— די גאַנצע באַרג־פעריפעריע וואָלט איר חן פאַרלוירן, ווען דער קעטזאַל זאָל זיי מער נישט באַערן מיט זיין נעסט...

— קינד און קייט, פון נאָך ווילדן „מאַמע" (אַ צוריקגעשטאַנענער אינדיאַנער שבט) ביזן גאָר ציוויליזירטן טאָלטעקאַ־אינדיאַנער, און אפילו דער ווייסער אַריסטאָקראַט, אויב ער איז נאָר אַ געבוירענער אין מיין שיינעם וועראַפּאַז, און האָט אַ חוש פאַר שיינקייט, פאַרהייליקט ממש דעם זונדערבאַרן פויגל. דאָס פאַרערן און באַוווּנדערן דעם קעטזאַל האָט שוין דערגרייכט ביז דער לעגיסלאַטור און רעגירונג פון מאָדערנעם גוואַטעמאַלאַ, וועלכע האָט אָנגענומען דעם קעטזאַל אַלס עמבלעם פון דער נאַציאָנאַלער פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט. היינט צו טאָג באַצירט דער קעטזאַל די נאַציאָנאַלע גוואַטעמאַלער פאָן. דער קעטזאַל איז דער אויטענטישער סימבאָל פון אומאָפּהענגיקייט, זעלבסטשטענדיקייט, גלייכהייט און ליבשאַפט צו אומבאַגרענעצטער פרייהייט.

— יאָ, אין יענע פאַרשווונדענע גלאָר־צייטן פון די קיטשעס און מאַיאַס, פלעגן די פאָלקס־פאַרשטייער, אין פרידן ווי אין מלחמה, טראָגן מלבושים מיטן קעטזאַלס קאָלירן, און פאָראויס פלעגט געטראָגן ווערן אַ פאָן מיט אַ פיגור פונעם קעטזאַל.

ער זינגט שוין נישט מער, דער פאַרחלומטער פויגל. ער שטעלט זיך אָפּ אויף דער העכסטער צווייג פונעם העכסטן בוים, אָדער אויפן שפּיץ פון אַ בוים, וואָס שטייגט אַריבער אַלע זיינע ברידער פונעם וואַלד־קעניגרייך. איינזאַם שטייט ער און ער טראַכט, דאַכט זיך, — יאָ, ער טראַכט, דער קעטזאַל, הגם ער איז נישט קיין מענטש, אַ פויגל נאָר, אַ נישט־שכלדיק, אַ נישט ראַציאָנעל באַשעפעניש... און ווער קען דען אויף זיכער זאָגן, אַז דער קעטזאַל טראַכט נישט? וועלכער מענטש פאַרשטייט עס דעם קעטזאַלס, אָדער אַן אַנדער בעל־חיימס שפּראַך? יעדע לעבעדיקע באַשעפעניש האָט זיך זיין שפּראַך, ווען נישט וואָלטן זיי דאָך נישט געקראַקעט, געזונגען, געבעטשעט, געברומט אָדער געריטשעט. האָט איר זיך אַמאָל צוגעקוקט, ווי אַ טויב, אַן ער, דערקלערט זיך אין ליבע צו אַ זי? האָט איר געהערט ווי אַ האָן רופט זיין אויסדערוויילטע, און ווי די אויסדערוויילטע הון ווייסט, אַז דער האָן רופט טאַקע נאָר זי?... האָט איר געהערט,

ווי אַ הון רופט אירע הינדעלעך, ווען זי געפינט עפּעס אַ קערנדל אָדער אַ וועו־רימל, און די פּיצלעך הינדעלעך פאַרשטייען און קומען צו לויפן?... האָט איר געזען, ווי אַזוי די בושלען, גענדז, ווילדע קאַטשקעס און שוואַלבן פליען אין אָרדענונג אַרויס אין די וואַרעמע לענדער? דער ראש זייערער, דער משגיח, הויבט זיך אויף הויך, העכער איבער די וואָלקנס. ער קומט נאָכדעם אַראָפּ, גיט אַ קראַקע צו זיינע מיטבירגער, אַ קראַקע און נאָך אַ קראַקע. ער שטעלט זיי אַלע אויס אין רייען, די פּראַקטישע פאַראויס, די יונגינקע אינדערמיט, און די ווייבער צולעצט. ער, דער ראש, שטעלט זיך פאַראויס. ער גייט דורך אַלע רייען און צו יעדן זאָגט ער עפּעס, און נאָכדעם גיט ער אַ הויכן געשריי און הויבט זיך אויף אין רוים, און נאָך אים אַלע פייגל פון זיין מין...

נאַר וואָס דען? דער איגנאָראַנט, דער שטיק נאַר איז דער מענטש. די נאַרישסטע בהמה פאַרשטייט דעם מענטשן, וואָס רעדט צו איר. אָבער דער מענטש פאַרשטייט קיינמאָל נישט, וואָס די חיה רעדט צו אים... און מיר מיינען, אַז פויגל, בהמה און חיה רעדן נישט, און טראַכטן נישט...

און דער מענטש, אָט די צווייפיסיקע באַשעפעניש, וואָס געהערט שוין, הייסט עס, צו די שכלדיקע באַשעפענישן, צו די ראַציאָנעלסטע בעלי־חיים, טראַכט דען יאָ? ווען דער מענטש זאָל טאַקע טראַכטן מיט שכל פריער איידער ער גייט עפּעס טון, וואָלט ער דאָך נישט אָפּגעטון קיין נישט־שכלדיקע זאַכן... און וואָסער פּאַראַדאָקס! איך האָב געזען ביי הינט, פערד און אַנדערע באַשעפענישן אַ סך מער ראַציאָנעלקייט ווי ביי דעם מענטשן, כאָטש דער מענטש איז יאָ ראַציאָנעל...

דו, מענטש, דערפינדסט עפּעס, זאָגן די כלומרשטע וויסערס, אַז עס טויג נישט, אַז ס׳איז נישט מעגלעך, אַז עס איז נישט דורכפירבאַר. גיט דיין דערפינדונג, פאָרשלאַג אָדער איניציאַטיוו אַ גוטן רעזולטאַט, זאָגן די נעכטיקע אַלצוויסערס, אַז דאָס איז שוין פון לאַנג באַקאַנט. ווערסטו, חלילה, באַרימט און געלויבט, דאַן קומען נעכטיקע אָפּשפּעטערס, די נעכטיקע סקעפּטיקער און נייך־זאָגערס, די אַלצוויסערס, וואָס וויסן גאָרנישט מער ווי אָנצוזאַמלען גאַלדענע רענדלעך, מיט פּלאַגיאַטן, זיי פאַרדרייען דיין ווערק, דיין אויפטו, און פאַראייגענען דיינע געדאַנקען, דיין שאַפן, וואָס האָט דיך געקאָסט אַ לעבן... זייער ווינציק מענטשן טראַכטן אַן אמתדיק מענטשלעך טראַכטן, איך מיין אַ חברלעך־פילאָזאָפיש נאָכדענקען וועגן דעם היינט און מאָרגן...

— יאָ, יאָ, טייערער פריינט! ער טראַכט דער קעטזאַל, נאַר מיר, נאַרישע מענטשן, פאַרשטייען אים נישט, און ווי אַזוי זאָלן מיר פאַרשטיין דעם קעטזאַל, אַז איין מענטש דעם צווייטן פאַרשטייט נישט... יאָ, ער טראַכט, דער קעטזאַל, וועגן זיין רייכער פאַרגאַנגענהייט. ער איז זייער טרויעריק און דערפאַר זינגט

ער נישט מער. און ווי עס דערציילט אונדזער הייליק בוך, די ביבל פון מיין פאָלק, „פּאָפּאָל־ווּה״, פלעגט דער קעטזאַל אַמאָל זייער שיין זינגען... נישט דער כילגעראָ, נישט דער טעסאָ הו (שוואַרצע אויגן אויף גואַראַניש), נישט דער קאַרדענאַל, קאַלאַנדריאַ, קאַנאַריקל, נישט דער קאַליברי און אפילו נישט דער וועלט־באַרימטער נאַכטיגאַל קענען זיך פאַרגלייכן צום מלאכים־געזאַנג פון קעטזאַל, בעת זיין פאָלק איז געווען קיטשע־מאַיאַ פאָלק און נישט קיין געפלאָגטע אינדיאַנער — טריבו... אַ גאַנצער אָרקעסטער פון הימלישע גייסטער, פון קינדערשע נשמות, פלעגן מיטזינגען מיטן הערלעכן קעטזאַל און אַלע פייגל פון וואַלד און באַרג פלעגן מיטזינגען, אָנפילנדיק די וועלט מיט אַ זעלטענער פייגל־מוזיק...

— אַזוי דערציילט אונדזער „גענעסיס״, די ביבל פון מיין פאָלק, דאָס הייליקע בוך „פּאָפּאָל־ווּה״. ניין, איצט זינגט ער שוין נישט מער, דער קעטזאַל!...

— און פאַר וועמען זאָל ער זינגען, דער קעטזאַל?...

— ער טרויערט אוודאי אויפן פאַרלוירענעם קיטשע־מאַיאַ שטאָלץ, אויף אונדזער פאַרלוירענער פרייהייט און אָפּהענגיקייט. ער טרויערט אויף אונדזער פאַרלוירענער קולטור און ציוויליזאַציע... אויף די מיליאָנען קינדערלעך פון די קיטשעס, מאַיאַס, טאָלטעקאָס, זוטוהואַאילאַס און אַנדערע אינדיאַנער־שבטים, פול מיט ציוויליזאַציע און קולטור, וואָס די קאָנקיסטאַדאָרן האָבן פאַרשניטן. אין יענער צייט, ווען זיי פלעגן מיטזינגען מיטן אומפאַרגלייכלעכן פויגל.

— ניין, ער זינגט שוין נישט מער, דער קעטזאַל! און וועט שוין מער נישט זינגען, זאָגט דאָס בוך פּאָפּאָל־ווּה. און פאַר וועמען זאָל ער זינגען און אויסגיסן זיין צער און צאָרן?...

— און וועט דען ווער פאַרשטיין די הייליקע מעלאָדיע פונעם קעטזאַלס געזאַנג? אַ מתיקותדיק טרעלן, וואָס פלעגט אַמאָל אַזוי דערהויבן?...

— ער זינגט נישט, מחמת די מענטשן פון דער ווייסער ראַסע, וואָס האָבן פאַגראָמירט אכזריותדיק מיין פאָלק, פאַרשטייען נישט זיין געזאַנג. און דאָס איז דער מאָטיוו, פאַרוואָס ער איז אַזוי טרויעריק, אַזוי מעלאַנכאָליש און אַזוי פאַרטראַכט...

און אפילו דאָס נאַרישע קאַנאַריקל וואָס אין דער באַגילדעטער שטייג, וועלכעס זינגט כסדר און אַמוזירט זיינע הענקער, פאַרשטייט דען דער מענטש, וואָס האַלט אים געפאַנגען, צי עס זינגט פאַר ווייטיק און צער, צי פאַר פריילעכקייט און ווילטאָג...

דער מענטש איז דאָך אַזוי נאַריש, אַז ער פאַרשטייט נישט צומאָל זיין מיטמענטש, זיין לייבלעכן ברודער און שוועסטער, דער טאַטע — זיין זון, די טאָכטער פאַרשטייט נישט איר מאַמען, און די מאַמע פאַרשטייט נישט איר אייגענע

טאַכטער, איר בלוט און פליש. טאָ ווי אַזוי זאָל דער נאַרישער מענטש, וואָס טוט בלויז שלעכטס, פאַרשטיין אַזאַ וווּנדערלעך פויגל־געזאַנג?...

— דערצו נאָך איז דער קעטזאַל אַזוי ווירדיק, אַז ער פאָלגט נישט קיינעם!... און דער מענטש?

אָט גייט אַ רעגימענט, אַ באַטאַליאָן, אַ גאַנצע דיוויזיע סאָלדאַטן צו אַ שלאַכט, אַ ברודער־מאָרד. זיי ווייסן, אַז זיי גייען צום טויט, און גייען מיט דער כוונה אַנדערע צו הרגענען, אָדער נאָך עפּעס ערגערס ווי דער טויט. זיי גייען מאַכן מיליאָנען קאַליקעס און אַליין אויך ווערן קאַליקעס... גייען זיי, די נאָך גאַר יונגע ייִנגלעך, חתנים, טאַטעס און זיידעס צום טויט, איבער די רייכע הויפּטשטעט. מיט ריטשעדיקן געזאַנג און הילכיקע אָרקעסטערס מוזיק מאַר־שירן זיי איבער די באַפלאַגטע און אויסגעפּוצטע גאַסן, אַקאָמפּאַנירט מיט אַ פאַרטויבנדיקער באַראַבאַנערײַ. די דאַמען, אויסגעפּוצטע, באַהאַנגענע מיט גאָלד, פּלאַטין און בריליאַנטן שטייען אויף די באַלקאָנען און באַוווּנדערן די צום טויט מאַרשירנדיקע סאָלדאַטן:

— אַך, די יאַטן, ווי פריילעך זיי זענען, ווי פיין, ווי לעבעדיק זיי זינגען!...

— נו, פאַרשטייען דען די אָנגעפּרעסענע דאַמען און הערן די אמתע מע־לאָדיעס פון די סאָלדאַטן, וואָס זינגען דווקא אויף דער זעלבער שפּראַך פון די וואָס אויף די באַלקאָנען?...

די סאָלדאַטן זינגען טאַקע אַ פריילעכס, און די קאַפּעליע שפּילט אויך צו, ווייל אַזוי האָט געהייסן דער גענעראַל, פּולקאָווניק, ראָטנע אָדער פעלפעבעל. זיי זינגען אַ פריילעכס, אַן אויסגעלאַסנס, ווייל אַזוי האָט געהייסן אַ שטאַרקערער, אָבער זייערע הערצער וויינען, זייערע נשמות טרויערן.

— נאָר דער קעטזאַל וועט אַזאַ מין פאַראָרדענונג נישט אויספאָלגן, ער בייגט נישט אַראָפּ זיין שטאָלצן קאָפּ פאַר קיינעם...

— ווייסט איר, גוטער פריינט, אַז דער קעטזאַל איז אויך דער אַבסאָלוטער און אמתער סימבאָל פון פרייהייט און גערעכטיקייט?...

— ער וויל נישט לעבן אין געפאַנגענשאַפט!...

— וואָלט דער היינטיקער מענטש געווען אַזוי קלוג ווי עס איז געווען אייער קעניג שלמה, וועלכער האָט פאַרשטאַנען די שפּראַך פון די פייגל און חיות, וואָלט ער אויך פאַרשטאַנען דעם קעטזאַל, וועלכער זאָגט אוודאי, אַז פרייהייט איז איבער אַלע מענטשלעכע און איבער אַלע לעבעדיקע מינים. ווערט דער קעטזאַל דורך עמיצן פאַרראַטן, און פאַלט אַריין אין געפאַנגענשאַפט, שלאָגט ער זיך אַזוי לאַנג, כל זמן ער לעבט. ער בייסט די דראָטן פון דער קליאַטקע, קלאַפּט מיט זיינע מעכטיקע פליגלען, דראַפּעט און רייסט שטיקער מיט זיינע שאַרפע נעגל ביז עס געלינגט אים צו אַנטלויפן אָדער ער שטאַרבט קעמפנדיק...

— נישט נאָר קיין עסן, נאָר אפילו קיין טראָפּן וואַסער פאַרזוכט ער נישט אין געפאַנגענשאַפט, ער גיט זיך נישט אונטער ביז ער שטאַרבט אָדער לעבט אין פרייהייט, און שטאַרבן שטאַרבט ער ווי אַ העלד...

— איז דען דער קעטזאָל נישט ווערט, מען זאָל אים באַוואונדערן?... קיין שום מענטש וועט נישט וואַגן אים אָנצורירן, בעת ער געפינט זיך אין געפאַנ־גענשאַפט. שטיקער פלייש וועט ער אויסרייסן פון אינטרוס האַנט, וואָס וועט וואַגן אים אָנצורירן... און ער איז אַזוי צאַרט, צאַרטער ווי אַ טויב, ווען ער איז אויף דער פריי. דאָס קלענסטע פייגעלע טשעפּעט ער נישט, כאָטש ער איז באַ־וואָפנט מיט אַ מעכטיקן שנאָבל, פליגל און נעגל. ער איז אַזוי שטאַרק, אַז דער קאַראַנטשאַ, אורובו, גאַווילאַן, האַלקאָן, און אפילו דער קעניג פון די רוימען, דער גרויסער און מעכטיקער קאָנדאָר מיידט אויס אים צו פאַרטשעפּען...

— נו איז דען דער מענטש, אין דער הינזיכט, נישט צוריקגעשטאַנען לגבי דעם פרייהייט־ליבנדיקן קעטזאָל?

— וועלכער מענטש וואָגט עס זיך צו שלאָגן מיט זיינע בלוטיקע וועכטערס, ווען ער איז אַ פאַרשפאַרטער אין אַ שמוציקער טורמע? אַן אַרעסטירטער ווערט געפייניקט, געשלאָגן, געבּרענט און געבראָטן, דערנידעריקט און באַליידיקט און מער ווי שרייען פאַר יסורים, וויינען, קלאָגן און בעטן רחמים טוט ער נישט. מעג דער פייניקער, דער סאַדיסטישער תלין זיין אַ נישטיקייט, אַ שוואַכינקער, און דער געפאַנגענער — אַ ריז, אַ גלאַדיאַטאָר, וועלכער וואָלט בלויז מיט אַ שנעל פון פינגער געקענט אַוועקממיתן דעם פייניקער...

— נאָך אַ ביישפּיל פון ווערדע, קאַמף פאַר פרייהייט און גערעכטיקייט: מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט מיין טאַטע געפאַנגען אַ פאַרוווּנדעטע וועווערקעלע, אַ זי, אַ שוואַנגערע. די וועווערקעלע האָט געבוירן פיר קליינינקע וועווערקעלעך. דאָס קליינוואַרג איז אויסגעוואַקסן אין אונדזער היימישקייט אויף אַזוי פיל, אַז די קליאַטקע, וווּ זיי האָבן זיך געפונען, פלעגט מען פאַרמאַכן בלויז אויף ביי־נאַכט, כדי אַ קאַץ זאָל זיך נישט מאַכן פון זיי אַ וועטשערע... זיי פלעגן עסן פון טאַטנס האַנט. זיי זענען געווען געוווינט צו פרייהייט פונקט ווי ביי זיך אויף די ביימער. זיי פלעגן אַריין אין דער קליאַטקע, ווען זיי האָבן נאָר געוואָלט. געקומען איז אַמאָל דער גראָבער געוויסנלאָזער דייטש, דער זעלבער, וואָס האָט נאָר וואָס מיט אייך אַזוי „אינטים" גערעדט, און האָט אָפּגעקויפט צוויי וועווער־קעלעך, אַ פּאָרל. זיי האָבן זיך געלאָזט נעמען. אין אַ צוויי טעג אַרום האָט מיין טאַטע אַריינגעשטעקט די האַנט אין קליאַטקע מיט אַ פולער זשמעניע מאַניס. די צוויי שנעקעס און זייער טרייע מאַמע, מיינענדיק אַפּנים, אַז ער גייט זיי אויך אַוועקגעבן אין שקלאַפעריי, זענען אים באַפאַלן פון דריי זייטן, און אים

דורכגעביסן די פינגער אַזוי שרעקלעך, אַז עס האָט געדויערט דריי מאָנאַטן ביז ער איז געזונט געוואָרן.

— דאָס האָבן געטון וועווערקעלעך, נישטיקע באַשעפענישן!...

— יאָ, יאָ, פריינט מאַרקוס, דער מענטש איז דאָס נאַרישסטע, נישט וויר־דיקסטע, פאַלשסטע און צוריקגעשטאַנענסטע באַשעפעניש כלפּי די פרייע חיות און פייגל. איך מיין דאָ נישט די פאַרהיימישטע חיות און עופות, וואָס זענען פאַר־דאָרבן געוואָרן דורכן מענטשנס צביעות און ווילקיר...

— אדרבא, זאָגט מיר, פריינט מאַרקוס, וואָלט איר געוואָגט אַריינצוגיין אין אַ שטייג, ווו עס ליגט אַ לייב, אַ טיגער, אַ לעמפּערט, אָדער אַן אַנדערע חיה, מעג זי זיין אפילו קראַנק און אַ מינוט פאַרן טויט? — ניין, זיכער נישט, מחמת יעדער ווייסט, אַז די פרייהייט־ליבנדיקע חיות און פייגל, וואָס דער מענטש רופט זיי „ווילדע״, וועלן ביז דער לעצטער רגע, ביזן לעצטן אָטעם־צוג קעמפן פאַר זייער פרייהייט, מעג דער קאַמף זיין אַן אומגלייכער, מעג ער אים קאָסטן דאָס לעבן. די חיות פון וואַלד, באַרג און פעלד שטייען נישט נאָך אַ לעבן אָן פרייהייט...

— אָבער מער פון אַלע באַשעפענישן פון דער גאָרער וועלט, וואָס פירן מלחמה פאַר פרייהייט איז דער קעטזאַל.

— לעבן פריי, אַבסאָלוט אומאָפּהענגיק אָדער שטאַרבן! — זאָגט דער קעט־זאַל. און ווייסט איר די קיטשע־געשיכטע, פון וואָס דער קעטזאַל איז געשאַפן געוואָרן?

— אין די הייליקע שריפטן פון די קיטשעס, אינעם בוך „פּאָפּאָל־ווּה״ ווערט דערציילט: „אַמאָל מיט אַ סך יאָרן צוריק, ווען דער גאָט „הוראַקאַן״ האָט נאָרוואָס געהאַט געשאַפן הימל און ערד, זון, לבנה און שטערן און אַלע באַשע־פענישן אויף דער ערד און אין וואַסער, זענען געקומען שלעכטע גייסטער און האָבן אויסגעהרגעט אַ סך הימל־בלויע שמעטערלינגען, וואָס זענען אייגנטלעך געווען דער הימלישער כאָר און לייב־גוואַרדיע פון זיין הימלישן מאַיעסטעט, גאָט הוראַקאַן, און זיי האָבן זייערע טויטע קערפּערס אָנגעהויפנט לעבן דעם הייליקן טעמפּל פון קיריגואַ. איז אַראָפּגעקומען פון זיין הימלישער וווינונג דער גוטער און ליידנפולער הוראַקאַן, און האָט געמאַכט, אַז פון די שמעטער־לינגעס בלויע קערפּערס זאָל אויסוואַקסן אַ וווּנדערלעכער בוים, וועמענס גרי־נער קאָפּ, פול מיט צוויט און בלומענקווייטן פון רעגנבויגן־קאָלירן, האָט זיך געוויגט אין שויס פון שענסטן גאָט פון אַלע געטער, „פּאַנאַטין״*) הייסט ער. האָט פּאָנאַטינס געליבטע, די בריליאַנטן־צאַרטע געטין, קעטזאַלקאָאַטל**), געזען

*) די זון.
**) ווענוס אָדער מאָרגנשטערן.

די אומבאַגרענעצטע פּאַטערליבע פון פּאַנאַטין, ווי ער טרויערט נאָך זיינע שמע־טערלינגען, האָט זי פון די רעשטן זייערע, פון זייערע טאַרנאָסאָל־קאָלירטע פליגלען, געשאַפן דעם פויגל, וועלכן זי האָט שפּעטער אַ נאָמען געגעבן קעטזאַל, אַ פאַרקירצונג פון איר געטלעכן נאָמען. און דערפאַר גלאַנצט דער קעטזאַל פון שיינקייט, קלוגשאַפט און מאַכט...

— מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב אייך שוין פריער געזאָגט, אַז דאָס וואָרט קעטזאַל באַדייט שמאַראַגד אין דער קיטשע שפּראַך. דעם קעטזאַלס פעדערן זענען טאַקע געווען דער ערנהאַפטסטער שטייער פאַרן גרויסמוטיקן מאָקטעזומאַ, דעם מלך פון די אַצטעקן, קיטשעס, מאַיאַס און טאָלטעקאָס. זיי פלעגן אין די ספּעציעלע פייערלעכקייטן זיך באַפּוצן זייערע פעלערינעס מיט די פעדערן פון דעם קעטזאַל.

אַזוי פאַרפּוצטע פלעגן אונדזערע הערשער גיין פאַראויס אין מלחמה קעגן די יאַגואַרן, וועלף, בערן און פּומאַס, ווי אויך קעגן די ווילדע שבטים, מיט דער זיכערקייט פון זיגער, מחמת די פעדערן פונעם קעטזאַל.

— עס ווערט ווידער דערציילט אין בוך פּאָפּאָל־ווּה, אַז הועמאַק, דער קלוגער און גוטער קעניג פון די קיטשעס און מאַיאַס, פילנדיק אַז זיין טראָן וואַקלט זיך, האָט ער זיך געווענדט צום גרויסן גאָט טלאַלאָק מיט דער תפילה: „אָ, טלאַלאָק, גרויסער גאָט, וואָס איז פול הימל און ערד, פאָטער פון אַלץ, וואָס לעבט און אָטעמט אין דיין גנאָד, קאָנסערוויר מיר מיינע אוצרות: די שמאַראַגדן פון מיין קעטזאַל"...

— דער פאַרגעפּיל פון הועמאַק האָט זיך באַשטעטיקט: געקומען זענען די הארצלאָזע שפּאַניאָלן מיט פּעדראָ דע אַלוואַראַדאָ אין שפּיץ, זיי האָבן מיט טייוולאָנישע שפּרוכן געפאַנגען דעם קעטזאַל, וועלכער איז פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין אַ קעטזאַלקאַאַטל*), מיטן נאָמען טעקום, וועלכער איז אין יענעם מאָמענט אַרומגעפלויגן אַרום דעם שפּיץ פונעם באַרג אָריזאַבאַ. זיי האָבן אים אַראָפּגעשלעפּט אויף די סטעפּעס פון אַלינטעפּעק. טעקום איז דאַן געווען אונ־דזער קעניג, אונדזער וועגווייזער. מיטן פאַראַט פון די קאַטשיקעלעס אינדיאַנער האָט אַלוואַראַדאָ דעם קעטזאַל־קאָאַטל־טעקום אַ לעבעדיקן דאָס האַרץ אַרויס־געריסן און דורכגעשטאָכן מיט זיין פאַרגיפטעטער שפּיז, און סיי דאָס האַרץ און סיי דעם הייליקן קערפּער אַוועקגעוואָרפן צו זיינע „אַלאַנאָס"**).

— אָבער דער קעטזאַל, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טעקום־קעטזאַל־קאָאַטל, איז אומשטערבלעך. ער איז דורך דעם גאָט טלאַלאָק דערהויבן

---

*) קעטזאַלקאָאַטל: הייליקער געזעצגעבער.
**) אַלאַנאָס — שרעקלעכע הינט.

געוואָרן צו אַ מלאך, צו אַן אייביק־לעבעדיקן גייסט. ער פליט איצט דורך די בלויע רוימען, גרויס און מעכטיק, און שוועבט אַוועק אין די באַוואַלדיקטע בערג זיך אויסצובאַהאַלטן קעגן דעם בייזן גייסט פון אַלוואַראַדאָן, וועלכער איז אייגנטלעך אַ שרעקלעכער דעמאָן...

— נאָך דער שרעקלעכער דראַמע פאַנגט אָן דער קעטזאַל אַ נייעם עטאַפּ, וואָס איז אייגנטלעך אַ צייכן פון פּראָטעסט, פון זעלבסטבאַשפּייזונג אין דער מיט פון דער פאַרשוועכטער און באַליידיקטער נאַטור... פאַרביטערט, מעלאַנכאָ־ליש און פאַרצערט ווי אַ מאָמעס צעשטיקלט האַרץ, ערנסט און פאַרטראַכט ווי אַ קעטזאַלקאָאַטל*), וועלכער קען נישט לייזן דעם פּראָבלעם פון יאָ זיין אָדער נישט זיין פון דער אייגענער נשמה, פון אייגענעם „איך". אומבאַוועגלעך און שטום ווי אַ רעבעלירנדיקער העלד נאָך אַן אומדערוואַרטער מפּלה, באַווייזט זיך שוין נישט מער דער טריאומפירנדיקער קעטזאַל אין די סאַמעט־גרינע פעלדער פון זיין דערשלאָגן פאָלק, אַזוי ווי אַמאָל, אַלס קיטשע־מאַיאַ סימבאָל פון גרויסקייט, מעכטיקייט, פרייהייט, שיינקייט און גוטסקייט...

דער פּראָטעסט פון קעטזאַל איז נישט בלויז קעגן די שפּאַנישע רויבער און מערדער, נאָר איבערהויפּט קעגן די אינדיאַנער זעלבסט, איבערהויפּט קעגן די קאַטשיקעלעס, וועלכע האָבן געהאָלפן דעם שונא אויסצומאָרדן זייערע אייגע־נע ברידער און שוועסטער. און דער שפּאַנישער אינקוויזיטאָר האָט, נאָכדעם ווי ער האָט באַזיגט די אַצטעקן, מאַיאַס, טאָטאָנעקן און טאָלטעקן, אויך דער־דריקט די פאַלשע קאַטשיקעלעס, זיי אויסגערויבט און אויסגעמאָרדעט...

— דער קעטזאַל וווינט איצט תמיד אין די געדיכטענישן פון די סודות־פולע וועלדער פון ווערא־פּאַז און נעסטעט אויף די העכסטע ביימער וואָס אויף די העכסטע בערג, מחמת דער בלוטיקער קאָנקיסטאַדאָר האָט איבערגעלאָזט נאָר די בערג אָן מענטשן, צו געניסן פון דער פרייהייט. און די רויע נאַטור איז טאַקע היינט צו טאָג די טרייסט פון דעם דערהויבענעם פויגל, וואָס איז אַנטרונען אין די נאַטירלעכע הערשאַפטן פון זיין מהות און זיין געביט...

און דאָרט, ווייט פון די ווייסע שלעכטסקייטן, ווייט פון די קרענקלעכע צבוּ־עקישע שפּאַנישע קריסטלעכקייטן, פאָרט ער זיך און מערט זיך גלייכגילטיק. ער פאַראַכט די שפּאַנישע קריסטלעכקייט, ווייל זיי זענען גאָר קיין קריסטן נישט. די אמתע קריסטלעכע געבאָטן הייסן נישט טון אַזעלכע שרעקלעכע גרוילטאַטן, ווי עס זענען באַגאַנגען די דעראָבערער, אין נאָמען פון גערעכטיקייט, רחמנות און קריסטלעכער ליבשאַפט. דאָס זענען גאָר קיין מענטשן נישט, שדים און טייוואָלים האָבן זיי געמוזט זיין! — אַזוי זאָגט דאָס הייליקע בוך פּאָפּאָל־ווּה.

*) קעטזאַלקאָאַטל איז אויך די לבנה, לויטן אָרט ווו דאָס וואָרט געפינט זיך.

דער קעטזאַל שטייט אויפן העכסטן שפּיץ באַרג און אויפן העכסטן בוים און קוקט מיט ביטול און פאַראַכטונג צום מעכטיקן יאַגואַר, פּומאַ און קאַיאָטע*), וועלכע פּראַווען זיך סעודות מיטן פלייש און בלוט פון אומשולדיקע באַשעפעניש, אונטן אין די האַלב־ליכטיקע שפּאַלטן פון די האַלבע טונקלקייטן אינעם קאַמפּאַקטן דזשונגל, סעודות פון אַ חיה־רעה אונטער די אַקאַרדן פון אַ וויטן טייפון...

און די אַנאַקאָנדאַ, נישט קענענדיק דערגרייכן דעם קעטזאַל, און אַז זי געפינט נישט וועמען איינצוקלעמען אין אירע שטאַלענע קאַלטע רינגען, וויקלט זי זיך אַרום די שטאַמען פון די ריזיקע ביימער, ווי וועלנדיק זיי צעשמעטערן...

דער גוטער אינדיאַנער, אויפריכטיק דערצויגן אונטער דער אויפזיכט פונעם גאָט טלאַלאָקס פּיעטעט, גלויביק נאַאיוו ווי אַ זויג־קינד, איז געווען דאָס פלייש פון אַלוואַראַדאָס אַרקאַבוזן**), פּונקט ווי דער היינטיקער קאַנאָן איז כסדר דורשטיק געווען נאָך בלוט, פרישׂ, רויט בלוט פון צאַפּלדיקן אינדיאַנער קערפּער. און וואָס די אַרקאַבוזן, קאַנאָנען און שווערדן האָבן נישט געטון, האָבן עס פאַרענדיקט די טויזנטער דרעסירטע אַלאַנאַ־הינט, וועלכע זענען ספּעציעל געקאָרמעט געוואָרן מיט פלייש פון לעבעדיקע אינדיאַנער גופים, כדי זיי זאָלן מיט זייערע שרעקלעכע ציין און נעגל, הונגעריקע, מיט מער רציחה זיך וואַרפן אויף די טעראָריזירטע און אומבאַשיצטע אינדיאַנער. גלייכצייטיק, בעת גאַנצע משפחות אינדיאַנער פלעגן איבערגעגעבן ווערן לעבעדיקע פאַר די שפּאַנישע אַלאַנאַ־הינט, איז דאָס אינדיאַנער פאָלק געוואָרן דער לעבנס־נערוו און הויפּט־אויסגראָבער פון גאָלד און זילבער פאַרן שפּאַנישן הענקער. דער אינדיאַנער איז געוואָרן ביז היינט צו טאָג דאָס פערד און אייזל, וואָס פירט אַריבער אויף זיינע פּלייצעס די רייכטימער, וואָס ער זעלבסט, דער אינדיאַנער, איז זייער שעפער. אפילו דאָס ביסל תבואה פון זיין אייגן שטיקל פעלד, וואָס ער צעאַקערט און באַנעוועט מיט די פּרימיטיוווסטע מכשירים, נעמען אויך צו ציוויליזירטע. אַלץ פאַר די גייציקע ציוויליזירטע...

— און דער שוין גאָר גוטער און רחמנותפולער שפּאַניער, אויב אַזעלכער איז נאָך בנימצא געווען אין יענע צייטן, האָט פאַרבייגייענדיק פאַרביי דעם געמאַטערטן אינדיאַנער אויפן שייטער, ראָד אָדער אין די אַלאַנאַ־הינטישע ציין, נישט מער ווי אַ צאַפּל געטון מיט די ליפּן, ווי אַ טיק, אָן אַ וואָרט צו פרעגן: „פאַרוואָס פייניקט מען עס דיך אַזוי שרעקלעך פאַרן טויט?“

— ביז היינט צו טאָג באַגריסט נישט דער עכטער שפּאַניער קיין שום

*) קאַיאָטע: אַ וואָלף מיט זייער הויכע פיס.
**) אַמאָליקע ביקסן.

אינדיאַנער און האָט פאַר אים, פאַר זיין צער און פיין, קיינמאָל נישט קיין טרער, און אויך נישט קיין שמייכל פאַר זיין טרויעריקער פרייד...

— יאָ, יאָ, פריינט מיינער, דער אינדיאַנער איז היינט אַזוי ווי אַן איינגעקלעמטער אבר פון אַ באַזיגטער ראַסע...

— דער קעטזאַל אָבער איז די נשמה פון אונדזער פאַרוווּנדעט פאָלק, דער קעטזאַל איז דערווייל דאָס איינציקע פרייע, וואָס איז נאָך געבליבן פון אַמאָליקן פרייען קיטשע... דער קעטזאַל איז דער גייסט, וואָס וועט נאָך אַמאָל אפשר דערוואַכן די הערשאָפט פון די פאַרשקלאַפטע מאַסן — די צוריקגעקערטע פרייהייט און באַוווּסטזיין וואָס פּולסירן אין די ווונדערלעכע פליגל פונעם קעטזאַל. מיטן קאָליר פון אַ שמאַראַגד, וואָס איז דער קאָליר פון האָפענונג און בטחון...

— יאָ, יאָ, פריינט מאַרקוס, אַזוי איז פאַרצייכנט אין אונדזער הייליקן בוך פּאָפּאָל־ווּה!...

מיקסטעקלאַסטל טזינטלאָנקאַסטלס אויטאָ-ביאָגראַפיע

אַזייגער צען ביינאַכט האָט מען געגעסן וועטשערע פון געבראָטענע פּע־כעריי, פיש וואָס זענען פול אין טייך סאַרטון, נאָכדעם ראַקעס, אויסטערן און פלייש פון האָז, וואָס זענען דאָרט פאַראַן זייער אַ סך און מאַכן אָן אַ סך שאָדן אין די תבואות. די מאכלים האָט מיקסטעקלאַסטל־טזינטלאָנקאַסטל אַליין צוגע־גרייט. — צו וואָס קאָכן? עס פאַרנעמט אומזיסטע צייט. באַזונדערס, זענען דאָך די געבראָטענע מאכלים אַ סך היגיעניִשער און געזינטער. זי האָט יעדע געקעכץ געבראָטן אויף ספּעציעלע בראָט־אייזנס, דירעקט אויף די קוילן, אַזוי ווי מיין מאַמע ע״ה פלעגט בראָטן לעבער און אייטער דירעקט אויף קוילן, ווייל קיין רויע לעבער און אייטער טאָר מען נישט אַריינלייגן אין יויך...

נאָך דער שטאַרקער קאַווע האָט זי מיך ווידער איינגעלאַדן אויף דער בלו־מען־וועראַנדע, און אירע טאַטע־מאַמע און אָנגעהאָרעוועטע ברידער זענען גע־גאַנגען שלאָפן.

דעם שמועס האָב איך אָנגעהויבן:

— פריילן מיקסטעקלאַסטל, איר האָט דאָך מיר צוגעזאָגט עפּעס רעדן וועגן יידן, בעט איך אייך, דערציילט מיר.

— איר זענט גערעכט, מיסטער מאַרקוס, — האָט זי געזאָגט, און זיך איבערגעזעצט אויפן שטיין, ווו איך בין געזעסן: — איך, פונקט ווי אַלע שילער, וואָס גייען אין רעליגיעזע אַנשטאַלטן און האָבן אַ קאָנטאַקט בלויז מיט פּאַנאַ־מישע מענטשן, האָב געלערנט, אַז די יידן זענען דאָס ערגסטע, וואָס גאָט האָט געשאַפן. די יידן, — ווערט געזאָגט אין אַ סך פרומע ביכער — האָבן געהרגעט יעזוסן, זיי זענען הויטשיג־דערס, געפערלעכע פּראָצענטניקעס. זיי העלפן קיינעם נישט און זענען קאַפּאַבל צו טון דאָס ערגסטע, אַבי צו באַזיצן אַ סך גאָלד... וועגן די אינדיאַנער זאָגן אויך אַ סך לערנביכער, אַז די אַצטעקן, מאַיאַס, קאַ־טשיקילעס, טאָטאַנעקאָס, זוטוהואַילעס און אינקאַס זענען געווען קאַניבאַלן, און אַז זייער בעסט מאכל איז געווען דאָס צאַפּלדיקע האַרץ פון אַ יונג קינד.

אָבער לויט מיינע פאָרשונגען, בין איך געקומען צו דער מסקנא, אַז די היפּאָ־טעזן זענען צו געוואַגטע און די שרייבער זייערע זענען „אימפּאָסטאָרן"... די יידן

זענען נישט די ערגסטע, און לויט מיין איבערצייגונג, זענען זיי אפשר נאָך צו גוטע. און די אויסגערעכנטע אינדיאַנער פעלקער האָבן געהאַט פעסטע מאָראַ־לישע און ציווילע געזעצן און זיי זענען נישט געווען קיין קאַניבאַלן. נאָר וואָס דען? — פאַר די שלעכטע מענטשן זענען יענעמס פיין און ליידן, יענעמס מאַר־טירערטום און שוידערלעכע אַגאָניע, זייער חדוה. האָבן זיי ספּעציעל אויסגע־טראַכט אַזעלכע מינים שקרים און בלבולים, בכדי צו באַרעכטיקן זייער אייגענע רשעות און בלוטיקן סאַדיזם...

הערנאַן קאָרטעס און פּעדראָ דע אַלוואַראַדאָ, פראַנציסקאָ פּיסאַררא און פּעדראַריאַס, די שרעקלעכע מאָנסטערס, וואָס זענען אפשר טויזנטער מאָל מער בלוטיקער געווען ווי נעראָן, קאַליגולאַ און טאַרקוועמאַדאַ צוזאַמענגענומען, האָבן אויסגעטראַכט דעם העסלעכן בלבול, אַז די אַצטעקן, קיטשעס, מאַיאַס און אַנ־דערע העכסט ציוויליזירטע און קולטורעלע פעלקער, זענען אַנטראָפּאָפאַגן, כדי אַזוי אַרום צו באַרעכטיקן זייערע מעשים תעתועים, זייערע שוידערלעכע גרויל־טאַטן קעגן די אומבאַוואָפנטע פרידלעכע אינדיאַנער.

די מעקסיקאַנער אַצטעקן, ווי אויך די גוואַטעמאַלער און סאַלוואַדאָרער אינדיאַנער האָבן געהאַט אַזוינע געזעצן, אַז ביז היינט זענען זיי אַ קוואַל פון מאָראַל, קולטור און מענטשלעכער דערהויבנקייט.

צווייטנס, אויב ביי זיי וואָלט קאַניבאַליזם געווען אַ פאַקט, וואָלטן דאָך די באַזיגטע פעלקער אַזוי נישט אויפגעשוידערט, צוזעענדיק ווי די שפּאַניאָלן פלעגן פאַרברענען לעבעדיקע מענטשן אויף די שייטערס. קיין שום באַזיגטער קאַניבאַל וואָלט זיך נישט גענומען צום האַרצן, זעענדיק ווי די הינט צערייסן אויף שטי־קער און פרעסן אויף לעבעדיקע די בעסטע אינדיאַנישע זין און טעכטער. טויזנ־טער אינדיאַנער־צושויער פון די האַרצרייסנדיקע ספּעקטאַקלען פלעגן משוגע ווערן. אַ סך פון די געצוווּנגענע צוקוקער פלעגן שטאַרבן פון האַרצאַטאַקעס, און אַפּאָפּלעקציעס, פלעגן ווערן שטום און בלינד, ווען זיי פלעגן זען ווי די שפּאַ־נישע אינוואַזאָרן פלעגן אין נאָמען פון קריסטלעכן יושר און רחמנות אָנטון די אומבאַשיצטע מענטשן אַזעלכע שרעקלעכע ענויים קשים...

— שטעלט איך פאַר, וואָסערע „בלוטיקע" מענטשן די מעקסיקאַנער און גוואַטעמאַלער אינדיאַנער זענען געווען, אַז אפילו ווען זיי פלעגן נעמען געפאַנ־גען אַ ביסל שפּאַניער, האָבן זיי זיי נישט געטויט, אַ חוץ אין אויסנאַמפאַלן. בלויז אין די מיליטערישע אַקציעס און צוזאַמענשטויסן פלעגן די אינדיאַנער הרגענען די שפּאַניער...

— עס איז אמת, אַז עס זענען אויך געווען אינדיאַנער מענטשן־פרעסער, אָבער דאָס זענען געווען ווילדע און פּרימיטיווע באַרבאַרן, קעגן וועלכע סיי די

אַצטעקן, ווי די קיטשעס, מאיאס און אַלע אַנדערע ציוויליזירטע און קולטור־רעלע אינדיאַנישע פעלקער האָבן געפּירט אַן אייביקן קאַמף.

— צוליב דעם פּאַרשטיי איך זענען די אַבסורדע און ג׳ידערטרעכטיקע בלבולים קעגן די יידן אויך אַזוי פאַרשפּרייט געוואָרן.

— פּאַר מיין דירעקטן קאָנטאַקט מיט יידן בין איך געווען אַן „איבער־צייגטע" יודאָפאָבן: איך ב׳ין געווען באַאיינפלוסט, אַז ערגערס פון יידן איז גאָר־נישט פאַראַן. אויף אַזוי פיל, אַז אַ גיפטיקע שלאַנג, אַ משוגענעם הונט פלעג איך רופן „כודיאָ" (ייד), כאָטש איך האָב אפילו אין מיין דמיון קיין ייד נישט געהאַט געזען... דער האַס מיינער צו יידן איז געווען נישט בלויז צוליב די פרומע מעשיות וועגן טויט פון אַ גרויסן מענטש מיט קאַרגע צוויי טויזנט יאָר צוריק, טאַקע אפשר געווען אַ גוטער מענטש, נאָר מיין האַס צו יידן איז אויך געווען צוליב די קינאָ־בילדער פון דער פּאַסקאַ־וואָך, געשיכטעס, ראָמאַנען, דראַמען און פּאָעזיעס.

— ווען איך האָב געזען צום ערשטן מאָל אין גרויסן טעאַטער שעקספּירס שיילאָק, בין איך געווען מלא רציחה קעגן די יידן בכלל און קעגן שיילאָקן בפרט. אַביסל אָבער האָט מיר געעפנט די אויגן דער אומשטערבלעכער עמיל זאָלאַ מיט זיינע נאָוועלן „דער אמת", „דעם גלחס זינד" און „איך באַשולדיק", דאַן מאַקסים גאָרקיס „קין און אַרטעם" און לעוו טאָלסטאָיס „איך קען נישט שווייגן". נאָכדעם האָב איך געלייענט אין אָריגינאַל די שיילאָק־דראַמע און האָב שוין אַ ביסל בעסער פאַרשטאַנען שעקספּירס פילאָזאָפיע. שפּעטער, ווען איך האָב איבערגעלייענט די ביבל, איך מיין דעם אַלטן טעסטאַמענט, בין איך שוין געווען גאָר נאָענט באַקאַנט מיט יידן. אַ צווייט מאָל בין איך געגאַנגען אין טעאַטער זען די זעלבע שיילאָק־דראַמע, ווו עס האָבן געשפּילט אמתע שעקספּיריאַנער. דאָ האָב איך שוין, דאַכט מיר, גוט פאַרשטאַנען שעקספּירס מיין, און איך האָב אין מיין מהות געאורטיילט: נישט דער ייד שיילאָק איז דער קאַניבאַל, נאָר דער פרומער אַדלמאַן אַנטאָניאָ, צוזאַמען מיט דער אומגערעכטער „גערעכטיקייט"...

— איך וועל, פריינט מאַרקוס, מיין איינדרוק וועגן יידן פאַרבינדן אַביסל מיט אַ שטיקל פון מיין ביאָגראַפיע. צוליב דעם וועל איך אָנהויבן אַביסל פון צוריק: — אין דער שטאָט גואַטעמאַלאַ האָב איך געהאַט די ערשטע געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט אַ האַרציקער יידישער פאַמיליע, וועלכע האָט פאַר מיר אַ סך געטון, פונקט ווי אַ גוטער פאָטער פאַר זיין איינציק קינד. איך האָב אגב צומאָל נישט געוווסט, ווער די גוטע מענטשן זענען. ערשט שפּעטער מיט יאָרן בין איך געוווּיר געוואָרן, אַז די גוטע מענטשן זענען יידן, און די געשיכטע פאַנגט זיך אָן אַזוי:

אין דער שטאָט גואַטעמאַלאַ ווינט אַ ייד מיטן נאָמען ענריקע ענגעל, הלוואי

זאָל ער מיט זיין פאַמיליע לאַנג לעבן, וואָס אַ דאַנק אים לעב איך און האָב מיך גראַדואירט. דאָס איז, דאַכט מיר, דער איינציקער ייד, וואָס גוואַטעמאַלאַ פאַרמאָגט, מחמת איך האָב נאָך ביז היינט, אַחוץ דעם הער ענגעל מיט זיין פאַמיליע, און איצטער איך, מער קיין יידישע נשמה נישט אָנגעטראָפן אין דער גאַנצער רעפובליק.

צוליב אַ חוב, וואָס מיין טאַטע האָט נישט געהאַט צו באַצאָלן די דייטשישע סוחרים פאַר אַן אַקער, בראָנע און צוויי קאָסעס, וועלכע ער האָט איינגעקויפט אויף אויסצוצאָלן פאַר צען מאָל אַזוי פיל ווי די רעאַלע ווערט, האָבן די יעקישע פּראַצענטניקעס ביי אים אַלץ צוגענומען און דערצו נאָך איינגעזעצט אין תפיסה. אַזוי אַז די אָרעמקייט, הונגער און נויט אין שטוב זענען געווען אַזוי גרויס, אַז אפילו אַ שטיקל קוקורוזע־ברויט האָט געפעלט צו דער זעט. האָט מיך מיין מאַמע, אַלס אַ זיבן־יעריק קינד, אַוועקגעגעבן פאַר אַ דינסט צו זייער אַ רייכן קריסטלעכן אונגאַר, מיטן נאָמען פעליקס קאַוואַטשיוס און זיין פרוי בערטאַ מיט זייערע צוויי נישט־דערבאַקענע קינדער — אַ צווילינג.

די אונגאַרישע פאַמיליע איז געווען קאַטויליש־פרום, זיי פלעגן אַלע טאָג גיין אין קלויסטער, און די באַהאַנדלונג, וואָס זיי האָבן מיר געגעבן איז געווען אַ שרעקלעכע, ערגער ווי אַ קרעציקן הונט. אַנדערש ווי דרעקישע, פאַרכע־וואַטע יידישקע האָט מען מיך נישט גערופן. איך בין תמיד געווען הונגעריק, בין אומגעגאַנגען אָפּגעריסן און שמוציק. נאָך אַ גליק, וואָס גוואַטעמאַלאַ איז אַ טראָפּיקאַלע מדינה, ווען נישט וואָלט איך געפרוירן געוואָרן און מיט אַ לייַדיקן מאָגן דערצו...

איינמאָל אין אַ שטאַרקן רעגן־פּאַליע, ווען עס האָט שרעקלעך געדונערט און געבליצט, האָט מיך מיין באַלעבאָס געשיקט צום הער ענריקע ענגעל נאָך אַ פעקל, וואָס האָט געוויגן אפשר דריי מאָל אַזוי פיל ווי מיין אויסגעדאַרטער גוף. פאַרשטייט זיך, אַז אַן אויסגעצערטע און אָפּגעשוואַכטע, האָב איך דאָס שווערע פעקל צומאָל נישט געקענט רירן פון אָרט. האָט דער גוטער קרעמער מיך גענומען אויספרעגן, ווער איך בין און פון וואַנען איך קום. איך האָב אים דערציילט, אַז איך בין אָרעם און הונגעריק און אַז מיין לאַגע ביים זייער פרומען אונגאַר איז אַ ביטערע. ער האָט מיר באַלד אַריינגעבראַנגט אַ גרויסן פּעניק ווייס ברויט גראָב אָנגעשמירט מיט פּוטער, אַ שטיק ווורשט מיט אַ טעפּל קאַווע מיט מילך. איך האָב עס איינגעשלונגען ווי אַ הונגעריקער וואָלף. דער שמועס האָט משמעות געדויערט צו לאַנג, און כאָטש דער הער ענגעלס האָט געהייסן אַן אָנגעשטעלטן אַוועקטראָגן דעם פּאַק, האָב איך דאָך געקריגן פון מיין באַלעבאָסטע גוט אויסגעזידלט, אָנגעקלאַפּט און אָנגערייסן פאַר די אויערן.

דערצו נאָך האָט זי מיך אַרויסגעוואָרפן אין דער קעגנוואַרט פון הער ענגעלסעס אָנגעשטעלטן.

אַ הונגעריקע, בין איך יענע נאַכט געשלאָפן אין דרויסן אויפן רעגן אַלס שפּייז פאַר די בייזע קאָמאַרעס. אינדערפרי בין איך אַ פאַרחלשטע אָוועקגע־קראָכן צום זעלביקן קרעמער, וועלכער האָט מיך אַריינגענומען צו זיך אין שטוב, מיך באַקליידט און געשיקט אין שול. צו יענער צייט האָב איך נאָך קיין בוכ־שטאַב נישט געקענט.

די גאַנצע פאַמיליע, ווי אויך די דינערשאַפט און אָנגעשטעלטע פון געשעפט, האָבן מיך באַהאַנדלט נישט ווי אַן אַרויסגעוואָרפן אינדיאַניער דינסט־מיידל, נאָר ווי אַן אָפּגעציטערט אייגן קינד. איך בין שוין דאַן אַלט געווען אַכט יאָר. די גאַנצע צייט, וואָס איך בין געווען אין הער ענגעלסעס הויז, האָב איך נישט געוווּסט, אַז זיי זענען יידן. איך האָב בכלל נישט געוווּסט, וואָס אַזוינס איז אַ ייד. איך האָב בלויז געוווּסט, אַז דאָס וואָרט „כודיאָ" איז אַ שרעקלעך זידלוואָרט, און איך האָב זיך פאָרגעשטעלט, אַז אַ ייד מוז זיין אוודאי אַ מין שלאַנג, אַ משוגענער הונט, אַ שרעקלעכער שפּין אָדער אפשר נאָך ערגערס...

— איך האָב זיך זייער גוט געלערנט און הער ענגעלסעס קינדער האָבן מיר נאָך צוגעהאָלפן, אַזוי אַז אין ערשטן יאָר האָב איך געמאַכט דריי גראַדן...

פונקט צום יאָר פון מיין זיין ביים הער ענגעלס האָבן דריי רייך־געקליידעטע דאַמען, מיט איינער אָנגעטון ווי אַ מאַנאַשקע, מיך איבערגעוואַלד אָפּגענומען פון הער ענגעלסעס הויז, און האָבן מיך אַריינגענומען אין אַ פרומער פאַרמאַכ־טער אָנפאַנג־שול, וווּ איך בין געבליבן, ביז איך האָב געענדיקט מיט אויסציי־כענונג.

צו צוועלף יאָר בין איך אַריין אין דער נאָרמאַל־שול, וווּ איך האָב זיך אויך זייער גוט קוואַליפיצירט. מיין טאַטן איז שוין דאַן געגאַנגען „זייער גוט". מיינע צוויי ברידער זענען שוין געווען אונטערגעוואַקסן און האָבן צוגעהאָלפן. מיין מאַמע אויך, און זיי האָבן שוין פאַרדינט אויף עסן פאַר אַלעמען, און האָבן אויך אָפּגעשפּאָרט אויף אויסצוצאָלן דאָס שטיקל פעלד, וואָס דער טאַטע האָט צוגעקויפט. זיי האָבן שוין אויך צוגעקויפט אַביסל בהמות, און אַפילו, ווען נישט ווען, געקענט מיר קויפן אַ קליידל צו פאַרדעקן מיין נאַקעטקייט.

נאָך פאַר די זעכצן יאָר האָב איך שוין פאַרענדיקט די נאָרמאַל־שול, אויך מיט אויסצייכענונג, און אַזוי ווי איך האָב געוואָלט ווייטער שטודירן, בין איך בעקירט געוואָרן דורך דער רעגירונג קיין מעקסיקאָ־סיטי.

— אין דער נאָרמאַל־שול האָב איך פאַר מיין אָוועקפאָרן זיך באַקאָנט מיט הער ענגעלסעס אַן אייניקל. איך בין געגאַנגען אַהין זיך געזעגענען. כאָטש אַן

אויסגעצייכנטע סטודענטקע, בין איך אָבער געגאַנגען אין אַ שרעקלעכן הולך, מיט אויסגעדרייטע שיך און אין אַן אָפּגעבלאַקירט געלאַטעט קליידל.

— איך האָב דעם הער ענגעלס דערמאָנט, וואָס ער האָט פאַר מיר געטון און מיט טרערן אין די אויגן אים באַדאַנקט. איך האָב אים דערציילט, אַז איך פאָר קיין מעקסיקאָ־סיטי שטודירן אויף פּראָפעסאָרין.

— אין דעם הולך? — ניין, טייער קינד מיינס! וועסט אַזוי נישט פאָרן. איין האַנט וואַשט די צווייטע און מיט ביידע הענט דאָס פּנים. גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטשן מיט רמח אברים, יעדער אבר אַרבעט פאַר זיך, און אַלע צוזאַמען אַרבעטן צווישן זיך. פּונקט אַזוי דאַרף יעדער מענטש, פּונקט ווי ער זאָרגט פאַר זיך, זאָרגן פאַרן צווייטן, פאַר דעם וואָס האָט נישט, בפרט נאָך פאַר אַזאַ באַגאַבט קינד און ליבע נשמה ווי דו ביסט. — האָט דער גוטער מענטש גע־רעדט צו מיר פאָטערלעך און געהייסן מיר געבן עטלעכע „איבעריקע" קלייד־לעך, וואָס זענען געווען אבסאָלוט נייע: אַ רעגנמאַנטל, אַ טוך וועש פון יעדער זאַך, צוויי פּאָר שיך, אַ גאַנצן טוך זאָקן, טאַקע נישט קיין זיידענע, אָבער פיינע, וואָס איך האָב אָנגעטון צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן, אַפילו אַ טוך שמעקע־דיקע זייפלעך, ציין־קרעם מיט אַ פיין בערשטעלע און אַ פלעשעלע פּערפום, האַנ־טעכלעך און אַנדערע זאַכן פאַר אַ מיידלס אויסשטייער, און צו דעם אַלעמען האָט ער מיר נאָך צוגעגעבן 25 דאָלאַר מזומן.

— מיט וואָס וועל איך אייך אָפּצאָלן, הער ענגעלס? — האָב איך געפרעגט אַ פאַרצווייפלטע און געוויינט פאַר עמאָציע. — איך בין דאָך אַן אָרימע אינדיאַ־נערקע...

— האָב איך דען ביי דיר געפאָדערט געלט אָדער אַן אונטערשריפט אויף געלט? איך שענק דיר דאָס אַלץ, ווייל דו ביסט ביי מיר און ביי מיין פאַמיליע פאַררעכנט ווי אַן אייגן קינד. איך בין אַ פרומער ייד, און איך היט אָפּ דאָס געזעץ פון מיין גאָט, אַז איך זאָל ליב האָבן יעדן גוטן מענטש ווי זיך זעלבסט. מיין גאָט האָט מיר געהייסן אַרויסהעלפן דעם דערדריקטן, דערשטיקטן מענטש, און איך דערפיל זיינע געבאָטן. דאָס איינציקע, וואָס דו וועסט מיר שולדיק זיין, איז אַז דו וועסט מיך דערזען, זאָלסטו מיר זאָגן גוט־מאָרגן, אָדער גוט־אָוונט, לויט דער שעה פון טאָג, און אַז איך וועל דיך באַגריסן, זאָלסטו מיר ענטפערן אויף מיין באַגריסונג. מער ביסטו מיר גאָרנישט שולדיק, טאָכטער... — איז געווען דער קאַטעגאָרישער ענטפער זיינער און ער האָט מיר געווונטשן אַ גליק־לעכע רייזע.

— יאָ, איך דערמאָן זיך, אַז נאָכן לעצטן עקזאַמען אין דער נאָרמאַל־שול, האָבן די זעלביקע דאַמען, וואָס האָבן מיך אָפּגענומען פון הער ענגעלס, געוועדט פאַרן טויער פון דער שול צו אַ פיין־געקליידעטן הער, און אים געזאָגט, אַז

זיי זענען גליקלעך, וואָס זיי האָבן מיך אָפּגענומען פון הער ענגעלס, אַ דאַנק אַ מסירה פון יענעם פרומען אונגאַר. דער אונגאַר האָט אָנגעגעבן, אַז דער „כודיאַ" ענגעלס איז נישט ראוי צו דערציען אַ באַגאַבט קריסטלעך קינד, ווע־מען ער וואָלט הלילה געקענט אָנשטעקן מיטן טייוולאַנישן כודאַאיזם און יודאַ־איסטישן סם, וואָס הרגעט אַוועק די גאַנצע קריסטלעכע מענטשהייט. דער ייד — האָט געזאָגט איין דאַמע מיט אַ גרויסן קרייץ אויף דער ברוסט — וואָלט נאָך אַזאַ צאַרט קינד ווי זי איז געווען, געלאָזט אויסגיין פון הונגער. און נאָר אַ דאַנק דעם פרומען אונגאַר, וועלכער האָט אונדז דורך אַ בריוו מגלה געווען דעם סוד, אַז דער „נשמהלאָזער ייד" האָט ביי אים אָפּגערעדט זיין פּראָטעזשירט אינ־דיאַניש קינד, און וויל פון איר מאַכן אַ יידישקע אָן פּיעטעט אַזוי ווי ער איז...

— ווי יונג איך בין נאָך דעמאָלט געווען, וועל איך תמיד געדענקען סיי דעם קאַטויליש־פרומען אונגאַר מיט זיין נאָך פרומערע פרוי און זייערע צוויי נישט־דערבאַקענע קינדער, דעם צווילינג, וועלכע האָבן מיך סאַדיסטיש גע־פּייניקט, געשלאָגן מכות רצח: זיי האָבן מיר צומאָל נישט געגעבן אַ שטיקל טרוקן ברויט צו דער זעט און מיך געצוווּנגען צו אַרבעטן ווי אַן אייזל.

— איך וועל אָבער אויך תמיד געדענקען דעם נאָבעלן זשעסט פון דעם הער ענריקע ענגעלס מיט זיין פאַמיליע, וועלכע האָבן מיך געראַטעוועט פון אַ הונ־גער־טויט, מיינע קרעץ אויסגעהיילט און מיך דערצויגן ווי אַן אייגן קינד.

— הום, אַזוי זענען עס די „סמיקע יידן?" — האָב איך מיר געטראַכט, ווען איך בין אַרויס פון הער ענגעלסעס שטוב מיט דער גרויסער וואַליזע, אָנגע־שטאָפּט מיט אַלעם גוטן...

— אין מעקסיקאָ־סיטי איז מיין קריטעריום וועגן יידן רייף געוואָרן. הגם עטנאָלאָגיש און פיזיאָלאָגיש זענען די יידן און די אינדיאַנער פון באַזונדערע ראַסן, כאָטש לויטן קיטשע־בוך פּאָפּאָל־ווּה קומען מיר אויך פון מזרח, איז אָבער דער טרויעריקער שיקזאַל פון ביידע ראַסן כמעט דער זעלביקער: פאַר־פאָלגטע, געפּייניקטע און פאַראַכט פון אַלעמען... קיין שום שול־קאָלעגע האָט מיך נישט באַהאַנדלט אַזוי פיין און גוט ווי די יידישע סטודענטן, משמעות, אַ האַרץ פילט אַ האַרץ, אַ „ברודער און אַ שוועסטער" אין פּיין. איך האָב ביי די יידישע יינגלעך און מיידלעך באַקומען אַלץ: ביכער, העפטן, בלייערס און אַלץ וואָס אַן אָרעמע סטודענטין דאַרף האָבן. אפילו בילעטן אין טעאַטערס און קינאָס האָבן זיי מיר געבערענגט.

— עס האָט זיך אין מיר פאַרליבט אַ יידישער סטודענט פון סמירנע, עליאָס בענאַלטאַזאַר, אַן איידעלער, אַ פיינער, וואָס האָט מיר דערציילט, אַז ער שטאַמט פון אַן אַמאָליקער פאַמיליע פון פּאָרטוגעזישע ראַבינאָס. איך האָב אָבער זיין ליבע נישט אָנגענומען, מחמת איך בין שוין דאַן געווען פאַרליבט אין אַ האָנ־

דוראַסער קריסטלעך ייִנגל, אַן אמתן אַטלעט, הויך און שלאַנק ווי אַ טייטלבוים און שטאַרק ווי אַ „הערקולעס". איך בין אָבער פון דעם שיינעם האָנדורעניאַ העסלעך אָפּגעגאַרט געוואָרן. דער יידישער בחור איז אַוועק פון מעקסיקאָ אַ צעווייטיקטער און קיינער ווייסט נישט, ווו ער איז אַהינגעקומען. אַן אַנטוישטע, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איך בין אַן אינדיאַנערין און איך וועל נאָר דאַן זיין גליקלעך, ווען איך וועל מיין גורל פאַרבינדן מיט איינעם פון מיין שטאַם. אַז איך וועל האָבן דאָס גליק צו האָבן אַ חבר אַן אינדיאַנער, און דערצו נאָך אַ געלערנטן, וועט ער וויסן ווי מיך צו שעצן און וועט מיר נישט פאַרוואָרפן מיין אָפּשטאַם...

— איך בין צוריקגעקומען אין דאָרף, ווו מ'שעצט מיך, און ווו איך וועל ווידמען מיין לעבן צו דערציען די אינדיאַנער קינדערלעך אין גייסט פון ליבשאַפט און חברלעכקייט פון מענטש צו מענטש, אַזוי ווי דער הער ענגעלס מיט זיין פאַמיליע זענען, און אַזוי ווי די יידישע יינגלעך און מיידלעך, וועלכע איך האָב דערקענט אין מעקסיקאָ־סיטי, זענען. און אַז עס וועט אויסוואַקסן אַ דור געלערנטע אינדיאַנער, וועט ביי זיי פאַרשווינדן דער אינפעריאָריטעט־קאָמפּלעקס, און די אַרומיקע וועלט וועט זיך מוזן רעכענען מיט זיי ווי מיט מענטשן גלייכע צו גלייכע.

שטעט און מאָנומענטן פון די ערשטע מענטשן אין אַמעריקע

דער זייגער האָט געוויזן, אַז עס איז שוין האַלב דריי פאַרטאָג. דער מילכוועג איז ברייט און לאַנג געווען אָנגעפּיקעוועט מיט פינקלדיקע שטערן, גרויסע, קלענערע, פּיצעלעך און מיקראָסקאָפּישע. דער הינטערגרונט — העלבלוי, מונקלבלוי — כמעט שוואַרץ. די לבנה — אַ דינינקע ווי אַ זילבערן האַלברייפל, איז געווען ווי איינגעפּאַסט אין הויכן בלויקייט, נישט רירנדיק זיך פון אָרט.

מיך האָט שוין אַ ביסעלע געשלעפערט, ווייל די פאָריקע נאַכט, איידער איך בין אָנגעקומען אין ישוב פון טשובולקאָ, האָב איך גענעכטיקט ביי אַן עסטרייכישן זייער רייכן קאָלאָניסט וואָס איז אויך געווען אַ קעז־פאַבריקאַנט. די גאַנצע פאַמיליע — „זייער גוטע און זויבערע מענטשן", האָט מיך באַהאַנדלט זייער פיין, ממש ווי אַ בן־מלך, אַבי איך האָב נאָר גוט געצאָלט, טייערער ווי אין אַן ערשט־קלאַסיקן האָטעל. „געשלאָפן" בין איך אין דעם זעלבן צימער, וואָס די גאַנצע פאַמיליע, אַריינגערעכנט צוויי ריזיקע „בלוט־הינט" און צוויי רויטע טשאַו־טשאַו הינט, מיט בלויע צינגער און קעפ ווי בערן, און דריי סייק־טעריער הינטלעך. די ווענט פון די צימערן זענען געווען פול מיט אַלערליי בילדער פון הייליקע, און צוויי גרויסע גיפּסענע סטאַטועז פון יויזלען מיט זיין מאַמען, פאַר וועמענס פיגורן עס האָבן געצאַנקט נר־תמידס...

טאַקע זייער אַ פרומע פאַמיליע, טאַקע זייער אַ סך צלמים און הייליקע בילדער, און טאַקע געזאַלצענע און געפעפערטע פרייזן. שלאָפן איז אָבער געווען אוממעגלעך צוליב די רעגימענטן פליי, וואַנצן און קאָמאַרעס, וואָס האָבן מיך געביסן און געשפרונגען, געביסן און געשטונקען, געביסן און געזונגען...

נאָר מיקסטעקסלאַסטל טזינטלאָנקאַסטל האָט נאָך נישט געקלערט פון גיין שלאָפן, און באַמערקנדיק מיך אַ פאַרשטעלטן גענעץ־טאָן, האָט זי מיך געפרעגט, צי זי לאַנגווייליקט מיך נישט.

איך האָב איר דערציילט פון מיין פלייאיקער, וואַנצנדיקער און קאָמאַרנדיקער נאַכט אין אַ סביבה פון מענטש און הונט, אַן אָדיסייע ביים עסטרייכישן

אַדלמאַן, מיטן נאָמען פראַנץ אייזנשמידער. דאָס מיידל האָט אויפגעלעבט און מיר דערלאַנגט אַ גרעסער גלאָז קאַווע, פון די בעסטע וועראַפּאַזער, און זיך אויך גענומען. דערנאָך האָבן מיר פאַררויכערט זייער גוטע בלעטער־ציגאַרן, וואָס איר מאַמע וויקלט פאַר דער אייגענער פאַמיליע און דעם רעשט פאַר־קויפט זי.

נאָך אירע צוויי זייער באַלערנדיקע דערציילונגען האָט זי מיר אויסגעזען אין דער טונקעלער וועראַנדע אַ ביסל אָנגעמאַטערט. האַרט לעבן מיר האָב



מעגאַליטן־מאָנומענטן
אויסגעסקולפּטירטע דורך די אור־
מענטשן פון קאַפּאַן

איך געפילט איר אָטעם, דעם צאַפּל פון איר יונג לייב און דעם טיק־טאַק פון איר ברויזנדיק האַרץ. איך בין אָבער אין דער איינזאַמקייט מיט איר אַליין גע־ווען ווי אַ נזיר: נישט נאָר איך האָב זי מיט קיין האַנט נישט אָנגערירט, איך האָב דעם מינדסטן זשעסט נישט געמאַכט, וואָס זאָל זי קענען באַליידיקן. ווי הייסט, אַזאַ געבילדעט מיידל, אַזאַ וועלטלעכע, אַזאַ פילאָזאָפישע!...

— ווי אַלט זענט איר, פריינט מאַרקוס? — האָט זי מיך אַ פרעג געטון נאָך אַ ווילע שטילשווייגן.

— זעקס און צוואַנציק יאָר, — האָב איך איר געענטפערט, און זי צוריק־געפרעגט אויף איר עלטער.

איך בין געוואָרן 21 יאָר, און זע אויס אַ סך יינגער, און איר, פריינט

מאַרקוס, זעט אויס עלטער ווי איר זענט: נישט פיזיש מיין איך, נאָר צוליב אייער ערנסטקייט, וואָס איך פאַרשטיי נישט, צי זי איז אַן ערנסטע פון די טיפענישן פון אייער נשמה, צי דאָס איז אַ פיקטיווע? איך פרעג עס אייך ווי אַן עלטערע פרוי ווי איך בין — ווען איר זיצט ווי אַ געץ, זאָלט איר מיר אַנטשולדיקן, אַזוי נאָענט מיט אַ יונג מיידל, ווי איך בין...

— איך דענק, אַז אַזוי דאַרף זיין: קאָרעקט מיט אַ מענטש, וואָס האָט צו מיר צוטרוי. בפרט, ווען עס האַנדלט זיך פון אַזאַ מענטש מיט אַזאַ בילדונג, מיט אַזוי פיל פאַרשטאַנד און מיט אַזאַ געזעלשאַפטלעך־וועלטלעכן קוק אויפן לעבן.

— יאָ, איר טוט זייער קאָרעקט, פריינט מאַרקוס, אַזוי דאַרף טאַקע זיין: אַ מענטש דאַרף אָבער אויך זיין אַ שטיקעלע פסיכאָלאָג און פאַרשטיין דעם צווייטנס געפילן. יעדעס בלעטל, גרעזעלע און בלימעלע לעבן אויף, ווען זיי דערפילן דעם מינדסטן שטראַל פון פרילינג, און די זון וואָלט גאָר קיין יחסנטע נישט געווען, ווען דיביימער, גראָזן און פייגעלעך און אַלע אַנדערע באַשעפענישן וואָלטן צו איר זייערע הונגעריקע בליקן נישט געווענדט...

מיין האַרץ קלאַפט, פונקט ווי איך וואָלט נישט געווען קיין געלערנטע און פונקט ווי ביי יעדן בעל־חי. עס בענקט זיך מיר אַזוי שטאַרק נאָך אַ מענטש, וואָס זאָל מיך פילן און פאַרשטיין, אַז איך נויטיק זיך אויך אַ מאָל אין צערטלעכקייט, אין מענטשלעכער אמתדיק חברלעכער צערטלעכקייט, נישט אַזוי פיזישער, פיזיאָלאָגישער, נאָר איבערהויפט גייסטיקער, אַזאַ ווי אייער מלך שלמה האָט געשריבן אין זיין באַרימטן שיר השירים...

— דאַרף דען אַ פרוי האָבן מער בילדונג ווי מאַדאַם קורי? פונדעסטוועגן האָט זי געפירט אַ גליקלעך פאַמיליען־לעבן, און האָט דען די היינטיקע מענטשהייט אַ גרעסערן גאון און געלערנטן ווי אַלבערט איינשטיין? און פונדעסטוועגן האָט אויך ער געפונען אַ טרייסט אין אַ פרוי.

— יאָ, יאָ, מיקסטעקסלאַסטל טזינטלאָנקאַסטל, אַזוי איז דאָס לעבן, — האָב איך איר געענטפערט אַ ביסל צעשטרייט.

— טאָ פאַרוואָס זענט איר אַנדערש ווי דאָס לעבן, פריינט מאַרקוס? — האָט זי מיך געפרעגט מיט אַ בייסנדיקער איראָניע.

— מיינט איר אפשר, אַז די זון האָט ליכט און וואַרעמקייט בלויז פון אירע קוואַלן?... אמת, אַז די זון האָט אין איר שויס ברענשטאָף נאָך אויף טויזנטער יאָרן, מיליאָנען יאָרן. אָבער איר הויפטקוואַל זענען די מיליאָנען אַעראָליטן, קאָמעטן, סאַטעליטן און אַנדערע הימלישע קערפּערס, וואָס קומען צו פליען צו איר, צוגעצויגענע דורך איר ליכט און שטראַלנדיקער שיינקייט, און פאַראייניקן זיך מיט דעם גרויסן פלאַקער אין איין העליש פייער. און אַלע אינאייגעם גיבן זיי אַרויס פון זייער פעטשבלענדאַ דעם שטראַלנדיקן אוראַניום, די פלאַקערדיקע

אַטאָמען, די עלעקטראָנען און ראַדיאָדאָרן, וואָס לעבן אויף אַ וועלט מיט וועלטן און אַלץ וואָס אויף די וועלטן געפינען זיך... אָבער וואָס איז שייך אייער קאָרעקט־קייט, וועל איך אייך אָנווייזן אויפן שענסטן פּלאַנעט, וואָס מיר זעען פון דער נאָענט: — די לבנה. זי לעבט אַליין פאַר זיך... דערפאַר איז זי אַזוי קאַלט, טויט־קאַלט און אַלץ אַרום איר איז אויך טויט־קאַלט...

צומאָרגנס,ביים אָנבייסן, האָט זי מיך געפרעגט, צי איך ווייס עפּעס וועגן די ערשטע מענטשן פון אַמעריקאַנער קאָנטינענט, און צי איך קען שוין די חורבות פון די אַמאָליקע קיטשעס און מאַיאַס־ציוויליזאַציעס, חורבות מיט טיילן פון זייערע איבערגעבליבענע מאָנומענטן, און אויב איך קען זיי נאָך נישט, וועט זי מיר זיי ווייזן.

— עס וועט אייך אָבער מוזן קאָסטן אפשר מער ווי אַ הונדערט דאָלאַר, מחמת איך בין זייער אָרעם ,און האָב נישט אויף רייזע־הוצאות, — האָט דאָס מיידל אָנגעמערקט נישט דרייסט.

צווישן די חורבות פון פּאַפּאַקאַטעפּעטל

מיין טילבורי מיט אַ פיינעם לעדערנעם דאַך, דאָס פערד, מיין סיינאַ — נאָך אַ בעסערס, האָט גאָר קיין בייטש נישט באַדאַרפט, און דערצו נאָך אַן אויסגערוטער פון צוויי מעת־לעת, בין איך מיט דער אינדיאַנערין־פּילאָזאָפקע אַרויסגעפאָרן.

איך בין, צום גליק, נישט קיין כהן. איך גיי אַרום איבער געוועזענע גאַסן פון אַ געוועזענער שטאָט, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן אין דער בלי־צייט פון די קיטשעס און מאַיאַס־ציוויליזאַציע אויף דער לינקער זייט פונעם טייך פּאַסיאָן, אין דער געמיינדע פון לאַ ליבערטאַד אין דעם דעפּאַרטאַמענט פּעטען. איך פרעג די צוויי אָרטיקע פירערס אונדזערע, ווי אַזוי די געוועזענע שטאָט האָט אַמאָל געהייסן. קיינער פון זיי ווייסט מיר נישט צו ענטפערן. דערפאַר אָבער ווייסט יאָ מיקסטעקסלאַסטל טזינטלאָנקאַסטל: — די שטאָט האָט געהייסן פּאַפּאַקאַטעפּעטל.

איך האָב זי נישט איבערגעפרעגט און נישט דיסקוטירט מיט איר וועגן דער ריכטיקייט פונעם נאָמען. איך האָב נאָך נישט דורכגעשטודירט די גאַנצע געשיכטע און געאָגראַפיע פון דעם וואַלדיקן טראָפּיק פון היינט, פון דעם אַ סך, וואָס איז געווען אַמאָל... אָבער וואָס איז מיר די נפקא־מינא, ווי אַזוי די שטאָט האָט געהייסן אַמאָל, בעת זי האָט ממש געשטראַלט, ווען איך שטיי איצט פּנים־אל־פּנים מיט די בערג פון חורבות, וואָס זענען אַמאָל געווען הייזער, שולן, טעאַטערס, צירקן, און שפּאַציר־פּלעצער פול מיט לעבן, פול מיט מענטשן...

25 קוו' קילאָמעטער פאַרנעמט דער שטח פון דער אַמאָליקער שטאָט, וואָס די ציוויליזירטע באַרבאַרן האָבן, בעת דער אינוואַזיע און גאָלד־זוכעניש, אויסגעגלייכט מיט דער ערד. יאָ, די ציוויליזירטע און קולטורעלע ווייסע האָבן אין זייער באַגער נאָך גאָלד און זילבער זיך אויפגעפירט באַרבאַרישער פון די ערגסטע קאַניבאַלן און האָבן פאַרניכטעט יעדן שפּור פון ציוויליזאַציע און קולטור, וואָס די קיטשעס און מאַיאַס האָבן געשאַפן במשך פון צענדליקער דורות.

אָט טרעט איך אויף אַ בערגל פון דריי מעטער הויך. אַ צווייט בערגל — העכער, אַ דריטס, אַ פערטס, 8, 15 און ביז 25 מעטער די הויך, באַדעקט מיט זאַמד

און שטויב, וואָס די שטורעם־ווינטן האָבן, אין אַ משך פון יאָרהונדערטער, אַרויפגעשיט, פון וואַנען עס שטאַרצען אַרויס אייניקע טורעם־חורבות פון אַמאָ־ליקע פּאַלאַצן אָדער טעמפּלען. ביים באַזיס פון אַזאַ מין בערגל שטייען פיר מאָנאָליטן פון נאַטירלעכע קאַלכשטיינער, אַרויפגעשטעלטע אויף פּיעדעסטאַלן פון פיין־געשניצטע גראַניט־שטיינער, וועלכע קוקן צו די פיר קאַרדינאַלע פּונקטן פון האָריזאָנט. די מאָנאָליטן־סטאַטוע, וואָס קוקט צו מזרח, האָלט פיר מעטער

אור־אַלטע מאָנומענטן

פון פּאַפּאַקאַטעפּעטל

מיט 25 צענטימעטער די הייך, און איז אַ גאָר פיינע סקולפּטור־אַרבעט, זעט אויס, געמאַכט מיט אַ ספּעציעלער דעליקאַטקייט. אין איינער פון זיינע פיר זייטן איז אויסגעשניצט אַ מענטש אין דער נאַטירלעכער גרייס, וואָס שטעלט פאָר אַ קריגער באַוואָפנט מיט פייל־ און בויגן, און ער שטייט מיט די פיס אויף פיגורן פון שקלאַפן, וואָס וואַלגערן זיך אויף דער ערד. דער שטיינערנער קריגער איז באַפּוצט מיט פיין־סקולפּטירטע פעדערן, און אויף דער ברוסט האָט ער אויסגעגראַווירט די זון — אַ באַדייט, משמעות, אַז ער איז געווען אַ דינער פון

גאָט פּאַנאַטין (די זון). דער מאָנאָליט, וואָס שטייט אין צפון־ווינקל, האָט פיר מעטער די הייך. די סקולפּטור אויף דעם מאָנאָליט איז געמאַכט אין נידעריקן רעליעף, און שטעלט פאָר אַ פּרווי אין דער נאַטירלעכער גרייס, וועלכע שפּילט אויף אַ קליינער האַרפע. דער מאָנאָליט פון דער מערב־זייט האַלט דריי מעטער, און ער האָט אויסגעשניצט פונקט אַזאַ מין פיגור, ווי דער צווייטער מאָנאָליט. די מאָנאָליטן פון צפון און דרום־זייטן האַלטן שוין נישט מער ווי דריי מעטער מיט 25 צענטימעטער די הייך און שטעלן פאָר קריגס־העלדן, וועלכע גלעטן צופרידן אַ נאַרוואָס געבוירן קינד. אַלע פיר מאָנאָליטן זענען אויך באַפּוצט מיט פיין־געסקולפּטירטע הערבן, אַלערליי צאַצקעס און אויפשריפטן, וואָס נישט איך און נישט אפילו מיקסטעקסלאַסטל טזינטלאַנקאַסטל האָבן געוווּסט איבערצו־לייענען...

דאָס בערגל, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט די פיר אויסגעהאַקטע מאָנאָליטן מיט די מאָנומענטאַלע פיגורן, האָט אַ קאָנישע פאָרעם, הגם עס איז מעגלעך, אַז זיין פּרימיטיווע פאָרעם איז אפשר גאָר געווען פּיראַמידיש, מיט אַ פּירקאַנ־טיקן באַזיס, וועמענס פּראָנטן פון אַ האַרטן גראַניט זענען קינסטלעריש גע־שניטן לויט פאַכמענישע יסודות.

נישט ווייט פונעם בערגל זע איך די רעשטן פון אַ פּאַלאַץ, וואָס מיין געלערנ־טע אינדיאַנערין זאָגט מיר, אַז דאָס איז געווען אַ טעמפּל צום גאָט טלאַלאָק. זי פירט מיך אַריין אין די רואינען, וווּ זי ווייזט מיר פראַגמענטן פון אַ סטאַטוע פון קרעטאַ־שטיין, געפאַרבט אויף קאַרמין־רויט, און וועמענס גרויס שטייגט איבער טאָפּלט די נאַטירלעכע מאָס פון מענטשן, און לויט ווי די מיקסטעקסלאַסטל און די צוויי אינדיאַנער פּירערס האָבן מיר געזאָגט, איז די סטאַטוע פון אַ געץ, טאָקע אפשר פונעם גאָט טלאַלאָק. אין מזרח־זייט פון דעם געוועזענעם טעמפּל, צופוסנס פון אַ בערגל פון אַ צען מעטער די הייך, שטייט אַ צווייטער מאָנאָליט אין דער פאָרעם פון אַ פּירקאַנטיקער פּריזמע און די סקולפּטור, וואָס איז אויס־געשניצט אין דעם האַרטן מאָנאָליט, שטעלט פאָר אַ מענטש, וואָס שטייט מיט אַ באַסקולאַ־וואָג אין דער רעכטער האַנט. דער זעקסטער מאָנאָליט, אַ פינף מע־טער אָפּגערוקט אין מזרח־זייט פונעם פינפטן, איז פון נאַטירלעכן קאַלכשטיין, און האַלט צוויי מעטער מיט 40 צענטימעטער די הייך, און די סקולפּטור־אַרבעט אין נידעריקן רעליעף שטעלט פאָר מיט זיך אַ בחורל, באַפּוצט מיט אַלערליי צאַצקעס, און איבער זיין קאָפּ און אונטער זיינע פיס און אין אַלע ליידיקע ער־טער אַרום דער פיגור זענען פאַראַן יעראָגליפישע אויפשריפטן. אַרום אים גע־פינען זיך גרופּעס מענטשן, וואָס שפּילן זיך אין עפּעס אָדער שמועסן עפּעס צווישן זיך.

— זעט, פריינט מאַרקוס, — האָט מיקסטעקסלאַסטל צו מיר געזאָגט, —

לויט די חורבות, לויט אָט די רעשטן קען דער וויסנשאַפטלער, דער היסטאָרי־קער און פאָרשער זיך פאָרשטעלן די קולטור און ציוויליזאַציע־שריט פון דער קיטשע ־מאַיאַ ראַסע, וועלכע האָט אַמאָל באַוווינט דעם גאַנצן יוקאַטאַן־געביט, וואָס געהערט היינט צו מעקסיקאָ, בעליסע, וואָס די גייציקע ענגלענדער האָבן ביי אונדז צוגענומען און זיך פאַראייגנט, גאַנץ פּעטען, איזאַבאַל, נידערי־קער וועראַפּאַז און הויכער וועראַפּאַז, וואָס האָבן אַ שטח אַ סך גרעסערן פונעם היינטיקן גוואַטעמאַלאַ... קומט, פריינט, וועל איך אייך באַווייזן:

— איך גיי נאָך שטיל און צעוויטיקט, זעענדיק די גרויסקייט, דעם פאַרנעם פון אייניקע חרובע הייזער, די רעשטן פון וווּנדערלעכע מאָנומענטן צערייסט זיך מיר ממש מיין האַרץ. ס'איז טאַקע אַ פרעמדע ציוויליזאַציע, אַ קולטור פון אַ פאָלק, וואָס איך קען ערשט נישט מער ווי אייניקע חדשים. אָבער עס פאַר־דריסט, פאַרוואָס מענטשן זענען אַזוי בייזוויליק. נאָך וואָס און פאַרוואָס צעשטערן אַזעלכע שיינע שטעט? נאָך וואָס צעברעכן און צעשטערן אַזוינע קונסטפולע סטאַטועז און פּאַלאַצן? צוליב זוכעניש פון גאָלד, זילבער און בריליאַנטן?... איז דען נישט גענוג וואָס די זיגרייכע חיילות שעכטן אויס די מענטשן?...

עס האָט מיר געוויינט דאָס האַרץ, זעענדיק די שרעקלעכע קולטורלאָזיקייט פון די אייראָפּעאישע „קולטור־מענטשן”, וואָס זענען געקומען צו אַזעלכע פאַר־געשריטענע פעלקער, און אַלץ צעשטערט, כדי צו פאַרפלאַנצן אַ נייע קולטור, אפשר אַ צוריקגעשטאַנענערע... האָבן די יידישע שונאים נישט געטון דאָס זעלבע מיטן יידישן פאָלק און לאַנד?... איך בין קיינמאָל נישט געווען אין ארץ־ישראל, אָבער עס האָט זיך מיר דאָרט געדאַכט, אַז איך בין אין די אַמאָליקע שטעט פון געוועזענעם יידישן לאַנד און טרעט אויף די חורבות פון אַמאָליקן יידישן רום, יידישן שטאָלץ... כ'דאַרף גראָד נישט זיין אַ מיליטאַנטישער ציוניסט, כדי צו פילן יידיש, פונקט ווי איך בין נישט קיין אינדיאַנער און פיל אינדיאַניש...

— איר זעט, פריינט, — האָט מיקסטעקסלאַסטל טזינטלאָנקאַסטל מיר גע־וויזן: — אָט דאָ איז אַמאָל געווען אַ גאַס, אַ ברייטע גאַס, אפשר אַ פרינציפּאַלע, און דאָ־אָ, וווּ עס שטייען די ריזיקע מעגאַליטן, איז אַמאָל געווען אַ פאָלקס־טעאַטער, אָדער אַ צירק. דאָס זענען געווען אמתע פּאַלאַצן! זעט נאָר די איבער־געבליבענע שטיקער ווענט, די שטיקער פּולירטע גראַניט־שטיינער, מערמל־שטיינער און קאַלכשטיינער. זעענדיק די פיינע ווינקל־שטיינער און פונדאַמענטן קען מען זיך פאָרשטעלן די גרייס אָדער די מאָס פון יעדער געביידע באַזונדער...

— און איך וועל פרעגן די גייסטער אָדער נשמות פון יענע באַרימטע אינ־וואָזאָרן: וואָסערע נוצן האָט אייך געברענגט דאָס צעשטערן אַזעלכע שטעט, אַזוי־נע שיינע סטאַטועז, דענקמעלער, מוזעאומס און מצבות? און היינט, הונדערטער יאָרן נאָכדעם, ווי איר האָט אַלץ פאַרניכטעט, די מענטשן אויסגעמאָרדעט און די

ביכער פאַרברענט, זוכט מען און מען באַמיט זיך כאָטש עפּעס צו געפינען אַ גאַנצס, אָדער כאָטש שטיקלעך פון אַ גאַנצס, כדי צו פאָרשן יענע גרויסע קולטור און ציוויליזאַציעס, וואָס איר האָט אַזוי אכזריותדיק אומגעבראַכט...

מיין דראַנג צו זען און צו פאַרצייכענען כאָטש עפּעס פון די מערקווירדיקע איבערבלייבענישן פון יענער אַמאָליקער גראַנדיעזער פאַרגאַנגענהייט האָט מיך אַוועקגעפירט צו די חורבות פון קיריגואַ אין דעפּאַרטאַמענט איזאַבאַל: די רואי־נען ליגן אַ 15 קילאָמעטער פונעם דאָרף קיריגואַ און צוויי מיט אַ האַלבן קילאָ־מעטער פונעם שנעל־לויפנדיקן טייך מאָנטאַגואַ, און זיי זאָגן עדות וועגן אַן אַמאָליקער געוועזענער שטאָט, פול מיט לעבן און אונטערנעמונגס־גייסט.

די וויכטיקסטע מאָנומענטן, וואָס איך וועל פּרווון זיך פאַרצייכענען זענען: זעקס פּירקאַנטיקע זיילן אָדער קאָלומנעס פון 11 ביז 26 פוס די הייך און פון דריי ביז פינף פוס די דיקביים באַזיס. אָט איז געבליבן ליגן אַ פלאַטשיקער רונדער שטיין, ווי אַ פּלאַטע, אָדער דיסקע פון 12 פוס אין דיאַמעטער. אַ צווייטער שטיין, אָוואַל־פאָרמיק, פון זעקס פוס די הייך און 35 פוס דער אומקרייז. אַ דריטער שטיין פון דריי פוס אין דיאַמעטער און צוויי פוס די הייך און אַ פראַגמענט אויך פון אַ מאָנומענט, וואָס האַלט 16 פוס די לענג אויף פינף די ברייט. דאָס זענען אַלץ מאָנומענטן פון זאַמדשטיינער, וואָס די אינוואַזאָרן און קאַטאַקליזמען האָבן צעשטערט.

נישט ווייט פון דער אָזערע „דע לאָס אידאָלאָס“ שטייט אַן אַרטיפיציעלער באַרג, און דערנעבן ווידער א שלל פון מערקווירדיקע חורבות פון אַמאָליקע גרויס־קייטן, וואָס זענען היינט פול מיט שטיינדלעך, פון די, וואָס ווערן גענוצט פאַר בעטאָנענע געביידעס, וואַרשיינלעך אַרויסגענומענע פון טייך מאָנטאַגואַ, וואָס לויפט נישט ווייט פון דאָרטן. באַלד ביים באַזיס פונעם אַרטיפיציעלן בערגל זענען נאָך געבליבן שטיין ווי אַ דענקמאָל דריי פּירקאַנטיקע קאָלומנעס, וואָס יעדע פון זיי האָט אויסגעסקולפּטירט א מענטשלעך פנים און גאָר אַ סך העראָגליפישע צייכנס, וואָס שטעלן פאָר יאַגואַרן, זשאַבעס און אַלערליי אַנדערע חיות, ביימער און פלאַנצן. זעט אויס, אַז די מענטשן פון די ערטער האָבן אויך פאַרגעטערט חיות און בוימער, פונקט ווי די מצרים און פלישתים. לויט מיין פירערין האָט מיר געזאָגט, האָבן די אינדיאַנער פון קיריגוא געדינט צו אַ סך אויסגעטראַכטע געטער און אין מעטעמפּסיכאָזע*). דערפאַר דענקט זי, אַז אַ סך אינדיאַנער שטאַמען פון די אמאָליקע מצרים, וועלכע האָבן געגלויבט, אז די נשמה פון אַ מענטש קען מגלגול ווערן אין אַ בהמה, אין אַ קאַץ, אַ שעפּס אאַ״וו. דערפאַר טאַקע האָבן די מצרים נישט געוואָלט עסן קיין פלייש און האָבן פאַרגעטערט

*) גלגול הנשמה, אָדער גלגול הנפש.

שעפסן און קעץ. פיטאגאָראס האָט די דאָגמע איינגעפירט אין גריכנלאַנד. ביי די יידן איז אויך פאַראַן די פּיטאַגאָרישע פילאָזאָפיע, פונקט אַזוי ווי ביי די בראַהאַמינער...

אין דרום פון ערשטן אָבעליסק שטייט דער העכסטער פון די זעקס קאָלומנעס, וואָס זענען געבליבן פון יענע חורבות. זי מעסט 7 מעטער מיט אַכט צענטימעטער די הייך און איז געמאַכט פון אַזאַ צעמענט, געמישט מיט זאַמד און וואַסער־שטייגדלעך. דאָס איז דאַכט מיר דער זעלביקער מאַטעריאַל, מיט וועלכן די היינטיקע בוי־מייסטערס בויען די ריזיקע הימלקראַצערס.

דער מאָנומענט שטייט איינגעבויגן אין אַ זייט גאַנצע דריי מעטער מיט צען צענטימעטער קעגן זיין פּערפּענדיקולאַר, און דאַך פאַלט ער נישט אום, מחמת דעם ריזיקן פונדאַמענט, וואָס איז טיף איינגעגראָבן אין דער ערד. די סקולפּטור



פּרעהיסטאָרישע פּרעכטיקע מאָנו־
מענטן פון קיריגואַ און קאָפּאַן

פון דער מענטשלעכער פיגור אויף דעם אָבעליסק איז זייער אַ קאָרעקטע, הגם אַ קוריעזע. אפשר פון אַן אָפּגאָט און אפשר פון אַן אַמאָליקן קעניג זייערן. און עס זעט אויס, אַז דער סקולפּטאָר האָט געהאַט די כוונה אים צוצוגעבן וואָס מער עקזאַקטקייט, פּראַכט און רעליעפקייט. דאָס ווייזט, אַז דער פּערסאָנאַזש האָט טאַקע געמוזט זיין פון גרויס חשיבות. די געשטאַלט איז, ווי געזאָגט, אַ גאַנץ קאָרעקטע, בלויז דאָס מויל איז אין דער לינקער זייט אַ ביסל צו ברייט. די אויערן זענען

כמעט קוואַדראַטנע מיט ריזיקע אויערינגען. אויפן פּנים פון דעם גאָט זעט זיך אַ צוויט מענטשלעך פּנים, און אויף דער ברוסט זעט זיך די געשטאַלט פון אַ פּיצל קינד, וועלכעס שטייט בלויז אויפן גראָבן פינגער פון זיין לינקן פוס, אויפן גראָבן פינגער פון דעם געצס רעכטער האַנט

איך בין געווען אַריינגעטון מיט אַלע מיינע מחשבות אין דעם גרויסן און רומ־פולן אַמאָל און געטראַכט וועגן דעם, וואָס די מענטשישע מוחות האָבן דערפונדן און מענטשלעכע הענט האָבן געקאָנט מאַכן מיט זייער מי, פלייס און שווייס, און וואָס די זעלביקע נאַטור און מענטש האָבן צעשטערט. איך האָב געטראַכט וועגן דעם גרויסן עבר פון די אינדיאַנער, וואָס איז אַזוי שוידערלעך צעשטערט געוואָרן און געמאַכט אַ פּאַראַלעל מיטן יידישן עבר. איך האָב געטראַכט וועגן יידישן מאָרגן, וועגן ליכטיקן עתיד, וואָס וועט נאָך קומען פאַרן יידישן פאָלק, צוזאַמען מיטן עתיד פאַר דער גאַנצער מענטשהייט און פּלוצים האָב איך דערהערט אינעם חלל פון די רואינען דעקלאַמירן דוד איינהאָרנס ליד:

— גיי וואָס ווייטער, גיי וואָס ווייטער,

— גיי וואָס ווייטער, גיי וואָס ווייטער,
אַך, מיין פריינט, קער זיך נישט אומעט,
ווייל הינטן וועסטו זען נאָר חורבות,
שטילע ווינונגען פון אומעט.
אומעטום איז זאַמד און דערנער,
האַלבע ווענט, צעשטערטע זיילן,
פּוסטע טעמפּלען, סאָוועס נעסטן,
פונעם בלאָסן מאָנד באַלויכטן!... או״וו.

איך בין נאָכגעגאַנגען נאָך דעם קול און בין צוגעקומען צו דעם אָרט, ווו די פרוי האָט דעקלאַמירט. דאָס איז געווען אַ יידישע טאָכטער מיט איר מאַן, נאָרוואָס חתונה־געהאַטע אין נאָרד אַמעריקע, וואָס האָבן אין זייער האָניק־חודש געמאַכט אַ שפּאַציר איבער צענטראַל־אַמעריקע און זענען אויך געקומען אָנקוקן די צעשטערטע גרויסקייטן פון די קיטשע־מאַיאַס. זי הייסט ברכה יערו־סאַלימסקי — האָט זי מיר געזאָגט — איז פון אָדעס און איר מאַן הייסט אַלטער אַלעקסאַנדער זישע פון סראָצק, פּוילן:

מיר זענען שוין געווען אין מעקסיקע, און דענקען אין אַ טאָג צען אַרום צוריק צו פאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. — ביידע זענען זיי געלערנטע אין רוסיש, פּויליש און ענגליש. און דאָך איז זיי ליבער פון אַלץ, מאַמע־לשון — יידיש. זי קען פערזענלעך אַ סך יידישע פּאָעטן, שרייבער און זייערע שאַפונגען. דערפאַר האָט זי, געפינענדיק זיך צווישן די חורבות און סאָוועס־נעסטן דעקלאַ־

מירט דוד איינהאָרנס ליד... לא אלמן ישראל, — האָב איך אַ געטראַכט געטון. אויב אַ יידישע טאָכטער מיט אַ דרייפאַכער וועלטלעכער בילדונג געפינט פאַר נוי־טיק צו דעקלאַמירן אין יידיש, אין אַן איינזאַמען אָרט, וועמענס צושויער איז בלויז איר מאַן און די קאַלטע צעשטערטע טעמפלען און מאָנומענטן. זי האָט נישט געוווסט, אַז נאָך אַ ייד קריכט אַרום צווישן די חורבות...

אָט שטייען מיר שוין זאַלבע זעקס לעבן צוויי ריזיקע געטשקע־שטיינער, אויסגעסקולפּטירטע פון אַלע פיר זייטן מיט מענטשלעכע פיגורן. מעגלעך, אַז די שטיינער זענען געווען מזבחות פאַר די געטער. די פאָדערשטע זייט פון איין מזבח איז געפאַרבט אויף רויט. אויבן זעט זיך דאָס פּנים פון אַ חיה, וואָס איז ענלעך צום יאַגואַר און אונטן אַ מענטשלעך פּנים. די הינטערשטע זייט פונעם מזבח האָט אַ זעלטן־פיינעם פאַס פון זעקס קוואַדראַטן מיט עמבלעמען, אָדער העראָגליפישע צייכנס. דער צווייטער מזבח איז איפּאָרמיק. זיין אויבערפלאַך איז באַדעקט מיט סימבאָלישע פיגורן אין האַלבן רעליעף. איינע פון די פיגורן שטעלט פאָר מיט זיך אַ פרוי אַן הענט און אָן פיס, וואָס זיצט מיט די אָרעמס אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד. דער שטערן פון דער פרוי איז אַביסל צו שמאָל, איינגעזונקען אויבן ביי די האָר און איז אַביסל אַרויסגעשטאַרצט ביים אָנהייב פון דער נאָז.

איך האָב מיך געזעגנט מיט דעם פּלאַטערנדיקן יידישן פּאָרל. ער פון אַ יאָר 28 פון מיטעלער הייך, אַ העל־בלאָנדער. זי אַ העכערע — אַ ברונעטקע, ווי אַ ציגיינערין, 23 יאָר אַלט. איך האָב זיי געוווּנטשן די יידישע ברכה: 120 יאָר לעבן, געזונט און גליק און בין אוועקגעגאַנגען אָנקוקן די חורבות אין דער געגנט פון איקסמאַל, פּאַלענקע און נאַצקום, וואָס זענען לעצטנס אַנטדעקט געוואָרן דורכן פאָרשער, גראַף מאוריציאָ דע פּעריני, נישט ווייט פונעם טייך האָנדאָ.

אויף צו באַשרייבן גענוי, וואָס איך האָב געזען לעבן דעם טייך האָנדאָ, וואָלט איך באַדאַרפט פאַרנעמען עטלעכע הונדערט זייטן. ווייל איך מיך באַגענוגענען מיט דעם וויכטיקסטן, מחמת איך בין נשתומם געוואָרן, זעענדיק די גרייס, רחבות און פּראַכט, וואָס עס האָט געמוזט אַמאָל פאַרמאָגן די ריזיקע שטאָט אָן אַ נאָמען...

די שטאָט האָט, ווייזט אויס, געהאָט אַ פּעאָדאַלע סטרוקטור. דער צענטער הויבט זיך אויף ביז גאַנצע פופציק מעטער איבערן אָרום. דאָרט זענען געשטאַנען די קעניגלעכע פּאַלאַצן און אַרום זיי די אַנדערע פּרינציפּיעלע פּאַלאַצן, וואָס לויטן פּראַכט פון זייערע חורבות האָבן זיי, משמעות, געמוזט געהערן צו די מיטגלידער פון דער קעניגלעכער פאַמיליע, צום גרויסן קלער אָדער צו דער אַריסטאָקראַטיע.

די פּאַלאַצן און טעמפּלען זענען געבויט מיט אַ ספּעציעלער גוטער וואַפּנע, אָדער צעמענט מיט אַ געמיש פון זאַמד און שטיינדלעך, און איבערגעדעקט מיט גרויסע שטיינערנע בלאָקן, פיין באַארבעטע, שיעור נישט פּאָלירטע און באַפּוצטע מיט וווּנדערשיינע געזימסן און פּראַכטפולע אָרנאַמענטן, מיט קונסטפולע סקולפּ־

טור־אַרבעטן, וואָס קאָנען זיך נישט פאַרשעמען אפילו פאַר די היינטיקע מאָדער־נע קינסטלער.

אַרומקריכנדיק צווישן די חורבות, האָט זיך מיר ווידער דערמאָנט די יידי־שע הויפּטשטאָט ירושלים, צעשטערט דורך נבוכדנצרן און שפּעטער דורכן שרעק־לעכן רשע טיטוס...

וואָס עס ציט מיין אויפמערקזאמקייט צו דער שטאָט, זענען די גלייכע ליניעס, די פיינע געאָמעטריק פון אלע געביידעס, אָרנאַמענטן, געזימסן און באלקאָנען, ווי אויך די גאסן. די פּינקטלעכקייט איז אַזאַ, אַז דער קאָמפּאַס בייגט נישט אָפּ

סקאָטשיפּילו, דער גאָט פון די

בלומען, פון די קיטשעס,

מאַיאַס און אַצטעקן

אויף אַ האָר אַפילו, מחמת די שטאָט איז געבויט פּירקאַנטיק, לויט די אַסטראָ־נאָמישע וועלט־ווינקלען.

אַרויס פון דער געוועזענער שטאָט, שטייען די צעשטערטע טעמפּלען, אויך אין קוואַדראַטן, אויף פּירקאַנטיקע סקווערן, אָדער בלאָקן, פּונקט אַזוי ווי די גאַנצע שטאָט איז געבויט.

אויף די טעמפּלען דאָ און אין אַלע רואינירטע שטעט פון נאַצקום שטייען אויף פּירקאַנטיקע פּיעדעסטאַלן.

— איר זעט, פּריינט מאַרקוס, די גרייס פון די שטעט, מיליאָנען מענטשן האָט אַמאָל דאָס לאַנד פאַרמאָגט, און איצט?... די שפּאַניער האָבן אַלעמען אויס־געהרגעט. הונדערטער טויזנטער לעבנס זענען דורך זיי פאַרשניטן געוואָרן אין

סאַמע בליציייט פון מיין אַרבעטזאַם פאַלק! — האָט מיקסטעקסלאַסטל גערעדט מיט אַ געבראָכענער שטים.

און מיר האָט זיך טאַקע געדאַכט, גייענדיק איבער חרובע גאַסן, אַז איך הער שרייען פון דער ערד אַרויס: „מיר זענען אויסגעקוילעט געוואָרן אָן שום משפּט, אָן שום פּאַרוואָס. ברענג כאָטש אַביסל בלומען און צעשפּרייט איבער דער שטאָט, ווייל ווו דו גייסט, זענען קברים פול מיט מענטשלעכע גופים, און אויב נישט קיין קדיש, שעפּטשע כאָטש אַזוי עפּעס אַ תּפילה צו גאָט פאַר אונדזערע נשמות וועגן...

*
**

— איצט, פּריינט מאַרקוס, — האָט מיקסטעקסלאַסטל טזינטלאַנקאַסטל צו מיר געזאָגט, בעת איך בין צוריק געווען אין איר שטוב, — אויב איר האָט חשק נאָך עפּעס צו קענען, נאָך עפּעס צו לערנען און וויסן, וויל איך אייך בלויז פרעגן: קענט איר אויסגעבן נאָך עטלעכע צענדליק דאָלאַר? וועל איך אייך ווייזן די שענסטע וווּנדער פון דער נאַטור. איך וועל אייך ווייזן די הייל פון דעם הייליקן אַגוסטין פון לאַנקין, און איך וועל אייך דערקלערן יעדע זאַך, וואָס וועט אפשר פאַר אייך זיין אומפאַרשטענדלעך...

דורך צעדרייטע סטעזשקעס, איבער שאַרפע וואולקאַן־שטיינער, האָט זי מיך צוגעפירט צו דער הייל „סאַן אַגוסטין דע לאַנקין", וואָס לעבן דאָרף מיטן זעלביקן נאָמען אין צפון־מערב פון דער שטאָט קאַבאַן, די הויפּטשטאָט פון אַלטאַ ווערא־פּאַזער דעפּאַרטאַמענט.

די הייל געפינט זיך צווישן בערג, באַדעקט מיט אַ געדיכטן וואַלד, מיט אַלע סודות, וואָס אַזאַ מין בראשית יצירה פאַרמאָגט פון קדמונים אָן. די עפענונג פון דער הייל איז אויף אַ באַרג, וועמענס מויל איז איבערגעדעקט מיט צעקרימטע און איינגעפלאָכטענע צווייגן פון די בוימער, וואָס וואַקסן אַרום, און געפינט זיך 1250 מעטער פונעם דאָרף לאַנקין. גראָד דאָרט לויפט דער טייך לאַנקין, וואָס איז אין יענעם אָרט נישט מער ווי צען מעטער די ברייט, און פאַלט אַראָפּ פון אַ הייך פון אַכט מעטער מיט אַזאַ שרעקלעכן געפילדער, אַז איך האָב מיר געמוזט פאַרשטעקן די אויערן, כדי נישט טויב צו ווערן פון דונערדיקן קראַכן פונעם וואַסערפאַל. די ברייט פון טייך איז דאָרטן, ווי געזאָגט, נישט מער ווי צען מעטער ווייל די מים אדירים קומען דאָרט אַריין אין אַ שטיינערנעם גאָרגל פונעם קאַלכבאַרג. די טיפקייט איז מיר אָבער אוממעגלעך צו זאָגן. איך דענק, אַז עקזאַקט ווייסט אפשר קיינער נישט...

לויט מיין געוווינהייט צו מעסטן און צו ציילן האָב איך דאָ אויך געפּרוּווט. עס איז מיר אָבער נישט געגאַנגען: איך האָב פונעם באַרג אַראָפּ, פון זיין קאַלכ־

שטייניקן ברעג, צוגעבונדן צו אַ זייער פעסטן שפּאַגאַט פון אַ הונדערט מעטער די לענג א שטיין פון צען קילאָגראם און אים אַראָפּגעלאָזט אין תהום פון דעם צוזאַמענגעפרעסטן טייך פארן אראָפּפאַלן. דער שטראָם איז אָבער געווען אַזוי אימפּעטפול, אז דער צען־קילאָדיקער שטיין איז ממש געשווומען אויף דער אויבערפלאַך. בין איך געוואָרן אַ קלוגער, אַרויסגעשלעפּט דעם שטיין און צוגעבונדן אַ צווייטן, א מאַסיוון קיזלשטיין. איך האָב אים אַראָפּגעלאָזט פּאַמעלעך, צוהאַלטנדיק פעסט פארן צווייטן עק. איך בין אָבער שיעור נישט געשטרויכלט געוואָרן צוליב מיין נישט־תחבולהדיקער תחבולה, און בין שיעור נישט מיטגעשלעפּט געוואָרן מיטן שטיין אין אָפּגרונט אַריין. און מיטגעשלעפּט געוואָרן בין איך נישט צוליב דער שווערקייט פונעם שטיין, נאָר צוליבן שרעקלעכן געלויף פון דער גוואַלדיקער וואַסער־מענגע, וואָס האָט געשלעפּט דעם שטיין פון אפשר פערציק קילאָגראַם, ווי דאָס וואָלט געווען אַ קאָרק. אַ מערכה, וואָס מיקסטעקסלאַסטל האָט מיך אָנגעכאַפּט פאַרן רעקל און מיך אַ ציִ געטון אויף צוריק, און אַזוי אַרום מיך געראַטעוועט.

איך האָב מיך אָבער נישט געלאָזט אַזוי שנעל באַזיגן, און מיט דער הילף פון דער אינדיאַנערקע און די צוויי אינדיאַנער פירערס האָב איך מיט אַ גרעבערן שטריק אראָפּגעקייקלט א שטיין פון א 100 קילאָגראַם, וועלכער איז אראָפּ אין דער טיף אַ צוואַנציק מעטער און אונטערן וואַסער גענומען שווימען צום וואַסערפאַל.

מיר זענען אַרויף אויף אַ פעלז, וואָס באַהערשט דעם דונערדיקן וואַסערפאַל, און אַריין אין זייער אַ שמאָלער עפענונג פונעם באַרג. עטלעכע שטראַלן פון דער מיטאָג שעהדיקער זון האָבן זיך געשטאַרקט צו באַלייכטן די שוואַרצע פינצטערניש פון יענעם קעלער, וואָס גייט אַראָפּ אַלץ טיפער און טיפער, ברייטער און לענגער אונטער דער ערד. די צוויי אינדיאַנער, וואָס האָבן צוזאַמען מיט מיקסטעקסלאַסטלען מיך באַגלייט, זענען געווען זייער פרומע. איינער איז געווען דער גלאָקן־קלינגער פון דער לאַנקינער קירכע און דער צווייטער איז געווען דער זאַקריסטיאַן. זיי זענען געגאַנגען זיכער און פעסט אין דער אָנטאַפּנדיקער פינצטערניש, אפילו נאָך איידער איך האָב אָנגעצונדן די עלעקטרישע לעמפּלעך. זיי האָבן מיר דערציילט גרויסע וואונדער פון דער מיסטעריעזער הייל, אַז דאָרט זענען פאַראַן זייער פיל הייליקע גייסטער, הייליקע בתולות, מלאכים און אַנדערע ניסים ונפלאות...

ווייסט איר, פאַרוואָס די צוויי אומוויסנדיקע אינדיאַנער זענען אַזוי שטאַרק ביי זיך און גלויבן אַזוי אין די הייליקע גייסטער, וואָס זאָלן זיך דאָ געפינען? — האָט מיך געפרעגט מיקסטעקסלאַסטל, — דאָס איז דערפאַר, ווייל די גאַנצע הייל איז דאָ פול מיט עסטאלקטיטן און עסטאלאגמיטן, וואָס זענען זייער נוצלעך פאַר

לייכטערס און אנדערע הייליקייטן פאַר דער קירכע, האָבן די קלוגע גלחים אַריינגערעדט די אומוויסנדיקע און אַבערגלויבערישע מענטשן, אַז די הייל איז פול מיט די גייסטער פון די בתולות און הייליקע, וואָס וועלן זיי ברענגען פיל גוטס... וואָלטן אָבער די גלחים בלויז אויף שפּאַס געזאָגט פאַרקערט, אַז אין דער הייל געפינען זיך שלעכטע גייסטער, טייוואָלים, שדים און רוחות רעות, וואָלטן די אָרעמע אַנאַלפאַבעטן אַפילו פאַר מיליאָנען נישט געגאַנגען אַ שפּאַן ווייטער אין דער הייל, און וואָלטן אפשר צומאָל אַפילו נישט צוגעקומען צו איר, מחמת מורא נישט געניזוקט צו ווערן...

זייענדיק שוין אַ פופציק מעטער טיף אין דער הייל, האָב איך אָנגעצונדן אַכט עלעקטרישע לעמפּלעך, צו איינס ביי יעדערן אין האַנט, און צו איין לעמפּל האָב איך אָנגעטשעפּעט פאַרנט צו דער ברוסט. די לעמפּלעך האָבן היפּש ליכטיק געמאַכט די פינצטערע הייל.

ביי דער שיין פון די עלעקטרישע לעמפּלעך האָב איך מיט שטוינען דערזען, אַז די צוויי פירערס מיינע זענען געווען אמתע ספּעצן, אַז זיי האָבן געקענט אונדז פירן ביז פופציק מעטער אין דער שרעקלעכער הייל־פינצטערניש. פון אַלע זייטן ליגן מאַסן אָנגעוואָרפענע שטיינער, קליינע און ריזיקע, שרעקלעך־טיפע אָפּגרונטן. רעשטן פון עסטאַקלאַקטיטן און עסטאַלאַגמיטן, וואָס בלישטשען און גלאַנצן מיט אַלערליי בלישטשערייען, ווי שטאַרק פאַרפרוירענער פאַרהאַרטעוועטער שניי אין אַ לבנה־נאַכט. אַזוי ווי די פאַנטאַסטישע טעפּיכער, וואָלן און מנורות פון אַלבאַסטער, האָט געשימערירט און געפינקלט אומעטום, ווו נאָר עס איז געפאַלן דער בליק. דער גאַנצער חלל איז געווען אַזוי ווי אויסגעפּלאַסטערט מיט בריליאַנטן...

דער וווּנדערלעכער קעלער זעט אויס גאָרנישט ווי קיין נאַטור־אַרבעט, כאָטש אַלץ איז געשאַפן געוואָרן משׁשת ימי בראשית אָן, נאָר מיט דער גאונשאַפט פון דער קאָמפּליצירטסטער מאָדערנער טעכניק. ריזיק, קאָלאָסאַל און אָן דער מינדסטער אונטערשפּאַרונג. און אויבן, איבערן איי־רונדיקן סופיט, הער איך דאָס וואַסער־געיעג פון די גוואַלדיקע קאַטאַראַטן, וואָס מאַכט ציטערן דעם גאַנצן אָוואַל. ווער אָט די ריזיקע הוילקייט אויסהאַלטן דעם מיליאָנען טאָנען וואָג פון דער וואַסער־מענגע, וואָס לויפט אויבן אויפן באַרג?... פון אַלע זייטן הערט זיך דער געפּילדער פונעם וואַסער־געיעג. דורך מיליאָנען שפּאַרונעס טריפט אַריין דאָס וואַסער טראָפּנווייז. אונטן קומט זיך עס צונויף אין ריטשקעס, די ריטשקעס — אין אַ גרעסער טייכל, וואָס לויפט אַרויס דורך אַ שפּאַלט אָדער לאָך, וואָס גאָט האָט ספּעציעל געמאַכט, און פאַרייניקט זיך מיטן טייך לאַנקין, נידעריקער פונעם וואַסערפאַל.

— איר ווייסט, פריינט מאַרקוס, פון וואַנען עס האָט זיך גענומען אָט די

שיינע הייל? — האָט מיך ווידער געפרעגט מיקסטעקסלאַסטל. — דאָס איז די אַר־בעט פון דער נאַטור זעלבסט, פון עפּעס אַן אַמאָליקן ווולקאַן, היינט אַן אויסגע־לאָשענעם. קוקט זיך צו, וועט איר זען, אַז אפילו דער גרעסטער גאונישער מוח וועט נישט קענען געפינען קיין מיטל צו מאַכן אַזאַ ריזיקן אַקאַנקאַוואַ (איי־הויל־קייט), ווו עס הענגען אַראָפּ ריזיקע שטיינער אָן שום אונטערשפּאַר און פאַלן דאָך נישט אַראָפּ. געווען איז אַ צייט, מיט מיליאָנען יאָרן צוריק, ווען די ערד האָט זיך נאָר וואָס אָפּגעריסן פון דער זון. די ערד־מאַסע איז נאָך געווען אין הייסן און ווייכן צושטאַנד. אין די פלאַכע טיפענישן איז נאָך געווען אַ מעטאַל־שיטערע פליסיקייט, וואָס האָט געהאַלטן אין איין זידן, אין איין קאָכן... האָט איר אַמאָל באַאָבאַכטעט, ווי אַביסל מילך אויפן דנאָ פון אַ טאָפּ, וואָס שטייט אויף אַ צו־גרויס פייער, הייבט זיך פּלוצים אויף און לויפט אַרויס? אַזוי האָט פון די טיפע־נישן פון דער ערד זיך אויפגעהויבן די לאַווע מיט אַלערליי מינעראַלן און אַרויס־קומענדיק אויפן אויבערפלאַך איז זי פאַרשטיינערט געוואָרן און געבליבן מיט אַזעלכע היילן, פונקט ווי די גרעסערע און קלענערע לעכער אין אַ ברויט, ווו מען האָט אַריינגעלייגט אַ סך הייוון... אמת, אַז די היילן זענען זייער אינטערע־סאַנטע, וווּנדערבאַר־שיינע, אָבער דער מענטש טאָר נישט קוקן אויף זיי מיט אבערגלויבן, נאָר דאַרף דאָס אָננעמען ווי אַ נאַטור־סטיכיע, וואָס איז אין די „וויקעלעך־יאָרן" פון אונדזער פּלאַנעט, ווען אַלץ אין איר האָט געברויזט ווי אַ פּאַס פרישער און נישט־דעסטילירטער ווייַן...

— יאָ, יאָ, אַזוי איז די נאַטור, און דערפאַר טוט מיר באַנג, פאַרוואָס איך האָב אייך דערקענט, מחמת מיר טוט וויי, וואָס איר פאָרט אַוועק. איך בין שוין געוווינט מיט דער איינזאַמקייט, אַלעמען צו פאַרשטיין און קיינער זאָל מיך נישט פאַרשטיין. זענט איר געקומען מיך מציל געווען פון אַן אומגליק. איר פאַרשטייט מיך יאָ, און איך, וויפל איך זאָל זיך נישט אָנשטרענגען, פאַרשטיי אייך דאָך נישט...

— און ווייסט איר פאַרוואָס מיך פאַרדריסט וואָס איך האָב אייך דערקענט, און קען אייך דאָך נישט, און פאַרוואָס מיר טוט וויי אייער אַוועקפאָרן? ווייל איר האָט מיט אייער סינגולאַרישקייט דערוועקט אין מיר אַזעלכע געפילן, וואָס איך האָב פריער נישט געפילט, אפילו דאַן ווען איך בין געווען פאַרליבט אין האַנדו־רעניער אַטלעט. איך האָב קיינמאָל נישט געגלויבט אין קיין פלאַטאָנישקייט, און איידער איך האָב אייך דערקענט, האָב איך נישט געהאַלטן, אַז אויב דער מענטש וויל נאָר, קען ער אַלץ באַהערשן, אפילו פרוידס מיינונג וועגן סעקס...

— יאָ, פריינט. איך האָב פריער נישט געגלויבט אין מענלעכן מין, איך האָב קיינמאָל נישט געגלויבט אין דעם אַלטרואיזם פון מאַן און במילא נישט גע־גלויבט אין זעלבסט־באַהערשונג און זינט איך בין מיט אייך באַפריינדט געוואָרן,

גלויב איך, אַז יאָ. אַז אַ מאַן, אפילו אַזאַ פיזיש פעסטער ווי איר זענט, קען באַהערשן זיינע אינסטינקטן...

— פאָרט געזונט, און אַז איר וועט אַמאָל שרייבן אַ בריוו צו אַ מיידל, דערמאָנט איך, אַז איר האָט זיך באַקענט אין גוואַטעמאַלאַ מיט אַ „ווילדער" אינדיאַנערקע, וואָס איז אין תוך נישט אַזוי ווילד ווי די טענדענציעזע היסטאָריקער און געאָגראַפן באַשרייבן: „אַן אינדיאַנער מיידל, וואָס האָט אויך אַ סך געלערנט, אָבער וואָס האָט פון איך, פריינט מאַרקוס, נאָך מער געלערנט". זייט געזונט און פאַרגעסט נישט, אַז אין מיין וועראַנדע וואַקסן אַלערליי בלומען, צווישן זיי די אַראָמאַטישע און צאַרטע לע מיאָסאָטי... *)

---

*) פאַרגעס מיך נישט.

א פייער־ספעקטאקל אין גוואַטעמאַלאַ

די רייזע אויף אַ יאַפּאַנישער שיף איז נישט קיין געשמאַק מאכל, אָבער אַז אייראָפּעער און נאָרד אַמעריקאַנער שיפן גייען זעלטן און קאָסטן טייער, גיט מען זיך נישט קיין חשבון, אַז די ביליקע רייזע אויף אַ יאַפּאַנישער שיף קען קאָסטן טייערער. די עסנס זענען שרעקלעכע, און טאַקע בלויז די יאַפּאַנער און כינעזער קענען זיך פּאַסמאַקעווען מיט זייערע פּאָטראַוועס. אויף די בעטלעך, אין די דושנע קאַיוטעס וואָלט, דאַכט מיר, אפילו אַ הונט אויך נישט געקענט שלאָפן, און די מייז און די שטשורעס קאָנקורירן דאָרט מיט די אומפלייט מכל המינים, איך צו פאַרביטערן דאָס לעבן... אָבער אַ מענטש איז שטאַרקער פון אייזן, און איך בין יאַקאָש אָנגעקומען קיין גוואַטעמאַלאַ, און שוין צום צווייטן מאָל בין איך פאַרפאָרן אין זעלבן האָטעל. באַלד נאָכן אָנקומען האָב איך געהאַט די געלעגנהייט בייצוזיין אַ גאָר אייגנאַרטיקן ספּעקטאַקל.

איך בין גראָד אין יענעם מאָמענט געווען אין אַן אייזנקראָם און געהאַלטן אין איינקויפן האַטשיקעס פון אַלערליי גרייס פאַר פיש־כאַפּן בעת דער רייזע פונעם האַפן באַריאָס צו דעם פּאָרט לימאָן, ווען איך האָב פּלוצלינג דערהערט פון טויזנטער העלדזער פאַרצווייפלטע געשרייען:

— דער פאַרלאַמענט־פּאַלאַץ, דער רעגירונגס־פּאַלאַץ און נאָך פּאַלאַצן ברענען!...

די פלאַמיקע גוואַטעמאַלער זון האָט אין יענעם טאָג געשרפהט אש להבה, מער ווי תמיד אין יענער טראָפּיקאַלער שטאָט. אַלע קירכנגלאָקן האָבן זיך צעיורשעט ווי ביי דעם שמד פון יהושע לאָרקי אויף גראָנימאָ דע סאַנטא פע. זיי האָבן זיך צעקלונגען מיט אַן אויסטערלישן מערזשל־געקלאַנג. טויזנטער מענטשן זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן זען דעם פייערדיקן ספּעקטאַקל ווי די ניגיאַס מיסעריקאָרדיאָסאס אין טאָרקוועמאַדאָס שפּאַניע זענען געלאָפן זען ווי זייערע שול־חברטעס האָבן זיך געבראָטן אין די אויטאָ־דע־פע־שייטערס.

עס האָט קוים געדויערט צוואַנציק מינוט און א מענגע הייזער זענען געווען איינגעהילט אין שווארצלעך־רויטע פלאַמען מיט אַ שרעקלעך געדיכטן שטיקנדיקן רויך, אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען איינגעטונקט אין קעראָסין. אַזוי ווי גוואַטעמאַלאַ האָט צו יענער צייט נאָך נישט פאַרמאָגט קיין פּראָפעסיאָנעלע פייערלעשער, האָט דער המון, דאָס פּראָסטע עמך־פאָלק, זיך אַ וואָרף געטון צו די פלאַקערנדיקע

פּאַלאַצן און זיך געוואָלט נעמען צום לעשן דאָס פייער. אין דער זעלביקער רגע איז אָבער אויסגעוואַקסן, פּלוצלינג ווי פון אונטער דער ערד אַרויס, אַן אַפּטיי־לינג קאַוואַלעריע און אַרויף מיט די פערד אויפן איבערגעראַשטן המון, גענומען שלאָגן מיט די פלאַכן פון זייערע בלאַנקע שווערדן, ביז אַלע „ספּעקטאַדאָרן״ האָבן אין פּאַנישן געדרענג, טרעטנדיק איינער אויפן אַנדערן, פּונקט ווי אַן אי־בערגעשראָקענע סטאַדע שאָף, זיך אָפּגערוקט אויף א פּופּציק מעטער ווייטער פון אָרט, ווו זיי זענען געשטאַנען פריער און געקוקט פונדערווייט אויף דער שרעק־לעכער שרפה...

די שפּיציקע קולות פון די מאַמעס, וועמענס קינדער זענען אין אימהדיקן געדרענג פאַרלוירן געוואָרן, די באַסאָווע ריטשערייען פון די מענער צו די ווייבער, פאַרוואָס זיי האָבן די קינדער נישט אָפּגעהיט און די פאַרצווייפלטע פּישטשע־רייען פון די צעטומלטע קינדערלעך, וואָס זענען פון זייערע טאַטעס און מאַמעס אָוועקגעריסן געוואָרן, האָבן זיך אויסגעמישט מיט די בראַזגערייען, קנאַקן און פייפן פון דעם אויסטערלישן פייער און דעם רעווען פון די צערייצטע סאָלדאַטן און דער נאָך־מער צערייצטער פּאָליציי, אוניפאָרמירטער און געהיימער...

דאָס צעווילדעוועטע מיליטער מיט דער שטאַרק באַוואָפנטער אינדיאַנער־פּאָליציי האָבן זיך אויסגעשטעלט אין א קאָרדאָן און האָבן נישט צוגעלאָזט דאָס פאָלק זאָל לעשן, און זיי אַליין האָבן אויך נישט געלאָשן...

קיין צוויי שעה האָט דאַכט מיר נישט געדויערט די מוראדיקע שרפה, און פון א צענדליק פּאַלאַצן און אַנדערע גליקלעכע הייזער איז געבליבן נישט מער ווי נאָר אביסל גרינג אַש, אַזוי ווי פון שטרוי אָדער פון פּאַפּיר...

און ווי אַן אַנגעזעענער אָפּאָזיטאָרישער שיכורער פּאָליטיקער האָט מיר שפּע־טער געזאָגט, זענען אַלע פאַרברענט געביידעס געווען פון האָלץ און קאַרטאָן, לויט דער יאַפּאַנישער מאָדע. משמעות, דערפאַר טאַקע האָט נישט געלוינט צו לעשן. באַזונדערס האָט מען נישט געקענט לעשן, מחמת דעם פעלן פון פּראָפּע־כיאָנעלע פייערלעשער. דעם קוריאָזן המון האָט מען געמוזט אָפּטרייבן, ווייל אין אַזעלכע פאַלן מישן זיך אויס מיטן ערלעכן פאָלק גנבים, וואָס וואָלטן מער גע־לאַקכנט ווי געלאָשן... אגב איז אַלץ געווען פאַרסטראַכירט ביי אויסלענדישע פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפטן... מיט דעם אָפּגענומענעם געלט האָט מען שפּעטער אויפגעשטעלט געביידעס פון בעטאָן, שטיין און שטאָל, געביידעס, וואָס האָבן שוין קיין מורא נישט, נישט פאַר קיין פייער און נישט פאַר קיין וואַסער און נישט פאַר די אָפטע טייפונען פון מעקסיקאַנישן גאָלף און אפילו נישט פאַר די אָפטע ערדציטערנישן...

— איך בין אַ פּאָליטיקער און ווייס וואָס איך רעד — האָט מיר פאַרזיכערט דער שכור.

קאָסטאַ ריקאַ, די פּערל פון צענטראַל־אַמעריקע

זאָל מיר דערלויבט זיין צו פּאַרצייכענען עטלעכע סטאַטיסטישע דאַטן:

דעם ריכטיקן שטח פון קאָסטאַ־ריקא ווייסט אפשר נאָר גאָט אַליין. אין די טעקסטן איז ער נאָך נישט פעסטגעשטעלט. עס זענען פאַראַן וועגן דעם פאַרשידענע מיינונגען. קאַמאַפּאַנאַ צ״ב זאָגט 35 טויזנט קוו. קילאָמעטער. דער געאָגראַף קאַרטאמבערט און אנדערע פראנצויזישע געאָגראַפן זאָגן, אז 55,669. דאָס ענגלישע אדמיראלטום האָט אָנגעגעבן 59,570 קוו. קילאָמעטער. קאָסטאַ־ריקא ווערט דערווייל פאַררעכנט אַלס די 23טע מדינה לויט איר שטח צווישן די אַמעריקאנער לענדער, און די 51טע צווישן אלע מדינות פון דער וועלט.

פון דער אַטלאַנטישער, אָדער קאַריבישער זייט, האָט קאָסטאַ־ריקא אַ ברעג פון איבער דריי הונדערט קילאָמעטער און גאַנצע פינף הונדערט קילאָמעטער געברעקלטן ברעג פון דער פּאַציפישער זייט, וווּ עס זענען פאַראַן זייער אַ סך ים־אויסגוסן, בוכטעס מיט אַ שיין ביסל האַפנס און אָפּשטייג־פּלעצער.

די גאַנצע באַפעלקערונג פון קאָסטאַ ריקאַ ווערט געשאַצט אין עפּעס מער פון אַ האַלבן מיליאָן נפשות, צווישן ווייסע, אינדיאַנער, שווארצע און געמישטע.

דאָס לאַנד איז דורכגעוועבט מיט עטלעכע באַרג־קייטן, פון צווישן וועלכע עס שטאַרצן אַרויס עטלעכע „הימלקראַצערס״ ווי פּיקאָ־ריוואלאַ פון 2160 מעטער די הייך, אָוכום 2880 מעטער און פּיקאָ בלאַנקאָ קנאַפּע דריי טויזנט מעטער די הייך. דער באַשנייטער שפּיץ פון טשיריפּאָ, וואָס האָט מער ווי 4120 מעטער איבערן ים־פלאַך און די צוויי גאָר געפערלעכע ווולקאַנען, טוריאַלבאַ פון 3,405 מעטער און איראַזו פון 3,510 מעטער די הייך, וועמענס פאַררויכערטע „קוימענס״ אַרום זייערע קראַטערס, וואָס זעען אויס פון ווייטן ווי פאַרסמאַליעטע קאַלכאויוונס, וואַרפן אָן אַן אימה אויפן דערפאַרנסטן מענטש יעדעס מאָל, ווען ער זעט זיי...

פון די בערג ווערן געבוירן עטלעכע גרעסערע און קלענערע טייכן און אָזערעס, וואָס פאלן אַריין א טייל אין פּאַציפישן אָקעאַן און אנדערע אין אַטלאַנטישן.

די צאָלרייכע טייכן און טייכלעך, ריטשקעס און אָזערעס, וואָס צעשניידן דאָס לאַנד אין אלע ריכטונגען, מאכן דעם באָדן זייער פרוכטבאַר און שטעלן פאַר

מיט זיך אַ גאָר פיינע נאַוויגאַציע, איבערהויפּט פאַר קלענערע שיפן איבערן גאַנצן אינערן פון לאַנד.

דער קלימאַט איז אַ שרעקלעך הייסער ביי ביידע ים־ברעגן און אין די ני־דעריקע געגנטן פון אינערן פון לאַנד. אין די געאָגראַפיעס ווערט קאָסטאַ ריקאַ פאַרצייכנט אלס דאָס העטעראָגענישסטע לאַנד פון צענטראַל אַמעריקע, וואָס אַנ־באַלאַנגט דעם קלימאַט און נעמלעך: וויפל קלימאַטן די באַוווינבאַרע געגנטן און ערטער פון דער וועלט האָבן, באַזיצט קאָסטאַ ריקאַ: פון די גיהנום־הייסע ביז די אייזקאַלטע, פון די געזונטסטע ביז די קרענקלעכסטע, פון די פרוכטבאַרסטע ביז די פרוכטלאָזסטע.

דער גאַנצער אַטלאַנטישער ברעג ביז עטלעכע הונדערט קילאָמעטער טיף אין אינערן פון לאַנד איז זייער פרוכטבאַר. דער אויבערפלאַך, אחוץ די בראשית־דיקע קאָמפּאַקטע וועלדער מיט ריזיקע ביימער מכל המינים, גיט אַרויס אַ זייער גוטע קאַווע, קאַקאַאָ, באַנאַנען, צוקער־רערן, טייטלען, מאַנדלען, קאָקאָס־ניס און אַנדערע, וואַטן, וואָס פאַרנעמען די הויפּט־ווירטשאַפט פון לאַנד; אויך גיט די קאָסטאַ ריקער ערד אַרויס אַלערליי אַנדערע פרוכטן און תבואות, שוואַ־מען, בלומען און מעדיצין־פלאַנצן, וואָס וואַקסן נאָר אויף דער גאָרער וועלט.

די טייכן, ווי אַדערן אין קערפּער פון די בעלי־חיים און אַזערעס אָן אַ שיעור, זענען פול מיט די געשמאַקסטע פיש און אפילו דער קאָלאָסאַלער אַנפיביאַ מאַנאַטי, קראָקאָדילן, יאַשטשערקעס און שלאַנגען, וואָס פלאָדיען זיך אין די אומענדלעכע זומפּן.

פון דעצעמבער ביז מאַי איז די טרוקענע תקופה (זומער־תקופה) און פון מאַי ביז דעצעמבער מבולט. דאָס איז די ווינטער־תקופה.

דער אונטערגרונט פון קאָסטאַ ריקאַ האָט פּלאַטין, גאָלד, זילבער, קופּער, בליי, צין, מערקוריום, אייזן, פּיריטאַ, אַנטראַציט, ליגניט, אוראַניום, טאָרף, סאַ־ליטרע, פּעטראָל, די טייערסטע מערמלשטיינער, גראַניט, קאַלך, פּאָמעז, טאַלקאַ, וואָלפראַם, אַספאַלט און אַנדערע מעטאַלן און מינעראַלן.

די וויכטיקסטע גאָלד־מינעס געפינען זיך אין די אַגואַקאַטע־בערג און אין די גואַנאַקאַסטע־בערג ליגן דאָרט באַגראָבן, זינט גאָט האָט באַשאַפן די וועלט, די רייכסטע קופּער־מינעס פון לאַנד, ווי אויך פּלאַטין, זילבער, אַלומיניום, אייזן און שטיינקוילן. אויך אין די טאַלאַמאַנקאַ־בערג זענען פאַראַן שטיינקוילן, גאָלד, דימענטן און אַ סך אַנדערע מינעראַלן.

בכלל איז קאָסטאַ ריקאַ דאָס איינציקע לאַנד פון צענטראַל אַמעריקע מיט אַ געזינטערן קלימאַט, וואָס וואָלט זיך זייער גוט צוגעפּאַסט פאַר אַ יידישער קאָ־לאָניזאַטאָרישער און אינדוסטריעלער איינוואַנדערונג, נעמענדיק אין אַכט די שי־טערקייט פון דער באַפעלקערונג און די נאָענטקייט פון פּאַנאַמאַ־קאַנאַל.

ביי די זיבן הונדערט קלאסן ווילדע חיות און חיהלעך, פייגל אָן אַ שיעור, פונעם ריזיקן טאפיר, קאָנדאָרן און שטרויס־פויגל ביז דער מויז, קאַנאַריקל, כילגעראָ און פּיקאפלאָר.

די פיצוכט איז כמעט נאָך נישט אַנטוויקלט, אַזוי האָט אין 1913 דאָס לאַנד פּאַרמאָגט נישט מער ווי אַן ערך 400 טויזנט רינדער, 71 טויזנט פערד, 129 טויזנט שאָף, 310 טויזנט ציגן און 310 טויזנט חזירים. פלייש, מילך און קעז מיט פוטער מוז מען אַריינפירן פון אויסלאַנד.

קאָסטאַ ריקאַ האָט נאָך דערוויל נישט קיין שום אינדוסטריע. בלויז עט־לעכע מילן, ביר־ברויערייען, אלקאָהאָל־פאבריקלעך, איין שוועבל־פאבריק, איין בוימל־פאבריק און עטלעכע צוקער־זידערייען און אנדערע קלענערע אונטערנע־מונגען האָט קאָסטא ריקא פארמאָגט בעת מיין ווילן דאָרט.

פּאָרט לימאָן

פּאָרט לימאָן, אַזוי הייסט די הויפּטשטאָט פון דער קאָסטאַ ריקאַ פּראָווינץ מיט דעם זעלביקן נאָמען און זי איז דער „גרעסטער" האַפן, וואָס קאָסטאַ ריקאַ האָט אין אַנטיליען־ים. זי ציילט אַ באַפעלקערונג פון אַן ערך אכט טויזנט נפשות. פון פּאָרט לימאָן גייען אַרויס עטלעכע באַן־ליניעס, וואָס באַהעפטן זי מיטן אי־נערן פון לאַנד און מיט די וויכטיקסטע שטעט קאַרטאַגאָ און סאַן כאָסע. די לעצטע איז די הויפּטשטאָט פון קאָסטאַ ריקאַ. קיין דירעקטע באַן פון פּאָרט לימאָן ביז דער הויפּטשטאָט פון קאָסטאַ ריקאַ האָט דאַן, ווען איך בין דאָרט געווען, נאָך נישט עקזיסטירט. די ערשטע דירעקטע ליניע גייט ביז גואַפּילעס. פון דאַנען גייט אַ ליניע ביז רעווענטאַזאָן לויפנדיק דורכן פּרוכטבאַרן טאָל פון דעם טייך מיטן זעלבן נאָמען, פּאַראַלעל מיטן קאַרטאַגאָ טאָל, ביז די באַן קומט ענדלעך אָריין אין דער סטאַנציע פון דער שיינער שטאָט קאַרטאַגאָ. דאָ באַהעפט זיך די באַן מיט דער צענטראַלער ליניע, וואָס פירט שוין דירעקט פון „ריאָ סוסיאָ" ביז סאַן כאָסע דע קאָסטאַ ריקאַ.

דער האַפן מיט דער שטאָט לימאָן זענען אויפגעשטעלט געוואָרן אין אַ זייער אומגעזונט אָרט, ווו דער „פּאַלודיזם" און געלער פיבער, וואָס די אַנאָפעלעס און סטעגאָמיע־פליגעלעך פאַרפלאַנצן אין מענטשן, ווי אויך דאָס סמיקע פּאַפּאַלאָמאָיאָ פליגעלע, דאָס סאַנקודאָ־פליגעלע, סמיקע טאַבונען און מאָסקאָנען און אַ צאָל קאָלעאָפּטעראָס און הימענאָפּטעראָס־פליגעלעך און אַנדערע גיפטיקע אינזעקטן האָבן געזייט קרענק און געשניטן טויט אויפן אָרט. די מחלה איז אָבער נאָר גע־ווען אַמאָל, מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק. היינט קלינגט עס ווי אַן אַמאָ־ליקער בייזער קאָשמאַר... די שטאָט איז אויפגעשטעלט געוואָרן אויף אַ צו נידעריקן פּליין, ווו די היץ איז אַן אומדערטרעגלעכע. ריטשקעס, קאַנאַוועס, אָזערעס און זומפּן זענען געווען אומעטום. די יונגפרוילעכע ערד — זייער אַ פעטע, מיט אַ פלאַכן אונטערגרונט פון אַ האַרטן זאַמד־שטיין, וואָס לאָזט נישט דעם צוויטן שיכט ערד איינזאַפּן דאָס זיסע רעגנוואַסער פון דער רעגנדיקער תקופה. פון דעם האָבן זיך געבילדעט אַ סך אָזערעס, סאַזשעלקעס און שליימיקע זומפּן, וואָס האָבן אָנגעפּלאָדיעט גאַנצע כמאַרעס פון אַלערליי טויטלעכע מחבלים.

נאָר קעגן די אויסגערעכנטע און אַנדערע שלעק האָבן די וויסנשאַפטלער געפונען אַן עצה: מיט ספּעציעלע עקבערס איז דער שטיינערנער אונטערגרונט געלעכערט געוואָרן אין זייער אַ סך ערטער און אויפגעריסן געוואָרן מיט די־נאַמיט. באַזונדער איז דער באָדן אין דער גאַנצער לימאַנער פּעריפעריע אויפ־געהויבן געוואָרן אויף עטלעכע מעטער די הייך מיט דער ערד, וואָס איז געבראַכט געוואָרן פון די נאָענטע בערג. די גאַנצע ערד פון דער שטאָט און אומגעגנט איז וויסנשאַפטלעך אויסגעניוועלירט געוואָרן מיט ספּעציעל געמאַכטע דעקליוון פאַרן וואַסער־אָפּלויף...

אַזוי אַז היינט צו טאָג זענען פאָרט לימאַן און אלע שטעטלעך אַרום געזונט.

פאָרט לימאַן האָט זייער שיינע שטאַטס־הייזער, ווי אויך פּריוואַטע טשאַלעטן און סתם שטיבער, כמעט אַלע פון האָלץ, צוליבן שלל בוימער, וואָס געפינען זיך אין די אורוועלדער, וואָס ציען זיך הונדערטער קילאָמעטער טיף אין לאַנד אַריין און טויזנטער קילאָמעטער אַרויס פון אירע גרענעצן ביז איבער גאַנץ צענטראַל־אַמעריקע.

אינעם פּיצעלע און ביז גאָר שיינעם האַפן־שטעטעלע, וואָס מאַכט דעם איינדרוק פון אַטוואַצק אָדער שווידער לעבן וואַרשע, האָב איך געטראָפן דריי שיינע האָטעלן, אחוץ רעסטאָראַנען. באַלד לעבן האַפן — אַ רחבותדיק שפּאַציר־פּלאַץ, פול מיט די עקזאָטישסטע בוימער, פלאַנצן און בלומען, ספּעציעל פון יענעם טראָפּיק, וואָס פאַרכישופן דאָס אויג און נאַרקאָטיזירן מיט זייער רייכפאַרביקייט און גן־עדן־דופט.

„רעוואָלוציע"

ווען איך בין אָנגעקומען שוין צום צווייטן מאָל אין דער מדינה קאָסטאַ ריקא האָט זיך דאָרט געהאַט צעשפּילט אַ מיליטערישע „רעוואָלוציע", איינע פון די פילע און אָפטע אין די צענטראַל־אַמעריקאַנער מדינות. צוליב דעם אויפשטאַנד האָב איך געמוזט פאַרבלייבן אין פּאָרט לימאָן אַ לענגערע צייט, מחמת די באַן, וואָס גייט צווישן דער הויפּטשטאָט פון דער מדינה און פּאָרט לימאָן, פלעגט איבערגעפאַלן ווערן אָט פון לאָיאַלן מיליטער און אָט פון די רעבעלן. יעדע באַנדע באַזונדער פלעגט קודם־כל באַשיסן די באַן, און עס זענען געפאַלן א סך אומשולדיקע קרבנות.

נאָכן אָפּזיין אין לימאָן איבער צוויי וואָכן צייט, האָב איך דערפילט הונגער. אין גאַנצן שטעטעלע און אומגעגנט איז געוואָרן א דוחק אין שפּייז און אַלע אַנדערע אַרטיקלען פון ערשטן געברויך, ווייל די רעבעלן פלעגן רעקוויזירן כמעט אַלץ פון די קלייטן פאַרן מיליטער, אלס פּראָוויאַנט און אויך אַלס שטראָף, ווייל די געוויסנלאָזע שפּעקולאַנטן האָבן, פּונקט ווי די זאַמפּאָפּאָס*) אַלץ באַהאַלטן אין זייערע נאָרעס און געפאָדערט צען און צוואַנציק מאָל טייערער פאַר יעדער זאַך. האָב איך באַשלאָסן צו אינטערנירן זיך אין די געדיכטע טייגעס פון קאָסטא ריקא, וואָס ציען זיך איבער טאָל און באַרג, איבערן גאַנצן לאַנד, און צו דערגרייכן איבער וואַלד די הויפּטשטאָט סאַן כואַן דע קאָסטאַ ריקא.

איך האָב אָבער קיין השגה נישט געהאַט וועגן די מאַטערנישן, וואָס האָבן מיך דערוואַרט אין דער ריזיקעפולער נסיעה, הגם איך האָב שוין צו יענער צייט דורכגעוואַנדערט איבער אַ סך וועלדער נישט נאָר פון דרום און צענטראַל אַמעריקע, נאָר אויך גראָף פּאָטאָצקיס און פּירשט ראַדזיווילס וועלדער און געדיכטע זאַגאַיניקעס אין דעמאָלטיקן רוסישן פּוילן פאַר 1914—18.

איך האָב קאָנטראַקטירט צוויי געזונטע אינדיאַנער־יונגען פון דעם גואַטאָסאַ־שבט, מיט דריי גרויסע און פעסטע אייזלען, צאָלנדיק יעדן אינדיאַנער

---

*) ברוינע צענטראַל־אַמעריקאַנער מוראַשקעס, וואָס זענען 6, 7 מאָל גרעסער ווי די געוועגלעכע מוראַשקעס.

צו פופציק סענט גאָלד א טאָג, מיט עסן פאַר זיי און פאַר די אייזלען. איך האָב זיך געלאָזט אין וועג אַריין מיטן געדאַנק, אַז פון סאן כאָסע זאָל איך שפּאַנען קיין מאַנאַגואַ, די הויפּטשטאָט פון ניקאַראַגואַ.

מ׳האָט מיר געזאָגט, אַז אין די קאָסטאַ ריקער וועלדער זענען פאַראן א סך ווילדע חיות מיט די טייערסטע פעלן און פייגל מיט די פּראַכטפולסטע פעדערן, אויך פרימיטיווע אינדיאַנער אורמענטשן פון דער שטיין־עפּאָכע...

איך האָב אונטערגענומען די נסיעה נישט געקוקט אויף אַלע וואָרענישן וועגן די געפאַרן, וואָס די גוטע טשאַקאַמאַ־אינדיאַנערין, אַן „אַלטע" מויד פון



טערוויס

אַ יאָר זיבעצן מיטן נאָמען טערעוויס, האָט מיר געמאַכט. זי האָט מיר דערציילט, אַז אין יענע שדים־פולע וועלדער לויערן אויף אַ מענטשן שרעקלעכע געפאַרן: „נאַרישער יונג, קריך נישט אין די געדיכטענישן פון דער טייגע, ווייל טאָמער פאַלגסטו מיך נישט און דרינגסט יאָ אַריין אַהין, וועסטו שוין פון דאָרט קיין לעבעדיקער נישט אַרויס... דער אורוואַלד האָט נישט אַזוי פיל חיות און פייגל, שלאַנגען און אַלאַקראַנען, וועגן וועלכע דיינע ליגנערישע אינדיאַנער פירער

האָבן דיר מגזם געווען, וויפל טייוואָלים, אמתע טייוואָלים מיט ווײַדל און הערנער, אָלערליי שדים און סתם נישט־גוטע. וועגן אָט די גיהנום־באַשעפענישן האָבן דיר די גוואַטאַסאַ־אינדיאַנער זיכער נישט דערציילט, ווייל זיי אַלע זענען גאָטלאָזע אפּיקורסים. די טייוואָלים, שדים און נישט־גוטע, וואָס דו ווערסט דאָרט באַגעגענען, זענען די בייזע גייסטער פון די מענטשנפרעסערישע יידן, וועלכע אונדזערע טאַלאַמאַנקאַ־געטער האָבן, מיט דער הילף פון הייליקן רפאל, הייליקן יוסף און גאָט יעזוס מיט זיין נישט־באַפלעקטער בתולה־מאַמע, פאַרוואַנדלט אין בעסטיעס פאַר זייערע גרויליקע זינד קעגן יויזל, מיין גאָט און קעגן אלע אַנדערע געטער און הייליקע כוהנים פון מיינע אבות... בלייב בעסער אין מיין „ראַנטשאַ״*), וועט דיר גאָרנישט פעלן. אין מיינע שטאַלן און פאַרצוימונגען האָב איך פון אַלע ווילדע חיות און פייגל וואָס דו ווילסט נאָר און דיין הארץ באַגערט נאָר אַליין. דאָס זע־נען חיות און פייגל, גייסטיק שוין אויסגעקורירטע מיטן רויך פון ספּעציעלע גע־הייליקטע טאַבאַק־בלעטער, מחמת מיין מאַמע, די כשופמאַכערין, האָט מיט אַ הימלישן שפּרוך פון הייליקן לוקאַש און פון אַ געהרגעטן אינדיאַנער־גאָט בעת אַ שלאַנגען־טאַנץ פון זיי אַרויסגעטריבן די פאַרדאַרבענע נשמות און צוריק אין זיי אַריינגעבלאָזן חיהשע נשמות...

— בלייב דאָ מיט מיר, דו ביסט נע־ונד און איך בין עלנט אַליין. עס איז מיר דאָ זייער אומעטיק אָן אַ זכר, און איך גיי אויס פון בענקשאַפט... דאָס גאַנצע ביסל זכרשאַפט אין מיין ראַנטשאַ, דער טאַטע און די ברידער און מיין געליבטער, זענען געפאַלן אין די רעוואָלוציעס. בלייב מיט מיר, וועט די מאַמע אונדז באַ־דינען, און מיין יינגערע שוועסטערל, דרייצן יאָר אַלט, הגם גרויס ווי איך, פלינק און רויט ווי אַ וועווערקעלע, וועסטו האָבן פאַר אַ „יאַפּאַ״**).

— אָבער זאָג מיר, טערעוויס, ווער האָט דיר דערציילט, אז די יידן האָבן געהרגעט יעזוסן און אַלע אנדערע טאַלאַמאַנקאַ־געטער און אויך די געטער פון די אַנדערע אינדיאַנער־שבטים? — האָב איך איר געפרעגט. — זאָג, טערעוויס, שיינע, זיסע טערעוויס, האָסטו כאַטש ווען געזען אַ ייד?...

— וואָאָאָס, אַ ייד? צי איך האָב געזען אַ ייד? — האָט די ברוינהויטיקע אינדיאַנערין מיטן עכט־עגיפּטישן פּנים אויסגעגלאָצט אויף מיר אַ פּאָר אויגן פון אַ ציגיינערין, און אַ טויט־דערשראָקענע אָנגעפאַנגען צו שטאַמלען: — זאָל מיך גאָט יעזוס, די הייליקע מרים און אַלע הייליקע גייסטער פון די אינדיאַנער־געטער און אלע הייליקע ווייסע, שוואַרצע און ברוינע מיך באַשירמען! ניין, צו מיין גרויס געטלעך גליק, האָב איך נאָך קיין יידן נישט געזען אין מיין לעבן.

*) כאַטע.
**) צוגאַב.

ווייסטו דען נישט, אַז ווער עס האָט דעם שרעקלעכן אומגליק צו זען אַ ייד, דער מוז גלייך שטאַרבן אָדער ווערן א ווילדע חיה? מיין מאַמעס געליבטער, וועלכער פלעגט אַמאָל מיט מיר אויך א שטיף־טון, האָט עס מיר דערציילט. ער איז געווען זייער אַ פּרומער שפּאַניאָל פון עקסטרעמאַדוראַ. דאָן פּעפּע, האָט מען אים גערופן און ער איז געווען אַזאַ פרומער און אַזאַ געלערנטער, אַז מיר דאַכט, אַז אַ פריי־מערן קען מען שוין נישט געפינען. ער האָט געהאַט אַן אמתע קריסטלעכע נשמה. געווען איז ער זייער ריין, געהאַט אַ ריזיקע פאַרם מיט ריזיקע פּלאַנטאַציעס, אַ שיין ווייב מיט פינף דערוואַקסענע טעכטער און דריי זין. דאָך פלעגט ער קו־מען כאַפּן אַ דרימל מיט מיין מאַמען און אַמאָל מיט מיר אויך, און עטלעכע מאָנאַטן פאַרן שטאַרבן איז ער צו מיין יינגערער שוועסטערל, די רויטע „וועווער־קעלע״, אויך געווען גוט... ער פלעגט אונדז תמיד געבן אייניקע רעאַלן*) און אמאָל אויך אַ מתנהלע, כאָטש זיין ווייב איז זיכער שענער פון מיר מיט מיין מאַמען צוזאַמענגענומען. אָבער ליבער פון אונדזביידן האָט ער געהאַט מיין שוועסטערל, נעלידאַן, די רויטע וועווערקעלע מיטן רויטן קאָפּ פונקט ווי ער. דאָן פּעפּע, מיין מאַמעס געליבטער. מיין מאַמע פלעגט אים זאָגן: — דאָן פּעפּע, שפּיל זיך מיט נעלידאַן פאַרזיכטיק, זי איז נאָך אפשר צו יונג, נישט דערפאַרן איז זי, נעלידאַ, דיין טאָכטער... אויף דערויף פלעגט ער ענטפערן מיט אַ זיס שמייכעלע: — האָב נישט קיין מורא, אַלטע קאָבילאַ, דער טייוול וועט נעלידאַן נישט נעמען! ער פלעגט נאָך אַזאַ שמועס צוואַרפן דער מאמען א זעקעלע מיט אפשר הונדערט רעאַלעס און אַנטרינען מיט דער לאַכנדיקער נעלידאַן צווישן די הויכע גראָזן... זיי זענען געגאַנגען רייסן כאבער...

— דער זייער גוטער דאָן פּעפּע האָט מיר דערציילט, אַז נישט נאָר האָבן די יידן דערהרגעט דעם קאַטוילישן און קריסטלעכן גאָט און אלע אנדערע געטער, די אינדיאַנישע, נאָר האָבן אויך אויסגעהרגעט אַלע אינדיאַנער. דאָן פּעפּע האָט מיר אויך געזאָגט, אַז אלע בייזע קאָנקיסטאַדאָרן, וואָס האָבן געברענט און גע־בראָטן די אינדיאַנער, זענען געווען יידן...

און נאָך עפּעס האָט ער מיר געזאָגט, דער זייער גוטער, פרומער און גע־לערנטער דאָן פּעפּע אין איינער אַ נאַכט, בעת ער איז געלעגן און געריסן קאָנקאָל־בלומען צווישן מיר מיט מיין רויט שוועסטערל, דער וועווערקעלע, פלינק ווי א וועווערקע און ענלעך צו דאָן פּעפּע. — ער האָט מיר געזאָגט, אַז ווער עס דערזעט אומגעריכט אַ ייד, דער מוז גלייך ווערן אַ „סאַפּאָ״**)...

— נו, זאָג אַליין, בין איך נישט גערעכט... — האָט די ווילדע פאַרענדיקט מיט גאווה.

*) צוואַנציק סענט.

**) אַזאַ העסלעכע און ריזיקע פעלד־זשאַבע.

אין די אורוועלדער פֿון קאָסטאַ ריקאַ

נאָכן זעקסטן טאָג וואַנדערן אין אומענדלעכן דזשונגל אָן וועגן האָט דער שפּייז־זאַפּאַס, וואָס איך האָב מיטגענומען, זיך אויסגעלאָזט. איך און מײַנע פּירער האָבן פֿאַרחלשטע געוואַנדערט נע־ונד גאַנצע פֿיר מעת־לעת אָן אַ ביסן ברויט און אָן אַ לעפֿל געקעכץ, טראָץ דעם, וואָס מיר האָבן זיך געפֿונען אין אַן אומענדלעך־געדיכטער טײַגע, וווּ עס פֿלאָדיען זיך אַלערלײ חיות, פֿייגל און רמשים אָן אַ שיעור. אין די לעצטע פֿיר מעת־לעת איז אונדז אָבער נישט אויסגעקומען עפּעס געשמאַקס צו שיסן אָדער פֿאַנגען לעבעדיקערהייט, ווײַל מיר זענען פֿאַרקראָכן אין אַזאַ געדיכטעניש, אַז עס איז אַפֿילו אוממעגלעך געווען צו רײַטן אין כאַמע מיטן וועג, וואָס האָט געהאַלטן איבער צוויי מעטער די ברייט. די שטעכיקע נידעריקע צווײַגן פֿון די נאָדלביימער האָבן זיך צעשפּרייט ווײַט אַריבער איבערן וועג און מיר האָבן געמוזט זייער פֿאָרזיכטיק מאַנעווורירן מיט אונדזערע פּנימער און זיך מאַכן פֿרײַ דעם וועג מיט אונדזערע האַקמעסערס.

אַ ריזיקן זשאַקאַרע*) האָב איך אַפֿילו יאָ דערשאָסן. אָבער זײַן עקלהאַפֿט פֿלייש האָב איך גיט געקענט טועם זײַן, כאָטש בײַ אַן אַנדער געלעגנהייט האָב איך שוין אַזאַ מאַכל געגעסן. מײַנע פּירערס אָבער, טופּאַק מיט דרוהידאַן, האָבן זיך אָפּגעבראָטן שטיקער פֿונעם מחבלס עק, און האָבן זיך אָנגעשטאָפּט פֿולע בײַכער. זיי האָבן נאָכדעם געהאַלטן אין איין גרעבסן. איך אָבער האָב זיך די גאַנצע פֿיר מעת־לעת געהאַלטן אין דערנערן בלויז מיט ווילדע עפּעלעך, שטשאַוו און שוואָמען. דערפֿאַר אָבער האָבן די אײַזלען געהאַט איבערגענוג צו פֿרעסן.

פֿאַרנאַכט צו האָב איך דערזען אומקרייזן אין רוים אַ ריזיקן „פֿוכאַזאָ“**), וועלכער האָט דערפֿילט דאָס קראָקאָדילן־פֿלייש. איך האָב דעם תכשיט אַראָפּגעשאָסן, און פֿון אים געמאַכט אַ „פֿײַנעם“ בראָטן פֿאַר מיר מיט מײַנע צוויי קאָלעגן. דער רויב־פֿויגל האָט געוויגן אַ זעקס קילאָגראַם. זײַן פֿלייש איז אָבער געווען אַזוי האַרט, אַז מײַנע ציין, וואָס פֿלעגן גרינג צעבײַסן אַ קופּערנעם מינץ, האָבן נישט געקענט צעקייען דאָס געבראָטענע פֿלייש פֿונעם פֿוכאַזאָ, וואָס איז

*) אַ רויב־פֿויגל פֿון דער יאַסטרזשאָמב־משפּחה.
**) אַן אַמעריקאַנער קראָקאָדיל.

געווען ווי ליקע, אָדער אויסגעאַרבעט לעדער. דאָך איז עס געווען פאַר מיר אַזוי געשמאַק, אַזוי באַטעמט, אַז איך האָב דאַכט מיר אין מיין לעבן נישט גע־האַט אַזאַ מין הנאה פון אַן עסן...

אַ פינף מינוט נאָך דער פיינער וועטשערע, אַ זאַטער, אַ צופרידענער האָב איך אַרויסגענומען אַ ציגאַר און געוואָלט פאַררויכערן. איך האָב אָבער תיכף געמוזט צוריקכאַפּן די הענט פון מיין מויל און נאַז, ווייל פון זיי האָט זיך גע־טראָגן אַ שרעקלעכער ריח.

דאָס איז געווען פון דעם פוכאַזאַ־פלייש, וואָס איך האָב געהאַלטן אין די

טופּאַק און דרוהידאַ אין
זייער פּראַכט אַנטועכץ

הענט. בעתן הונגער האָב איך, ווייזט אויס, נישט געפילט דאָס געשטאַנק, אדרבה, עס האָט געשמעקט אַזוי, אַז איך האָב שיעור נישט געפּרוווט עסן אַ רוי שטיקל פלייש. אַזוי האָט מיך אין יענעם מאָמענט געהונגערט.

אין יענער געדיכטער טייגע, פונקט ווי אומעטום אין די טראָפּיקאַלע וועל־דער און פייכטע מקומות, זענען דאָס ערגסטע פאַר מיר געווען די נעכט, ווען גאַנצע כמאַרעס פון אַלערליי בייסנדיקע פליגעלעך באַפאַלן דעם מענטש. צו אָט דער צרה אָבער האָבן מיינע פּראַקטישע פירערס געהאַט אַן עצה: ווען מיר האָבן אויסגעפונען אַ באַקוועם שטיקל פּלאַץ ווו איבערצונעכטיקן, האָבן מיר אויסגעהאַקט די קשאַקעס, אַרום דעם פּלאַץ אויסגעגראָבן אַ קאַנאַווע, נאָכדעם אויסגעברענט דאָס גראָז, וואָס איז געוואַקסן אין דעם אַרומגעגראָבענעם שטח.

דאַן פלעגן מיר מאַכן אַ פייער פון גרינע צווייגן, כדי עס זאָל אַרויסגעבן אַ שטאַרקן רויך, וואָס זאָל פאַרטרייבן די גיפטיקע און נישט־גיפטיקע פליגן און פליגעלעך. דאָס פייער פלעגט אונדז אויך פאַרהיטן פון שלאַנגען, עקדישן, אַלאַקראַנען, שפינען און אַנדערע בייזע באַשעפענישן. די אויסגעגראָבענע טראַנשייען אַרום צירקל מיטן הויכן וואַל פלעגן אויך אונדז דינען אַלס סגולה, אַז דאָס פייער זאָל זיך נישט אַריבערטראָגן אין געדיכטן וואַלד אַריין, ווו מיר וואָלטן זיכער אָפּגעבראָטן געוואָרן פונקט ווי דער „שמעקעדיקער" פּוכאַזאָ...

די טייכן, ווי די טייכן. אָבער גאָר פאַסקודנע פאַר אונדז זענען געווען די אָזערעס מיט זייערע זומפּיקע ברעגן, צוליב וועלכע מיר פלעגן מוזן מאַכן אומקרייזן, אָפּטמאָל פון צענדליקער קילאָמעטער, כדי נישט איינצוזינקען אין די שיטערע וואולקאַנישע בלאָטעס, ווי אַמאָל קרח — אין מדבר...

אויפן ניינטן טאָג וואַנדערן, און אַמאָל בלאַנדזשען, זענען מיר צוגעקומען צו אַן אַפּרו־פּלאַץ פון אַ 20 מעטער ברייט אויף עטלעכע און דרייסיק די לענג, ערגעץ נאָענט פון דאָרטן האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן ביידע פיינטלעכע חילות און עס האָבן זיך געהערט נישט נאָר דאָס באָמבאַרדירן פון די האַרמאַטן און דאָס פּייפנדיקע קנאַלן פון די קוילנוואַרפערס, נאָר אפילו דאָס שאַלן פון די טויט־קלאַרנעטן און דאָס נערוועאישע טרעוואָגע־באַראַבאַנעווען. מיר האָבן אויך געהערט דאָס בעסטיאַלע מענטשלעכע רעווען און נאָכדעם די גסיסה־רופן, און אויך דאָס הירזשען פון די פאַראיינזאַמטע און צעשראָקענע לעבנגעבליבענע פערד, מולאָס און אייזלען.

בעת עס איז אָנגעגאַנגען דאָס שיסעריי, פלעגן מיר זיך אויסציען אויף דער ערד, כדי אַן „אומשולדיקע" פאַרבלאָנדזשעטע קויל זאָל זיך נישט פאַרגלוסטן דורכצולעכערן אונדזערע הערצער....

ווען די שלאַכט האָט זיך פאַרענדיקט און עס האָט אויפגעהערט דאָס באַראַבאַנעווען און קלאַרנעט־שאַלן, האָב איך געוואָלט אַראָפּגיין אין טאָל זוכן די פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן, וועמענס רופן נאָך הילף האָבן דערגרייכט צו מיינע אָנגעשפּיצטע אויערן. איך האָב זיך אָבער, ליידער, געמוזט דערפון אָפּהאַלטן, מחמת מיינע פירערס האָבן בקול רם מיך מתרה געווען, אַז אויב איך וויל, זיי זאָלן מיך אַראָפּפירן צום קאַמפּס־פּלאַץ, וועלן זיי מיך ליבערשט איבערלאָזן אַליין אין דעם אומענדלעכן דזשונגל, ווייל — האָבן זיי געטענהט, טאָמער פּאַקט זיי דאָס מיליטער פון אַ וועלכן עס איז צד, וועט מען זיי, אַלס שטראָף, גלייך אָפּשיקן צום פראָנט אויפן ערשטן פייער. און ביידע מחנות זענען, לויט זייער מיינונג, ווערט, אַז דער יאַגואַר, און די „טאַבאַבאַ" און באָקאַראַקאַ"־שלאַנגען זאָלן זיי אויפפרעסן... קיינע פון די ביידע חילות קעמפט נישט פאַרן ווילזיין פונעם אָרעמען אינדיאַנער, וועמען עס פעלט תמיד אַ שטיקל מאַנדיאָקאַ־קליסקע

און קוקורוזע־פּלעצל צו מעלה־גרהן און אַ פּאָר מייטקעס אָדער „טשיריפּאַ״*) צוצודעקן דאָס שטיקל נאַקעטקייט, וואָס די אַלטע פּרומע ווייבער רופן — „שאַנד״.ביידע צדדים קעמפן בלויז פאַר אייגננוץ, אייגנמאַכט, כדי צו קענען בעסער אונטערדריקן די שוין אַזוי אויך גענוג אונטערגעדריקטע און אויסגעקוועטשטע אינדיאַנער...

— ווייסט איר אָבער, טייערע יונגען, אַז אין אַרגענטינע איז געווען אַ גע־נעראַל, כאָסע דע סאַן מאַרטין, האָט ער געהייסן, וואָס האָט געפירט גרויסע און זייער בלוטיקע מלחמות קעגן די שפּאַנישע האַרדעס, וואָס האָבן פאַרכאַפּט אַמעריקע. ער האָט זיי באַזיגט און אַרויסגעטריבן פון אַרגענטינע, טשילע, באָ־ליוויע און פּערו. אָט דער גענעראַל, כאָסע דע סאַן מאַרטין, איז געווען אַ גרויסער מאַן. זיין גאַנץ לעבן האָט ער געווידמעט בלויז דער פרייהייט פון זיין לאַנד און די אַרומיקע לענדער. אויך אַנדערע מיליטאַרן פון זיין צייט זענען געווען גרויסע מענטשן, אידעאַליסטן, וואָס האָבן געפירט מלחמות נישט צוליב אייגננוץ, נישט פאַר אייגנמאַכט, נאָר צוליבן גוטס און ווילזיין פון גאַנץ אַמעריקע. אַזוי זענען געווען, אַ חוץ סאַן מאַרטינען, בעלגראַנאָ, מיטרע, אורקיסאַ און אַנדערע, וועלכע האָבן זיך מקריב געווען פאַרן פאָלק. גאַנצע גרודעס גאָלד וואָלטן זיי געקענט האָבן, ווען זיי וואָלטן נאָר געטראַכט וועגן אייגננוץ... — האָב איך זיי געגעבן אַ לעקציע מיט שטראָף־רייד...

— זעט איר שוין, באַלעבאָס, אַז איר אַליין האַלט נישט ווילנדיק מיט אונדז: אָט האָט איר אונדז דערציילט, אַז סאַן מאַרטין איז געווען אַ גרויסער גענעראַל און דערצו אויך אַ גרויסער מענטש. יאָ, באַלעבאָס, אַמאָל זענען אפשר יאָ געווען מיליטאַרן מיט גרויסע מענטשלעכע נשמות אָבער נישט היינט!... — האָבן איינגעעקשנט געטענהט מיינע פּירערס.

— הייסט עס, אַז מיר, געזונטע מענטשן, זאָלן לאָזן די אומגליקלעכע פאַר־ווונדעטע אויסגיין אין די שרעקלעכסטע ליידן אָן הילף? איך בין אַ ייד, און מיין רעליגיע דערלויבט נישט אַזאַ אכזריות! נאָך מיט טויזנטער יאָרן צוריק, בשעת די היינטיקע פאַרגעשריטענע, ציוויליזירטע פעלקער זענען נאָך אומגעלאָפן איבער די ווילדע סטעפּעס, טייגעס און דזשונגלס, נאַקעטע ווי די חיות רעות און זיך געפרעסן איינאַנדער, האָט דער נביא משה אונדז שוין געלערנט: „ואהבת לרעך כמוך״ און עזב תעזב עמו... דערלויבט דען אייער רעליגיע, אַז איר זאָלט זיך צוקוקן ווי אַ רויב־פויגל זאָל אויספּיקן די אויגן ביי די געפאַלענע, פאַר־ווונדעטע און נאָך לעבעדיקע סאָלדאַטן? — האָב איך געשריגן פאַרצווייפלט.

---

*) אַ דינינקע שטיקל צייג וואָס די פעלד־מענטשן און וואַלד־מענטשן וויקלען אַרום דעם אונטערשטן טייל קערפּער און נעמען אַדורך צווישן די פיס, פאָרמירנדיק אַזוי אַרום אַ פּאָר הויזן. דער אַרגענטינער „גאַוטשאָ״ גייט נאָך היינט אַזוי אָנגעטון.

— יאָ, יאָ! — האָבן די יונגען אויפגערעגטע מיר געענטפערט אין איין קול. — די פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן זענען עס ווערט! זיי האָבן באַדאַרפט טון דאָס זעלבע, וואָס מיר האָבן געטון: נישט גיין אין מלחמה אַריין צו פאַרגיסן זייער בלוט און דאָס בלוט פון אַנדערע אָרעמע אינדיאַנער־שקלאַפן און אָרעמע ווייסע אַרבעטער, בלויז צוליבן געגנוס פון די רייכע, פון די מעכטיקע גוט־באַזיצערס, באַנקירן, סוחרים און פאַבריקאַנטן, פאַר גענעראַלן, אַדמיראַלן און אַנדערע... נייך, נייך, בלאַנדער באַלעבאָס! די מלחמה דאָ איז דאָך אפילו נישט קיין רעוואָ־לוציע פונעם פאָלק קעגן זיינע אונטערדריקער, נישט קיין בירגער־קריג און נישט קיין מלחמה קעגן אַ פרעמדן שונא אַן אַריינדרינגער, נאָר בלויז אַן אויפשטאַנד פון איין פאָלקאָווניק קעגן אַ צווייטן. פאַרשטייט איר?...

— דער אויפשטענדלער פאָלקאָווניק פאַרגינט נישט דעם צווייטן, וואָס ער איז ביי דער מאַכט און מישט מיט אַ גרויסן קאָכלעפל די פעטע קאַשע, און גיט וועמען ער וויל אַ גרעסערע אָדער אַ קלענערע פּאָרציע. איינעם מיט אַ גרויס שטיק פלייש, אַ פעטע, מיט אַ געשמאַקן מאַרכביין, און אַ צווייטן, אַ טראָפּעלע קאַשע, אַ שיטערע ווי פּאָלעווקע, מיט אַ טרוקענעם קנאָכן... און זיינע גאָר נאָענטע מקורבים — די שענסטע, גרעסטע און פעטסטע פּאָרציעס... דערפאַר וויל דער אויפשטענדלער אַראָפּוואַרפן זיין גלייכן, און וויל אַליין ווערן דער מישער מיטן קאָכלעפל... אַליין זיין דער סאַרוועס.

— אונדז אָבער, די אָרעמע אינדיאַנער האָרעפּאַשניקעס, געבן זיי אפילו די אַרומגעגריזשעטע ביינער אויך נישט. אַלץ פאַר זיי, פאַר די מעכטיקע און רייכע פּיאַווקעס און זייער פאַרקויפטע טעלער־לעקער. טאָ פאַרוואָס זאָלן מיר, אָרעמע אינדיאַנער, גיין אין אַ ברידער־קריג זיך איינער דעם אַנדערן אויסצו־הרגענען און צו צעקאַליעטשען?... וואָלט דען נישט געווען גלייכער, אַז דער קאָראַנעל אָדער גענעראַל וואָס איז בייז אויף זיין קאָלעגע, זאָל אים אַרויסרופן אויף אַ געפעכט? וואָלט דען נישט געווען גלייכער, מענטשלעכער, העלדנמוטי־קער, אַז איין באַנקיר, פאַבריקאַנט, סוחר אָדער גוטבאַזיצער זאָל צעממיתן דעם צווייטן אויף וועמען ער איז אין כעס?... און אויב זיי ווילן דווקא, אַז דאָס הונגע־ריקע אינדיאַנער פאָלק זאָל פאַרגיסן זיין בלוט אין אַ ברידער־קריג, זאָל כאָטש דער פּראָפּיט, דער ממשותדיקער און גייסטיקער, פונאַנדערגעטיילט ווערן צווישן אַלע קריגער, אינדיאַנער ווי נישט אינדיאַנער, און אויב אַ קאַטאַסטראָפע, אַן אומגליק — אויך פאַר אַלעמען גלייך... דאַן וואָלטן מיר אַלע, אינדיאַנער, „לאַ־דינאָס" און ווייסע, געווען גרויסע פּאַטריאָטן און מיר אַלע וואָלטן געגאַנגען פאַרגיסן אונדזער בלוט, אָפּגעבן אונדזערע יונגע לעבנס, ווייל מיר וואָלטן געהאַט פאַרוואָס צו קעמפן, און מיר וואָלטן געווען זיכער אַז די גליקלעכע, לעבנגע־בליבענע, די יעניקע, וואָס זענען אונדז ליב און טייער, וועלן נישט בלייבן אויף

הפקר — די מלוכה, די געזעלשאַפט וועט זיי אויסהאַלטן און שפּייזן, שוכן און קליידן די אַלטע טאַטע־מאַמע, אלמנות און יתומים, די נאָכמלחמהדיקע קריפּלס, זיי ווילן נישט דאַרפן בעטלען, נאָר קריגן בכבודיק זייער פּרנסה. יאָ, בלאַנדער באַלעבאָס, דאַן וואָלטן מיר די ערשטע געגאַנגען אין פייער אַריין!...

איך האָב געוואָלט ענטפערן, אָבער איך האָב נישט געקענט: מיין האַלדז איז מיר געווען פאַרלייגט ווי מיט אַ קנויל וואַטע.

פון יענעם פּלאַץ האָב איך נאָך געהאַט פאַר זיך אַן ערך 130 קילאָמעטער אין אַ גלייכער ליניע ביז דער הויפּטשטאָט, און אין אַ צוויי וואָכן אַרום האָבן



דער פחדפולער אור־וואַלד פון קאָסטאַ ריקאַ איז אַזוי געדיכט, אין איינעקע ערטער, אַז אַ שטראַל איז ווערט אַ רענדל

זיך שוין באַדאַרפט אָנהויבן די פּרעלימינאַרע רעגנס, וואָס זענען די פּרעלודיע צו די גרויסע שטורעמדיקע און מבולדיקע רעגנס, וואָס געדויערן אין יענע מקומות פון זיבן ביז אַכט מאָנאַטן, טאָג־איין, און טאָג־אויס, פאַרפלייצנדיק אַלץ אַרום. און דאָ האָבן מיר געקענט, העכסטנס, מאַכן אַ צוואַנציק קילאָמעטער אַ טאָג. דאָס איז, אגב, אַ סך, ווען מיר זאָלן נישט האָבן קיין מניעות און מכשולים אין דעם אומענדלעכן בראשיתדיקן וואַלד מיט זיינע געדיכטענישן: אַ בוים לעבן אַ בוים, אַ בוים איבער אַ בוים און אַ קלעטער־בוים אַרומגעוויקלט, אַרומגעפלאָכטן פּאַראַזיטיש אַרום דעם שטאַם פון אַן אַלטן ריז ביז העט וייט אַריבער זיין גרינע שעוועלורע, וואָס וויגט זיך אין בלויען רוים. און גאָר הויך, שוין אויף

די טשובעס פון די צווייגן אויפן סאַמע שפּיץ בוים— אָרקידייען־בלומען, אַרויס־געוואַקסענע פון די פרעמדע צווייגן פון פּאַראַייגנטן בוים, פּראַכטפולע אָרקידייען מיט די הערלעכסטע קאָלירן לאָקן דעם קוריאָזן וואַנדערער, ער זאָל זיי באַפרייען פון זייער בחפזונדיקן אַרויפקלעטערן... מיר האָבן געמוזט מאַכן אַן אַ שיעור זיגזאַגן און אַרומקרייזן אַרום די זומפּן, אָזערעס, בערג און טיפע טאָלן און אָפּגרונטן. אַזוי אַרום האָט עס אויסגעמאַכט מער ווי דריי הונדערט קילאָמע־טער, וואָס איך האָב נאָך געהאַט דורכצומאַכן ביז סאַן כאָסע, איידער עס פאַנגען זיך אָן די מבלודיקע רעגנס...

אויפן צווייטן טאָג נאָך דער שלאַכט האָבן מיר באַמערקט פון צווישן דיביימער אין אַ שיטער שטיקל וואַלד אין דער ווייט אַזוי ווי אַ זילבערנעם אָפּשיין. גייענדיק אין יענער ריכטונג זענען מיר צוגעקומען צום טייך סאַראַפּיקי און צום גליק צו אַן אָרט, וווּ דער טייך איז מער ווי דריי מאָל אַזוי ברייט ווי געוויינלעך. דערפאַר איז דאָרט געווען נישט טיף און מיר האָבן אָן מניעות אים איבערגעקרייצט...

נאָכן אָפּבאָדן זיך אינעם קרישטאָלענעם וואַסער מיט אַ גאָלדענעם בליש־טשענדיקן זאַמדיקן גרונט האָבן מיר געכאַפּט אַ ביסל פּעכריי־פיש, און בשעת טופּאַק האָט געמאַכט פייער און צוגעגרייט די פיש צום בראָטן, האָב איך מיט דרוהידאַן זיך אָוועקגעלאָזט אין וואַלד, וואָס איז דאָרט געווען אַ ביסל שיטע־רער, און זיך האַלטנדיק ביים ברעג טייך, שטראָם־אַרויף, זענען מיר נאָכגעגאַנגען די שפּורן פון אַ טאַפּיר און פון אַ יאַגואַר.

— זייט פאָרזיכטיק, באַלעבאָס, — האָט צו מיר געזאָגט דרוהידאַ אַ באַזאָרגטער, — איר זעט, דאָס איז אַ שפּור פון צוויי יאַגואַרן, קעצישע פּוסטריט, טאַקע קוים מערקבאַרע פאַר אייך. איך האָב אָבער גלייך דערקענט זייער פאַר־טייעטע פאָרזיכטיקע פוס־שטעמפּלען. דערפאַר ווייס איך נישט צי די טיגרען זענען דאָ נאָרוואָס דורכגעגאַנגען נאָך די צוויי און אפשר מער טאַפּירן, כדי אַ וועלכן עס איז צו פאַרצוקן, אָדער זיי זענען דאָ דורכגעגאַנגען מיט עטלעכע טעג צוריק און דער ווינט האָט אַזוי פאַרשאָטן זייערע שפּורן. אָבער אַז דער טאַפּיר איז דאָ ערגעץ נאָענט לעבן אונדז בין איך זיכער. וואָס אַנבאַלאַנגט די יאַגו־אַרן, דאַרפן זיי אויך זיכער זיין ערגעץ אין וואַלד, און נישט זייער ווייט, ווייל אָט די חיות רעות לעבן תמיד נאָענט פון אַ לויפנדיקן טייך. דער יאַגואַר וואָגט אָבער נישט אַרויסצוגיין בייטאָג קעגן צוויי באַוואָפנטע מענטשן, מחמת ווי בייז, מעכטיק און בלוטדורשטיק ער איז, איז ער אָבער נישט מער ווי אַ טכויר, אַ פּחדן, און דערפאַר מאַכט ער זיינע איבערפאַלן בלויז ביינאַכט און איבערהויפּט אויף אומבאַשיצטע באַשעפענישן...

עס האָט לאַנג נישט געדויערט, און אָנשטאָט דעם געגאַרטן טאַפּיר, האָט דרוהידאַ דערזען צווי ריזיקע יאַגואַרן, באַהאַלטענע צווישן די בלעטער, אויסגעצויגענע אויף צווי באַזונדערע סטראַטעגישע צווייגן פון אַ באַיאַרטן כאַקאַראַנדאַ־בוים. זיי האָבן געטשאַטעוועט, מיר זאָלן צוקומען ביז אונטער די גראָבע און לאַנגע צווייגן, זיי זאָלן זיך אויף אונדז אַרויפוואַרפן...

קיין צייט האָבן מיר נישט געטאָרט פאַרלירן! איין אומאָנטשלאָסענע רגע, און אַדיע וועלט!... איך האָב דער ערשטער אָנגעצילט מיין צוויי־לופיקע ביקס און אויסגעשאָסן צווי מאָל. איין יאַגואַר איז אַראָפּגעפאַלן מיט אַ דורכגעשאָסענער ברוסט. דרוהידאַ האָט אָבער נישט באַוויזן אָנצוצילן זיין ביקס, צוליב



דער יאַגואַר, אָדער אַמעריקאַנער טיגער טשאַטעוועט אַרויפּ־צווואַרפן זיך אויף אונדז

דער נאָענטקייט צו דער חיה־רעה. אין דעם זעלבן מאָמענט וואָס איך האָב דערשאָסן מיין טיגער, האָט דער צווייטער אַן אַקראָבאַטישן שפּרונג געטון פון דער הויך אפשר פון אַ צען מעטער גלייך אויף דרוהידאַן. דרוהידאַ האָט פלינק אַרויסגעצויגן זיין לאַנגן מעסער, זייער אַ שאַרפשפּיציקן, אַרויף, און דער יאַגואַר איז מיט דער ברוסט אַרויפגעפאַלן אויפן שפּיץ פון חלף, וואָס איז אים

אַרויס פון דער אַנדערער זייט, ביים רוקן. דער העלדישער יונג האָט געקראָגן בלויז אַ לייכטן דראַפּע אויפן רעכטן אָרעם.

אַ טויט־בלייכער, די גרויסע פלוימען־אויגן שטאַרק צעעפנט, און דער גאַנצער קאָפּ, פּנים און הענט באַדעקט מיט אַ פּלוצלינגדיקן שווייס, אָבער רו־איק, האָט דרוהידאַ זיך געווישט מיטן לינקן אַרבל דעם שווייס פונעם שטערן, און שטיל, ווי צו זיך געמורמלט: — אַ שווערער כּלב אַט דער באַנדיטישער טיגער! ר׳האָט מיך שיעור אומגעוואָרפן, ווען איך לאָז נישט אָפּ גלייך דאָס מע־סער, וואָס האָט אים „טרוקן" געמאַכט...

דער אָרעמער טאַפּיר נעבעך איז פון מיינע שאָסן, דאָס רעווען פון די גוסס־דיקע מחבלים און פון אונדזערע קולות אַזוי צעטומלט געוואָרן, אַז אַנשטאָט צו אַנטלויפן טיף אין וואַלד אַריין, איז ער גאָר געלאָפן גלייך צו אונדז. איך האָב אויסגענוצט דעם מאָמענט, און מיט אַ העפטיקן שטאָך צווישן די אויגן, אים געטויט אויפן אָרט.

באַלד איז אונדז אויך געקומען צולויפן צו הילף דער „קוכער" טופּאַק, וועלכער האָט אונדז געהאָלפן אָפּשינדן די פעלן פון די דריי הרוגים, איבער־הויפּט פון ריזיקן טאַפּיר, פון וועלכן ער האָט אויסגעשניטן עטלעכע שטיקער פון ביידע זייטן רוקנביין אויף אַ באַלדיקן מאָלצייט און אויף צדה לדרך אויף דער ווייטערדיקער נסיעה.

דאָס שטיק וועג צווישן די טייכן סאַראַפּיקי, סוסיאַ, סאַן כאָסע, גענעראַל סאַרדינאַל און טאַרדאַ אַמאַריליאַ, האָב איך געהאַט גאָר אַ גליקלעכס. דער טייך סאַראַפּיקי וואָס ווערט געבוירן אין די קנייטשן פונעם ווולקאַן באַרבאַ, לויפט דאָרט אויפן שימערירנדיקן־גאָלדיקן זאַמד מיט אַ סטאַאישער גלייכגילטיקייט און ער מורמלט זיך עפּעס צנועדיק אַזוי שטיל, ווי אַן אָדע צו זיין באַשעפער. און דער שנעל לויפנדיקער טייך סוסיאַ מיט אַ גלאַנציקן זאַמד פון קוועקזילבער, וועלכער ווערט געבוירן אין די פאַלדן פונעם זייער געפערלעכן ווולקאַן איראַזו, פאַלט אויך אַריין, פונקט ווי די פריער דערמאָנטע טייכן, אין רייצנדיקן סאַראַפּיקי, פאַרמירנדיק אַזאַ מין זעלטן שיינע מעסאָפּאָטאַמיע, אַזאַ מין בין נהרים.

דאָרט איז די קאָסטאַריקער וואַלדיקע מעסאָפּאָטאַמיע אויסערגעוויינלעך פּרוכטבאַר און עס פלאַדיען זיך דאָרט אַלע חיות און פייגל פון אַמעריקע. איך האָב דאָרט דערשאָסן צוויי גאַרסאַס, דריי פאַיזאַנען, זעקס שיינע פוקסן און נאָך שענערע פיר קאָיאָטעס און דריי גרויסע פּומאַס. מיינע יונגען האָבן נאָך דערצו געכאַפּט צוויי לעבעדיקע פּומעלעך, אומגעפער פון אַ מאָנאַט אַלט.

אויפן צענטן טאָג וואַנדערן זענען מיר צוגעקומען צום ווולקאַן טוריאַלבאַ, וואָס האָט אַ הייך פון איבער 3.405 מעטער איבערן ים־פלאַך, און מיר האָבן

געמוזט אַרויפקלעטערן ביז איבער צוויי טויזנט מעטער, כדי דערנאָך אַראָפּצו־קלעטערן אויף דער צווייטער זייט, מחמת ווען נישט, וואָלט אונדז אויסגעקומען צו מאַכן אַן אומקרייז פון עטלעכע און צוואַנציק קילאָמעטער און אפשר מער.

דאָס אַרויפקלעטערן איז געווען אַ שרעקלעכע מאַטערניש, אָבער דאָס אַראָפּקלעטערן איז געווען פילפאַכיק ערגער. מיר דאַכט זיך, אַז דער חבוט־הקבר, מיט וועלכן מיין טאַטע ע״ה פלעגט מיך שרעקן, כדי איך זאָל נישט זינדיקן און זיין אַן ערלעכער ייד, דאַרף זיין אַ קינדערשפּיל אַנטקעגן דעם. די זוילן פון מיינע שטיוול זענען מיר אָפּגעריבן און צעריסן געוואָרן פונעם דראַפּען זיך איבער די שאַרפע וואולקאַן־שטיינער, און איך האָב נאָך יעדן טראָט געלאָזט בלו־טיקע פלעקן.



וויסטעניש פון פּאַמעז־שטיין, זאַמד און קאַקטוסן
אַרום דעם שרעקלעך אַקטיוון
וואולקאַן טוריאַלבאַ־קאָסטאַ ריקאַ

אויך מיינע באַגלייטערס האָבן זיך צעקאַליעטשעט די פיס, אַז זיי האָבן אַזש געוויינט פאַר ווייטיק. אפילו די דריי פעסטע וועטעראַנען־אייזלען האָבן זיך צעמזיקט זייערע קאָפּיטעס, ווייל זייערע פּאַדקאָוועס האָבן זיך אָפּגעריבן, אַזוי אַז עס איז אוממעגלעך געווען צו רייטן אויף זיי. זיי האָבן קוים געשלעפּט זייערע פיס...

און דאָ געפֿין איך זיך אויף אַן אומענדלעך גרויסן און הויכן מדבר פֿונעם געפּערלעכן ווולקאַן טוריאַלבאַ!

— ווי דורך אַ כּשוף איז פֿאַרשוווּנדן די געדיכטע טייגע מיטביימער, הויכע ביזן הימל און גראָזן כוואַליעדיקע ווי אַ ברויזנדיקער ים. פֿאַרשוווּנדן זענען די לאַנקעס מיט די סאַמעט־גרינע קאָניעטשינע און היי: קיין בוים, קיין פּלאַנץ, קיין בלומענקווייטן, קיין שום צווייט פּול מיט בינען און שמעטערלינגען. בלויז צעלכערטע און צעשמאָלצענע לאַוואַ־שטיינער ווי פֿון אַ טיגל אַרויס, שוואַרצע, ברוינע, רויטע, געלע און טונקל־גרויע, ווי נישט איבערגעברענטער קאָקס, צעשמאָלצענער, וואָס די קוזשניעס וואַרפֿן אַרויס. אַ שטיין אויף אַ שטיין, ערטער־ווייז, גאַנצע גרודעס פֿון פּאָמעז־שטיינער פֿון אַלערליי קאָלירן. אַלע זענען צע־לעכערטע ווי די וואַש־שוואָמען. בערגלעך, גרודעס שטיינער, ווי דורך באָמבעס צעשטערטע חורבות. צווישן אָט דעם שלל אָנגעהויפּטע שטיינער זעען זיך ווייסע און געלע זאַמד־פֿלעקן, ווו עס וואַקסן, ווו־נישט־ווו, שווינדזיכטיקע דערנער. און אין דער מיט שטייט זיך דער אַראָגאַנטישער ווולקאַן־באַרג טוריאַלבאַ מיט זיין שרעקלעכן און געוואַלדיק גרויסן שוואַרצן אָפֿענעם פּיסק אַרויף. פֿונעם אָפֿענעם גרויסן קראַטער האָט זיך געהויבן אַרויף אַזוי ווי אַ וואָלקנדל, אַ ווייס, אַ שי־טערס. דערפֿאַר אָבער האָט פֿון אַ קלענערן לאָך, נישט מער ווי אַ פּופּציק מעטער אין דיאַמעטער, געזעצט אַרויף אַ געדיכטער, גרוי־געלער־גרינער רויך, מיטן קאָליר פֿון שוועבל־פֿייער, ווי פֿון אַ פֿאַנטאַסטיש גרויסן פֿאַבריק־קוימען.

פֿאַר מיינע פֿיזישע שמערצן אויפֿן רוקן פֿון געפּערלעכן ווולקאַן־באַרג האָב איך געהאָט אַן אומפֿאַרגעסלעכן גייסטיקן געניוס: פֿון קילשטיינערנעם בערגל, אויף וועלכן איך בין געשטאַנען אויפֿן ריזיקן באַרג טוריאַלבאַ, כּמעט אין דער מיט פֿון דער מדינה קאָסטאַ ריקאַ, האָב איך אַ פֿאַרגאַפּטער, מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם, געקוקט מיט מיין פֿעלד־שפּאַקטיוו, אויף רעכטס און אויף לינקס און געזען די שיפֿן סיי אויפֿן אַטלאַנטישן און סיי אויפֿן פּאַציפֿישן אָקעאַן. די וווּנדערבאַרע פּאַנאָראַמע האָט מיך פֿון גרויס עמאָציע אַזש געלאָזט אָן לשון. פּונקט ווי באַל־באָאַ, להבדיל, מיט איבער פֿיר הונדערט יאָר צוריק, ווען ער האָט פֿון די פּאַנאַ־מער בערג דערזען דעם פּאַציפֿישן אָקעאַן פֿאַרנט פֿאַר זיך און דעם אַטלאַנ־טישן אָקעאַן הינטער זיך...

דעם זעלבן פֿאַרנאַכט האָב איך אַראָפּגעקלעטערט, מחמת מיינע באַגלייטערס האָבן מורא געהאַט אימת־מות צו נעכטיקן אויפֿן ווולקאַן־באַרג. ווי אומבאַהאָל־פֿענע קינדער האָבן זיי זיך געבעטן ביי מיר, און האָבן דערציילט גרוילן איבער גרוילן, ממש ניסים און נפֿלאות, אַז שרעקלעכע שדים און איינאָויגיקע מחבלים זיצן אינעם ווולקאַן־קראַטער און זענען דורס יעדן, וואָס וואַגט צו נעכטיקן אויפֿן

באַרג. די שרעק האָט זיך שפּעטער פאַרוואַנדלט אין אַ דראָענדיקער פּאַניק, און איך האָב, קעגן מיין ווילן, געמוזט אַראָפּנידערן.

יענער טאָג איז פאַר די אייזלען געווען גאָר אַ ביטערער, ווייל אויפן אומענדלעכן שטיק הויכן מדבר, באַדעקט מיט אַלערליי לאַווע־שטיינער וואַקסט כמעט גאָרנישט, און די אָרעמע בהמות האָבן גאָרנישט געהאַט וואָס צו עסן און וואָס צו טרינקען ביז אַ שטיק אין דער נאַכט אַריין.

אפילו די צוויי קליינע פּומעלעך האָבן אַזוי יאָמערלעך געמיאַוקעט, אַז איך האָב אויף אַן אמת איבערגעטראַכט, צי מיר וועלן נישט אַמאָל איבערגעפאַלן ווערן פון אַ מחנה פּומאַס, וואָס וועלן קומען אויסלייזן דאָס קליינוואַרג פון זייער שטאַם...

דער „וואַלד־גזלן"

אויפן צווייטן אָוונט זענען מיר אָנגעקומען אין אַן אינדיאַנער דאָרף מיט דעם נאָמען מאַנטזצגאַלטיקלאַן.

אין דעם דאָרף מיט זיינע אנדערטהאַלבן שאָק הייזקעס, גרעסערע און קלע־נערע, די מערהייט נישט גרעסער ווי אַ גרויסע ציגנשטאַל, צונויפגעקלעפטע מיט באַלטע און גראָז פון דזשונגל, פון רערן־שטעקלעך און אייניקע אפילו פון האָלץ, האָב איך פאַרבראַכט גאַנצע פינף מעת־לעת.

דאָ האָב איך פאַרריכט די אויסגעריבענע זוילן פון מיינע שטיוול, און עס האָבן זיך אויך פאַרהיילט מיינע אָפּגעריבענע פיס, ווי אויך די פיס פון מיינע פּראַקטישע פירערס, טופּאַק און דרוהידאַ, און די קאַפּיטעס פון מיינע אייזלען.

די מענטשן פון דעם ישוב האָבן אונדז אויפגענומען מיט אָפענע אַרעמס, און האָבן אונדז געגעבן דאָס בעסטע, וואָס זיי האָבן געהאַט.

איך האָב געהאַט דעם כבוד און גליק איינצושטיין ביים סאַמאַראָדנעם ביר־גער־מייסטער פון מאַטזצגאַלטיקלאַן, אַ טאָטאַנעקאַ־אינדיאַנער פון קוים אַ מע־טער מיט דרייסיק צענטימעטער די הייך, דערפאַר אָבער דער קליגסטער פונעם דאָרף.

דער קאָפּ זיינער, אין דיספּראָפּאָרץ צו זיין נידעריקן וווקס, איז געווען גרויס, ווי ביי אַ קאַרליק, און באַוואַקסן מיט לאַנגע, פעך־שוואַרצע גלאַנציקע האָר. פון זיינע אויסטערליש־גרויסע אויערן, ווי ביי אַן אַמאַליקן אינקאַ, האָבן אַראָפּ־געהאָנגען זילבערנע אויערינגען, און טיף אין זיין פילאָזאָפישן שטערן איז געווען איינגעפּאַסט אַ קליינער זילבערנער מעדאַליאָן מיט אַ רובין־שטיינדל אינ־מיטן. געהאַט האָט ער אַ פּאָר שיינע, גרויסע הירשן־אויגן, אָבער מיט אַ קוק פון אַ בייזן און הונגעריקן וואָלף, נאָר אומשולדיקע ווי ביי אַ קינד, און גוט און צוגעלאָזן איז ער אויך געווען ווי אַ קינד.

זיין ווייב טשלאָנאַ, אָדער דאָניאַ קאַרמען אין שפּאַניש, אַ פיר און צוואַנציק יעריקע, שיינע שלאַנקע און האַלב־ווייסע ברונעטקע מיט אַ געטאָקט קעפּל, איז געווען יינגער פון איר מאַן מיט אַ יאָר צוויי און צוואַנציק. אויף איר פיין־פאָרמירטן האַלדז האָט זי געטראָגן עטלעכע קריסטלעכע קמיעות מיט אַלערליי

בתולות, און אויך אַצטעקישע, אינקאישע, קיטשי־מאַישע, טאָטאַנעקישע און אַנ־דערע געשמקעס. אויך זי האָט אַרויסגעוויזן צו אונדז אומענדלעכע גוטסקייט און פריינטשאַפט.

באַלד ווי איך בין אַריינגעקומען צו אים אין שטוב, אַ קאָנוסאַרטיקער צי־מער פון אַ דריי מעטער די הייך אינדערמיט, האָט דער בירגערמייסטער, דאָן ראַמאָן, אַראָפּגענומען פון קאָפּ זיין גרויספליגלדיקן הוט פון פּאַלמען־בלעטער, און איז געבליבן שטיין פּאַר מיר שטייף ווי אַ יאַטעק־קלאָץ. מיט זיינע הויכע שטיוול אויף זיינע קורצע פיס מיט נאָך קורצערע, ברייט־לייוונטענע, ווייסע מייטקעס און מיט אַ לעדערנעם רעקל אויפן הוילן לייב, אַרומגעגאַרטלט מיט אַ ברייטן לעדערנעם רימען, אָנגעפּיקעוועט מיט קוילן, און מיט צוויי 45ער קאָלד־רעוואָלווערן אין ביידע זייטן, האָט ער אויסגעזען ווי עפּעס אַ טעאַטראַלע פּאַרזענליש.

דער קליינער „וואַלד־גזלן" איז אַזוי געשטאַנען אַ שפּאַר ווילע, און אויס־הערנדיק מיין אַדיסייע האָט ער מיך באַטראַכט פון אַלע זייטן. מיין אָפּנהערציקייט איז אים, ווייזט אויס, געפעלן און ער איז אַוועק ברענגען פּאַר מיר כיבוד: אַ טאָפּ בראָנפן פון בעריאַזע־זאַפּט, טשאַרקי*) פון אַ קאַבאַן און אַ שטיק לעקעך פון קוקורוזע צו פאַרבייסן, וואָס איז געווען אַזוי האַרט, אַז איך האָב געמוזט אים גוט איינעצן אין פייערדיקן אָקעוויט, כדי צו קענען עס איינבייסן. אויך די ביר־גערמייסטערין, אין אַ געבלימט רויט שטיקל ציץ איינגעהילט און מיט אַ צען־חדשימדיק קינד אין אַ זעקל אויף דער פּלייצע, האָט זיך גענומען עסקן אַרום מיר, ווי איך וואָלט געווען ווער ווייסט ווער. זי האָט מיר דערלאַנגט עטלעכע גראָבע ציגאַרן פון אייגענער אַרבעט, נישט ערגער, לויטן געשמאַק ווי די עכטע האַבאַנער; זי האָט מיך מכבד געווען מיט אַ טעפּל אַלטן וויין פון ווילדע עפּעלעך, און וויין פון ווילדע וויינטרויבן, טשירימאָיאַס, אַגואַקאַטעס און וויפל שמאַטעס זי האָט נאָר געהאַט, האָט זי צונויפגעשלעפּט און האָט מיר אויסגעבעט אַ בעט אין „הויפּט־סאַלאָן", ווי פאַר אַ בן־מלך...

איך האָב באַקוקט די שטוב מיטן מעבל: עטלעכע שטרויענע בענקלעך, אַ שטרויען טישל און עטלעכע עטאַזשערקעס, צונויפגעקלאַפּטע פון ברעטלעך אויף אַיועקצולייגן אַדער אַוועקצושטעלן אויף זיי אַ שטיקל קיכגעשיר. אַנשטאָט בעטן — אַזעלכע סיעטקעס, אָנגעהאָנגענע אויף שטריק צוגעבונדענע צום באַלקן. די סיעטקעס זענען געווען אויסגעפלאָכטן פון אַ דינעם זייער שטאַרקן שפּאַגאַט, וואָס די אינדיאַנער מאַכן פון פּאַלמען־בלעטער און פון באַנאַנען־בלעטער. די־

*) פלייש געטרוקנט אויף דער זון.

סיטעקעס קען מען אויך אויפהענגען אינדרויסן צווישן דיביימער, ווי אַ האַמאַק, און מען שלאָפט אין זיי הענגענדיק אין דער לופטן.

— איר זעט, פריינט, — האָט זיך אָנגערופן צו מיר דער בירגערמייסטער אין זייער אַן ערנסטן טאָן, ווי פאַר אַ שררה. — די הענג־בעטן זענען אַ סגולה צו צוויי זאַכן: ערשטנס, דאַרף קיין אָרעמאַן נישט קויפן קיין בעט, און צווייטנס, איז מען מיט דעם אין טראָפיקאַלן וואַלד באַוואָרנט קעגן גיפטיקע שלאַנגען, עקדישן און אַנדערע רמשים, אפילו קעגן וואַנצן, פליי און לייז איז עס אַ סגולה...

אויף די ווענט זענען געהאַנגען עטלעכע ביקסן, גאַרטלען מיט קוילן, רע־וואָלווערן, הירשן־קעפּ מיט צעצווייגטע הערנער און פערדישע קאָפּיטעס מיט

„פּאַלאַצן" פון מאַטוזגאַלטיקלאַן

אַרויפגעזעצטע פּאָדקאָוועס. די לעצטע זענען אַ סגולה צו מזל און ליבע, יאַגד, הערשאַפט, געזונט און געלט... חוץ דעם זענען געשטאַנען ביי די ווענט עטלעכע קאַסטנס און קאָמאָדעס.

דער בירגערמייסטער איז, בערך, גראָד נישט געווען אַזאַ אָרעמאַן, ווי ער האָט זיך פאַר מיר פאָרגעשטעלט. דאָס הויז זיינס באַשטייט פון פינף אַזעלכע צימערן. צוויי האָט ער באַקומען בירושה, ווי ער האָט מיר דערציילט, צוויי האָט אים צוגעבויט זיין ערשט ווייב אַלס נדן, און איינס האָט ער אַליין זיך צוגעבויט נאָכן טויט פון זיין ערשט ווייב, ווען ער האָט געהאַלטן ביים חתונה האָבן מיט טשלאַנאַן.

פון איין קאַנוס־צימער אין צווייטן, האָט ער אויסגעהאַקט טירן, און אַזוי אַרום האָט ער אַלע פינף צימערן פאַראייניקט אין איין הויז, מיט אַ פינף־שפּיציקן דאַך, אַזוי ווי אַ גאָטישער קלויסטער. איין קאַנוס — דער העכסטער, איינדערמיט, און די אַנדערע פיר — אין אַלע פיר קאַרדינאַלע זייטן. דערפאַר האָט דער מיטלסטער קאַנוס גאַנצע פיר טירן אויף אַריינצוגיין אין די אַנדערע פיר קאַנוסן. קיין פענצטער האָט נישט דאָס הויז, בלויז לעכער, גרויסע ווי אַ קאָפּ פון אַ מענטש, מיט הילצערנע גראַטן. אין מיטלסטן קאַנוס איז דערפאַר כמעט פינצטער.

אַ חוצן הויז פאַרמאָגט דאָן ראַמאָן אַ שטאַל מיט צען אייזלען, צוויי געוועט־פערד, צוויי מויל־אייזלען, פערציק שעפּסן, 25 ציגן, הונדערט מיט עטלעכע און פופציק גרויסע אינדיקעס, אַ גאַנצע סטאַדע פערליצקעס, הונדערטער הינער, קאַטשקעס, גענדז, גאַזשאַרעטאָס, פּאַוכילעס, שוואַנען, פלאַמענקאָס און אַנדערע עופות; פינף טאַפּירן, צוויי גרויסע הירשן, אַ טוץ ווילדע חזירים מיט ברייטע שאַרפע ציין, אַרויסגעוואַקסענע פון אונטערשטן קינבייןן, און אַ גאַנצן צענדליק בייזע הינט, אַלע ווייסע מיט שוואַרצע און רויטע פלעקן. די הינטיכעס זענען פוילישע און די הינטישע ערס זענען דייטשישע כלבים, שרעקלעכע וועלף־הינט פון דער ריינסטער דייטשישער ראַסע, עכטע אַריער...

אויך האָט דאָן ראַמאָן עטלעכע שטייגן מיט ווילדע חיות, פייגל און שלאַנגען, וואָס ער דרעסירט און פאַרקויפט זיי אין די צירקן, זאָאָלאָגישע גערטענער, נאַטור־וויסנשאַפטלעכע מוזייען און צו פּריוואַטע מענטשן. דערפאַר איז ער אַזוי ציוויליזירט...

פעלד פאַרמאָגט ער גאַנצע צוואַנציק העקטאַר, גוטע, שוואַרצע ערד, ריין פעלד, אַ חוץ וואַלד, וואָס דאָס איז אַ זעלטנקייט, אַז אַן אינדיאַנער זאָל אַזוי פיל באַזיצן. דאָס פעלד איז אַ ירושה פון זיינע עלטערן, און די „ווייסע טייוואָלים" האָבן נישט געוואַגט צוצונעמען ביי אים אַלץ, ווייל ער ווייסט, ווי אַזוי אומצוגיין מיט זיינע ראַסן־ברידער. ער לערנט זיי און ווירקט, זיי זאָלן זיין געהאָרכזאַם דער מאַכט, דעם לאַטיפונדיסט און דעם גלח, און זאָלן צאָלן שטייערן דער מאַכט, דער קירך און אים, און זאָלן קיינמאָל נישט פאָדערן צופיל לוין פאַר זייער פּראַצע, כדי זיי זאָלן נישט אויסגעשאָכטן ווערן ווי די אַנדערע, אומגעהאָרכזאַמע, קריגערישע אינדיאַנער, שבטים פון אַנדערע ישובים.

געהאַלט באַקומט ער גאַנצע פערציק קאָלאָנעס אַ חודש (אומגעפער צען דאָלאַר). אָבער אַ חוץ דעם באַקומט ער אַ סך „פּריווילֶיקע" מתנות פון זיינע מיטאַרבעטער, ווייל ער איז זייער טרעפער, שטערנזעער און כשופמאַכער. נישט אומזיסט האָט ער פיר פערדישע פּאַדקאָוועס אויפגעהאָנגען אין זיין צימער, און ער איז דערפאַר דער רייכסטער באַלעבאָס אין דאָרף און אין די דערפער אַרום...

פאַראַן נאָך, אַ חוץ אים, עטלעכע באַלעבאַטים מיט „אַנשטענדיקערע" הייזער. די איבעריקע זענען אָרעם ווי דער טויט.

— איך האָב אָט דאָס, ווייל איך בין קלוג, און ווייס, ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט די רייכע און מעכטיקע; צום רייכן און מעכטיקן שמייכל איך, זאָג אים נישט קעגן אפילו דעם גרעסטן אַבסורד, און דעם אָרעמאַן, דעם געשלאָגענעם און געפּלאָגטן שטראָף איך. איך זידל אים נישט, נאָר איך שטראָף. ווער איך באַליבט ביי די מעכטיקע, ביי די רייכע, און ביי די אָרעמע און געפּלאָגטע ווער איך אַ הייליקער, ממש אַ גאָט. יאָ, יאָ, ווייסער הער! אַ מענטש דאַרף וויסן ווי אַזוי צו האַנדלען, ד"ה ווי אַזוי זיך צוצופּאַסן. דאַן קען ער ווערן אפילו אַ גובערנאַטאָר, אַ מיניסטער און אפילו אַ קעניג... — האָט דאַן ראַמאַן פאַרענדיקט פיל־דייטיק.

אויף צומאָרגנס האָבן אַלע אינדיאַנער פון מאַטזאַגאַלטיקלאַן מיך באַלאַגערט, איך זאָל זיי געבן רפואות צו זייערע חולאתן. זיי זענען געווען זיכער, אַז איך בין אַ רופא, אַ מכשף, וואָס זייערע געטער, צוזאַמען מיט די קאַטוילישע הייליקע האָבן מיך צוגעשיקט צו זיי אין דזשונגל, זיי אויסצוהיילן פון אַלדאָס־בייז. געדרונגען האָבן זיי עס פון דעם, וואָס איך האָב אַליין פאַריכט מיינע שטיוול, האָב געטראָגן אַ לאַנגן ווייסן כאַלאַט און טונקעלע ברילן קעגן דער זון, און דערצו קוריר איך נאָך אַליין מיינע פיס און אויך די פיס פון מיינע באַגלייטער און די קאַפּיטעס פון מיינע אייזלען...

מערסטנס זענען זיי קראַנק געווען אויף דער ראיה, צוליב די פּיצינקע שטויב־פליגעלעך וואָס קריכן מיליאָנענווייז אַריין אין די אויגן, אויב מען וואַשט זיי תיכף נישט אויס, כאָטש מיט פשוט וואַסער, קריגט מען אַן אויגן־אָנצינדונג. נישט ווייניקער ליידן זיי אויף די אויגן צוליב דעם שרעקלעכן שמוץ, אין וועלכן זיי לעבן. אַ סך פון זיי זענען פשוט באַשאָטן מיט קרעץ, בלאָטערן, סקראָפולן, מאַלאַריע־קרענק און אַנדערע שלעק.

געקומען זענען אויך יונגע ווייבלעך, איך זאָל זיי געבן קמיעות צו קינדלען, איבערהויפּט, זיי זאָלן געבוירן יינגלעך, איינע, אַ זעכצניעריקע ווייבעלע, וועמענס מאַן, אַן אָנגעזויענער קאַציק פון אַ נאָענטן דאָרף, האָט זי געסטראַשעט אַרויסצוטוואַרפן, ווייל שוין פיר יאָר, אַז זי איז מיט אים, און זי האָט אים געבוירן נאָר צוויי מיידלעך, און קיין יינגל — נישט. וויל ער נישט, זי זאָל זיין ווי זיין אייזל, וואָס האָט שוין געהאַט צוויי נקבות און קיין איין זכר נישט. ער דאַרף האָבן, זאָגט ער, אַ זון, וואָס זאָל ירשענען זיין הייליקן קאַציקן־טיטל...

צווישן די אַלע שלעק וואָס איך האָב געמוזט קורירן, — ווייל אָפּזאָגן זיך וואָלט פאַר מיר באַדייט שטעלן דאָס לעבן אין געפאַר, — איז געווען אַ גאַנצע פאַמיליע פון טאַטע־מאַמע מיט אַ האַלבן טוץ קינדערלעך, וואָס זענען געל גע־

וואָרן פון צער און שרעק: אַ גאַוויאַל*) האָט פאַר זיי אין די אויגן צעריסן און אויפגעפרעסן זייערס אַ יינגל פון צוועלף יאָר. גראָד האָב איך נישט געוווסט פון קיין שום רפואה צו געלזוכט, און מיר איז סתם איינגעפאַלן זיי צו הייסן טרינקען טיי פון זאַפערן, און נישט עסן קיין פלייש, איבערהויפּט נישט עסן קיין

די זעכצניעריקע ווייבעלע האָט אין משך פון פיר יאָר אים געבוירן צוויי מיידלעך און קיין איין יינגל נישט, דערפאַר וויל ער זי אָפּגטן

וורשטן און קיין שום געפּעפּערטע און פאַרזאַלצענע זאַכן, ווי אויך נישט טרינ־קען קיין אַלקאָהאָלישע געטראַנקען ביז זיי וועלן געזונט ווערן. צו מיין גרויסער איבערראַשונג, האָט מיין אומשולדיקע רפואה געווירקט. — איך ווייס אָבער נישט, צי די זאַפערן־טיי, צי די דיעטע וואָס איך האָב זיי געגעבן האָט זיי געהאָלפן. אין אַ מאָנאַט אַרום האָב איך זיי געזען אין שטאָט אויפן מאַרק פּלאַץ, און אַלע האָבן שוין געהאַט אַ נאָרמאַלן אויסזען...

צו די אַלע פּורעניותן האָט נאָך כמעט יעדערער געליטן אויף דיזענטעריע, און איך האָב זיי געראָטן צו טרינקען טיי פון סימאַרובאַ־בלעטער, נישט עסן קיין אומצייטיקע פרוכטן און נישט טרינקען קיין רויע וואַסער פון די שטייענדיקע אָזערעס, און נאָך אַלעמען האָב איך זיי געראָטן צו גיין צו אַ דאָקטאָר אין שטאָט.

*) אַ שלאַנג־אַרטיקער קראָקאָדיל מיט אַ לאַנגן פּיסק.

צו בויך־שמערצן האָב איך זיי געראָטן צו טרינקען טיי פון רודאַ־בלעטער, צעדראַן אָדער מאַלוואַ. צו דיאַבעטיס*) האָב איך געהייסן טרינקען טיי פון די בלעטער „קיען־קלאָען" און צו האַרץ און אַאָרטאַ, טיי פון דיגיטאַלינאַ; די סקלאַ־פּאַריטשנע האָב איך געראָטן צוליגן צו די אייטערדיקע קרעץ די פּאַלאַן־פּאַלאַן בלעטער; די וואָס האָבן געליטן פון שלאָפלאָזיקייט האָב איך געראָטן טרינקען מאַן־טיי...

אייניקע פון די מיידלעך און ווייבלעך זענען געווען אַזוי לייזיק, אַז זייערע שוואַרצע קעפּ האָר זענען געווען גרוי פון די מיליאָנען גנידעס אָנגעזעצטע אויף יעדער האָר. צו דער פּרעהס דריטער מכה האָב איך זיי געראָטן זיך וואַשן מיט אַלקאָהאָל, וואָס זאָל זיין אָנגעזאַפּט מיט די שפּענדלעך פון „ביטערער אַקאַ־ציע". די לעבער־קראַנקע האָב איך געראָטן טרינקען טיי פון באָלדאָ, קאַרקעכאַ און זשאַבע־גראָז. די מיט אַ הויכן בלוטדרוק האָב איך געראָטן ווינציק טרינקען און עסן קנאָבל.

באַזונדער האָב איך אַלעמען געראָטן צו זיין היגיעניש, מחמת אַלע אָן אויס־נאָם זענען זיי געווען זייער שמוציק און מיט אָן אַ שיעור אומפּלייט. פון אַלעמען האָט געשטונקען, איבערהויפּט פון די ווייבער האָט אַזוי שרעקלעך געאָוורט, אַז איך האָב געמוזט פאַרשטעקן זיך די נאָז מיט שטיקלעך וואַטע.

צו די קראַנקע האָבן מיך געפּאָלגט, און צו די מעדיצינען, וואָס איך האָב זיי געגעבן האָבן געהאָלפן, בין איך מסופק. איך ווייס נאָר, אַז דאָס שטיקל אַפּטייקל, וואָס איך האָב מיטגעפירט מיט זיך פאַר מיינע פּערזענלעכע באַדערפע־נישן אין אַ נויטפאַל, איז אַוועק אויף זייערע חולאתן.

שוין דעם לעצטן טאָג פאַר מיין אָפּפאָרן פון מאַטזצגאַלטיקלאַן האָט זיך גע־יאַוועט צו מיר אַ מאָדנער חולה. דאַכט מיר, אָן אינדיאַנער און, מעגלעך, אַז נישט. אַ חושכדיקער מיט אַ כמעט רויט־שיטער בערדל, העל־שאַטינענע, גע־קרויזלטע האָר, ווי ביי אַ פּודעל־הונט, אַ פינצטערער, שרעקעווודיקער און פאַרשנדיקער קוק אין זיינע אַרויסגעשטאַרצטע, גרין־בלויע שלאַנגען־אויגן, לאַנ־גע ברעמען און הויכער גלאַטער שטערן. געקליידט איז דער ספק־אינדיאַנער אויך אַנדערש ווי אַלע אַנדערע אינדיאַנער פון מאַטזצגאַלטיקלאַן: געטראָגן האָט ער רויטע שיך מיט הויכע, אַרויפגעזעצטע פּאָלאַינעס**), לעדערנע ברוינע הויזן, אַ לעדערן רעקל פון זעלבן קאָליר, אַ לעדערן זשאָקעי־היטעלע און אַ פיין זיידן לייבל אַלס אונטערוועש. ווי עס פירט זיך אין יענע מקומות, האָט ער אויך גע־טראָגן מיט זיך צוויי ריזיקע קאָלד־רעוואָלווערן, נאָר אין ספּעציעלע שיידלעך, אָנגעהאָנגענע אין אַ זייער ברייטן רימען מיט אַ סך קעשענעס און באַפּוצט אַרום

*) צוקער־קרענק.
**) אַרויפגעזעצטע כאַלעוועס.

מיט זילבערנע און גאָלדענע מטבעות און כל־המינים צאַצקעס, ווי עס טראָגן די אַרגענטינער „גאַוטשאָס"*). אויך אַ מעסער האָט ער געטראָגן, אַריינגעזעצט אין ברייטן, לעדערנעם פּאַסיק, אין קרייץ אויפן רוקן. דאָס מעסער אַ גרויס און אַ ברייטס, מיט אַ זילבערן הענטל און מיט גאָלדענע בוכשטאַבן אויפן זילבער־נעם שיידל, באַפּוצט מיט זילבערנע און גאָלדענע קמיעות און צאַצקעס. דערצו נאָך האָט ער געטראָגן אויפן האַלדז אַ רויטע, שוין קויטיקע זיידענע שמאַטע.

געקומען איז ער מיך פרעגן, צי איך האָב נישט אַ רפואה צו...

די קראַנקהייט האָט ער מיר געזאָגט אויפן אויער, און דאָ האָט זיך אַרויס־געוויזן ווער מיין פּאַציענט איז...

הייסן הייסט ער מיט אַ יידיש־רוסישן פאַמיליען־נאָמען, וואָס ער האָט פאַרו־מעגישט אין זיין רומענישן פּאַס, נאָכדעם ווי דאָס רומענישע עמלקים פאָלק האָט פאַרכאַפּט דאָס פרייע און שיינע רוסישע בעסאַראַביע, און פאַרשטייט זיך, אויך טעלענעשט פון וואַנען מיין בעל־דבר איז. געוווינט האָט ער פריער אין טשילע, אין די שטעט סאַנטיאַגאָ, וואַלפּאַראַיסאָ, וואַלדיוויאָ און אַנדערשוו, ווו ער איז געווען אַ קוענטעניק, ד"ה ער האָט פאַרקויפט אויף אויסצאָל. נאָר אין פּרט פון געוויסן, מאָראַל און געזעלשאַפטלעכקייט, איז ער געווען אַנדערש, גאָר אַנדערש פון אונדזערע יידישע קוענטעניקעס: ער איז געווען אַן אחר... פון טשילע איז ער אַוועק קיין באָליוויע, ווו ער האָט זיך באַשעפטיקט מיט אויפקויפן לאַנדווירט־שאַפטלעכע פּראָדוקטן, און ער האָט אַריבערגעבראַכט „אַ פלאַטערדיקס, אַ כשר־יידיש שטיקל סחורה" פאַר די דאָרטיקע הייזלעך. אינמיטן איז ער נבשל געוואָרן מיט אַ גנבהלע, און האָט געמוזט עוקר זיין קיין בראַזיל. דאָרט האָט ער זיך אַ קאַפּיטשקע אונטערגעשמדט און האָט חתונה געהאַט מיט אַן עלטערער, זייער פרומער קאַטוילישער פּראָסטיטוטקע, ביי וועלכער ער האָט צוגעלקחנט דריי הונדערט „קאָנטאָס" (אַ קאָנטע איז דאַן געווען 750 אַרגענטינער פּעזעס), וואָס די אַלטע האָט געהאַט אָפּגעשפּאָרט פון אַ שענדלעכן מסחר, און ער איז אַנטלאָפן מיט דער אַלטערס אַ ייִנגערער שוועסטער, אויך אַזאַ צניעה, קיין קאַראַקאַס, פון וואַנען מען האָט אים צוריק אויסגעליפערט קיין בראַזיל. אויף דער שיף האָט ער אונטערגעקויפט די מאַטראָזן, וועלכע האָבן אים אַריבערגעזעצט אויף אַ צווייטער שיף, וואָס איז געגאַנגען קיין האָנדוראַס, און פון האָנדוראַס איז ער דורך ניקאַראַגואַ אַריין קיין קאָסטאַ ריקאַ.

דאָ אין קאָסטאַ ריקאַ האָט ער זיך אָבער אויך נישט געפילט זיכער. ער האָט מורא געהאַט פאַר אַ „גוט־אויג", און ער האָט דערפאַר זיך באַזעצט אינמיטן די וועלדער, צווישן כמעט פּרימיטיווע אינדיאַנער, און איצט וווינט ער מיט אַן

*) אַרגענטינער קאַאובאַי.

אינדיאַנערין, מיט וועלכער ער האָט דריי קינדער. נאָר אַזוי ווי פֿון די גוטע יונגע יאָרן איז אים פֿאַרבליבן אַ חשק צו שניי־ווייסע באַרישניעס, כאַפּט ער זיך אַמאָל אַריין אומבאַקענט קיין סאַן כאָסע... און דאָ איז ער מיט צוואַנציק טעג צוריק נעבעך „אַריינגעפֿאַלן”... אַ יונגיקע, אַ ווייסינקע, ממש אַ מלאך, אַ צאַרטינקע בלאָנדינקעלע מיט גלאַטע האָר ווי פֿלאַקס, די טאָכטער פֿונעם צאַרישן פּאָלקאָווניק יעפּים קאָוואַלטשוק, וועלכע זינגט אַזוי האַרציק „באָזשע צאַריאַ כראַני” און טאַנצט אַזוי שיין אין נאַכטזאַל און שעלט מיט קללות וחרמות די גאָטלאָזע באָלשעוויקעס און יידן. האָט זי עס אים אַזוי אָנגעשטעקט, אַלס דאַנק, פֿאַר זיינע דאָלאַרן...

אויסגעהערט די מעשה, האָב איך אים געענטפֿערט גאַנץ פּשוט:

— פֿאַר אייך האָב איך קיין שום רפֿואה נישט. אייער מכשול קען מען נאָך אויסהיילן, אָבער אייך אַליין וועט שוין קיין טאָטער אויך נישט העלפֿן. אין אַ טויטער לונג קען מען אויסהרגענען די מיקראָבן, אָבער ווען דער מענטש לעבט זענען דערווייל נישטאָ קיין מעדיצינישע מיטלען מ׳זאָל קענען הרגענען די טובערקולאָז־באַצילן און דעם מענטש נישט שעדיקן. יאָ, מ׳קען די מיקראָבן נאָר אַרומצוימען, פּונקט ווי אַ מענטשלעכן פֿאַרברעכער, זיי זאָלן נישט גיין ווייטער. אויסהיילן אָבער פֿולשטענדיק אַ טובערקולאָז־קראַנקען איז דערווייל אוממעגלעך. — דאָס זעלבע איז מיט אייך...

אַוועקגעפֿאָרן פֿון מאַטזצגאַלטיקלאַן בין איך אָנגעלאָדן מיט אַלדאָס גוטס. דער גאַסטפֿריינטלעכער בירגערמייסטער האָט מיר מיטגעגעבן אין וועג אַריין פֿאַר מיר און פֿאַר מיינע באַגלייטער דריי געבראָטענע ווילדע גענדז, וואָס די בירגערמייסטערין אַליין האָט זיך ביי זיי געעוסקט, עטלעכע פּלעצלעך פֿון קוקורוזע־מעל און אַ לאָגל אייגנגעמאַכטן שנאַפּס. נאָר די בעסטע מתנה, וואָס איך האָב מיטגעפֿירט פֿון מאַטזצגאַלטיקלאַן, זענען געווען צוויי מאָריפּאַ־שלאַנגען, וואָס דאָן ראַמאָן האָט מיר געשאָנקען. די קערפּערס זייערע זענען ווייס ווי שניי, די קעפּ — גרין ווי גראָז און פֿלאַטשיק ווי אַ בלעטל און בייז זענען זיי געווען און אַגרעסיוו — אַ גרויל. פֿון זייער גיפֿט איז אַ געביסענער הונט צו די צוואַנציק מינוט געשוואָלן געוואָרן ווי אַ פֿאַס, און צו די דרייסיק מינוט איז ער אַוועקגעפֿאַלן טויט. יעדן מאָל, ווען איך בין צוגעגאַנגען צו זייער געדיכט־פֿאַרדראָטעטער שטייג פֿלעגן זיי אַ שיפּע טון, אַז די בלוטן האָבן מיר געגומען גליווערן אין די אָדערן.

מיטגעפֿירט פֿון דאָרטן האָב איך אויך אַ יונגן גאַוויאַל און אַן אינדיאַנער קאָפּ, אַ רעדוצירטן צו אַ מיניאַטור, וואָס די טאָטאַנעקן־אינדיאַנער מאַכן פּונקט ווי די פּערואַנער אינדיאַנער, מיט דער הילף פֿון אַזעלכע מיטלען, וואָס נאָר זיי זענען זיי באַקאַנט...

דאָס פאַרלאָזענע הויז

אויפן זעקסטן טאָג נאָך מיין אָנקומען אין מאַטזצגאַלטיקלאַן, ווען דער מאָרגנ־שטערן האָט נאָך געשוועבט הויך אין הימל לעבן דער לבנה, האָב איך מיך אויפגעזעצט אויף מיין אויסגערוטן און אויסגעפּאַשעטן אייזל מיט די גוט־געקאָ־ווערטע פּאָדקאָוועס, און מיט מיינע צוויי פּראַקטישע פירער האָב איך מיך געלאָזט ווייטער אינעם אורוואַלד, אויפן וועג קיין קאַרטאַגאָ, וואָס איז די צווייטע שטאָט פון קאָסטאַ ריקאָ.

דער הימל איז געווען ווייט, זייער ווייט, ווי אַ לויטערער זייד־געוועב פול מיט די שימערירנדיקע שטערן, און דער מאָרגנשטערן, ווי די לבנה, האָבן אויסגעזען גרעסער ווי תמיד און נאָך מיט אַ קרוין פון אַ רעגנבויגן־קאָליר אַרום. איך האָב לאַנג געקוקט צו דער לבנה און שטערן, און געחשבונט, ווען עס וועט קומען דער וואַסער־שטורעם, און האָב אויסגערעכנט, אַז אין משך פון די פיר און צוואַנציק שעה, אַלנפאַלס, נישט שפּעטער ווי אין אַ פערצן־פופצן שעה אַרום.

— בין איך טאַקע שוין אַזאַ באַרבאַרישער וויסנשאַפטלער, אַן אינדיאַנישער אַסטראָנאָם, וואָס זאָל טרעפן לויט דער קרוין פון לבנה און שטערן, אָן די נויטיקע אַסטראָנאָמישע מכשירים? — האָב איך ביי זיך געטראַכט מיט ספקות. — דאָס וועלן מיר שפּעטער זען.

איך האָב די יונגען גאָרנישט געזאָגט וועגן מיין פאַרדאַכט און אַ קאָמאַנ־דעווע געטון: — היידאַ!

גאַנץ מאַטזצגאַלטיקלאַן, קינד און קייט, מיט אַלע זייערע הינט, קעץ און ציגן, האָבן מיך אַרויסבאַגלייט ביז ווייט אַרויס פון דאָרף. צען יונגע כלאָפּעס האָבן אויף אייזלען געריטן פאָראויס גאַנצע דריי קילאָמעטער, לויט אַן אַמאָליקן מנהג פאַר אַ שני־למלך, ביז איך בין אַרויפגעקומען אויף אַ גאַנץ נישקשהדיקן שליאַך פון איבער דריי מעטער די ברייט, וואָס פירט קיין קאַרטאַגאָ.

ביי אַ קרייצוועג, וווּ עס קומען זיך צונויף דריי אַזעלכע וועגן, האָבן מיינע פּראַקטישע פירער דאָך פאַרבלאָנדזשעט. אָנשטאָט דעם וועג, וועלכן עס האָבן אונדז אָנגעוויזן די יונגען פון מאַטזצגאַלטיקלאַן, האָבן זיי זיך פאַרנומען אויף אַ צווייטן, וועלכער איז וואָס ווייטער געוואָרן אַלץ ערגער. געגאַנגען איז ער אין

זיגזאַגן, אַט האָט ער זיך אויפגעהויבן אַ הונדערט מעטער, און אַט האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט. פון ביידע זייטן וועג אַזאַ שרעקלעכע געדיכטעניש, אַז אין טייל ערטער איז געווען כמעט פינצטער, כאָטש עס איז געווען אַרום צען אַזייגער אינדערפרי און די קאָסטאַריקער זון האָט געשיינט מיט איר פולער טראָפּיקאַלער ליכטיקייט. אָט בין איך ווידער ביי אַ גאָטס ווונדער: די צוויי טייכן קאַראַטשאַ און פּאַאָס קומען זיך צוזאַמען און פאַלן אַראָפּ פון עטלעכע און צוואַנציק מעטער די הייך מיט אַ פאַרטויבנדיקער געפּלעסקעריי און ווערן פאַרשווונדן אין דזשונגל.

קאַטאַראַקטן פון די טייכן טשאַמאַ און פּאַאָס

די גרוילנדיקע געדיכטעניש האָט גערשראָקן, אָבער זי האָט געהאַט איר באַזונדערן חן. געווען זענען ערטער ווי באַדעקט מיט אַ שלייער פון בלומען מיט מיליאַסן קאָלירן און געשטאַלטן. אַלץ האָט געבליט, די גאַנצע פּעריפעריע האָט אויסגעזען ווי איין ריזיקער בוקעט. גאַנצע כמאַרעס בינען האָבן געראָיעט אַרום זייערע בינשטאָקן אין די אויסגעהוילטע ביימער און סקעלעטן פון געפאַלענע אָדער פאַרצוקטע חיות. אין די שיטערע ערטער, וווּ די זון איז צוגעקומען און

זיי באַצערטלט מיט אירע שטראַלן, איז די שמעקעדיקע לופט פול געווען מיט פייגל־געזאַנג...

אַנגעטראָפן האָבן מיר וואַלד־פּליכעס, ווו עס זענען אומגעפלויגן אַלערליי רויב־פייגל, בויטרעס, קאַראַנטשאַס, קאַראַקאַראַס, האַלקאָנען, טשימאַנגאָס און אַן אַ שיעור וואַראַנעס, וואָס האָבן זיך געריסן צווישן זיך איבער עפּעס אַ פּגירה, און האָבן פּאַרטויבט די לופט מיט זייער טויט־געשריי. געווען זענען די פּליכעס שלאַכט־פעלדער, ווו עס איז ערשט נישט לאַנג צוריק דורכגעגאַנגען די „רעוואָ־לוציע" און געשלאָגן האָבן זיך דאָרטן רעבעלן מיטן לאַיאַלן מיליטער. אומגע־פלויגן זענען די מחבלים — רויב־פייגל — און געפּירט צווישן זיך מלחמות איבער די צענדליקער טויטע פערד און מויל־אייזלען, וואָס זענען דאָרט געבליבן ליגן.

נאָר אָט זענען מיר אַריבער די שלאַכט־פעלדער, און ווידער ציען זיך אייכנ־ביימער מיט צייטיקע זשאַלודעס, ווילדע ניס, מאַנדלען, טייטלען און קאָקאָס־ניס. די ביימער זענען באַזעצט מיט מאַלפּעס, וועווערקעס, פּאַפּוגייען פון אַלערליי גרייס און קאָליר. גרויסע ווי אַ פּאַווע און פּיצלעך ווי אַ קאַנאַריקל. טוקאַנען, סטאָליאַר־פייגל, אויוון־פייגל און אַנדערע מיט שטאַרקע שנאָבלען. צווישן די ביימער — אַלערליי שוואָמען, אייראָפּעאישע, וואָס נוצן צום קאָכן, בראָטן און מאַרינירן, און שוואָמען — גיפטיקע. די סמיקע זענען דאָ אַ סך גרעסער ווי די פון די פּוילישע וועלדער און זאַגייניקעס פון רייסעווע, סקערדע און אַלשעוויצע. טייל זענען אַזוי גרויס ווי די שטרויענע מעקסיקאַנישע הוטן.

אונטער אָט די ריזיקע און זייער שיינע גיפטיקע שוואָמען ליגן מערסטנס באַהאַלטן אין זייערע שפּינוועבעכץ אַלערליי מינים ריזיקע שפּינען, ווי די טאַ־ראַנטאָלאָ און פּאָזשאָ־שפּינען, וואָס זענען אויך אַזוי גיפטיק, און אפשר נאָך גיפטיקער ווי די שוואָמען. עקדישן, הונטערט־פיסיקע, סקאָרפּיאָנען און אַמאָל אויך אַ גיפטיקע שלאַנג. דאָרט האָבן זיי אַ מקום מנוחה קעגן זון, רעגן און האָגל...

אַזייגער צוועלף, מיטאָג־שעה, זענען מיר צוגעקומען צו אַ שיטער שטיקל וואַלד, ווו מיר האָבן געמאַכט אַן אָפּרו, און צוויי דעם זייגער נאָכמיטאָג האָבן מיר זיך ווידער געלאָזט אין וועג. מחמת ערגעץ ווייט אינעם פאַרנעפּלטן צפונדיקן האָריזאָנט האָט דרוהידאַ, אויף מיין אָנווייזונג, באַמערקט אַ צייכן פון אַן אַנקו־מענדיקן הוראַגאַן.

איך האָב, אויף דעם סמך, אונטערגעאיילט מיינע פּירערס, כדי מיר זאָלן שנעלער זיך אַרויסרייסן פון דעם שמאָלן און טיפן טאָל, וואָס קען אויגנבליקלעך פול ווערן מיט וואַסער, ווען עס זאָל זיך נאָר פּאַרגלוסטן איינעם פון די צענ־טראַל־אַמעריקאַנער רעגנס זיך אויסצוגיסן דאָ אין טאָל, וואָס האָט בלויז איין

שמאָלן אָפּלויף. נישט ווייט איז פאַראַן אַ באַרג, וואָס אויף זיין רוקן האָב איך מיט מיין לאָרנעטקע געזען צווי געמויערטע שטיבעלעך, און אַהינצו האָב איך מיך געאײַלט אָנצוקומען. אויב דאָרט זענען פאַראַן מענטשן, — האָב איך מיר געטראַכט, — וועלן זיי אונדז זיכער נישט אַרויסטרייבן און אונדז געבן אַ ווינקל אונטערן דאַך איבערצוּנעכטיקן.

אונדזערע אייזלען זענען געלאָפן גאָרנישט ווי קיין אייזלען, נאָר ממש ווי פערד. משמעות, אַז אויך זיי, די אייזלשע קעפּ, האָבן דערפילט דעם אָנקומענ־דיקן שטורעם...

דער הימל, וואָס איז אַ ווײַלע פריער געווען העל־בלוי און ממש געבלענדט מיט זיין העל־בלויען זיידן־געוועב, באַגאָסן מיט אולטראַ־וויאָלעט ליכטיקייט, איז כהרף עין באַדעקט געוואָרן מיט אַ טונקל־גרויער וואָלקן־פּלאַכטע, אין וועל־כער עס האָבן זיך דורכגעוואָרפן העלערע און טונקעלערע פלעקן, און ער איז אַלץ אָפטער באַלויכטן געוואָרן מיט בלענדנדיקע בליצן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי אויפגעריסענע ראַקעטן אייניקע, און ווי אַריינגעשאָסענע אין די טונקל־גרויע און שוואַרצע וואָלקנס פייערדיקע פיילן אַנדערע... און אין דער אומענד־לעכער שוואַרצקייט האָבן שוין געקראַכט דונערן און געטרייסלט די לופט, ווי עס וואָלט אונדז באַשאָסן שווערע אַרטילעריע.

די שווערע אַרטילעריע איז מיר געקומען אויפן זינען, מחמת טיף אין טאָל אַראָפּ האָב איך געזען ליגן אַ צענדליק געהרגעטע מענטשן, אייניקע אין מילי־טערישע מונדירן און אַנדערע אין ציווילע מלבושים, קרבנות פון דער „רעוואָ־לוציע". געלעגן זענען זיי באַרוועסע מיט זייערע כלי־זיין ביי דער זייט. קיינער פון אונדז האָט נישט געפּרוווט אַראָפּצוקלעטערן אין טאָל צו די הרוגים, ווי דרו־הידאַ האָט זיך, אויף זיין אינדיאַנישן שטייגער, אויסגעדריקט: „זיי זענען דאָך שוין סיי ווי טויט, „געהרגעטע הרוגים"!... באַזונדערס, האָבן מיר נישט געטאָרט פאַרלירן קיין איין מינוט. דער שטורעם האָט שוין דערגרייכט צו אונדז, און שוין געוווּמען ברעכן צווייגן און שפּיצן פון דיביימער אין וואַלד און רייסן די מלבושים פון אונדז...

אָט זענען מיר שוין ביי די שטיבלעך, וואָס איך האָב געזען פון ווייטנס. געטראָפן האָבן מיר אַ פאַרלאָזטע מענטשלעכע וווינונג. דאָס ערשטע שטיבל איז געבויט פון קיילעכדיקע ברוקשטיינער, צוזאַמענגעקלעפּטע מיט רויטן ליים איינ־געקנאָטענעם אין שטרוי.

געהאַט האָט דאָס שטיבל צווי גרויסע צימערן און אַ קיך מיט אַ באַקאויוון. עס איז געווען קענטיק, אַז עס איז נישט לאַנג ערשט פאַרלאָזן געוואָרן. דאָס צווייטע, אויך געבויט פון ברוקשטיינער, איז געווען אַ שטאַל פאַר בהמות און עופות, ווי אויך אַ סטאַדאָלע (שייער) פאַר תבואות; אין אַ ווינקל זענען געלעגן פיר

פאַר צעפּעס צו מליטשען (דרעשן) די תבואה־זאַנגען. לויט דער פרישקייט פונעם מיסט האָט מען געקענט שאַצן, אַז ערשט מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק איז דאָ געווען לעבן, אַ ווירטשאַפט...

עטלעכע שטיקער פאַרפלעקטע צייטונגס־פּאַפּיר, אַזוי ווי בלוט אָדער פאַרב, קענטיק אַז אַ „מאַלער" האָט זיך די הענט אָפּגעווישט...

— וואָס איז דאָ פאָרגעקומען? — האָב איך זיך אַליין געפרעגט. מיין האַרץ האָט געקלאַפּט האַסטיקער ווי תמיד...

מיינע צוויי פירערס האָבן גענומען אַרומנישטערן, און איינעם פון זיי, טורפּאַקן, איז געלונגען צו געפינען אין דער פאַרלאָזטער שטאַל צוויי נעסטן פון „ניאַנדוס"*) מיט זעקס אייער אין איינער פון זיי, און אַכט אייער אין דער צווייטער נעסט, נאָך גאָר פרישע. דרוהידאַן איז געלונגען צו פאַנגען די מאַמען, אַ לעבעדיקע, און איך האָב זי געהייסן באַפרייען.

געווען איז שוין אַזייגער פיר פאַרנאַכט. די וואָלקנס אין הימל האָבן זיך אָנגעהויפּנט אַלץ געדיכטער און שוואַרצער איינער איבערן צווייטן. יעדעס מאָל גיט ערגעץ־ווו אַ בליאַסק, אַ פייערדיקער זיגזאַג, און אויגנבליקלעך צעטראָגט זיך אַ פאַרטויבנדיקער קראַך און ער שלאָגט אָפּ מיט מיליאָנען ווידער־קולות פונעם וואַלד, פאַרטויבט אונדזערע רייד און פאַרטויבט אויך אויף אַ רגע דאָס וואָיען און טייוולאָנישען פייפן פונעם ווינט.

די יונגען האָבן אָנגעהאַקט האָלץ און אָנגעשניטן פאַשע פאַר די אייזלען, איידער דער רעגן וועט אויסגיסן. מיר האָבן געמאַכט פייער און אָפּגעבראָטן די שטרויס־אייער און אויך פאַרבריט אַ טשייניק מיט קאַווע.

ווען מיר האָבן געהאַלטן אין מיטן עסן, האָט איבערן סופּיט אַ שרעקלעכער דונער געטון, און באַלד אַ צווייטער און אַ דריטער, ווי טויזנטער מעכטיקע אָבוסן וואָלטן מיטאַמאָל אויפגעריסן און דער הוראַקאַן האָט זיך צעפייפט און צעוואָיעט מיט זיין גאַנצער גרוילנדיקער קראַפט.

פון דער אָפענער טיר האָבן מיר געזען, ווי הויכע און שטאַרקעביימער בייגן זיך און פאַלן כורעים צו דער ערד, אָדער ווערן אויסגעריסן מיט די וואָרצלען און פליען ווי די שפענער און אָט גיסט שוין דער רעגן. ער כליאַפּעט. הימלס טיר־ און טויער האָבן זיך צעפראַלט ווי אין נחס צייטן. דער גאַנצער חלל איז געוואָרן איין שטיק וואַסער! אָט דאָ און אָט דאָרטן צינדן זיך ריזיקע ביימער, געטראָפענע פון אַ בליץ, און זיי פלאַקערן אינעם וואַסער...

טופּאַק מיט דרוהידאַן, אַליין פון דער געגנט, וויינען ווי קליינע קינדער פאַר שרעק. נישט פאַר זיך האָבן זיי מורא, נישט פאַר זייער אייגן לעבן, נאָר פאַר

*) אַמעריקאַנער שטרויס־פייגל.

זייערע אייזלען. איין דונער־קנאַל איז געווען אַזאַ שרעקלעכער, דער קראַך אַזאַ מעכטיקער, אַז אַלע דריי זענען מיר אומגעפאַלן, און איבער אַ שעה צייט זענען מיר פולשטענדיק טויב געווען. דער זעלטן־שיינער מאַנגאָליען־בוים, וואָס איז אַ שטאָלצער געשטאַנען פונקט קעגנאיבער אונדזער טיר און פערפומירט די גאַנצע לופט אַרום מיטן דופט פון זיינע בלומען, איז פונעם דונער צעריסן געוואָרן אויף שטיקער, און זיינע ברענענדיקע האָלאָוועשקעס זענען געפלויגן אויף אַלע זייטן. אָנגעצונדענע שטיקער זענען אַריינגעפלויגן אויך צו אונדז אין צימער, און טאַקע נאָר אַ מערכה פון עפּעס, נאָר מיט ניסים מן השמים זענען מיר ניצול געוואָרן.

בעת מיר זענען אומגעפאַלן איז מיר דורך אַ געדאַנק, אַז דער בליץ האָט אונדז געטראָפן. מיר אַלע דריי זענען געהרגעט געוואָרן, נאָר מיר לעבן נאָך... נאָר די שטיקער גלאָוניעס וואָס דער דונער האָט צו אונדז אַריינגעשליידערט, האָבן מיך צוםווירקלעכן לעבנס־פאַרשטאַנד געבראַכט... איך האָב דאָס פייער צוזאַמענגענומען און אַריינגעטראָגן אין קיך און עס אַוועקגעלייגטביים אָפענעם אַריינגאַנג, כדי קיין בייז באַשעפעניש, אַן אַנטלאָפנס פונעם געוויטער, זאָל זיך נישט פאַרגלוסטן אונדז צו וויזיטירן...

איך האָב מיך דערמאָנט אָן אַ טראַגישער געשעעניש אין אַרגענטינע, פּראָווינץ ענטרע ריאָס:

אין אַ שרעקלעכער מבולדיקער נאַכט, חושך־פינצטער, בעת איך האָב גענעכטיקט ביים איטאַליענישן פאַרמער טעאָפילאָ אַלמאָס, אַ פויערים־פאַמיליע, וואָס האָט געוווינט צען קילאָמעטער פון פעדעראַסיאָן, באַלד לעבן די באַרימטע מאַכאָנעס וועלדער. אינדרויסן האָט געבושעוועט דער שטורעם־ווינט, און עס האָט געפלייצט אַ מבולדיקער רעגן. איך בין געשלאָפן מיטן עלטסטן זון אויף דער ערד אין שייער, אויסגעבעט אויף האָבער־שטרוי, ווען פראַנציסקאָ — אַזוי האָט מען גערופן דעם עלטסטן זון פון די אַלמאָסעס, — האָט אַ שרעקלעכן געשריי געטון. איך בין אויפגעשפרונגען, פונקט ווי פראַנציסקאָ, און ביי דער שיין פון אונדזערע עלעקטרישע לעמפלעך האָב איך דערזען אַ ריזיקן זשאַראַראַ, וואָס האָט געזוכט אַ באַהעלטעניש. די שרעקלעכע שלאַנג, אַ געשמיסענע פונעם שטאַרקן רעגן, איז אַריין אין שייער, און איז געגאַנגען זיך אָנוואַרעמען לעבן דעם שלאָפנדיקן בחור, וועלכער האָט, ווייזט אויס, זיך אַ דריי געטון און זי אָנגערירט. האָט די שלאַנג אים אַ ביס געטון אין רעכטן היפט. איך האָב די פיר מעטער לאַנגע זשאַראַראַ דערהרגעט. דער בחור איז אָבער אויסגעגאַנגען אין וועג, בעת מיר זענען מיט אים געפאָרן אין אַ סולקי קיין פעדעראַסיאָן צום דאָרטיקן דאָקטאָר...

טופאַק מיט דרוהידאַן זענען גאָר פרי איינגעשלאָפן. נאָר איך בין נאָך אַלץ

וואַך געווען ביז אַרום האַלבער נאַכט און געטראַכט וועגן פראַנציסקאַן, פון פעדע־ראַסיאַן, וואָס איז געשטאָרבן צו די עטלעכע שעה נאָכן ביס פון אַ זשאַראַראַ־שלאַנג... ערשט ווען דער שטורעם מיטן רעגן האָבן זיך אַ ביסל איינגעשטילט, האָב איך זיך איינגעהילט אין דער פעל פון אַ מוראַשקע־בער און איך בין אויך איינגעשלאָפן. אויפגעכאַפּט האָב איך מיך ערשט אַרום זיבן דעם זייגער אינ־דערפרי.

רייטנדיק אויפן פּירפּיסיקן עוג

מלך הבשן אין די אימהדיקע

געדיכטעניש פונעם

מיסטעריעזן דזשונגל

דער הימל אָן אַ פלעק איז געווען לויטער, כאַבער־בלוי, און די זון האָט זיך גאָר געשמאַק געלאָזט פילן. מיינע פירער זענען שוין געשטאַנען ביי די אייזלען, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון דער שטאַל צום פרישן, שמעקנדיקן גראָז. אַז די דריי אייזלען האָבן דערזען פאַר זיך די באַלעבאַטים זייערע, האָבן זיי אַזש גענומען שרייען אויף זייער אייזל־שפּראַך פאַר פרייד, ווי זיי וואָלטן זיך געבעטן, מען זאָל זיי באַפרייען פון דער שטאַל, ווו די טיר איז געווען פאַרשטעלט מיט דרענגלעך.

עס האָט אָבער זיי נישט געהאָלפן דאָס שרייען און תהנונימדיק געבעט. ווער

ווייסט, ווו זיי וואָלטן פֿאַרקראָכן אינעם וואַלד, ווען מען לאָזט זיי אַרויס, און דאַן גיי זוך זיי. זיי האָבן זיך געמוזט באַגענוגענען מיט צוגאָב־פּאַרציעס פֿון פֿריש־אָנגעשניטענעם גראָז, און מיר האָבן זיך גענומען גרייטן צום פֿרישטיק.

די דריי ווילדע גענדז, וואָס דער אינדיאַנער בירגערמייסטער פֿון מאַטוזגאַל־טיקלאַן האָט מיר מיטגעגעבן אין וועג אַריין, זיין ווייבס פֿלעצלעך און דער לאָגל שאַרפֿער שנאַפּס זענען אונדז גאַר גוט צונוצגעקומען. די ווילדע גענדז, כאָטש נישט גרעסער ווי אַ היימישע קאַטשקע, געבראָטן אויפֿן ספּיעדאָ־סיסטעם, ווייך און פֿריפֿראַוועט, זענען זיך ממש צעגאַנגען אין מויל...

ווען מיר האָבן פֿאַרענדיקט אונדזער איבערבייסן, איז שוין געווען אַרום ניין אַ זייגער. אָבער עס איז נאָך אוממעגלעך געווען צו גיין איבער דעם ליימיקן גליטשיקן וועג, וואָס שלענגלט זיך ווי אַ מוראַשקע־שליאַך און גייט אַרויף און אַראָפּ. מען האָט געמוזט צוואַרטן ביז דער וועג וועט זיך צוטריקענען. איך האָב דערווייל גענומען גענוי באַטראַכטן דאָס הויז, וואָס האָט געררייצט מיין נייגיר מיט זיינע פֿרישע שפּורן פֿון באַלעבאַטישקייט און מיט דער געהיימניש פֿון זיין פֿאַרלאָזנקייט...

אַ חוץ דעם נידעריקן ווייסן קיכטישל און אַכט דרייפֿיסיקע בענקלעך צום זיצן האָב איך אָנגעטראָפֿן בלויז עטלעכע אָנגעשפּאַלטענע געדראָטעוועטע טעפּ און נישט מער. איך האָב אגב באַמערקט, אַז דאָס הויז האָט געהאַט טירן, וואָס זענען אַראָפּגענומען געוואָרן פֿון די זאַוויעסעס און זענען נישט געוואָרן צוזאַמען מיט אַלץ, וואָס קען צוגענומען ווערן. עס זענען אָבער אויך געווען בולטע סימנים פֿון עטלעכע בעטן, שאַפֿעס און ענלעכע מעבל, וואָס זענען געהאַט געשטאַנען צוגעשפּאַרט צו די ווענט.

אויף איין וואַנט האָב איך נאָך געטראָפֿן הענגען פֿאָטאָגראַפֿישע בילדלעך און אַן אויסשניט פֿון אַ צייטונג מיטן בילד פֿון אַ „טים" פֿוטבאָל־שפּילער, וואָס דאָס האָט עדות געזאָגט, אַז דאָ האָבן געוווינט ציוויליזירטע מענטשן.

קיין שלוסן צו דער געהיימניש איז דאָס אָבער אַלץ פֿאַר מיר בשום אופֿן נישט געווען, מחמת איך בין נישט קיין מבין אויף פֿינגער־אָפּדרוקן. און איך האָב בעל־כּרחו געמוזט אויפֿגעבן מיין נייגיר. עס איז אָבער מין השמים, ווייזט אויס, געווען באַשערט, אַז מיין קלוגער אייזל זאָל די מיסטעריע אויפֿקלערן. פּונקט ווי בלעמס אייזל האָט אויפֿגעקלערט, אַז אַ מלאך, אַן אמתדיקער מלאך שטייט אים אין וועג. דער אונטערשיד אָבער איז געווען, אַז בלעם האָט פֿאַר־שטאַנען זיין אייזלס שפּראַך און מיין אייזל האָט פֿאַרשטאַנען מיין שפּראַך, און איך זיינע נישט.

איך האָב מיין אייזלשן אייזל אַרויסגעפֿירט פֿון דער שטאַל אין וואַלד אַריין, ער זאָל זיך אַ ביסל אונטערפּאַשען ווי אַ צדה לדרך פֿאַר דער ווייטערדיקער

נסיעה. ווי נאָר דער אייזל איז אַריין אין וואַלד, האָט ער גענומען רעווען מיט באַנומענע קולות, ווי ער וואָלט גערופן צו הילף, און בריקעווען און זיך געריסן אויף צוריק. איך האָב געמיינט, אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַן איבערפאַל פון עפּעס אַ בייזער חיה, און איך האָב אַ שאַרפן פייף געטון, רופנדיק דערמיט מיינע צוויי באַגלייטער, טופּאַק און דרוהידאַן. זיי זענען באַלד אָנגעלאָפן מיט די ביקסן און חלפים־מעסערס אין די הענט, גרייטע אָפּצושלאָגן וועלכע עס איז אַטאַקע פון אַ שונא. דער אייזל, דערזעענדיק זיינע צוויי אמתע באַלעבאַטים, האָט זיך אַ ביסל באַרואיקט, אָבער צום גראָז האָט ער זיך נישט צוגערירט. ער איז געגאַנגען פּאַמעלעך, די לאַנגע אויערן אָנגעשטייפט, דעם קאָפּ פאַרריסן און דעם עק צווישן די פיס. יעדע ווײַלע האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אַ געשמאַקן שנייץ געטון, צעעפנט ברייט די נאָזלעכער, און גייענדיק „רעבווזנירט" (גערעוועט).

פלוצלינג האָט ער זיך אַ שטעל געטון אויף די הינטערשטע פיס, זיך האַסטיק אויסגעדרייט און גענומען אַנטלויפן אויף צוריק. עס האָט אונדז דרייען געקאָסט אַ סך מי איינצוהאַלטן דעם איבערגעשראָקענעם אייזל און אים צובינדן צו אַ בוים.

געווען איז עס אַ הונדערטיאַריקער מאַנגלע־בוים, וואָס האָט אַרום זיין שטאַם געהאַט גאַנצע פערציק שטאַמען אין אַ צירקל פון איבער פערציק מעטער אין דיאַמעטער, אויסגעבילדעט פון זיינע צווייגן, וועלכע האָבן, אָנשטאָט צו וואַקסן, ווי אַנדערע ביימער, אויף אַרויף, געוואַקסן אויף אַראָפּ און אַריינגעוואַקסן אין דער ערד. עס האָט זיך באַקומען אַ ווונדערלעכע ווערענדע. און דאָרט, אין דער ווערענדע, האָבן מיר אויסגעפונען דעם סוד:

מיט די קעפּ אַראָפּ זענען דאָרט געהאַנגען פינף מענטשישע סקעלעטן, נאָך מיט עטוואָס פלייש צווישן די ריפּן און אַנדערשוווּ, וואָס די פייגל האָבן נאָך נישט געהאַט אויסגעפּיקט. קיין געשטאַנק האָט זיך פון זיי נישט געפילט, מחמת דאָס איבערגעבליבענע פלייש צווישן די ביינער איז שוין געווען פאַרטריקנט, און פונעם איינגעווייד איז שוין קיין זכר נישט געבליבן. די ברוסטקאַסטנס פון די צוויי גרעסערע סקעלעטן, זעט אויס פון מענער, זענען געווען דורכגעלעכערט פון קוילן, אַזוי אויך זייערע שאַרבנס. אין בלייענע קויל, צעפּלעטשט ווי אַ פּלעצל, איז נאָך געזעסן אינעם שאַרבן פון דעם גרעסטן סקעלעט. געמערקט האָט זיך אויף אַלע סקעלעטן, אויף די שאַרבנס און די סקעלעטן־הענט, שטאַרקע צייכנס פון מעסער־שטעך. אַ סימן, עס איז פאָרגעקומען אַ שרעקלעכער קאַמף, אַ טויט־געראַנגל, ביז זיי זענען באַזיגט געוואָרן...

אין די טיפע אויגנלעכער פון די טויטע שאַרבנס, אין זייערע צעקרימטע, ביינערדיקע טויטע מיילער, האָט זיך מיר געדאַכט, זעען זיך נאָך די שרעקלעכע יסורים, וואָס די מענטשן האָבן געהאַט אויסצושטיין פאַרן טויט.

פאַר מיר איז אויך קלאָר געוואָרן, אַז די פינף סקעלעטן מוזן זיין פון די מענטשן, וואָס האָבן געוווינט אינעם הויז, אַז באַנדיטן זענען זיי באַפאַלן, אָדער עס איז דורכגעפירט געוואָרן אַ נקמה־אַקט פון אכזריותדיקע און האַרצלאָזע שונאים קעגן דער פאַמיליע.

אין אַ שטיקל צייט אַרום האָב איך געלייענט אין אַ צייטונג, אַז זעקס דייטשישע און איטאַליענישע באַנדיטן פון דער מאַפיאַ, אָנגעהעריקע צו דער „פאַטשיאָ די קאָמבאַטימענטאָ" (פאַשיסטן) זענען איבערגעפאַלן דעם טשעכישן קאָלאָניסט, וויטשעק סטאַלמאַך, פון טשעשען, האָבן אויסגעהרגעט זיינע דריי זין און זיין ווייב. פריער געשענדעט און דערנאָך דערהרגעט זיין איינציקע מינדעריעריקע טאָכטער. זיי האָבן צוגערויבט אַלץ פון גאַנצן הויז, דאָס מעבל, די בהמות, די עופות און אפילו די טירן פון הויז, און דעם אַלטן וויטשעק גופא האָבן זיי שרעקלעך געפייניקט, נאָר ווי פאַשיסטישע באַנדיטן קענען, ער זאָל זיי אויסזאָגן, ווו ער האָט באַהאַלטן זיין געלט און אַנדערע ווערטפולע זאַכן.

אַ געפערלעך־פאַרוווּנדעטן האָבן זיי אים מיטגעשלעפּט מיט זיך אויפן וועג קיין ניקאַראַגואַ, ווו זיי זענען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון אַ גרענעץ־וואַך. דער גרענעץ־פּאַטרול — האָט זיך דערציילט אין דער פּאָליציי־כראָניק — האָט דעם אַלטן וויטשעק באַפרייט און אַלע זעקס רויבער דערשאָסן...

א לאמפאלאנוא-שלאַנג וויקלט זיך אַרום מיין פילאָזאָפישן אייזל

פונקט האַלבן טאָג, נאָכדעם ווי טופּאַק און דרוהידאַ האָבן באַטראַכט דעם האָריזאָנט אין אַלע פיר זייטן, און האָבן מיר פאַרזיכערט, אַז ביז דריי אָדער פיר טעג וועלן מיר קיין „מבול״ נישט האָבן, האָבן מיר זיך ווידער געלאָזט אין וועג אַריין. אָבער שוין נישט דירעקט קיין סאַן כאָסע, ווי איך האָב זיך פריער פאַר־גומען, נאָר קיין קאַרטאַגאָ, וווהין עס האָט אונדז געפעלט דורכצומאַכן נישט מער ווי עטלעכע און פופציק קילאָמעטער.

דער וועג, ריכטיקער די סטעזשקע, איז אגב געווען נישט פון די ערגסטע, ווייל זי איז געווען אויסגעטראָטן פון רייטער און פוסגייער, כאָטש די גאַנצע צייט האָבן מיר אויף איר קיין לעבעדיקן מענטש נישט באַגעגנט. ערשט שפּעטער האָב איך מיר אָפּגעגעבן חשבון, אַז מיר זענען געווען די איינציקע מענטשן, וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט צו מאַכן אַ נסיעה איבער אַ געגנט, וווּ עס פירן זיך שלאַכטן צווישן די אַרמייען פון די לאַיאַלע און די אויפשטענדלער.

געגאַנגען איז דער וועג דאָרט באַרג־אַרויף און אַן ערך צען קילאָמעטער האָבן מיר געמוזט גיין צופוס ביז אויף אַ הויך פון איבער טויזנט מעטער, אַזוי אַז געפונען האָבן מיר זיך אויף אַ הויך פון קנאַפּע צוויי טויזנט מעטער איבערן ים־פלאַך. דאָס קלעטערן אויף יענעם שטיקל וועג איז אפילו נישט געווען צו פאַרמאַטערנדיק, מחמת געהויבן האָט זיך דער באַרג נישט מער ווי צען מעטער אויף יעדע הונדערט לינעאַל. דערפאַר אָבער איז דער וועג וואָס ווייטער אַרויפצו געוואָרן אַלץ שמעלער, און אָט איז ער שוין אַזוי שמאָל, ווי דער ביינערדיקער רוקן פון אַ מאָגערן פערד, און ווען מען קען פון דאָרט אַראָפּקוקן אויף ביידע זייטן אין תהום אַריין, וואָלט זיך ביי דעם צוגעוווינטסטן מענטשן אפילו פאַרדרייט דער קאָפּ. אַ גליק, וואָס ביידע זייטן סטעזשקע זענען באַוואַקסן מיט געדיכטן וואַלד, ממש בוים אויף בוים.

געשפּאַנט האָבן מיר ביז אַזייגער פינף פאַרנאַכט אונטער אַ ברענענדיקער זון, ביז די אייזלען האָבן גענומען הינקען פון קלאַפּן די פיס איבער די שטיינער

און אַרויסגעשטאַרצטע וואָרצלען, וואָס דער וואַסער־שטראָם האָט אַרויסגע־שוואַנקען איבערן וועג.

אונטער אַ קאַקאָס־בוים פֿול באַדעקט מיט ניס, וואָס איז געשטאַנען אויפֿן וועג, האָבן מיר זיך אָוועקגעזעצט אָפּרוען. מיינע פֿירער האָבן זיך אַרויפֿגעכאַפּט אויפֿן בוים אַזוי ווי וועווערקעס און האָבן אָנגעריסן עטלעכע האַלב־צייטיקע קאָקאָס ניס און מיט זייער ווייסןביילעק און מילך האָבן מיר געשטילט אונדזער דורשט.

אָבער אויך די פֿליגעלעך און זשוקעס, וואָס האָבן זיך אָנגעפּלאָדיעט נאָכן לעצטן רעגן, האָבן געוואָלט שטילן זייער דורשט און זיי האָבן זיך אַ וואָרף געטון אויף אונדז, אונדז אויסצוזויגן אונדזער בלוט לעבעדיקערהייט. און דאָ האָבן מיר נישט קיין נאָפּט, קיין פֿליט און קיין שום אינדיאַנישע שמירעכץ, וואָס זאָל מיט איר ריח פֿאַרטרייבן די מזיקים, האָבן מיר צעלייגט אַ רויכערדיק פֿייער, וואָס דאָס האָט אונדז אַ ביסל געראַטעוועט פֿון זיי.

דאָס פֿייער האָט אונדז אויך גענוצט צום מלכותדיקן מאָלצייט, וואָס מיר האָבן זיך געמאַכט: אויף אַ מאַנדל־בוים האָבן די יונגען דערזען אַ טשאַטע ווילדע טויבן. מיט אַ זאַלפּ פֿון אונדזערע דריי ביקסן מיט אַ זייער דריבנעם שרויט, האָבן מיר אַראָפּגעשאָסן זעקס און דרייסיק טויבן. די ווילדע טויבן זענען קלענער ווי די היימישע, אָבער אַ קרבן־חטאת פֿון 36 טויבן איז די שטרענגסטע געטער מילד צו מאַכן, בפֿרט, אַז די יונגען האָבן זיי גאַנץ פֿיין אָפּגעבראָטן אויפֿן אינ־דיאַנישן שטייגער, אויפֿהענגענדיק זיי פֿאַר די פֿיסלעך און קעפּלעך אויף אַ דראָט איבערן פֿייער.

אויך די אייזלען האָבן געהאַט אַ געשמאַקן מאָלצייט: זיי האָבן זיך צוגעכאַפּט צו אַ ברייט־צעוואַקסענעם באַנאַנען־בוים מיט גרויסע פּלאַכטע־בלעטער און זיך אָנגעפּרעסן מיט באַנאַנעס ביז צום פּלאַצן. נאָר דאָס טרינקען איז די אייזלען נישט באַקומען.

ווי נאָר איינער פֿון די אייזלען, דער אויף וועלכן איך בין געריטן, דער זעלבער וואָס האָט אויסגעפֿונען די פֿינף געהאַנגענע, איז צוגעקומען צו איינער פֿון די „סאַדזעווקעס"*) האָט אַ ריזיקע שלאַנג, די לאַמפּאַלאַגואַ, זיך אַרומגע־וויקלט אַרום זיין קערפּער. און ווען נישט טופּאַק און דרוהידאַ, וועלכע האָבן אים באַפֿרייט פֿון איר, וואָלט זי אים די ביינער צעריבן.

יעדערער פֿון אַן אַנדער זייט זענען די יונגען צוגעשפּרונגען מיט זייערע לאַנגע און שאַרפֿע מעסערס אין די הענט. די שלאַנג האָט זיך דווקא נישט דער־שראָקן, און האַלטנדיק דעם אייזל פֿעסט אַרומגעוויקלט, האָט זי דעם קאָפּ גע־

*) אַ שטייענדיק וואַסערל.

שטרעקט אויף ביידע זייטן עטלעכע מעטער ווייט. אַט מיט אַ ברייט־צעעפנטן פּיסק צום בייסן און אַט מיט אַ צוגעמאַכטן, כדי אַרומצוּוויקלען דעם מענטשן צוזאַמען מיטן אייזל און צוזאַמען זיי צו דערווערגן. אין אַזאַ מאָמענט ווען די שלאַנג האָט אַ גרווילנדיקן פּייף געטון, אַ פּייף פון טויט־טריאומף, און פון איר עלאַסטישן קערפּער אַ שלייף געמאַכט אויף צו פאַרוואַרפן אַרום דרוהידאָס האַלדז, האָט דער יונג מיט אַ געניטער האַנט איר דעם קאָפּ אַראָפּגעהאַקט...

אָן דעם קאָפּ האָט די ריזיקע שלאַנג אַלץ מער נאָכגעלאָזט אירע מעכטיקע רייפן אַרום דעם אייזלס קערפּער, איז אויף דער ערד אַראָפּגעפאַלן און נאָך עט־לעכע אַקראָבאַטישע קונצשטיק איז זי געבליבן ליגן אַן אומבאַוועגלעכע.

די אייזלען זענען נאָך דער געשעעניש געוואָרן שרעקעוודיק און האָבן מורא געהאַט אָפּצוטרעטן פון אונדז און אויך איינער פון צווייטן. זיי האָבן זיך מער נישט געביסן און נישט געבריקעט זיך מיט די פיס, איבערהויפּט ביים עסן און טרינקען. די מורא פאַרן אַלגעמיינעם שונא האָט זיי פאַרברידערט און געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מיט געמיינזאַמע כוחות וועלן די אַרבעטסזאַמע אייזלען פאַר־טרייבן די שלאַנגען און אַנדערע משחיתים...

אויך מיר האָבן לענגער נישט געוואָלט פאַרבלייבן אויף דעם אָרט. טופּאַק און דרוהידאָ האָבן גענומען גרייטן די אייזלען אין וועג אַריין, און איך האָב דערווייל געכאַפּט אַ קוק אויף דער מאַפּע, זען ווו מיר געפינען זיך אין ווילדן טראָפּיק. ווי דערשטוינט בין איך געבליבן, ווען איך האָב מיך דערוווּסט, אַז מיר זענען גאָרנישט ווייט פונעם הויפּט־קראַטער פון דעם טרויעריק־באַרימטן ווולקאַן איראַזו, וואָס האָט שוין צוויי מאָל חרוב געמאַכט די שטאָט קאַרטאַגאָ, איין מאָל אין 1723 יאָר, און דאָס צווייטע מאָל אין יאָר 1841.

איך האָב מיינע יונגען נישט געוואָלט איבערשרעקן, וואָרום ווי געוואָגט און העלדיש זיי זענען געווען, אַזוי זענען זיי אויך געווען אָבערגלויביש, און זיי האָבן געגלויבט, אַז אין די טיפענישן פון די ווולקאַן־קראַטערס זיצן שדים, בייזע רוחות און טייוואָלים. איך האָב זיי שוין, ביי אַן אַנדער געלעגנהייט, געוואָלט דערקלערן, פאַרוואָס די ווולקאַנען ברעכן אויס מיט שיטערער לאַווע אָדער סתם פייער, אָבער דאָס איז מיר נישט געלונגען. האָב איך גענומען שפּאַנען אַראָפּ.

דער שמאָלער וועג צעטיילט זיך דאָרט אין פינף ריכטונגען. אונדזער וועג, וואָס איז אויך ביז דאָרטן געגנוג שמאָל געווען, ממש ווי אַ סאַרנע־שטעגל*), האָט זיך געצויגן צווישן אַ געפלעכט פון געדיכטער ווילדעניש, וווהין די זון איז קיינ־מאָל נישט צוגעקומען. געשפּאַנט האָבן מיר ווי אונטער אַ דאַך פון בלעטער

*) אַ ווילדע באַרג־ציג.

און בלומען. רייטן דאָרטן איז געווען אוממעגלעך, מחמת די גידעריקע דערנערדיקע צווייגן וואָלטן אונדז מיט זייערע האַרטע און שאַרפע שפּיזן די קעפּ צעשניטן. די סטעזשקע גופא איז געווען פול מיט שפּאַלטן און גריבער און האָט געהאַט פון ביידע זייטן טיפע אָפּגרינטן.

דעם וועג אַראָפּ־באַרג האָבן מיר דורכגעמאַכט, זיבן קילאָמעטער, אין משך פון דריי שעה צייט. עס איז געוואָרן טונקל און פון טונקלקייט איז געוואָרן אַ געדיכטע פינצטערניש. גיין ווייטער אין דער אָנטאַפּנדיקער פינצטערער געדיכטעניש, אפילו מיט אָנגעצונדענע עלעקטרישע לעמפּלעך, וואָלט געווען אַן אמתע סכנה. האָבן מיר באַשלאָסן דאָ צו מאַכן אונדזער נאַכטלאַגער. מיר האָבן געמאַכט אַ טראַנשייע אַרום אונדז, צעלייגט אַ פייער אויף אַ גאַנצער נאַכט און



דער וואולקאַן איראַזו איז איינער פון די געפערלעכסטע פייערשפּייענדיקע בערג. ער האָט אָנגעטון שוין אַ סך צרות דעם קאָסטאַריקער פאָלק

פאַר די אייזלען האָבן די יונגען אָנגעשניטן גענוג ווילדע גראָז, ווילדע פרוכטן און באַנאַנע־צווייגן, כדי זיי זאָלן האָבן וואָס צו קייען די גאַנצע נאַכט און נישט דאַרפן אַוועקגיין זוכן.

פאַרטאָג האָט מיך אויפגעוועקט אַ שרעקלעך געברום און געבריל פון די מעכטיקע אורוואַלד קעניגן און מינוטן שפּעטער אַ שוידערלעך טאָפּלטע מעטראַליע־געקנאַל, וואָס האָט זיך דערנענטערט צו אונדז פון מינוט צו מינוט. עטלעכע קוילן זענען אַריין אין ווילדן באַרנבוים, אַ צוויי מעטער איבער אונדזערע קעפּ, און עטלעכע גראָבע מעטראַליע־קוילן זענען אַראָפּגעפאַלן, נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך אָנגעשלאָגן אין האַרטן גראַבאָוועבוים. אַ מערכה נאָר, וואָס קיינע פון די צוויי

פּיינטלעכע אַרמייען איז נישט געקומען אַהער ביינאַכט, ווען יאָ, וואָלטן זיי דערזען אונדזער שייטער, און זיי וואָלטן געהאַט אַ גוטן צילברעט צו אונדז. דאָ האָב איך מיך געכאַפּט, אַז מיר געפינען זיך נישט נאָר נאָענט פון אַ פייערשפּייענדיקן קראַטער אויפן שפּיץ פונעם ווולקאַן איראַזו, נאָר אויך נאָענט פון דער פייער־שפּייענדיקער צענטראַל־אַמעריקאַנישער פּאָליטיק, וואָס קען אַ ליאַדע מינוט אונדז מאַכן פאַר אומשולדיקע קרבנות.

צום גליק, האָט זיך די שיסעריי באַלד איינגעשטעלט און מיר האָבן זיך געלאָזט ווייטער אין וועג אַריין. מיטן פרישטיק האָבן מיר שוין געמאַכט בקיצור. אַנשטאָט דעם טראַדיציאָנעלן „טשוראַסקאָ"*) און דער געשמאַקער קאַווע, האָבן מיר צוגעביסן מיט די נעכטיקע געבראָטענע טויבן און פאַרטרונקען מיט שנאַפּס, וואָס דער גוטער בירגערמייסטער פון מאַטזיגאַלטיקלאַן האָט מיר געשאָנקען.

דער וואַלד איז געוואָרן אַלץ שיטערער און פון דער הויך פון אַ ריזיקן צע־דערבוים האָב איך מיט מיין שפּאַקטיוו דייטלעך דערזען די שטאָט קאַרטאַגאָ, וואָס האָט מיך דערמאָנט אין דער פאַרצייטיקער פרעכטיקער שטאָט קאַרטאַגאָ פון אַפריקע, וואָס די רוימער האָבן צעשטערט צוויי מאָל אין די פונישע מלחמות. „דעלענדאָ עסט קאַרטאַגאָ" (מען דאַרף צעשטערן קאַרטאַגאָ), — מיט דער פראַזע האָט דער פאַרביסענער סענאַטאָר קאַטאָן תמיד פאַרענדיקט זיינע קאָנפערענצן... צוליב דער שיטערקייט פונעם וואַלד איז אויך דער וועג געוואָרן ברייטער און טריקענער...

מיינע אייזלען זענען דאָס מאָל געוואָרן חכמים, אַסטראָנאָמען. גראָד זיי האָבן מיט זייער אייזלשן אינסטינקט דערפילט וואַסער. — אַ נייער שלאַקסרעגן. אין דער גאָר ווייטער ווייטקייט, אויפן האָריזאָנט פון ווערא קרוז און טאַמפּיקאָ, ערגעץ איבערן שטורמישן מעקסיקאַנישן גאָלף, האָט זיך באַוויזן אַ שטורעם־פלעק, פונקט אַזעלכער ווי איך האָב געזען בעתן אַרויספאָרן פון מאַטזצגאַלטיקלאַן. קעגן זייער געוווינהייט, האָבן די אייזלען גענומען שטעלן אייליקע גרויסע טריט.

נאָך אַ זעקס שעה רייטן שנעל באַרג־אַראָפּ זענען מיר צוגעקומען צו אַ וועג, וואָס פירט צו דער באַנליניע, און איבער דער באַנליניע, וואָס איז צוליבן אויפ־שטאַנד פריי געוואָרן פון באַנען, זענען מיר אַ זייגער זעקס פאַרנאַכט אָנגעקומען אין שטאָט.

דער רעגן האָט אפּנים נאָר געוואַרט דערויף, מחמת ווי נאָר מיר האָבן זיך איינגעאָרדנט אין האָטעל האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט איבער דעם צעברויזטן לאַנד אויף גאַנצע ניין מעת־לעת, און ערשט דערנאָך, נאָך אַ לויטערער הפסקה פון איין טאָג צייט, האָט ער ווידער געגאָסן צוויי וואָכן נאָכאַנאַנד, טאָג ווי נאַכט.

---

*) פליייש געבראָטן אויף קוילן.

— ס׳איז צענטראַל־אַמעריקע! דאָ רעגנט נישט אין דער רעגן־תקופה, דאָ גיסט מיט צעבערס! — האָט געזאָגט דרוהידאַ ביים געזעגענען זיך מיט מיר. — היט זיך, באַלעבאָס, אַז נאָך עפּעס אַ שטורעם זאָל מען דיין ווייסן סקעלעט נישט פאַרקויפן ערגעץ־ווו פאַר אַן אויסשטעלונג, אָדער ער זאָל נישט בלייבן ערגעץ־ווו אין וועג פאַר אַ שפּילעכל פאַר די זון־שטראַלן און פאַר אַ נעסט פאַר דעם קאָליר־פולן קאָליברי...

דער סאַבאַטיסט

פרייטיק פאַרנאַכט בין איך אָנגעקומען קיין קאַרטאַגאַ, און מיינע באַגלייטער, טופּאַק און דרוהידאַ, וועלכע האָבן גוט געקענט די שטאָט, האָבן מיך אַריינגעפירט אין אַ האָטעל פון אַ פּרומען עוואַנגעליסט, פון דער סעקטע סאַבאַטיסטן.

איך האָב אַמאָל אין אַרגענטינע, אין דער פּראָווינץ ענטרע ריאָס, נישט ווייט פונעם שטעטל קרעספּאָ, וואָס געפינט זיך אינעם דעפּאַרטאַמענט ראָסאַריאָ דע טאַלאַ, פאַרבראַכט עטלעכע וואָכן אין אַ דייטשישער קאָלאָניע פון סאַבאַ־טיסטן־אַדווענטיסטן, וועלכע היטן אָפּ שבת פרומער אפשר פונעם פרומסטן ייד. זיי עסן אויך נישט קיין חזיר־פליייש, און אונדז יידן האַלטן זיי פאַר אַן ערב־רב. די אמתע איזראַעליטן זענען זיי גאָר, זיי האָבן מקבל געווען די תורה צוויי מאָל: איין מאָל דורך משהן, אונטערן באַרג סיני, און דאָס צווייטע מאָל דורך יעזוסן, נאָכדעם ווי דער גרויזאַמער אַנטיסעמיט פּאָנטיאָ פּילאַטוס האָט אים פאַרפּייניקט צום טויט... דער אונטערשייד איז — האָט מיר געזאָגט זייער פּאַסטאָר פריץ האַרטנשטאַל, — בלויז אין דעם, וואָס משה האָט די איזראַעליטן געגעבן די תורה ביים לעבן, און ערשט אין פערציק יאָר אַרום איז ער געשטאָרבן, און יעזוס איז פריער געשטאָרבן און נאָכדעם, נאָכן טויט, האָט ער געגעבן זיין תורה...

מיך האָט דעריבער גאָרנישט געוואונדערט, ווען מיינע באַגלייטער האָבן מיר דערציילט, אַז דעם גאַנצן שבתדיקן מעת־לעת, פון פרייטיק פאַרנאַכט ביז שבת ביינאַכט, זעט מען נישט דעם באַלעבאָס, ווי אויך נישט זיין פרוי און זיינע קינ־דער, זיך אָפּגעבן מיט דער געשעפטספירונג פונעם האָטעל.

פאַראינטריגירט האָט מיך בלויז דער ריח פון אמתע יידישע געפילטע פיש, איינגעקאָכטע מיט ציבעלעס, פּעטרישקע, מערן און פעפער, וואָס האָט זיך דער־טראָגן צו מיר פון דער באַלעבאָסטעס פּריוואַטער קיך, און דערנאָך האָב איך געהערט, ווי מיר האָט זיך געדאַכט, אַ מתיקותדיק זמירות־זינגען. געטראַכט האָב איך זיך, אַז דאָס געזאַנג מוז זיין ביי מיר אַ מין אויסדאַכטעניש, אַן אַסאָ־ציאַציע מיט דעם ריח פון די פרייטיק־צונאַכטיקע פיש, וואָס די באַלעבאָסטע האָט זיך מסתמא אויסגעלערנט קאָכן ערגעץ אין אַ יידישער שטוב. אָט געדענק איך גוט, ווי מאַרישקע, די פוילישע דינסט ביי מיין טאַטע־מאַמע, האָט געמאַכט

יידישע מאכלים פונקט ווי די בעסטע יידישע סאַרווערן. און אפשר האָט זיך גאָר פאַרקליבן אין דעם וויטן העק אַ פרומער יידישער אורח, צי גלאַט אַ פרומער יידישער וואַנדערער, וואָס עס האָט זיך אים פאַרבענקט נאָך אַ היימישן שבת, און ער פראַוועט אים מיט אַלע פיטשעווקעס?...

איך האָב גערעכנט אַרויסצוגיין נאָך וועטשערע באַקוקן אַ ביסל די שטאָט, ווי עס איז געווען מיין שטייגער, ווען איך פלעג אָנקומען אין די זעלטענע שטעט נאָכן לאַנגן וואַנדערן איבער די דזשונגלס אוןווילדע וועגן. נאָר דער ניגון האָט מיך פאַרהאַלטן ביי מיר אין צימער. דער גאַנצער האָטעל פענסיאָניסטן און פאַ־סאַזשירן זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען, ווער אין אַ קינאָ, ווער אין אַ קאַבאַרעט, ווער אין אַ פריילעך הייזל. נאָר איך איינער בין פאַרבליבן אין מיין התבודדות, אויסגעצויגן אַ האַלב־אויסגעטועטער אויף מיין האַרט בעטל.

איצט ערשט האָט זיך דאָס זמירות־געזאַנג גענומען טראָגן איבער דעם לייַ־דיק־געוואָרענעם האָטעל העכער און דייטלעכער. די זמירות האָבן זיך צום סוף איינגעשטילט. דאָס רעטעניש האָט אַזוי פאַרנומען מיין געדאַנק און מיך איבער־געטראָגן קיין כאַטאָמאַוו אין דער פוילישער היים, פון וואַנען עס האָט זיך צו מיר דערטראָגן גאַנץ דייטלעך אַ פרק משניות: „אמר רבי יהושע, עגלה בת שנתא ופרה בת שתים, וחכמים אומרים עגלה בת שתים ופרה בת שלוש"... און מיט אַזאַ זיסן פאַרבענקטן און ממש האַרצרייסנדיקן ניגון, אַז איך בין אויפגעשפרונ־גען פונעם בעט, אַרויפגעוואָרפן אויף מיר מיין טראָפּישן באַדמאַנטל, און אין די שטעקשיך בין איך דורך דעם גאָר לאַנגן און פינצטערן קאָרידאָר צוגעקומען ביז דער טיר פון האָטעלערשטשיקס פריוואַטן עסצימער, פון וואַנען עס האָט זיך דערטראָגן דער זיסער משניות־ניגון צו מיין איינזאַמען צימער פון אַ וועלטלעכן און פון פרומקייט אויסגעהוילטן וואַנדערער...

דורך דעם שפּאַלט פון דער עטוואָס־אָפּגעשפּאַרטער טיר האָב איך דערזען דעם באַלעבאָס פונעם האָטעל, דעם „עוואַנגעלישן סאַבאַטיסט" זיצן פאַר אַ גראָבן און גרויסן ספר ביים טיש, אויף וועלכן עס האָבן געצאַנקט די רעשטן בענטש־ליכט אין אַ זילבערנער זיבן־רערנדיקער מנורהלע.

געזעסן איז ער אין אַ געבלימטן זיידענעם שלאָפראָק און אויפן קאָפּ אַ פיר־קאַנטיק שוואַרץ קאַפּעלע, די לינקע האַנט אונטערגעשפּאַרט אונטערן פאַרשווי־רענעם שוואַרצן בערדל. אַ ביסל אָפּגערוקט פונעם טיש איז געזעסן די גאָלד־בלאָנדע באַלעבאָסטע און מיט גרויס יראת הכבוד זיך איינגעהערט אינעם מאַנס משניות־לערנען...

שבת אינדערפרי, ווען איך בין אַריינגעקומען אינעם אַלגעמיינעם עס זאַל, האָב איך מיר געהייסן דערלאַנגען וויסקי מיט צובייסן, און איך האָב אָנגעגאָסן

אַ גלעזל אויך פאַרן קעלנער, אַ „סאַמבאַ"*) וואָס איז אויך געווען דער אויפזעער פונעם האָטעל. איך האָב אים אויך דערלאַנגט אַ קאַמעל־ציגאַר און איך האָב פאַרבונדן מיט אים אַ שמועס וועגן זיינע באַלעבאַטים.

דער אָרעמער קעלנער, אַ געפּאַלענער נעבעך ביי זיך צוליב זיין קאָליר און ראַסע, וועמענס ברידער וערן געלינטשט, און וועלכער האָט שוין טויזנטער מענטשן דערלאַנגט וויסקי, אָבער אַליין האָט ער נאָך נישט פאַרזוכט דעם טעם פון דעם אַריסטאָקראַטישן אַלקאָהאָל און האָט נאָך אויך קיינמאָל נישט גערויכערט אַ קאַמעל־ציגאַרעט, איז געוואָרן אַ צעטומלטער צוליב מיין פריינטלעכקייט: „ווי הייסט, אַ וועלט־רייזנדער, אוודאי אַ גרויסער מיליאָנער אָדער גאָר אַ באַנקיר" — האָט ער אוודאי געטראַכט. ער האָט זיך אָבער באַלד באַהערשט, און איז געוואָרן שטאַרק באַרעדעוודיק:

— וואָס זעט מען עפּעס נישט דיינע באַלעבאַטים? — האָב איך אים אַ פרעג געטון. — זענען זיי נישט חלילה קראַנק?...

— ניין! חס וחלילה! היינט איז דאָך שבת! — האָט ער מיר געענטפערט, — און דער סעניאָר מיט דער סעניאָראַ זענען זייער פרומע קריסטן, סאַבאַטיסטן, אַדוועטניסטן, עוואַנגעליסטן זענען זיי און אום שבת טוען זיי נישט קיין שום אַרבעט און מישן זיך נישט אין געשעפט־ענינים... זיי ווילן אפילו נישט אַריינקומען אַ קוק טון, ווי אַזוי די קעלנער באַדינען די געסט... אויף דעם — האָט ער צוגעגעבן מיט חשיבות — האָט דער גוטער סעניאָר צו מיר צוטרוי. איך גיב אַכטונג אַלס אויפזעער...

אין מיר האָט זיך צעשפּילט דער אפּיקורס, דער מחלל־שבת בפרהסיה, וואָס רויכערט ביי אַ פרומען ייד אין שטוב אַ ציגאַר אום שבת, און איך גיב אַ פרעג:

— זאָג מיר נאָר, דאָנאַטאָ, — אַזוי האָט געהייסן דער שוואַרצער קעלנער — אויב דער סעניאָר איז אַזאַ פרומער קריסט, אַ סאַבאַטיסט, אַן אַדוועטניסט, אַן עוואַנגעליסט, און דער שבתדיקער טאָג איז ביי אים אַזוי הייליק, פאַרוואָס זשע לאָזט ער אַנדערע אַרבעטן?...

— זיי זענען טאַקע זייער נישט גערן, מיר זאָלן דעם הייליקן טאָג אַרבעטן, — ענטפערט מיר דערויף דער „סאַמבאַ". עס איז דאָך אָבער אַ האָטעל און אַ רעסטאָראַן. מען מוז די מענטשן געבן צו עסן. די אַנדערש גלויביקע ווילן נישט וויסן פונעם סעניאָרס הימלישע סענטימענטן. און אויב ער וועט נישט געבן קיין עסן, וועט ער די גאַנצע קונדשאַפט פאַרלירן און וועט מוזן אַראָפּלאָזן די שטאַרן... באַזונדערס, וועט דאָך דאָס געזעץ אויך נישט דערלויבן, אַז מענטשן זאָלן איין טאָג אין דער וואָך הונגערן... מאָדנע מנהגים האָבן זיי, די עוואַנגעליסטן —

*) אַ נעגעריש־אינדיאַנישער מישלינג.

סאַבאַטיסטן — אַדווענטיסטן, — רעדט ער ווייטער, — שווער זיי צו פאַרשטיין... אַ קיך אפילו אַ באַזונדערע האָבן זיי פאַר זיך... קיין חזיר־פלייש ווערט אין האָטעל קיינמאָל נישט גענוצט... די סאַבאַטיסטן — זאָגן זיי — איז עס פאַרבאָטן לויט דער הייליקער ביבל, וואָס גאָט האָט זיי געגעבן אויפן באַרג סיני״... און אַ חוץ דעם, זאָגט דער באַלעבאָס, האָט אין זיך דאָס חזיר־פלייש אַזאַ מין ווערימל, וואָס מען זעט עס נישט אָן, טריקינאַ רופט מען עס, און עס איז אַ גרויס געפאַר צו עסן דאָס פלייש אין די הייסע לענדער... איר וועט מיר גלויבן, אַז איך, וואָס האָב שטענדיק געגעסן חזיר־פלייש און בין נאָך פון דעם קיינמאָל נישט געשטאָרבן און אפילו נישט קראַנק געוואָרן, קען שוין איצט אויף דעם אפילו נישט קוקן. דער סעניאָר מיינער, דער גוטער באַלעבאָס, האָט מיר אפילו אַ מאָל געוויזן אויסגעמאָלט אויף אַ בלאַט פון אַ בוך די טריקינאַ־ווערימלעך, וואָס זעען אויס ווי יאַפּאַנישע אויגעלעך, אָדער גאָר ווי כינעזישע; און מאָדנע, אויפן פּאַפּיר האָב איך די נישט־זעבאַרע ווערימלעך געזען געגוג גרויסע, אָבער אין פלייש האָב איך זיי קיינמאָל נישט געזען, הגם איך האָב זייער אַ גוטע ראיה... דאָך האָט זיך מיר געפלעגט דאַכטן, אַז איך זע זיי, די טריקינאַ־ווערימלעך זיך רויען אינעם חזיר־פלייש, כאָטש איך האָב גאָרנישט געזען... אַזאַ כוח האָט ער, דער באַלעבאָס מיינער צו איבערצייגן. ער איז זייער אַ געלערנטער, זייער אַ גוטער, דער בעסטער קריסט פון אַלע מענטשן, וואָס איך האָב געקענט ביז היינט... ער לייענט אַ סך, און שטענדיק זינגט ער ביים לייענען אַזוי טרויעריק מיט עפּעס אַזאַ מיסטעריעזער שפּראַך, וואָס נאָגט אַרויס ביי מיר די נשמה... אַז דער סעניאָר הרגעט אַ הון צי אַן אַנדער עוף, דרייט ער נישט אַראָפּ ביי אים דעם קאָפּ, אַזוי ווי מיר טוען, נאָר ער שניידט ביי אים איבער דעם גאָרגל מיט אַ גרויסער פלאַטשיקער בריטווע, און פאַר דעם שעכטן פאַרגלייזט ער די אויגן צום הימל, ווי דער הייליקער כאָסע, גאָטס טאַטע, און זאָגט עפּעס אין דער שטיל... עפּעס אַזאַ מין שפּרוך, אוודאי צום פויגלס נשמה...

— יאָ, יאָ, מיסטער פּאַרישעווסקי, מיין סעניאָר איז אַ גרויסער געלערנטער, זייער אַ גוטער, דער בעסטער פון אַלע קריסטן, און מיר דאַכט, אַז דער קליגסטער פון דער וועלט, און ער ווייסט וואָס ער רעדט...

שבת ביינאַכט האָב איך געהערט דעם „עוואַנגעליסט־סאַבאַטיסט־אַדווענטיסט״ הבדלה מאַכן און זינגען דעם „איש חסיד היה״. געשטאַנען בין איך צווישן די קאַסטנס ביר אין פינצטערן קאָרידאָר און זיך איינגעהערט צו דער זיסער מע־לאָדיע. געוווען איז עס דער ניגון, וואָס מיין פרומער טאַטע, עליו השלום, פלעגט זינגען און וואָס געבראַכט האָט ער אים פונעם ראַדזימינער רבין, רב מענדעלע.

די גאַנצע צייט האָב איך מיך געשלאָגן מיט דער דעה, צי זאָל איך נישט גלייך אַריינגיין צו דעם ייד, דעם באַלעבאָס, און זיך דורכשמועסן מיט אים יידיש־

לעך און אים אויספרעגן, ווי קומט ער אַהער און ווי קען ער עס אויסהאַלטן יידישקייט אין דעם עק וועלט, אַ תינוק שנשבה...

נאָר איך האָב קיין האַרץ נישט געהאַט דערצו. איך האָב מורא געהאַט צו פאַרשוועכן זיין שבת מיט מיין וואָכעדיקייט. כ׳וואָלט דאָך געווען ווי ירבעם בן נבט אשר חטא, ואשר החטיא את ישראל, און גלייך ווי איך וואָלט אַריינגעקומען צו מיין טאַטן אום שבת מיט אַן אָנגעצונדענעם פּאַפּיראָס אין מויל...

ערשט נאָך הבדלה, און נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעפּראַוועט מלווה מלכה, און ער איז אַריינגעקומען אין טרינקזאַל וואָס לעבן עס־זאַל, האָב איך אים גע־פרעגט צי ער שפּילט אַ שאָך, און טאַקע ביים שאָכשפּילן, ביי אַ גלעזל קאַווע מיט ראָם, האָב איך אים געפרעגט, ווער עס האָט דאָרט ביי אים אין זיין פּרי־וואַטע שטוב אַזוי הייס געדאַוונט און געלערנט.

דער סאַבאַטיסט האָט זיך אַזוי ווי צוריק־געהאַלטן, גענומען קוקן אויף מיר מיט פאַרדאַכט, נאָר אַז איך האָב גענומען רעדן צו אים יידיש, און געזאָגט, ווי יוסף צו זיינע ברידער, והנה עיניכם ראות, אַז איך בין נישט קיין ווייס־גוואַרדייער און אויך נישט קיין דייטשישער באַראָן, און אַז ער דאַרף זיך פאַר מיר נישט אויסבאַהאַלטן, האָט ער עטוואָס אויפגעדעקט פון זיין געשיכטע:

— אַליין איז ער פון מיסלאָוויץ, וואָס פאַר דער מלחמה פון 1914—18 האָט עס געהערט צו עסטרייך — אונגאַרן. ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן נאָכן שאָס פון סאַראַיעוואָ, האָט מען אים מאָביליזירט. ער איז ערשט מיט זעקס חדשים פריער געהאַט געקומען פון מיליטער־דינסט, אַלס מאַטראָז, און מען האָט אים דעריבער אויפגעזעצט אויף אַ געפּאַנצערטן קרייצער, וואָס איז געווען פאַרשטעלט פאַר אַן אומשולדיקער נייטראַלער האַנדלס־שיף. אַ סך אַליאירטע און נייטראַלע שיפן האָט זיין קרייצער דערטרונקען. עטלעכע מאָל איז ער פאַרוווּנדעט גע־וואָרן, זיך אויסגעהיילט און ווידער געווען אין דינסט. ביז אין איין שיינעם טאָג איז דער קרייצער אַרומגערינגלט געוואָרן פון ענגלישע און פראַנצויזישע דעס־טרוקטאָרס (צעשטערער) און פון זייערע גראַנאַטן און טאָרפּעדן האָט זיך „זיין" געפּאַנצערטער קרייצער צעשפּאָלטן אויף צוויי און איז כהרף־עין אַראָפּ צום אָפּגרונט. געראַטעוועט האָבן זיך בלויז צוויי און פופציק מאַן פון די טויזנט זעקס הונדערט מיט זיבעציק, וואָס די שיף האָט געהאַט אויף זיך. אויפגענומען האָט די לעבנגעבליבענע אַ גאַר גרויסער דייטשישער „פּאַנצער", דער מעכטיקער „לייפּציק", אויף וועלכן ער איז געבליבן אין דינסט, און דער גרויסער פּאַנצער האָט געטון דאָס אייגענע, וואָס דער קליינער עסטרייכישער קרייצער „בודאַ־פּעשט": אויסגערויבט און נאָכדעם דערטרונקען די אַליאירטע און נייטראַלע שיפן, וועלכע ער האָט נאָר געטראָפן אויפן וועג. ער איז אַזוי אַנגעגאַנגען מיט זיין פּיראַטן־אַרבעט ביז ער איז אַריין אין קאַריבישן ים, און דאָרט, נאָענט פון

די סאַן־בלאַסער אינדזלען, האָט ער געליטן סדום־ועמורהס מפלה: צוויי ענגלי־
שע סובמאַרינען האָבן אים צעזעצט און אַן אָנגעצונדענעם אים געזונקען.

— בלויז צען מאַן האָבן זיך געראַטעוועט פון די איבער טויזנט מיט אַכט
הונדערט וואָס זענען אויפן קרייצער געווען. צווישן די צען לעבנסגעבליבענע
איז ער געווען, אַ נישט־פאַרוואונדעטער אפילו. אַ שפּליטער פון אַ שראַפּנעל האָט
אים, אגב, יאָ געטראָפן אין דער ברוסט, נאָר אַזוי ווי ער האָט תמיד געטראָגן
אונטערן מונדיר אַ תנ״ך אויף דער ברוסט, האָט אים גאָט געהאָלפן און דאָס
שטיקל שטאָל איז געבליבן שטעקן אינעם תנ״ך לעבן דער שורה פון משלי:
בּכל דרכיך דעהו והוא יישר ארחתך...

— געשראָקן האָבן זיי זיך פאַר אַ גאָר גרויסער שטראָף, שיעור נישט טויט.
וואָרום אין דער אמתן איז דאָך דער „לייפּציק“, ווי דער עסטרייכישער „בודאַ־
פּעשט“, געווען אַ פּיראַטן־שיף. אָפּגעקומען זענען זיי אָבער בלויז מיט שרעק.
דער סקאָטלענדישער קאָמענדאַנט פון דעם ענגלישן דרעדנאָוט, מיסטער מאַק
זשאָן טיילאָר, וואָס האָט איבערגענומען די צען לעבנגעבליבענע פּיינטלעכע
נאַטראַזן, איז געווען אַ דזשענטעלמאַן, ענגלענדער — האָט ער געזאָגט — זענען
מענטשן פון דער ביבל, פּוריטאַנער, וואָס האַלטן זייער שטאַרק פון „לא תרצח“,
הרגענען נישט קיין קריגס־געפאַנגענע, ענגלענדער זענען נישט קיין באַרבאַרן,
נישט קיין טעוטאָנען, נאָר גייען אין וועג פון יהוה, וואָס איז אַן „אל רחום
וחנון“...

אויף דעם ריזיקן דרעדנאָוט איז ער געוואָרן אַ קוכער. געקענט האָט ער די
מלאכה פון דעם רבייאישן הויף אין קראָקע, וווּ ער האָט זיך אַמאָל אויסבאַהאַלטן
פון מיליטער־דינסט. האָט ער מהנה געווען דעם קאַפּיטאַן און אָפיצירן מיט
יידישע מאכלים, מיט געפילטע פיש, לאָקשענע און געבלעטערטע קוגלס, טשאָלנט
פון צעריבענעם קאַרטאָפל, מיט אַ מעגעלע און שטרודל... און דאָ טאַקע, אויפן
דרעדנאָוט, האָט ער זיך באַקענט מיט זיין האָבער־בלאָנדער נעמי, אַ פרייוויליקע
קראַנקן־שוועסטער אויף דער שיף, די זיבעצן־יעריקע טאָכטער פון אַן ענגלישן
פּאַסטאָר.

אין אַ געשלעג פון דעם דרעדנאָוט מיט דריי דייטשישע פּאַנצער־שיפן איז
אַנדזער סאַבאָטיסט ערנסט פאַרוואונדעט געוואָרן, און האָט פאַרלוירן דעם באַ־
ווסטזיין. אויפגעכאַפּט האָט ער זיך אויף אַ ווייס אייזערן בעטל אין אַ נאָרד־
אַמעריקאַנער שפּיטאָל אין דער שטאָט קאָלאָן, ביים פּאַנאַמאַ־קאַנאַל. אַרומגע־
גאַנגען אַרום אים איז די שיינע נעמי, דעם פּאַסטאָרס טאָכטער.

ווען ער איז געזונט געוואָרן און עס איז געשלאָסן געוואָרן שלום, האָבן
זיי חתונה געהאַט און זיך אַריבערגעקליבן קיין קאָסטאַ ריקאַ. דאָ האָט ער גע־
קויפט דעם האָטעל, עטלעכע הייזער און אַ לעגווע פעלד מיט קאַווע־פּלאַנטאַציעס.

— און ווי קום איך, אַ פרומער ייד, חתונה צו האָבן מיט אַ גויה, מיט אַ קריסטין? — פרעגט איר -- טאָקע אַ געדעכטע שאלה. אָבער האָט דען משה רבינו נישט חתונה געהאַט מיט אַ גויה, מיט אַ שוואַרצע נאָך דערצו, און אויך אַ גלחס אַ טאָכטער? אויב איר האָט אַמאָל געלערנט, דאַרפט איר דאָך וויסן, אַז יתרו איז געווען אַ גלח... מיין נעמי איז צו מיין חתונה מיט איר שוין געווען ווי אַ גע־בוירענע יידישע טאָכטער, און אפשר נאָך מער... זי האָט דאָך די ביבל, אונדזער הייליקע תורה, שוין פון פריער געקענט, פונקט ווי אַלע גוטע, גאָטספאָרכטיקע יידישע טעכטער. עס האָט דאָך נאָר געפעלט זי אויסצולערנען עטלעכע יידישע דינים און מנהגים, וועלכע זי האָט זייער שנעל איבערגענומען. מיינע ביידע זין זענען געמלטע. זיי זענען איצט אין ניו־יאָרק צווישן ערלעכע יידן. מיין נעמי פאָרט יעדעס מאָל קיין ניו־יאָרק, ווען זי איז אויף דער צייט און בלייבט דאָרט איבער ביז אַ מאָנאַט נאָכן ברית... פון אַ פרומען ערלעכן קריסט, וועלכער האָט נישט פיינט דעם ייד, קען גאָר גרינג ווערן אַ הייסער ייד, דאַן ווען דער אויבער־פלעכלעכער ייד קען גאָר גרינג ווערן אַ גוי, און פון אַ משומד — דער געפּער־לעכסטער אַנטיסעמיט. און ווייל איז צו אונדז! ווען נישט אָט די בוגדים, ווען נישט די יידישע רשעים און פושעים וואָלטן מיר נישט געווען פאַרלוירן אונדזער הייליק לאַנד, און נישט צעשפּרייט געוואָרן איבער דער גאָרער וועלט, אָן אַ פּעסטן באָדן אונטער די פיס...

טאָקע נאָר בלויז איין דיזראַעלי און היינריך היינע זענען נאָך דער שמד גע־בליבן הייסע יידן. אָבער אַלע אַנדערע משומדים? ימח שמם וזכרם!...

— ווי קום איך צו געלט, פרעגט איר? — זאָגט ער ווייטער, כאָטש איך האָב אים וועגן דעם נישט געפרעגט. — איז עס אויך אַ נס מן השמים, דעם רבונו של עולמס השגחה: — אויף דעם „לייפציק“ האָט אַ דייטשישער העכערער אָפּי־ציר, אַ שטערבלעך־פאַרוווּנדעטער, מיך צוגערופן און מיר איבערגעגעבן אַ גאַנץ פּעקל מיט צירונג, וואָס ער האָט צוגערויבט ביי אַ רייכער יידישער פאַ־מיליע, וועלכע איז געפאָרן אויף אַ האָלענדישער פּאַסאַזשיר־שיף פון האָנג־קאָנג קיין ניו־יאָרק. — ביסט דאָך אַ פרומער ייד, בעט זשע דעם יידישן גאָט, — האָט ער מיר געזאָגט זייענדיק שוין אין גסיסה־צושטאַנד, — ער זאָל מיר מוחל זיין פאַר באַרויבן און אויסמאָרדן די אומשולדיקע יידישע פאַמיליע...

געווען זענען אין פּעקל רינגען און אויערינגען מיט דימענטן און ברי־ליאַנטן, אַ יידישע בראָשקע מיט אַן עכטן רובין אינדערמיט, און אַרומגעזעצטע מיט שמאַראַגדן און זאַפירן; צוויי מענער־פינגערלעך מיט עכטע אַגאַטאַ־שטיינער, צוויי דאַמען־פינגערלעך, איינער מיט אַ זעלטן־שיינעם טאָפּאַז און דאָס צווייטע מיט אַ גרויסן בריליאַנט, וואָס האָט ממש געבלענדט די אויגן און אַ שנור פּערל, עכטע פּערל, איינס אין איינס, מיט אַ גילדענעם מעדאַליאָנטשיק אין דער פאָרעם

פון אַ האַרץ, מיט אַ געגראַווירטן מגן דוד, מיט אַ גרויסן שמאַראַגד אינדערמיט און די דימענטלעך אַרום. דעם גאַנצן אוצר, אַ חוץ די פּערל מיטן גאָלדענעם מעדאַליאָן, האָט ער אַריינגעלייגט אין די בתים פון די תפילין און אויך די פּערל האָט ער געהאַלטן אין תפילין־זעקל. ווי אַ רעליגיעזע הייליקייט, האָט מען דאָס רעספּעקטירט, און קיינער האָט זיך צו דעם נישט צוגערירט. אפילו די גייציקע און נשמהלאָזע דייטשן אויך נישט... בלויז נעמי האָט פון דעם אוצר געוווּסט, באַלד ווי ער איז געפאַנגען געוואָרן, טאַקע נאָר דורך אַ מערכה פון הימל... ווען זי האָט אים אונטערזוכט, האָט ער נישט געוואַרט און איר איבערגעגעבן זיין סוד, מחמת עס האָט זיך אים געדאַכט הערן אַ בת־קול, וואָס האָט אים באַפוילן אַזוי צו האַנדלען... די פּערל מיטן „האַרציקן מגן־דוד“ טראָגט איצט נעמי און די אַנדערע צירונג האָט ער געמאַכט צו געלט...

— איז ווען זשע גענאַרט איר דערמיט, וואָס איר גיט אייך אָן פאַר אַ עוואַנגעליסט, סאַבאַטיסט, אַדוועגטיסט? — האָב איך אים געפרעגט. — אייער שווער, דעם פּאַסטאָר, אפנים?...

— אָסור, חלילה! — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטון. — יענער איז געווען אַן אמתדיקער צדיק, אַן אמתדיקער „איינער פון די חסידי אומות העולם“... ער האָט אַליין געבענטשט אין אַ בריוו זיין טאָכטער צו איר זיווג מיט אַ זון פון אברהם, יצחק ויעקב... נאָר די כלבים דאָ, די אָנגעלאָפענע צאַרישע גענעראַלן, אַנטלאָפענע פאַר די רויטע פרייהייט־אַרמייען... די אַלע אַנטלאָפענע פּחדנים, זיכער געוועזענע פּאָגראָמשטשיקעס, זענען דאָ גרויסע יחסנים... אַלע זענען זיי דאָך גענעראַלן, קניאַזשן, גראַפן און דער טייוול ווייסט זיי וואָס נאָך! איצט פאַרשטאַנען? נישט ווייניקער ווי גענעראַלן, אפילו ווען אַזאַ מין זשלאָב האָט בלויז די שטיוול געפּוצט, צי דאָס טעפּל אַרויסגעטראָגן ביי אַ גענעראַל, אָדער ביי אַ קניאַזש... און די אַלע צווייפלהאַפטע פאַרשוינען, דייטשישע, עסטרייכישע, אונגאַרישע און טערקישע, זענען הוילע פּרינצן, גראַפן און באַראָנען, בעיס און פּאַשאַס, וואָס האָבן דאָס קליינע לענדל אַזוי פאַרפּעסטעט מיט אַנטיסעמיטיזם, אַז עפנטלעך איז דאָ קיין ייד נישט בנמצא. ווער ווייסט, צי זיי וואָלטן אונדז שוין נישט געווען אויסגעמאָרדעט דאָ, און טאַקע אין קריסטוסעס רחמנות־פּולן נאָמען... דאָס האָב איך אויף דער עצה פון מיין שווער, דעם גלח, וועלכער איז אפשר נאָך מער יידנפריינטלעך ווי יתרו, זיך אָנגעגעבן פאַר אַן עוואַנגעליסט, כדי צו קענען אָפּהיטן מיין יידישקייט כדת משה וישראל אומגעשטערט...

צוגעגעבן האָט ער צום סוף, אַז ער וואַרט נאָר אויף אַ סערטיפיקאַט פאַר זיך און פאַר זיין פרוי און קינדער צו פאָרן קיין ארץ־ישראל...

צי ער איז שוין אַריבערגעפאָרן קיין ארץ־ישראל, צי ער שפּילט נאָך אַלץ די ראָלע פון אַ קריסטלעכן סאַבאַטיסט, האָב איך מיר ביז איצט נישט געגעבן די מי זיך צו דערוויסן.

קאַרטאַגאַ

קאַרטאַגאַ. — נישט די אוראַלטע שטאָט קאַרטאַגאַ פון נאָרד־אַפריקע, די היים פון דעם גרויסן העלד האַניבאַל, וועלכע די רוימער האָבן צוויי מאָל צעשטערט אויף דער אָנווייזונג פון קאַטאָן, נאָר די קליינינקע קאַרטאַגאַ פון צענטראַל־אַמעריקע, וואָס איז די צווייטע שטאָט פון קאָסטאַ ריקאַ.

קאַרטאַגאַ, די הויפטשטאָט פון דער פּראָווינץ מיטן זעלבן נאָמען, האָט אַ באַפעלקערונג פון איבער צוואַנציק טויזנט נפשות, איז אויפגעבויט געוואָרן דורך די שפּאַניער אין דער צייט פון כואַן קאַראַנאַדאַ, אין יאָר 1561, צופוסנס פון דעם גאָר געפערלעכן וווּלקאַן איראַזו, וואָס האַלט 1.373 מעטער איבערן ים־פלאַך.

לגבי אַנדערע שטעט פון אַנדערע מקומות איז קאַרטאַגאַ זייער אַ שיינע שטאָט מיט אַ דערפרישנדיקן זייער אָנגענעמען קלימאַט, מיט זעלטן־גוטע טרינק־וואַסער, ברייטע, גלייכע גאַסן, פּראַכטפולע שטאָט־פּאַלאַצן, ווי אויך פּאַרטיקולאַ־רע שאַלעצן, טעאַטערס, קינאָס, אַ סך אַלקאָהאָל־קלייטן, האָטעלן, רעסטאָראַנען און אַ געװנוגנדיקער צאָל „אָרנטלעכע אַמוזיר־הייזלעך"... באַצויבערנדיקע פּיי־זאַזשן און גערטנער, פעלדער און לאָנקעס, ווו עס פּיטערן זיך די שטוביקע בהמות. אַרום — בערג און ווילדע דזשונגלס, פול מיט אַלע מינים ווילדע חיות און שרצים.

קאַרטאַגאַ שמט אויך צו האָבן די שענסטע קירכעס פון לאַנד מיט אַ גאָטי־שער און רוימישער אַרכיטעקטור, איבערהויפּט די קירכע פון די „מלאכים", ווו עס איז פאַראַן אַ שטיינערנע סטאַטוע פון אַ „הייליקער מאַמע", וואָס באַווייזט גאַנצע ניסים ונפלאות ממש נישט ערגער ווי די הייליקע בתולה פון פּוילישן טשענסטאָכאָוו... דאָס אָבערגלויבישע פאָלק, איבערהויפּט די אָפּגעשטאַנענע אינ־דיאַנער, וועלכע ליידן פון אַלערליי מכות פון דער תוכחה, צוליבן פעלן פון דאָק־טוירים און מעדיצינען, ווי אויך פון דער עלעמענטאַרסטער היגיענע, זענען עולה־רגל פון הונדערטער מיילן וויט צו דער הייליקער שטיינערנער סטאַטוע אין דער קירכע, ווו זיי לאָזן איבער זייערע בלוטיקע אָפּשפּאָרונגען אויף צדקה און גרויסע וואַקסענע ליכט, אַבי צו געפינען אַ היילונג צו זייערע ליידן, פיזישע, עקאָנאָמישע און גייסטיקע...

דעם 4טן מאַי 1910 איז קאַרטאַגאָ ווידער צעשטערט געוואָרן דורכן ווולקאַן איראַזו. אָבער די פאַרליבטע איינוווינער פון דער פּרעכטיקער קאַרטאַגאָ האָבן זיי צוריק אויפגעבויט. און ווי אויף צו להכעיס דער פאַטאַליטעט, זיך אָנגע־שטרענגט זי צו מאַכן נאָך שענער און פּרעכטיקער ווי אַן אַרויסרוף דעם טייוולאָ־נישן איראַזו...

און כדי אין פאַל פון אַ קאַטאַקליזם זאָלן זיין וואָס ווינציקער קרבנות, זענען איצטער די שמאָלסטע גאַסן 17 מעטער ברייט און די אַווענידאַס און שפּאַציר־פלעצער — אַ סך ברייטער. אויך שיינע און רחבותדיקע פּאַרקן און בולוואַרן זע־נען פאַראַן אין דער שטאָט און אויסער דער שטאָט.

קאַרטאַגאָ איז אַ לאַנגע צייט געווען די הויפּטשטאָט פון קאָסטאַ ריקאַ, ביז אַ שטיק צייט שוין נאָכן באַפרייען זיך פון שפּאַנישן יאָך, און היינט צו טאָג פּראָג־רעסירט זי אויגנבליקלעך.

די טעריטאָריע פון דער קאַרטאַגער פּראָווינץ גרענעצט זיך מיט דער פון סאַן כאָסע און פון לימאָן. דער באָדן פון דער פּראָווינץ איז אַ בערגיקער, עס זענען אָבער פאַראַן רחבותדיקע טאָלן, זייער פּרוכטבאַרע פלאַכע פעלדער און לאָנקעס.

דער אָנגענעמער קלימאַט און די ביז גאָר פעטע בתולה־ערד פון דער ריי־כער פּראָווינץ וואָלט, ווי מיר דאַכט, זייער גוט געווען פאַר אַגריקולטור, פיצוכט און עופות־צוכט. אויך פישפאַנג אין די גאָר אָן אַ שיעור טייכן און אָזערעס וואָלט זיך געקענט גוט אַנטוויקלען. יידישע פויערים און אינדוסטריאַלן וואָלטן דאָ געקענט גרינדן קאָלאָניעס און שטעט, מיט אַ זיכערער פּערספּעקטיוו פון אַ גוטן מאָרגן פאַר זיך, ווי פאַרן גאַנצן קאָסטאַריקער פאָלק, און אין דער צוקונפט — פּראַקטישע פאַרמער פאַר ארץ־ישראל...

כ׳וועך אַ שותּף צו אַ גאָלד-מינע

מ׳האָט מיר געזאָגט, אַז דער גאַנצער ווייטער אַרום פון דער הערלעכער קאַרטאַגאָ האָט אַן אונטערגרונט פון גאָלד, פּלאַטין, זילבער, ניקל, מערקוריום (קוועקזילבער), קופּער, בליי, צינק, אַנטימאָניום, ליגניט, טאַלקאָ, אַמיאַנטאָ און אַנדערע זייער וויכטיקע מינעראַלן. אויך די אויבערפלאַך פון יענער יונגפרוי־לעכער ערד איז זייער פּרוכטבאַר.

נאָך עטלעכע טעג זײַן אין קאַרטאַגאָ, האָט מיין פרייוויליקער מאַראַן, דער פרומער יידישער האָטעלעךרשטשיק און דער כלומרשטער קריסטלעכער סאַבאַ־טיסט, מיר פאָרגעשטעלט דריי ציוויליזירטע אינדיאַנער, ריזיקע יונגען, פּאַר וועמענס ערלעכקייט ער האָט מיר גאַראַנטירט. די דריי אינדיאַנער, וועמענס ראש המדברים איז געווען דער איבער זעקס פוס הויכער פּעפּע, מיט אַ בויך פון אַ טראָגעדיקער יידענע, האָבן מיר מגלה־סוד געווען, אַז זיי וויסן פון אייניקע גאָלדמינעס געמישט מיט זילבער און קופּער, און אַז גאָר ווייט אין די בערג וויסן זיי פון אַ פּלאַטין־מינע. נאָר אַזוי ווי זיי האָבן נישט קיין פּרוטה ביי דער נשמה, האָבן זיי מורא צו פאָדערן ביי דער מאַכט אייגנטום־שיינען, אַלס אַנט־דעקער פון די מינעס. און ווייזן וועמען פון די אָרטיקע איינוווינער האָבן זיי אוודאי מורא, מחמת די פאַרעטערישע דייטשן און צאַרסקע שפּעקולאַנטן, וועלכע האָבן צו יענער צייט ממש פאַרפלייצט דאָס וווּנדער־שיינע לאַנד, וואָלטן זיי עס ביי זיי, די רעכטלאָזע אינדיאַנער, צוגענומען און וואָלטן זיי נאָך אפשר געמאַכט „מיט די קעפּ נידעריקער״...

— איר ווייסט, סעניאָר איזראַעליטאַ (זיי האָבן נאָך נישט געוווּסט, אַז איזראַעליטאַ און כודיאָ איז איינס און דאָס זעלבע), — האָט דער כמעט שוואַרצער און געשטופּלטער דואַרטע אָנגעפּאַנגען מיט פּאַטאָס, — דאָ איז צענטראַל אַמע־ריקע!... היינט צו טאָג שאַפן דאָ און וואַלטן די בייזע דייטשן, הוילע באַראָנען און גראַפן, רוסישע פּרינצן, גענעראַלן און פּאָלקאָווניקעס און דער שוואַרץ־יאָר מיטן בייזן „וואָליטשע״ און צינישן „דוענדע״*) ווייסן וואָסערע אַנדערע טיטלען

*) שדים.

נאָך זיי האָבן!... די תמיד־פאַרכמאַרעטע דייטשן קאָנקורירן מיט די צאַריסטישע רוסן אין רויב און מערדערייען איבער אונדזערע אַבאָריגענען*), און ווי עס זעט אויס, זענען די דייטשן, אונגאַרן, עסטרייכער, מוסאָלינים פאַשיסטן, ווי די צאַריסטישע רוסן, פונקט אַזוי הומאַניטאַר ווי די תמיד־הונגעריקע הייפיש, וואָס זענען פול אין קאַריבישן ים און אין פאָנסעקאַ־גאָלף. די גאַנצע וועלט וואָלטן זיי געוואָלט איינשלינגען. איבערהויפּט די דייטשן, — זיי האַסן און פאַראַכטן אַלעמען, כאָטש זיי שמייכלען תמיד און ווייזן זייערע שיטערע ציין. צו די דייטשן געהערן כמעט אַלע וויכטיקע געשעפטן, פאַבריקן און בענק. דאָס גאַנצע פעלד, וואַלד, בערג און טאָלן. און אַ מערכה נאָך, וואָס די דייטשן דערלויבן צו רעדן שפּאַניש און אַנדערע שפּראַכן ביי אונדז אין לאַנד. און נאָך אַ גרעסערער חידוש איז, וואָס זיי האָבן נישט אין זייער באַזיץ אַ קאָנצעסיע אויף דער לופט צו אָטע־מען... און די מאַכט, קוקט, דאַכט מיר, אויף די דייטשן מיט אַ באַזונדערער באַוווּנדערונג, ווי אויף פּאַרניפּטיקע מענטשן, און רופט זיי „די נאָרדיקאָס״, ד״ה די פּאַרניפּטיקע מענטשן פון צפון... און די אַזוי גערופענע צפון־לייט קוקן אויף דער מאַכט ווי אויף אינדיאַנישע ליאַלקעס, און זיי באַרימען זיך נאָך, זאָגנ־דיק, אַז מיט די אָפּשטויסנדיקע אינדיאַנישע ליאַלקעס איז נישטאָ וואָס זיך צו שפּילן...

און וואָס זאָגט צו דעם די מאַכט, וועט איר פרעגן? אַ סברה, אַז איר געפעלט די שפּיל, דאַכט מיר גאָר אַ געפערלעכע. לויט מיין מיינונג, איז דאָס פונקט ווי אויסוואַרעמען די סטרא אחרא, פונקט ווי אויסוואַרעמען אין בוזים אַ מאַריפּאָ**). יאָ, די מאַכט שווייגט. און ווי זאָגט דאָס שפּאַנישע ווערטל: ווער עס פאַרשווייגט דער באַוויליגט!...

און די צאַריסטישע פּרינצן, גענעראַלן און פאָלקאָווניקעס מיט זייערע אויס־געלאָסענע ווייבער און טעכטער, וועלכע זענען אַנטלאָפן פאַר דעם פאָלקס־צאָרן, האָבן דאָ אין לאַנד ווידער פאַרנומען אַלע פּאָסטנס, — האָט דואַרטען איבערגע־שלאָגן דער הויכער און ווי אַ הירש שלאַנקער אַנטאָניאָ, — אפילו די „אָרנטלעכע הייזער״ זענען זייערע. און דער אומגליק איז נאָך אַזוי גרויס, וואָס אפילו אין אָט די הייזער האָבן שוין צומאָל נישט קיין אָרט די אַבאָריגענער מיידלעך, ווייל אַלע „פּאַרליבטע״ פאָדערן רק רוסישע פּרינצעסינס און דייטשישע גרעפינס, אונגאַרישע באַראָנעסינס און אַנדערע באַטיטלטע דאַמעלעך מיט קילאָמעטער־דיקע נעמען... די אינדיאַנער מיידלעך זענען ביי זיי בלויז דינסטן און וועשינס, און ווערן באַהאַנדלט ווי שקלאַפינס... דאָס איז אמת, די דייטשן זענען גרויזאַמע

---

*) אוראַיינוווינער.

**) אַ שרעקלעכע גיפטיקע שלאַנג פון ווענעזועלאַ.

באַלעבאַטים, זיי האָבן בלויז ליב זייער ראַסע, זייערע ווייבער און קינדער, אויך הינט און קעץ... איך בין דאָך אָבער נישט אַזוי עקסטרעם ווי דו ביסט, דואַרטע. די דייטשן זענען דאָך בעסער ווי די רוסישע מאַנאַרכיסטן. זיי רעדן נישט אַזוי פיל און טוען מערער... די דייטשן האָבן דאָך געגעבן אַרבעט די אונדזעריקע, כאָטש זיי צאָלן טאַקע אַ שווינדזיכטיקן לוין. זיי זאָגן אָבער, אַז זיי קענען נישט צאָלן מערער, ווייל די כּודיאָס, די ענגלישע, רוסישע און נאָרד־אַמעריקאַנער כּודיאָס אָנגעפירט פון דעם כּודיאָ ווודראָ ווילסאָן און דורך דעם ענגלישן כּודיאָ דוד לאָיד זשאָרזש און דורכן פראַנצויזישן כּודיאָ קלעמאַנסאָ, האָבן אַלץ צוגע־נומען ביים דייטשישן פאָלק, און האָבן פאַראַרעמט זייער לאַנד, וואָס איז פאַרן פערצנטן יאָר געווען דאָס רייכסטע לאַנד אין דער וועלט... די אַליאירטע אַר־מייען, וועלכעס זענען באַשטאַנען פון בלויז כּודיאָס, האָבן דורך אַ פּאַראַט איבער זיי, ענלעך צו יודאַשעס פּאַראַט איבער יויזלען, געוווּנען די מלחמה, און די דייטשן מוזן איצט שפּאָרן אַ סענט צו אַ סענט, כדי נקמה צו נעמען פאַר דער מפּלה... עס מוז קומען אַ רעוואַנזש־מלחמה, אין וועלכער פראַנקרייך, בעל־גיע, ענגלאַנד און רוסלאַנד און נאָרד־אַמעריקע מוזן אָפּגעווישט ווערן, פּונקט ווי איטאַליע פאַר איר פאַראַט...

אַנטאָניאָ איז מיט דער האַנט אויטאָמאַטיש איבערגעגאַנגען זיין פעך־שוואַר־צע טשופּרינע און זיינע גרויסע, האַלב־גרינע מאַנדל־אויגן האָבן געטון אַ פאַרשנ־דיקן קוק אויף מיר און באַלד אויף פּעפּען מיט דואַרטען, וואָס זענען געזעסן צוזאַמען, און האָט צוגעגעבן:

— די דייטשן שיינען מיר נישט צו זיין אַזעלכע שלעכטע, ווי אַנדערע זאָגן וועגן זיי. די דייטשן טענהן דאָך כּסדר, אַז זיי ווילן לעבן און לאָזן אַנדערע לעבן. איך אַליין האָב שוין לעבן די דייטשן פאַרדינט אַ מטמון געלט... בלויז אין איין יאָר איבער הונדערט מיט זעכציק דאָלאַר...

— שווייג שוין בעסער, שוויג, נאַרישער שנעק אַנטאָניאָ! — האָט דער רי־זיקער פּעפּע מיט אויטאָריטעט איבערגעשלאָגן אַנטאָניאָן. — דער סעניאָר און ווער עס וועט דיך נאָר הערן, וועט קענען מיינען, אַז דיין גאַנצער מהות איז נישט מער ווי געלט, און אַז פאַר געלט וואָלסטו געקענט אָפּטון אפילו אַ פּאַס־קודנע זאַך, וואָס איז טאַקע אין סתירה מיטן אינדיאַנישן מהות... אַן אומגליק, אַן אמתער אומגליק האָט זיך אָנגערוקט אויף אונדזער שיין לאַנד!... קיין אַנדער נאָ־מען ווי קרעציקע אינדיאַנער האָבן נישט פאַר אונדז די דייטשן. און תּמיד חזרן זיי איבער, אַז קאָסטאַ ריקאָ האָט אַ סך ערד און ווינציק איינוווינער. און אַז די וואָס זענען דאָ פאַראַן זענען נישט מער ווי אינדיאַנישע באַשעפענישן אין מענטשן־געשטאַלט... און אַז נאָר זיי, די דייטשן, זענען מענטשן, דערפאַר וואָס זיי זענען בלאָנדע, מיט האָר ווי פון אַ ווייצענעם חזיר־עק, מיט קעצישע אויגן,

פונקט אַזעלכע ווי איר, מיין הער, האָט. און אפשר ווייסט איר, סעניאָר איזראַ־עליטאַ, ווער זענען עס די דאָזיקע שרעקלעכע כודיאָס, וואָס אַלע, די דייטשן, אונגאַרן, רוסן, און אפילו אייניקע גלחים, שרייען רק, אַז בלויז זיי זענען שולדיק אין אַלע אומגליקן און צרות?... זיי פּרעדיקן און שרייבן אין די צייטונגען און ביכער, אַז רק די כודיאָס זענען פּונקט ווי דער בעלצעבו*), וועלכע פירן אייך אין דער גאַנצער וועלט די אָרעמקייט, הונגער און נויט פאַר די געבירטיקע, און אַז די כודיאָס זענען עס די וואָס מאַכן די מלחמות איבער דער וועלט. זיי די דייטשן זאָגן, אַז זיי האָבן נאָך קיינמאָל קיין מלחמות נישט געמאַכט קעגן קיין שום פאָלק!...

— אַך, ווען עס פאַלט אַזוי אַריין אַ כודיאָ צו מיר אין די הענט! איי, וואָלט איך זיך מיט אים אָפּגערעכנט!...

דער שיינער אַנטאָניאָ האָט זיך אויפגעשטעלט, אַרויסגעכאַפּט פון שייד זיין האַלב־מעטער־לאַנגן און שאַרפן דאַגאָ**), מיט וועלכן ער האָט אַ שניט געטון דעם חלל, און ווידער איבערגעשלאָגן דעם ריזיקן פּעפּע:

— יאָ, ביסט גערעכט, פּעפּע, ביסט גערעכט! זאָגט, סעניאָר איזראַעליטאַ, איר רייזט דאָך איבער דער וועלט. זאָגט זשע, ווער זענען עס די שרעקלעכע כודי־אָס? ווי אַזוי זעען זיי אויס? זענען דאָס טאָקע אויך אַזעלכע מענטשן ווי מיר? צי זענען זיי אפשר פּשוטע טייוואָלים, די סיטרא אחרא, די כודיאָס, וואָס די דייטשן, רוסן, אונגאַרן און רומענער פּריידיקן אין די גאַסן און אין די קירכעס, אַז נישט נאָר מאַכן זיי די מלחמות, באַראַבעווען און פאַרשקלאַפּן די וועלט, און אַז זיי האָבן אפילו אונדזער גאָט, יעזוסן, דערהרגעט?...

— יאָ, יאָ, זייט אַזאַ גוטינקער און זאָגט, ווער זענען עס די כודיאָס? — האָט צוגעהאָלפן דוּאַרטע.

***

נאָך עטלעכע וואָכן שטודירן דעם עסק, האָב איך ענדלעך געמאַכט אַ קאָנ־טראַקט מיט מיינע דריי אינדיאַנער, וועלכע זענען געוואָרן מיינע שותפים און יועצים און משגיחים. איך האָב איבערגעוואַרט די ערשטע רעגן־תקופה, און האָב מיך צוגעגרייט ווי עס דאַרף צו זיין צו אַזאַ מין נסיעה און זיך געלאָזט אין וועג אַריין. איך אויף אַ ריזיקן פערד, אַן איבערגעוואָקסענעם פּירפּיסיקן עוג מלך הבשן, וואָס איך האָב געקויפט פאַר זעכציק קאָלאָנען (קאָסטאַריקער מטבע, דעמאָלטיקער ווערט 25 סענט ב״א) און די דריי שותפים מיינע זענען געגאַנגען

*) דער קעניג פון די טייוואָלים.

**) אַזאַ מין שטילעט.

צופּוס, באָרוועסע, בלויז מיט שטיקלעך זוילן איבער די פּאָדעשוועס פּאַרשנורע־וועט צווישן די פינגער און פאַרבונדן ביים קנעכל.

אָנגעטון זענען זיי אַלע דריי געווען אין פיינע לעדערנע רעקלעך, לעדערנע הויזן וואָס האָבן זיי דערגרייכט ביז אַראָפּ צו דער ערד, און באַוואָפנט מיט גרויסע רעוואָלווערן, מעסערס און גרינגע ביקסן. קיין אייזל אָדער מולאָ האָט קיינער פון זיי נישט געוואָלט, מאָטיווירנדיק מיט דעם, אַז דער מענטש טאָר נישט פּיי־ניקן קיין חיה, דאַן ווען דער מענטש קען גיין אויף צוויי פיס, פונקט ווי דער אייזל, מולאָ און פערד אויף זייערע פיר...

גאָר ווייט אַוועקקריכן האָב איך, וואָס אַן אמת, קיין חשק נישט געהאַט, און אפילו די דרייסטע שותפים מיינע האָבן אויך נישט געוואָלט אַריינדרינגען צווישן די אורוואַלדיקע בערג, מחמת עס איז געווען דער אָנפאַנג פון דער צווייטער רעגן־תקופה, ווען עס פלעגט זיך אָפט צעצעבערן אַ ווילדער רעגן. הגם אין דער פּאַציפישער זייט — האָבן מיינע פירערס מיך פאַרזיכערט, — רעגנט נישט אַזוי אָפט, ווי אין דער מזרח־זייט, אין דער קאַריבישער געגנט. איך האָב דערוויל אָפּגעלאָזט די אידעע פון דער פּלאַטין־מינע, וואָס ליגט ביי די 150 קילאָמעטער פון קאַרטאַגאָ, אין מערב־זייט צו דער פּאַציפישער ניקאַראַגואַר גרענעץ, ערגעץ אין אַ פעלד פון די הויכע אַגואַקאַטע־בערג, און אין די קנייטשן פון וואָלקאַן פּאָאַס, שוין ביי די 2711 מעטער הויך, און אין די גואַנאַקאַסטאַ־בערג און אין די בערג פונעם האַלב־אינדזל ניקאָיאַ, נישט ווייט פונעם שפּיץ זאַפּאַטאַל. האָבן זיי מיך געפירט צו אַ גאָלד־מינע פונעם טוריאַלבאַ־באַרג, אויף אַ הויך פון איבער 3405 מעטער, אַן ערך 95 קלמ׳ אין אַ גלייכער ליניע פון קאַרטאַגאָ. נאָר אַזוי ווי דער וועג איז געשלענגלט, איז דער מהלך איבער הונדערט מיט פופציק קלמ׳. אַ גליק, וואָס דער מוראַשקע־שטעג איז אַ נישקשהדיקער, מחמת ער שניידט דורך עטלעכע אינדיאַנער ישובים, אַ חוץ די צעוואָרפענע אינדיאַנער־בודעס, וואָס מאַכן דעם איינדרוק פון פאַרשידנאַרטיקע בינשטאָקן, מוראַשניקעס, צי וויסקאַטשעראַס.

דעם ערשטן טאָג האָבן מיר געמאַכט איבער פערציק קלמ׳ און מיר האָבן אַן שום וויכטיקע געשעענישן איבערגענעכטיקט ביים קאַמיסאַר פונעם ישוב „דיעסיסעיס קאַסאַס״ (זעכצן הייזער), ווייל דאָס אימפּראָוויזירטע דאָרף איז באַ־שטאַנען פון זעכצן גרעסערע הילצערנע הייזער מיט צווייזייטיקע אָפּלויף־דעכער פון דייטשישן סטיל. בלויז, וואָס אַנשטאָט שינדלען — רויטע ציגלנע דעכער, אָדער בלעכענע, זענען זיי דעכער פון פּאַלמען־בלעטער, געפאַרבט אויף רויט ווי די ציגלנע דאַכאָוועקעס אויף די מאָדערנע שאַלעען. דאָס דאָרף ציילט אַ באַ־פעלקערונג פון זעכציק „בלוי־בלוטיקע״ נפשות, אַ חוץ די באַטראַקעס, די פונדי־

קעס און אינדיאַנער אָרעמקייט, וואָס וווינען אינעם „באַריאָ דע לאָס ראַטאָס" (ראַצן־קוואַרטאַל) ווייט אַרויס פון דעם אַריסטאָקראַטישן דאָרף.

דער הויפּט־אָרדענונגס־היטער מיט אײַביקן „טאָסקאַנאָ"־ציגאַר אין מויל, אַ פּאַראַינדיאַנישטער און פּאַרדייטשטער קאַלאַבריעס, מיט אַ דינאָ־גראַנדי־בערדל, וועלכער האָט אָן עין הרע זעכצן טעכטער און קיין איין ייִנגל נישט, און טרינקט אַלע רגע „קאַפּיטשקעס", פאַר צרות נעבעך, מער ווי לוט. נאָר אַזוי ווי סיי ער און סיי זיין אידיליע זענען נאָך יונגע מענטשן, ער דריי און פערציק, און זי —



די שרעקלעך גיפטיקע קרייץ־שלאַנג, גרייט צו איבערפאַלן, איינצושלינגען אָדער בייסן

פינף און דרייסיק יאָר אַלט, איז אויב זיין „סימפּאַטיש" ווייבל די נאַפּאָליטאַנאַ, זאָל קינדלען צו צוויי אויף אַ מאָל, ווי ביז איצט, האָט ער נאָך האָפענונג, אַז זיין „סאַן זשענאַראָ בענעדעטאָ די נאַפּאָלי" (דער הייליקער זשענאַראָ פון נעאַפּאָל) מיט דער הייליקער מאַדאָנאַ פון קאַטאַנזאַראָ וועלן ווירקן ביים יויזל, אַז זיין „לאָקשיבעכע" זאָל אַזוי פיל מאָל קינדלען ביז ער וועט אָנטרעפן אויף אַ גוטן און מזלדיקן שטערן, וואָס דער „ספּיריטו" פון זשאַן די ארק, מיט דער מיטהילף פון דער הייליקער מאַרגאַריטאַ און פאַנטשאָ סיעררא, וועלן אים צושיקן אַ בן־זכר, וועלכער וועט ירשענען זיין קאָמיסאַרן־טיטל, און וועט אויך טראָגן מיט ווירדע זיין מילענאַרן פאַמיליען־נאָמען — די פאַסאָלאַ...

— איר ווייסט, „פאַיסאַנאָ" (ער האָט מיך געהאַלטן פאַר אַן איטאַליענער)

עס איז שלעכט צו זיין אָן קינדער, יאָ, אָן קינדער. מיידלעך זענען ביי מיר נישט ווי מיינע קינדער, מחמת זיי קלעפּן תמיד ביי דער מאַמעס קליידל, און זכרים זענען תמיד דעם טאַטנס. מיט זיין קען דער טאַטע אָוועקגיין אַ הוליע טון, סיי אין שענק ווי אין „הייזל", און דער פאָטער, דער שעף פון דער פאַמיליע, האָט באַשיצערס... אָט, אונדזער גרויסער מוסאָליני, דער מאָדערנער צעזאַר, ער וועט דאָך די גאַנצע וועלט איינעמען. די גאַנצע וועלט וועט ווערן איטאַליעניש, און אַלע מענטשן וועלן רעדן בלויז די איטאַליענישע שפּראַך... נו, וואָס וואָלט ער אַליין אויפגעטון, ווען ער זאָל נישט האָבן קיין זין? בלויז אויף פרעמדע קען מען זיך נישט פאַרלאָזן... איר ווייסט אוודאי, אַז מיט פרעמדע הענט איז גוט פייער צו שאַרן. אַז דער פאַשיזם וועט אויך דאָ, אין קאָסטאַ ריקאַ איינגעפירט ווערן, וועל איך אוודאי ווערן אפשר אַ גענעראַל־פּרעפעקט, און אפשר גאָר עפּעס מער, און אַז איך זאָל קיין זון נישט האָבן, וועלן מיינע חלומות צעשוווימען ווערן, ווי דער רויך אויפן ווינט...

די פּאַסאָלאָס ווייבל, פראַנצעסקאַ, וועמען ער פלעגט רופן נאַפּאָליטאַנאַ, לויט איר געבוירן שטאָט, אַן אמתדיקע יפת־תואר, ממש אַן אויסנאַם: אַ טונקל־הויטיקע, אַ ברונעטקע — אַ ציגיינערין אָבער אַ מענערישע, מיט באָרד און וואָנצעס. זי האָט געטענהט, אַז לויטן דין, וואָלט זי טאַקע באַדאַרפט געבוירן בלויז יינגלעך און איר מאַן, סיניאָר באַמבינאַ די פּאַסאָלאַ, וועלכער האָט אַ מיניס־טאַרן־בערדל מיט וואָנצעס, פּונקט ווי דינאַ־גראַנדי, האָט אָבער האָרלאָז דעם גאַנצן קערפּער, פּונקט דער היפּוך פון איר, וועלכע האָט די ליטקעס באַוואַקסן ווי אַ בער, וואָלט ער גראַדע באַדאַרפט זיין דאָס וואָס זי איז, און געבוירן מייד־לעך, און זי — יינגלעך... אָבער גיי ווייס, וואָס דער הייליקער דריילינג איז אויסן מיט אָט דער שרעקלעכער שטראָף... איי, ווען זי האָט אַזוי זעכצן יינגלעך אַנשטאָט מיידלעך, וואָלט זי אַ מיליאָנערשע געווען. אַלע פּאָסטנס פון קאָמיסאַ־ריאַט וואָלטן פאַרנומען אירע בנים, וועלכע וואָלטן אויך באַאַרבעט איר שטיקל פעלד, וואָלטן געפּאַשעט די חזירים, שאָף און ציגן, און געלט וואָלט געפלאָסן ווי בוימל פון אלישעס קרוג...

צווישן די אַנדערע גליקלעכע טאַטעס זענען: איין פּאָרטוגעזישער אַדמיניס־טראַטאָר אין אַן „אָרנטלעך הויז", וואָס געהערט צום דייטשישן מאַגנאַט האַנס אייכענהאָלץ, מיט עלף קינדער, אַ בייזער רוימער, מיט אַ פּנים פונעם פּאַשיסט איטאַלאָ באַלבאָ, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ ריזיקע קלייט, ער האָט נישט מער ווי צוויי קינדער. דער דייטש האַנס אייכענהאָלץ, וועלכער איז אייגנטימער פונעם אימ־פּראָוויזירטן דאָרף, און פאַרמאָגט אויך טויזנטער העקטאַר פעלד מיט צוקער־רערן, קאַווע, קאַקאַאָ, באַנען און אַלערליי תבואות, מיט אַ פאַבריק פון באַנאַנען־עקסטראַקט און באַנאַנע־מעל. ער האָט נישט מער ווי איין איינציקן זון, אַ חוץ

חזירים, הינט און קעץ, אָן אַ שיעור, געוועט־פערד, קי און אָקסן, אַלערליי עופות, ווילדע חיות און פייגל.

אַזוי ווי דער אימפּראָוויזירטער ישוב, מיט אַלע פעלדער אַרום, געהערט צום „הומאַניטאַרן" דייטש, האָט ער אַלס ווילגעבוירענער און זויבערער אַריער, פאַרדונגען זיינס אַ גרויס הויז, אַ יאַפּאַנעזישן אַדלמאַן, פאַר אַ „ליבעס־אַנשטאַלט", וו דער יאַפּאַנער האָט צוליב דעם צוועק פיר רוסישע ווייסגוואַרדייאישע טעכ־טער, צוויי ווינער פּרינצעסינס, צוויי אונגאַרישע באַראָנעסינס און פיר דייטשישע גרעפינס...

— מיר זענען דאָך אין סאַמע האַרץ פון אינדיאַניש אַמעריקע, און די דומע קעפּ מיט געשוואָלענע בייטלען האָבן גרויס דרך־ארץ פאַר אַדעליקע טיטלען — האָט צו מיר געזאָגט דער רייכער דייטש. — מיר מוזן האָבן אַלע „וואַרע", וואָס די קונדן פאָדערן...

די דויטשע אַדל־לייט פון די שטעט קומען מיט זייערע בלוט־הינט, בולדאָגס, דאַנעער־הינט, טעראַנאָוואַ, פּי־הינט, בול־טעריער, דאָגאָ־הינט און אַנדערע קלאַסן הינט פון דער ריינסטער אַרישער ראַסע. אויך די אַרבעטער, פּויערים און אינדיאַנער פון אַרום, קומען צו די געהויבענע דאַמען, וו מען טרינקט, מען זינגט, און מען שפּילט אויף מאַרימבאַ, מאַנדאַלין, באַלאַלייקע, גיטאַרע און גאַר־מאָניע. די פּרינצעסינס, באַראָנעסינס, גרעפינס און גענעראַלטשינעס, שילטן מיט דור־הפלגה־לשונות די שיידעמאַנס, קורט אייזנערס, קאַרל ליבקנעכטס און ראָזע לוקסעמבורגס, לענינס און טראָצקיס די אַלע שרעקלעכע באָלשעוויקעס מיט יאַקאָוולעוון אין שפּיץ, לאַיד דזשאָרדזש, קלעמאַנסאָ, פּואַנקאַרע און ווילסאָן. אַלע זענען זיי יידן פאַר די דאָזיקע לייט, וואָס טראָגן אייזערנע קרייצן, זילבער־נע, גאָלדענע און פּלאַטינענע, און מעדאַלן אויף די בריסטן, און צינדן נר־תמידס פאַר די הייליקע איקאָנעס. די אַדעליקע דאַמען שילטן די גאָטלאָזע יידן און באָלשעוויקעס און פאַרקויפן זייערע פרומע לייבער פאַר איין דאָלאַר, מעג דער „קויפער" זיין אפילו אַן אַוועדיקער און לויזיקער אינדיאַנער. און פאַר אַ קאָלאָן טאַנצן זיי אין חוהס קליידער עכט־אַרישע דייטשישע טענץ, רוסישע, אונגאַרישע און ציגיינער־טענץ.

די אַ אַמוזיר־אַנשטאַלטן — האָט דער זויבערער און זייער פרומער עכטער־אַריער מיר געזאָגט — האָט ער געמאַכט ספּעציעל ווי אַ מיטל צו „ציוויליזירן" די „ווילדע" אַמעריקאַנער. און פון די נאָבעלע געשעפטן האָט דער אַריסטאָקראַ־טישער דייטש נישט מער ווי פערציק פּראָצענט ריינעם פּראָפיט...

**
*

„דיעס־אי־סעיס קאַסאַס" פאַרמאַגט אויך אַ „רומאַנאַ בוען האַמברע"*), אַ ייד, פאַרשטייט זיך. ער וווינט אין דער העק, אין אָרעמען „ראַצן־קוואַרטאַל", ווייט אַרויס פון די זעכצן אַריסטאָקראַטישע הייזער. ער האָט זיך זיין אייגענע כאַטע פון געקנעטענע בלאָטע, מיט עטלעכע הונדערט העקטאַר ווילד־לאַנד און פאַרקויפט אויף באָרג. דער זייער סימפּאַטישער קוענטעניק, אַ הויכער, אַ שלאַנקער, אַן אָפּגעברענטער פון דער זון, זעט אויס ווי אַן אַרגענטינער קרעאָל. ער וווינט מיט אַ זעלטן־שיינער און גראַציעזער גוּאַטוסאַ־אינדיאַנערין מיט אַ בליק פון הגר אין אירע פאַרחלומטע טונקל־גרינע אויגן. ס׳פּנים ווי רות, דער האַלדז באַצירט מיט קרעלן און די הענט מיט אַ צווי טוץ מעשענע בראַסלעטן. אין די גלאַנציק־שוואַרצע האָר — צענדליקער צעפּלעך, און אין יעדן צעפּל — אַן אַנדער קאָלירטע בענדל, און אין די אויערן אירע — עכטע גאָלדענע אויער־רינגלעך.

זי איז נאָך גאָר אַ יונגינקע, אפשר אַכצן יאָר אַלט. ער האָט אָבער מיט איר קיין קינדער נישט. ער איז — האָט ער מיר געזאָגט — אידעאיש אַ לינקער פּועלי־ציוניסט און ער איז דאָרט מיט זיין „שושנה בין החוחים" בלויז אויף דערווייל. און אַז דער רבונו של עולם וועט העלפן און ער וועט אָפּנעמען די חובות, ער וועט פאַרקויפן דאָס פעלד, דאַן וועט ער פאַרלאָזן דעם דזשונגל. ער וועט מיטנעמען זיין אינדיאַנקעלע און וועט מיט איר אַוועק קיין תל־אביב. דאָרט וועט ער מיט איר חתונה האָבן כדת משה וישראל און עס וועלן, מיט גאָטס הילף, אויך קומען קינדערלעך. ארץ־ישראל־ערד איז דאָך מסוגל צו די גרעסטע וווּנדער...

קיין איין לעבעדיקער נפש אין דיעס־אי־סעיס קאַסאַס ווייסט נישט, אַז דער קוענטעניק איז אַ ייד, און אפילו פאַר מיר האָט ער אויך תחילת מורא געהאַט זיך אַרויסצוגעבן אַלס ייד. ערשט דאַן ווען איך בין שוין געזעסן אויף מיין „סאַינאַ"**), ווייט אַרויס פונעם ישוב, האָט ער אויף אַ וועלאַסיפּעד מיך אָנגעיאָגט, מיר דאָס אַלץ דערציילט און מיר מיטגעגעבן אַ בריוו מיט אַ מתנהלע פאַר אַ באַקאַנטן קוענטעניק אין בוענאָס איירעס, זיינס אַ ברודער.

דער „רומאַנאַ בוען האַמברע" האָט מיר געזאָגט, אַז אפילו נאָך פאַר דעם דייטשישן באַראָן דעם מאַגנאַט פון ישוב, איז דער אַנטיסעמיטיזם אין לאַנד געווען ווי אַ קולט, זינט די וויסגוואַרדייאישע צאַרסקע אויסוווּרפן האָבן געגומען פאַרפלייצן די צענטראַל־אַמעריקאַנער מדינות. כאָטש קיין ייד איז אין דער עפנטלעכקייט כמעט נישט געווען בנמצא, האָבן די פּאָגראָמשטשיקעס, אין נאָ־

*) אַ רומענער גוטער מענטש.
**) אַ פערד פון קאַשטאַן־קאָליר.

מען פון יעזוסעס גערעכטיקייט און צאַרסקן יושר, פאַרפעסטעט די לופט פונעם ווונדערלעכן און גאַסט־פריינטלעכן קאָסטאַ ריקאַ מיט אַלערליי שקרים און גע־מיינע רכילותן אויף די יידן. און זיי אַליין, די צאַרסקע, טעוטאָנישע, מאַדיאַרישע און יאפאַנישע אויסוורפן האָבן געשענדט און באַרויבט דעם אָרעמען באַטראַק, פונדיק, אַרבעטער און אינדיאַנער אוודאי און אוודאי. אַז דער פרומער און „מאָראַלישער" דייטשישער באַראָן, דער בלוי־בלוטיקער אַריער זאָל חלילה גע־וויר ווערן, אַז דער קוענטעניק איז אַ ייד, וואָלט ער אים זיכער איבערגעגעבן צו די וואַנגעלישע און פעטליורישע באַנדיטן, זיי זאָלן אים צערייסן לעבע־דיקערהייט...

**
*

אין מערץ 1936 האָב איך באַקומען אַ העברעאישן בריוו פון דער גואַטוסאָ־אינדיאַנערין פון ארץ־ישראל, אַז דער „רומאַנאַ בוען האָמברע", דער קוענטעניק פון דיעס־אי־סעיס קאַסאַס, איז געפאַלן אין אַ נישט־גלייכן קאַמף מיט דיווילדע אַראַבער, און אַז זי האָט דריי זין און איין טאָכטער...

אַן אָרנטלעכער פּעפּעסאָוועץ

דעם אַנדערן טאָג האָבן מיר געמאַכט שוין נישט מער ווי צוואַנציק קילאָ־מעטער, ווייל דער וועג האָט זיך גענומען הייבן צו אַ שטאַרקן אַרויף, און ווען מיר זענען אָנגעקומען צו די לעצטע אינדיאַנער בודעס איז שוין געווען פאַר שקיעה. די זון, ווי אַן אָנגעגליט קיילעכדיק שטיק גאָלד, האָט פלאַמיק זיך גע־לאָזט אַראָפּ דאָרט ערגעץ ווייט צווישן די הרי־חושך, וואָס האָבן זיך געאײַלט צו פאַרשפּרייטן זייער פינצטערניש ביז צו אונדז... איך האָב נישט געוואָלט זיך לאָזן אויף ביינאַכט אין דער טיף פון וואַלד, וו די אימהדיקע דזשונגל־מיסטעריע ווערט וואָס אַ שפּאַן אַלץ פחדפולער...

פלוצלינג האָב איך דערהערט פון דער ווייט נאָך, פון דער טיף פון דזשונגל אַרויס, זינגען אַ פּויליש אונטערוועלט־לידל:

— קאָשטשי גאַלגאַני סקופּויע, אַ וו׳סערצו מאָיעם סאָן לזי...

און באַלד אַ פּעפּעסאָווסקע ליד:

אָספּאַלי, אי גרוזשי זגשיביאַלי טען שוויאַט, נאַ נאָווע זשיטשע קאָלעיע...

און באַלד אַן אַנדער פּעפּעסאָווסקע ליד:

— זדימעם פּאָזשאַרעם פּעטערסבורג שע פּאַלי...

— אָ מאַטקאַ באָסקאַ וויגנאַי טיך מאָסקאַלי...

און צום לעצט מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַס שיינע און האַרצרייסנדיקע ליד:

דלאַ כלעבאַ!

גוראַלו, טשי טשי ביע זשאַל

אָדכאָדזשיטש אָד סטראָן אויטשיסטיך

שוויערקאָוויך לאַסוו אי האַל

אי טיך פּאָטאָקוו סרעבזשיסטיך?...

פון מער ווי אַ קילאָמעטער די ווייט האָט דער דזשונגל מיר געבראַכט דעם עכאָ פון אַ גאָר פיינער באַריטאָן־שטימע, און טאַקע אַ דאַנק דעם מיסטעריעזן געזאַנג, וואָס האָט מיר דערמאָנט אין די זעלטן שיינע פּוילישע ציכטיקע וועל־דער פון סאָסנעס, שווירקעס, בזשאָזעס און דעמבעס, בין איך נאָכגעגאַנגען דעם ווידער־קול, ביז מיר זענען צוגעקומען צו זיין אָרעמער היים.

אין סאַמע געדיכטעניש, אַ טויזנט מעטער פון דעם רעאַלן וועג, אויף אַ ליי־

דיק שטיקל פּלאַץ פון אַ פופציק מעטער אויף הונדערט מיט עפּעס, שטייט אַ כאַ־טע פון איין גרעסערן צימער מיט עטלעכע שטעלעכלעך און אַ טוץ פּאַרצוי־מונגען, ווו דער זינגער האַלט די לעבעדיקע חיות און פייגל פון זיין יעגעריי. דאָס שטיקל פעלד איז גאַנץ פיין באַאַרבעט. עס וואַקסן דאָרט אַלערליי גרינסן, אפילו „זשידאָווסקאַ פּאָטראַוואַ" (ציבעלעס), און אַרום דעם שטיבל — עטלעכע עפּל־ביימער, וויינטרויבן און איניקע באַנאַנע־ביימער. די קינדער — מוטער נאַ־קעטע האָבן זיך געשפּילט אין יעגער־קונסט, און די סמאָלע־שוואַרצע מאַרגאַריטאַ, דעם פּאַליאַקס ווייב, האָט זיך געפּאַרעט ביים רויכיקן פייער איבער אַ גלאַנציק פּאַרסמאָליעטן טאָפּ, ווו עס האָבן זיך געקאָכט עטלעכע האָזן, וואָס איר ווייסער מאַן האָט געשאָסן מיט צוויי טעג צוריק. ער איז, ווען מיר זענען אָנגעקומען, געשטאַנען איבער אַ גרויסער שטייג, אַ פּאַסטקע פאַר גרעסערע פייגל, און פאַר־ריכט די שוואַכערע ערטער.

יענע נאַכט, האָבן מיר טאַקע איבערגענעכטיקט אין אַ „ציוויליזירטער" סביבה און „סאָציאַליסטישער" אַטמאָספערע, אין אַ כאַטע פון טשינע־שטעקלעך, באַקלעפּטע מיט רויער בלאָטע, ביי אַן אָרעמען און פאַרחיהשטן פּוילישן יעגער, וועלכער האָט געוווינט מיט אַ גראָבער מוזשינקע און אַ האַלבן טוץ האַלב־שוואַרצע קינדערלעך, דריי מיידלעך און דריי יינגלעך. די מיידלעך מיט הימל־בלויע אויגן, פּאַרריסענע מאָפּסן־נעזלעך, אַפריקאַנער האָר און ליפּן, און זייערע נאַקעטע קערפּערס, ווי צייטיקע קאַשטאַנעס. צוויי יינגלעך מיט ברוינע האָר, גלאַטיקע און איינער, מיט פּעך־שוואַרצע האָר, געקרויזלטע, אויף זיין צו גרויסן קאָפּ, אויגן־שוואַרצע, גרויסע, ווי קיילעכדיקע אָפּגעשיילטע פלוימען, און די הויט כמעט ווייס: — אַ פּראָדוקט פון פּוילישער אַרישקייט מיט אַפריקאַנער שוואַרצקייט...

אַ פּאַליאַק, און אַ זינגער נאָך דערצו, האָט משמעות אויף ליב דעם „ביטערן טראָפּן", האָב איך נאָך דער וועטשערע דאָס אויסגענוצט, און נאָך דער דריטער און פערטער כוסה זייער שטאַרקע גראַפּע, וואָס איך האָב אים מכבד געווען, ויפתח פה האתון, און ער האָט מיר דערציילט אין אַ פּרעכטיקן פּויליש, אַז ער איז אַן אַנטלאָ־פענער פון באַרימטן וואַרשעווער פּאַוויאַק, ווו ער איז געזעסן צוליב אַ „בלבול", וואָס אַן אָרגאַניסטס זעקסיעריק מיידעלע און אַ זשידאָווסקע פינפיעריק יינגעלע האָבן אויף אים געמאַכט, אַז ער איז איינער פון די מערדער פון אַ גלח, און אַז ער איז איינער פון די רויבער, וואָס האָבן אַרויסגעגנבעט די ברילאַנטענע אויגן פון דער הייליקער בתולה פון די ווונדער, אין אַ קלויסטער פון טשענסטאָכאָוו, פּוילן.

שוין באַלד פּאַרטאָג, נאָכן אַכטן גלעזל פון דעם פייערדיקן שנאַפּס, ביים „טרוקאָ־שפּיל"*) האָב איך אים געפרעגט: — היתכן, ביסט, וויעלמאָזשני פּאַניע,

*) אַזאַ קאָרטן־שפּיל.

אַזאַ פרומער קאַטאָליק, אַ פרומער פּאָליאַק, לויט די פיל „אָבראַזעס״*), וואָס איך זע ביי דיר אויף די ווענט, וואָלט איך געוואָלט וויסן דעם פּראָשע פּאַנאַס מיינונג: — מעג מען דען פאַרשוועכן אַ קלויסטער מיט זיינע הייליקייטן, און דערצו נאָך הרגענען אַ „פּראָבאָשטש״**), אַ הייליקן קשאָנדז? איך, פון מיין זייט, מיין אַז די פאַרברעכער זענען גאָטלאָזע און נשמהלאָזע סוביעקטן, וואָס זענען ווערט די האַרבסטע שטראָף.

— דאָ כאָלערי טשענזשקעי פּשאָ קרעוו, מאָ פּאַן ראַציע! (צו דער שווערער כאָלערע, הינטיש בלוט, דער הער האָט רעכט!) — האָט דער פּאָליאַק זיך געכאַפּט און וויצלען אויפן עכט פּוילישן שטייגער, דרייענדיק פּאַמעלעך זיינע געלע וואָנצעס. — אָבער מיינע אָבראַזעס האָבן דאָך צומאָל קיין גלעזערנע אויגן אויך נישט. איך האָב נישט געקויפט די אָבראַזעס, ווייל איך בין נישט קיין פרומער. איך גלויב נישט אין א שטיקל ראַטאָגראַווירטן בילד פאר צוואַנציק סענט... איך בין אַ סאָציאַליסט, אַ פּעפּעסאָוועץ און איך גלויב נישט אין קיין טויטע, וואָס האָבן קיינמאָל נישט געלעבט... געקויפט האָט די בילדער מיין „חנעוודיק״ ווייב, וואָס איז זייער אַ פרומע, און צווייטנס, האָב איך נישט געהרגעט, און אויך נישט אַרויסגענומען קיין ברילִיאַנטענע און אויך נישט קיין אנדערע אויגן...

— איך בין אַן אומגליקלעכער קרבן פון אַ צופאַל... אויסגעטראַכט אַ בלבול אויף מיר, אַ בלבול נישט מער... אַך, דאַלאַש טי, טי מאָיאַ! (אך, מיין שיקזאַל!) אַ בלבול אויסגעטראַכט, אַ בלבול אַ בייזווילִיקן!... פונקט ווי די נאַראָדאָווצעס מיט דער פּאַסטערנאַקאָוואַ האָבן אויסגעטראַכט אויפן זשיד ביילִיס, כמעט אין דער זעלביקער צייט. אַ בלבול, אַ בלוט־בלבול!... נאָר ביילִיס איז אַ ייד, מן־הסתם אַ מיליאָנער ווי אַלע יידן, האָט ער זוכה געווען צו דערוויזן, אַז ער איז אומשולדיק און אַבסאָלוט ריין פון דער רכילות, און איך האָב נישט געהאַט ביילִיסעס גליק... אפשר דערפאַר, וואָס דער יידישער גאָט איז טאַקע אַ יש?... וואָלטן די הייליקע בריליאַנטענע אויגן פון דער „מאַטקע באָסקע״ און אַנדערע קירכלעכע אוצרות טאַקע אַריינגעפאַלן אין מיינע הענט, וואָלט איך אין פּאַוויאַק נישט געזעסן, נישט אויפגעפרעסן געוואָרן פון די לייז, פליי, וואַנצן, מייז און שטשורעס און וואָלט אוודאי דאָ אין דעם געדיכטן „זאַגאַיניק***) נישט געהאַט קיין קינדער מיט אַ נעגערטע. איך הייס נישט מאַצאָך****) און בין נישט אַזאַ כאַם, אַזאַ טפּש ווי ער... וויסן זאָל דער שאַנאָווני פּאַן, אַז אין מיינע אָדערן פליסט שלאַכעצקע בלוט פון

*) הייליקע בילדער.
**) גלח.
***) אין פּויליש: אַ געדיכטער וואַלד ווי אַ דזשונגל.
****) מאַצאָך, אַ גלח, וואָס איז געווען פאַרמישט אין דער רויבעריי פון טשענסטאָכאָווער קלויסטער.

וואַרס און סאַוואַס צייטן אָן, פון דאַן, ווען וואַרשע האָט נאָך נישט געחלומט צו זיין וואַרשע... פאַרשטאַנען, פּראַשע פּאַנאַ?... איך בין נישט מאַצאָך, נישט קיין כאַם און נישט קיין טפש ווי מאַצאָך!... איך וואָלט שוין געוווּסט וואָס צו טון, ווען איך וואָלט, מיט דער מאַטקע באָסקאָס הילף, געווען דער באַזיצער פון אירע אויגן...

— נו, און וואָס וואָלט דער וויעלמאַזשני פּאַן דאָך געטון, ווען ער איז טאַקע דער גנב, דער באַזיצער פון דער מאַטקע באָסקאָס אויגן? — האָב איך אים געפּרעגט שפּאַסיק.

— ווען איך בין, מיט יויזלס השגחה, אויף מאַצאָכס אָרט, — האָט דער פּעפּעסישער שליאַכטשיץ מיר געענטפערט זייער ערנסט, דרייענדיק די וואָנצעס, — וואָלט איך די גנבה ראשית גוט באַהאַלטן. וואָלטן די „לאַפּאַצעס" (פּוילישע געהיימפּאָליציי) באַלד געקראָגן אַ מנה־יפה אין יד אַריין זיי זאָלן נישט „שטשעקען" (האַווקען)... אַז מען שמירט די אַקס, דרייען זיך די רעדער... איך וואָלט תיכף געמאַכט אַ געוואַלד, אַז די יידן האָבן געהרגעט דעם גלח אויף פּסח און האָבן באַראַבעוועט די הייליקע „מאַמע".

איך האָב שוין בייגעוווינט עטלעכע פּאָגראָמען אויף יידן און איך קען די פּוילישע פּסיכיק און אַלע איינצלהייטן ווי אַזוי די „אַמוזירנדיקע" שפּיל ווערט געמאַכט. איך דענק, אַז איר ווייסט מן־הסתם, אַז אונדזערע פּאָליאַקן, אַבי מען זאָגט נאָר עפּעס אויף אַ ייד, מעג עס זיין די גרעסטע שטותעריי, גלויבן זיי... און ווי דורך אַ נס, וואָלטן באַלד געפלויגן יידישע פּעדערן אין די גאַסן, מען וואָלט ראַבירט געשעפטן, די שענסטע זשידאָוועטשקעס וואָלט מען געשענדט, און דער גוטער גאָלדענער יעזוס מיט דער מאַטקאַ באָסקאַ אַליין וואָלטן דאָך נישט אויסגעזאָגט, אַז דער גנב און מערדער איז אַן אייגענער פּולבלוטיקער פּאָליאַק, אַ שליאַכטשיץ, אַ פּעפּעסאָוועץ פון וואַרס און סאַוואַס צייטן אָן...

— און כאַ, כאַ, כאַ! טאַקע נאָר אַ מערכה, וואָס איך לעב נאָך, נאָך די שרעקלעכע קלעפּ, וואָס די נשהמהלאָזע „לאַפּאַצעס" האָבן מיך מכבד געווען איך זאָל „שטשעקען"... איך האָבן אָבער אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען, און קיין וואָרט נישט געררעדט און קיינעם נישט אויסגעגעבן... אַזוי דאַרף זיין אַ פּוילישער שליאַכטשיץ, אַן אמתער סאָציאַליסט, אַ פּעפּעסאָוועץ, סוי זשענעריי!...

— טאַק, טאַק, וויעלמאַזשני פּאַניע, ניעסטעטי! דאַ כאָלערי, פּשאַקרעוו! (אַזוי, אַזוי, אַלמעכטיקער האַר, ליידער, הינטיש בלוט), אַז דער פּאַן יעזוס וויל אָנמאַכן אַ צרה, פאַלט מען דורך און ווי נאַריש!... ווען די „כלאָפּאַקעס" (יינגלעך) וואָלטן דערשטיקט מאַצאָכן און די צוויי „בענקאַרטעס" (ממזרים) דעם אָרגאַניסטס מיידעלע און דעם זשידעקס יינגעלע, וואָלט איך זיך איצט נישט געפּלאָגט אין דעם ווילדן „זאַגאַיניק" ווי אַ משוגענער הונט... נאָר אפשר זיך גאָר „געבאַוויעט"

(געשפּילט) אין די פּוכקע אָרעמס פון אַ שיינער פּאַניענקע, און אפשר גאָר פון אַ כראַבינע... און אפשר גאָר מיט אַ טאָכטער פון אַן אַריסטאָקראַטישן ראַבין... און מיינט נישט, פּראָשע פּאַנאַ, אַז איך בין, חלילה, אַן אַנטיסעמיט, חס וחלילה, דאָס קיינמאָל נישט... איך האָב די יידישע פּרויען תמיד געשעצט, זיי זענען פּלאָם־פּייערדיקע". הגם די טאַטעס און די מאַמעס זייערע, די „ציבולאַזשעס" די „טשאָס־נאָקעס", די בראָדאַזשעס" מיט די „ציצקעס" (ציצית) און פאות, האָב איך טאַקע זייער פּיינט. איך האָב פּיינט די יידן, ווייל זיי זענען צו קלוג, צו געלערנט, צופיל באַלעזן און צופיל פּאַרשטענדלעך, ווי אויך צופיל פּאַרנונפטיק... ווערנד די זשידאָווסקע פּאַניענקעס און יונגע יידישע דאַמען אין אַלגעמיין האָב איך תמיד זייער ליב געהאַט. איך אַליין האָב שוין עטלעכע זאַפטיקע און וואונדער־שיינע זשידאָוועטשקעס צוגעזאָגט יעדער באַזונדער צו פירן צום אַלטאַר, און אַבי איך האָבן דערפילט מיין „באַגער", האָט זיך גלייך אויסגעוועפּט מיין אידיליע צו איר... און אַבי נאָר אַ וועלכע פון זיי האָט זיך אָפּגעשמדט, אַזוי גלייך בין איך נישט געוואָרן...

— אַזוי, אַזוי, פּראָשע פּאַנאַ, ניעסטעטי!

— אַלץ איז און אַלץ געשעט לויט דער השגחה פון פּאַן־בוג (גאָט) און פּאַן יעזוס, און מיט דער הייליקער הסכמה פון דער מאַטקאַ באָסקאַ: איינער האָט צופיל גליק און דער צווייטער צופיל אומגליק... איינער וויינט, אַז די קאַשע איז אים צו געדיכט און דער צווייטער וויינט, אַז די קאַשע איז אים צו שיטער...

— איך פאַרשטיי נישט, פּראָשע פּאַנאַ, — האָב איך אים איבערגעשלאָגן, — אַ פּעפּעסאָוועץ, אַ שליאַכטשיץ, אַ סאָציאַליסט? אַ פריידענקער, וואָס שפּעט פון קירכלעכקייט און האלט תמיד אין מויל יויזלען מיט זיין מאַמען? אַ פּעפּעסאָוועץ, אַ מאָראַליסט, איז פּאַרמישט אין אַ סאַקרילעגישן רויב? אַ סאָציאַליסט, וואָס איז קעגן אַנטיסעמיטיזם — האָט פּיינט יידן און איז חיהש פּאַרליבט אין די יידישע טעכטער?... אָט רעדט איר מיט התפּעלות וועגן די יידישע טוגנטן, וועגן די שיינע יידישע מידות און באַלד בראָווירט איר מיט אייער יידן־פּיינטשאַפט?...

— אַך דאָ טשענזשקעי כאָלערי, פּשאָקרעוו! (אַך, צו דער שווערער כאָלערע, הינטיש בלוט!) — האָט דער נאָבעלער פּאָליאַק גענומען רעדן מיט פּאַטאָס. — דער שאַנאָווני פּאַן, זע איך, פאַרשטייט גאָרנישט, אַז אַ שליאַכטשיץ און קאַטאָליק דאַרף אויך לעבן און אַמאָל אויך זיך פּאָבאַוויען (זיך פאַרווײַלן). ווײַלן זיך איז די טוגנט אַליין פון אַ שליאַכטשיץ, פונקט דער היפּוך פון דעם כאַם און זשיד, וואָס דאַרפן גאָרנישט. דער ערשטער באַנוגנט זיך מיט אַ שטיק סלאָנינע און קאַפּוסטע און דער צווייטער — מיט אַ ציבעלע, אַ קנאָבעלע און אַ קאָפּ פון אַ הערינג. דער שליאַכטשיץ מוז זיך אַמוזירן!... וואָלט די „שפּיל" אָנגעגאַנגען גוט, וואָלט איך אַליין מנדר געווען פאר דער הייליקער „אָפּראַוועי", סיי פאַרן קלויסטער ווי פּאַר

די פּ. ס. איך וואָלט זיך געבאָוויעט מיט די שענסטע פּאַניענקעס, וואָלט אַלע זונטיק געריטן אויף אַ ראַסאָווע פערד אין פּאַטאַצקיס וועלדער אויף הירשן־יאַגד און וואָלט אפשר נאָך פאַרבליבן אין דער געשיכטע אַלס אַ ווילטעטיקער און פרומער פּאָלאַק. איך בין געוואָרן אַן אַקטיווער פּעפּעסאָוויעץ, ווייל איך האָב געזען בחוש, אַז די פּאַרטיי וועט געווינען סיי קעגן „מאָסקאַל"*), סיי קעגן די אייגענע באָלשעוויקעס, קעגן די פּוילישע און די זשידאָווסקע. און וואָלט נישט געשען מיט מיר דער אומגליק, צוליב די צוויי בענקאַרטעס, דעם אָרגאַניסטס און דעם זשידעקס, וואָלט מיך אפשר פאַן פּילסודסקי געמאַכט פאַר אַ גענעראַל, מיניסטער אָדער אַמבאַסאַדאָר... זאָרגט אייך נישט, קיין נאַר בין איך נישט, די קונסט פון שיין רעדן, זיך פּייך פארקעמען, פּאָליטיש אַ קוש טון אין האַנט און דיפּלאָמאַטיש דברן קען איך אויסגעצייכנט... אויף צו ווערן עפּעס, מוז מען קע־נען חנפענען... און אַ געץ האָט ליב מ׳זאָל אים לויבן... מ׳זאָל זיין אונטערטעניק און מ׳זאָל אים מאַכן יום־טובים... אַ סך פון די געצן, וואָס זענען אין דער אמתן נישטיקע מענטשן, ווערן פּלוצים מלוכה־אָנפירער, נישט ווייל זיי האָבן זיך עס פאַרדינט, נאָר ווייל זיי זענען געווען לעקישן ביי גרעסערע נישטיקייטן פון זיי, וועלכע האָבן אַזאַ געץ געמאכט פאַר אַ צעזאַר, ווי דער פאַל מיט קאַליגולא און נעראָן, פּיאָטר דער דריטער ביי די מאָסקאַלעס און לואיס דער 16טער פון פראנק־רייך, אָדער ווי רחבעם, דעם קלוגן שלמהס זון. איך וואָלט מיך שוין דערשלאָגן צו אַ פיינעם פּאָסטן מיט אַ טיטל פון אַ יערארך... איך וואָלט מיך אָנגעשלאָסן צו האַלערן, וואָלט געשמיסן די כאַמעס, די פּויערישע „רילאָס" (חזיר־מאָרדע), כ׳וואָלט געקייטלט די כוואַטסקע אַרבעטער־פּאַרשטייער און כ׳וואָלט געטריבן די יידן קיין פּאַלעסטינע. די מאָסקאַלעס וואָלט איך פאַרטריבן ביז אויף דער אַנדע־רער זייט וואָלגאַ; בערלין וואָלט איך אַריבערגעפירט קיין וואַרשע און די „שוואַ־בעס" (דייטשן) וואָלט איך געגעבן אַיין ברירה: ווערן פּאָלאַקן אָדער גיין צום „וויעשאַק" (תליה), און איך וואָלט געמאַכט אַ פּוילן פון ים צו ים, און וועמענס גרענעץ ס׳וואָלט געווען דער וואָלגאַ־טייך...

— יאָ, יאָ, אַלע שוואַבעס וואָלט איך אויסגעהאָנגען און פון אַלע מאָסקאַלעס (רוסן) וואָלט איך געמאַכט פאַסטוכער און פּאַראָבקעס ביי די פּוילישע פּריצים...

איר זענט גערעכט, פּראַשע יאַשניע פּאַנאַ, — האָב איך געזאָגט שוין מיט אַן אָפענעם שפּאָט דעם קירכן־שענדער, — לויט דיינע רייד פּיל איך און זע, אַז דו ביסט טאַקע אַ פּוילישער שליאַכטשיץ פון באַגדאַן כמיעלניצקיס שניט, אַ שמייסער פון „כאַמעס" (פּויערים), שענדער פון זייערע ווייבער און טעכטער, רויבער פון קירכלעכע הייליקטימער, אַ קייטלער פון אַרבעטער־פירער און אַ

*) רוס.

פּאַרפּירער פון יידישע מיידלעך. יאָ, מ׳זעט טאקע, אז דו ביסט אַ שליאַכטשיץ, אַ רייבבלוטיקער אַריער אין פולן זין פון וואָרט. דאָס קענען עדות זאָגן דיין שוואַרץ ווייב מיט די מולאַטע קינדערלעך דיינע...

דער רויבער, געוויר ווערנדיק, אַז איך בין אַ ייד, איז אים נעבעך פינצטער געוואָרן אין זיינע הימל־בלויע אויגן. ער האָט אָבער גרויס דרך ארץ געהאַט פאַר מיר און פאַר מיינע דריי פּירערס ביקסן און אויטאָמאַטישע פּיסטוילן, און ער האָט נישט געוואַגט אַרויסצונעמען מיר די אויגן, ווי ביי דער הייליקער בתולה אין דער טשענסטאָכאָווער קירכע...

פיר דעם זייגער פאַרטאָג. דער טראָפּיקאַלער הימל אין מערב־זייט איז געווען טונקל־גרוי. אין די קאַיאָר־האָריזאָנטן, אין מזרח, האָט ווי אַ ווייטע שרפה זיך צעשפּרייט דער מאָרגן־רויט, אָנגליענדיק די נאָענטע וואָלקנדלעך, אַרום יענעם פלאַקער אין פּורפּור־רויט, שאַרלעך־רויט און גאָלד מיט אָראַנזשן־רויט. דער מאָרגנשטערן האָט געבליאַסקעט ווי אַ גרויסער דימענט שניי־ווייס אין די אויגן אַריין, און ווי אין אַ געוועט מיט דער פולער לבנה, זיך געיאָגט אין באַהעלטעניש צווישן די שטיקער וואָלקנס, שוואַרצע און גרויע, וואָס האָבן זיי געשוועבט אַנטקעגן אויך אין אַ ווילדן געיעג. איך בין שוין געזעסן אויף מיין לייבן־פערד, און מיינע דריי שותפים זענען ווי טרייע הינט געלאָפן פאָראויס, נישט אַרויסווייזנדיק קיין מידקייט. אַזייגער זיבן פאַרנאַכט זענען מיר שוין געווען אין דער סביבה פון דער מינע.

געגעסן האָבן מיר די נאַכט ביי אַן אַלט אינדיאַנער פאָרפאָלק, און פאַרטאָג האָבן מיר ווידער זיך געלאָזט אין וועג אַריין. אַזייגער אַכט פאַרנאַכט האָבן מיר ווידער זיך אָפּגעשטעלט אויף אָפּרו.

עס האָט אונדז געפעלט צו דער געגאַרטער מינע נישט מער ווי אַ זעכצן קילאָמעטער.

מאַלפּעס ראַטעווען אונדז פון טויט און הרגענען אונדזער גרעסטן שונא...

צוליבן שלל ווילדע פּרוכט־ביימער אין יענעם אָרט, איז דער דזשונגל פול געוואָן מיט אַלערליי חיות און פייגל, פרידלעכע, תמימותדיקע, אָבער אויך זייער אַ סך רוצחישע, חיות און פייגל, וואָס לעבן רק פונעם אומשולדיקן, פונעם צדיקס בלוט און פלייש...

אויף די ביימער — מאַלפּעס און אַנדערע קלעטער־חיות מכל המינים און קאָלירן, וואָס זענען געשפּרונגען פון צווייג צו צווייג און פון בוים צו בוים, באַגלייטנדיק אונדז מיט זייערע קוויטשערייען און ניס־געקנאַקעריי. דער „פוילער בער", וואָס פלעגט פאַר שרעק זיך אַראָפּוואַרפן פון דער גרעסטער הויך, איינגעוויקלט ווי אַ קנויל פונקט ווי אַ יעזש. מוראַשקע־בערן מיט שפּיציקע פּיסקעס און לאַנגע שלאַנגען־צונגען און פאַווע־ווײַדלען זענען אומגעלאָפן פון איין מוראַשניק צום צווייטן. גראָבע וויסקאַטשאַס, גרויס ווי האָזן, האָבן אַרויסגעקוקט פון די בערגלעך־לעכער, איבער זייערע אונטערערדישע היילן, און די כמעט רויטע קאָמאַדרעכאַס, די מאַמעס מיט זייערע קינדערלעך אין זייערע מאַרזופּיאַלע בייכער־טאָרבעס, האָבן פלינק געמאַכט אַ ויברח אין זייערע אונטערערדישע נאָרעס אַריין. גרעסערע און קלענערע ווילדע קעץ מיטן קאָליר, אייניקע ווי די לעמפּערטן, ווי פּאַנטערעס, יאַגואַרן און פּומאַס, און אייניקע פונקט אַזעלכע געפּאַסמעטע ווי זייערע גרעסערע שוועסטער־קינדער, די בענגאַלאַ־טיגערן, האָבן געפּסיקעט און געמיאַוקעט פונקט ווי די היימישע קעץ ווען זיי זעען אַ הונט. זיי האָבן געשטשירעט די ציין, קלעטערנדיק פלינק אַרויף ביז אויפן העכסטן שפּיץ בוים. גאַרדוניאַס ,און קאַיאַטעס, טכוירן און אַנדערע חיות און חיהלעך פון דער ערד, אויך שוואַרצע בערעלעך, האָזן, קאַבאַיאַס און סאַרנעס.

אַ האָז, מיט זיין אימפּעטפולן אַנטלויפן, האָט איבערגעשראָקן אַ נאַרישע קוראָפּאַטווע, וועלכע האָט פליענדיק אַ קאַנדוקטאָרסקן פייף געטון, איך ווייס נישט, צי פאַר שרעק אָדער יענעם איבערצושרעקן, צי דאָס איז אַ טריומפאַלער פייף, אַז זי איז אַנטרונען פונעם שונאס הענט...

— אַן אמתדיקער גן־עדן!

אַ סברה, אַז אַלע חיות און פֿייגל האָבן טאַקע מורא פֿאַרן מענטש. מעגלעך, אַז ווען אַ מענטש זאָל איינער אַליין פֿאַרבלאָנדזשען אין וואַלד, וואָלטן די ווילדע קעץ און גרעסערע רויב־פֿייגל אָנגעפֿאַלן אויפֿן פֿאַרבלאָנדזשעטן. נאָר אין פֿירן, און מיט אַ פֿערד נאָך דערצו, האָבן די משחיתים קיין העזה און שליטה נישט צום מענטש. פּונקט ווי דער שטן, שדים און דער אשמדאי האָבן קיין שליטה נישט צו ערלעכע יידן, וואָס גייען אָנגעטון אין כשרע ציצית און אַרומגעוויקלט מיט אַ גאַרטל...

איך האָב דערזען אַ קלאָמב זייער שיינע שוואָמען, וואָס זעען אויס ווי די היימישע פּוילישע „פּראַוודזשיווע גזשיבעס" וואָס איך פֿלעג אַהיים ברענגען פֿון פּאַטאַצקעס און ראַדזיוויל'ס וועלדער, פֿון רייסעווע און אָלשעוויניצע. איך האָב איבערגעגעבן די לייצעס פֿון מיין פֿערד דוּאַרטען, ער זאָל אים צובינדן צו אַ בוים, און פֿעפֿען האָב איך געהייסן מאַכן פֿייער, און אַליין בין איך געגאַנגען אָנרייסן אַ ביסל פֿון די געגאַרטע שוואָמען. אַנטאָניאָ איז געגאַנגען אָנרייסן מאַגנאָליען־בלומען און אָרכידייען, וואָס זענען געוואַקסן אויפֿן שפּיץ פֿון דעם מאַגנאָליאַ־בוים און פֿאַרשמעקט די לופֿט.

איך האָב מיינע חברים צוגעזאָגט צו מאַכן פֿון די שוואָמען אַ פֿיינעם מאָל־צייט, אַזוי ווי מיין מאַמע, עליה השלום, פֿלעגט מאַכן מיט לאָרבער־בלעטער, מיט גריוון, געצופּטע פֿעפֿעפּל און גענוג פֿעפֿער...

אין דעם אויגנבליק, וואָס איך האָב מיך געהאַט אַראָפּגעבויגן אויסצורייסן פֿון אַ מאָך־באַוואַקסענעם שטיקל ערד אַ גאַנצן קוסט צוזאַמענגעוואַקסענע קורקעס (אַזעלכע זייער געשמאַקע שוואָמען), און אַנטאָניאָ האָט אויסגעשטרעקט די הענט צו אַ צווייג פֿון אַ מאַגנאָליאַ־בוים, וואָס איז געווען קאָמפּאַקט באַזעצט מיט אַראָמאַטישע בלומען און האַלב־צעעפֿנטע קנאָספּן, איז אויף די צעצווייגטע קאָ־קאָס־ביימער, באַזעצטע מיט מאַלפּעס, געוואָרן אַזאַ מין קוויטשעריי, אַז עס האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ גרויל, ווי אַ מחנה מוראַשקעס וואָלטן פֿאַרפּלייצט מיין הויט. איידער איך האָב נאָך געהאַט צייט זיך אומצוקוקן, האָב איך געקראָגן צוויי קאָקאָס־ניס אין רוקן, און מיט אַזאַ קראַפֿט, אַז מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דער רוקנביין איז מיר איבערגעבראָכן געוואָרן. אַנטאָניאָ האָט אויך געקראָגן איין קאָקאָס אין קאָפּ אַריין, וואָס מאַלפּעס האָבן אַריינגעצילט אין אונדז פֿון דער הויך. צום גליק, זענען די ניס נאָך געווען גענוג צאַרטע. אַנישט, וואָלטן מיר פֿון זיי געהרגעט געוואָרן, צוליב דער הויך, פֿון וועלכע זיי זענען אַראָפּגעשליי־דערט געוואָרן.

ווי עס האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, זענען די מאַלפּעס אויסן געווען מיטן שליידערן אויף אונדז די קאָקאָס־ניס אונדז צו וואָרענען און ראַטעווען פֿון אַ זי־כערן טויט: די שוואָמען זענען געווען די זייער סמיקע „היפּאָלאָמאַ", די רויטע

„לאַקטאַריאַ", די „האַרגע קרובים" (מאַטאַ פּאַריענטעס), „אַמאַניטאַ פּאַלאַאידעאַ", „רוסולאַ עמעטיקאַ", „רוסולאַ ראַכאַ" (רויטע רוסולאַ) און אַנדערע.

אין איירָאָפּע פלעגט מיין מאַמע, עליה השלום, מיט אַזעלכע שוואָמען סמען פליגן: זי פלעגט די שוואָמען אָפּבראָטן, אַרויפשיטן צוקער, און זיי צעלייגן אין די ערטער וווּ די פליגן פלעגן מער נודיען. זענען די פליגן וואָס זענען געקומען צו די שוואָמען עסן דעם צוקער אויף זיי, טאַקע פאַלן ווי די פליגן... דערפאַר רופן די פּאָליאַקן דעם קלאַס שוואָמען „מוכאַרעס". ווי עס זעט אויס, ווייסן די מאַלפּעס פון דער סמיקייט פון די שוואָמען, וואָס זעען אויס פּונקט ווי די גוטע, עסבאַרע שוואָמען...



די גוואַלדיק גיפטיקע קרעלן־שלאַנג
האָט געוואָלט אַ ביס טון אַנטאָניאָן

אַ חוץ דעם, איז אַ קרעלן־שלאַנג, אפשר פון אַ מעטער 4 די לענג, וואָס איז געקראָכן אַרויף צו אַ גניאַזדע פון ווילדע טאַרקאַסאַ־טויבן אויפן שפּיץ מאַגנאָליאַ־בוים, שוין געווען נישט מער ווי אַ צוויי מעטער איבער אַנטאָניאָס קאָפּ. טאַקע נאָר אַ מערכה, וואָס נאָך דעם אומגעריכטן קלאַפּ וואָס ער האָט געקראָגן, האָט ער זיך אַרומגעקוקט צו זען, ווער עס האָט אים געוואָרפן דעם קאָקאָס־ניס, און ער האָט דערזען די זעלטן־שיינע, אָבער שרעקלעך־סמיקע שלאַנג. ווען נישט, וואָלט זי אים אפשר אַ ביס געטון...

אָן עמאָציאָנירנדיקער קאַמף האָט זיך נאָכדעם אַנטוויקלט צווישן מאַלפּע און נחש הקדמוני: אַז די שרעקלעכע קרעלן־שלאַנג האָט דערזען, אַז זי איז אַנט־

דעקט געוואָרן און קען ג׳ישט אַ ביס טון דעם יונג, האָט זי גענומען זיך זייער שנעל צוריקציען אַרויף צו דער טויבן־נעסט. די מאַלפּע, פון אַ מיטלמעסיקער גרויס, וועלכע האָט וואַרשיינלעך אין אונדז אַריינגעשליידערט די קאָקאָס־ניס, האָט פון אַ לאַנגער צווייג זיך געמאַכט אַ שטעקן, און ווי אַ געניטער פעכטער זיך אַ לאָז געטון צו דער קרעלן־שלאַנג, וועלכע האָט סטראַטעגיש זיך אַרומגעוויקלט אַרום אַ גרעבערער צווייג פון מאַגנאָליאַ־בוים און געטשאַטעוועט אַ ביס צו טון דער כיטרער מאַלפּע, וועלכע האָט זיך אָבער נישט פאַרלוירן, נאָר געשפּרונגען פון איין צווייג אויף דער אַנדערער און געקוויטשעט ווי אַן אָפּגעבריטע. די בייזע שלאַנג האָט אימהדיק געפּייפט. די וועווערקעלעך און אייניקע מאַלפּעלעך האָבן אויף דיביימער אַרום געליאַרעמט, בעת דער נישט־גלייכער מלחמה צווישן נחש און מאַלפּע, אַז עס איז געווען ממש פאַרטויבט צו ווערן.

די מלחמה איז געווען אַ פאַרביטערטע. די בייזווייליקע קרעלן־שלאַנג האָט אַנגעווענדט אַלע אירע שטיק כדי צו ביסן, כדי צו טויטן און אַליין נישט געשעדיקט צו ווערן. זי האָט אַלע רגע אַ שרעקלעכן פייף געטון, אַז די בלוטן האָבן געגליוועט, אין חוט־השדרה איז ווי אַן אָנגעגליטע נאָדל אַריין און פון די האָר אויפן קאָפּ זענען געפּרויו־ענע שפּילקעס געוואָרן. אָט האָט די קאָראַל געוואָרפן איר שיינעם גאָלדענעם קאָפּ מיט די בליצנדיקע שמאַראַגדן־אויגן אַרויף, אָט אַראָפּ, אָט אויף רעכטס, און אָט אויף לינקס, און אָט איז זי כלומרשט גאָר אַנטשלאָפן געוואָרן, לויערנדיק אויף אַ גינסטיקן מאָמענט. געווען זענען רגעס, ווען עס האָט זיך געדאַכט, אַז די שלאַנג וועט בייסן די מאַלפּע. אין אַזאַ מאָמענט, איז אַ צווייטע מאַלפּע אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ קעגנאיבערדיקן ווילדן עפּלבוים, און מיט אַ לאַנגער צווייג זיך גענומען רייצן מיט דער געפערלעכער שלאַנג, וועלכע האָט אויף אַ רגע זיך פאַרגאַפּיעט אויף דער ערשטער מאַלפּע, האָט זי געקראָגן אַזאַ שרעקלעכן קלאַפּ אין קאָפּ מיט אַ האַרטן שטעקן פון אַ דריטער מאַלפּע, אַז זי איז געוואָרן צעשמעטערט.

— דעאָ אָ נאַטוראַ (גאָט אָדער די נאַטור) — האָט, דאַכט מיר, געזאָגט ברוך שפּינאָזאַ. און ווער האָט ווען באַשאַפן? גאָט דעם מענטשן, צי פאַרקערט?... האָט דאָך די קרוין פון דער נאַטור, דער מענטש, זיך אַ גאָט, אָדער געטער געשאַפן, לויט זיין געשטאַלט, ווייל דער מענטש איז אַ צלם אלוהים. זענען טאַקע פאַראַן שענערע און מאוסערע געטער: די כינעזישע, יאַפּאַנעזישע, אינדיאַנישע און פון די ווילדע אַפריקאַנער און אויסטראַליער, זענען מיאוסע געטער. אָבער וואָס איז די נפקא־מינה, ווען אַלץ איז וווּנדערבאַר אין דעם טראָפּישן בראשית־באַשאַף!...

דער וואַלד — אַ צוזאַמענגעפלאָכטענע סוכה, די צוזאַמענגעוועבטע צווייגן — אַ סאַמעט־גרינער סכך אויף דער אומענדלעכער סוכה, דורכגעוועבט און דורכ־

געפלאָכטן מיט אַלערליי בלומען פון פאַרשידנאַרטיקע דופטן, גרייס און קאָליר. נישט נאָר די בלומען פון דעם צוזאַמענגעפלאָכטענעם וואַלד זענען העטעראָגע־נישע, נייערט אויך די בלעטער. איך זע נישט נאָר גרינע פון אַלערליי שאַטי־רונגען, נאָר אויך געלע, רויטע, ברוינע, ווייסע, שניי־ווייסע, זילבער־ווייסע, קאַלך־ווייסע, בלוי־גרינע און אויך פעך־שוואַרצע. נאָר אַלץ איז מיר ליב, אַלץ איז מיר מתיקותדיק־זיס אין דעם סודותפולן און פחד־פולן ווילדן טראָפּיק, ווו איך קען אומגעשטערט אומגיין און אַרומגיין פריי און פראַנק, פונקט אַזוי ווי אַ וועלכע ס׳איז אַנדער חיה, מיט דער אייגענער הויט, אָן שמינק און אָן גאַמינע, און נישט אָפּגעברענט ווערן פון דער פלאַמיקער קאַסטאַריקער זון... די צוזאַמענ־געפלאָכטענע צווייגן אין רוים לאָזן נישט דורך די אש־להבה־שטראַלן זאָלן אַ צו שטאַרקן ברי און סמאַליע־טון... יאָ, אַלץ איז מיר האַניק־זיס: דער וווּנדערלעכער צ׳וויט, די בלומענקווייטן פון אייניקע קלעטער־פלאַנצן, וואָס האָבן פאַרוואַנדלט אייניקעביימער אין ריזיקע בוקעטן. אפילו די מחבלים און מזיקים, אפילו די גיפטיקע שוואָמען און ציקוטאָ, און אפילו די שרעקלעכע קרעלן־שלאַנגן!... אַלץ האָט איצטער צאַרטקייט און חן אין מיינע אויגן... וואָרום דאָס אַלץ וואָס איך זע דאָ אַרום מיר און איבער מיר, איז דער געטלעכער באַשאַף:

בראשית ברא אלוהים —

דעאָ אָ נאַטוראַ?...

אויף אַן אינדיאַנער חתונה

די לעצטע נאַכט פֿאַרן דערגרייכן די גאָלד־מינע האָבן מיר פֿאַרבראַכט אין אַן אינדיאַנער טאָלדעריאַ״ (פּאַלאַטקעס) פֿון אַ „טשאַראַטעגאַ־ניקאַראַגער חתונה, אַ שארית הפליטה פֿון די אַמאָליקע באַלעבאַטים פֿון אַ גרויסן טייל היינטיקן קאָסטאַ ריקאַ, ניקאַראַגואַ, אַ שטיק סאַלוואַדאָר און האָנדוראַס, וועלכע האָבן געפֿירט אַ גאַנץ פֿיין ציוויליזירט לעבן. היינט זענען זיי „ווילדע״ נאָמאַדן.

לויט דער ניקאַראַגוער לעגענדע, באַאַרבעט דורך די שפּאַנישע גלחים, היס־טאָריקער פֿון יענע אינקוויזיטאָרישע דעראָבערונגס־צייטן, האָט אַ נאָמענלאָזער גאָט געשאַפֿן הימל און ערד. פֿון דעם נאָמענלאָזן גאָט איז געבוירן געוואָרן דאָס ערשטע מענטש־פּאָרל, וועלכע איז פֿאַרבליבן אין הימל און זענען אויך געוואָרן געטער. דאָס געטער־פּאָרל הייסט: ער — טאַמאַגאַסטאַד און זי — ציפּאַטאָוואַל. זיי זענען פֿון בלוט און פֿלייש, פּונקט ווי אַלע מענטשן, האָבן די זעלבע באַדער־פֿעניש, מידות טובות און מידות רעות, ווי אַלע מענטשן... אָבער צו די אַלע מעלות און חסרונות האָבן זיי אַ טוגנד: זיי ווערן קיינמאָל נישט אַלט... אגב זענען זיי גרויסע פֿלייש־פֿרעסערס. איבערהויפּט האָבן זיי ליב פֿריש מענטשלעך בלוט און זיי עסן אַ צאַפּלדיק מענטשלעך האַרץ.. טאַמאַגאַסטאַד און זיין ווייבל האָבן תמיד געררייצט די אינדיאַנער צו מלחמות און האָבן ביי זיי גע־פֿאָדערט די געפֿאַנגענע, וואָס זענען אויפֿגעפֿרעסן געוואָרן פֿון די זיגער. דאָס בלוט, האַרץ און לעבער האָבן די פּשוטע סאָלדאַטן נישט געטאָרט עסן. דאָס איז געווען הייליק, און נאָר טאַמאַגאַסטאַד און ציפּאַטאָוואַל האָבן עס געמעגט עסן, אין דער פּערזאָן פֿון די פּריסטער...

איז געווען אַ מלחמה, און קיין געפֿאַנגענע זענען נישט גענומען געוואָרן, זענען זיך צוזאַמענגעקומען די קריגס־קאַפּיטאַנען אַרום די טעמפּלען פֿון טאַמאַ־גאַסטאַד און ציפּאַטאָוואַל און האָבן געווײנט און געקלאָגט, האָבן זיך געקלאַפּט אין האַרץ על חטא, זיך געשלאָגן קאָפּ אין וואַנט, געבעטן רחמים און מחילה פֿאַרן דורכפֿאַל. אָפּטמאָל, כדי מכפּר צו זיין, האָבן זיי געבערענגט פֿאַר אַ קרבן אפֿילו אַן אייגן קינד, ווייב און טאַטע־מאַמע.

און ווי נישט ציוויליזירט זיי זענען געווען איז גרויס געווען די פּראָסטי־

טוציע ביי די ניקאַראַגנער: עס זענען געווען ביי זיי זייער פיל שאַנד־הייזער. אויך האָט יעדעס מיידל פאַר דער חתונה געמעגט פאַרברענגען מיט וויפל מענער זי האָט נאָר געגלוסט. און חתונה געהאַט האָט זי ערשט דאַן, ווען זי איז שוין מיד געוואָרן פון צופיל „פאַרברענגען", צעלאָזנקייט און הפקרות. דאַן פלעגט די „בתולה" צוזאַמענרופן אַלע געליבטע, און געפאָדערט ביי זיי, זיי זאָלן איר אויפשטעלן אַ „הויז" מיט מעבל און אַלע פּישטשעווקעס, וואָס אַ באַלעבאָסטע דאַרף האָבן. נאָכדעם, שוין האָבנדיק אַן אומאָפּהענגיקע היים מיט אַ באַלעבאַ־טישער ווירטשאַפט, פלעגט דאָס מיידל ווידער צוזאַמענרופן אַלע אירע פאַרערער, פאַר וועלכע זי האָט געהאַלטן אַ געזעגענונגס־דרשה, זיי אַ ביסל אָנגעמוסרט און געזאָגט, אַז היות, אַז זי קען נישט חתונה האָבן מיט אַלע אויף אַ מאָל, האָט זי זיך אויסגעקליבן דעם וואָס זי האָט מער ליב געהאַט, און איז געגאַנגען מיט אים ווינען אָפיציעל, ווערנדיק פון דעמאָלט אָן אַן אָנשטענדיקע דאַמע, — טיילמאָל אפילו אויף אַ גאַנץ יאָר.

איין טאָג אין יאָר פלעגט זיין אַ גרויסע פעריע (יריד אָדער מאַרק), ווען אַלע פאַרהייראַטע פרויען האָבן אויך געמעגט אַ שטיף־טון מיט פרעמדע מענער בפרהסיה, פּונקט ווי די כלה־מיידלעך. די מענער פון זייער זייט האָבן געמעגט האָבן אַזוי פיל ווייבער, וויפל ער האָט געקענט מפרנס זיין. שטוב־אַרבעט האָט געהערט צום מאַן, דאַן ווען די פרוי איז געווען די פעלד־אַרבעטערן און סוחרטע און אויך איינגעקויפט אַלץ, וואָס דאָס הויזגעזינט האָט באַדאַרפט.

טראָץ דעם אַלעמען האָט די ניקאַראַגנער פרוי נישט געהאַט קיין רעכט צו עסן מענטשן־פלייש און נישט אַריינצוגיין אין אַ טעמפּל, ווו די מענער זענען געגאַנגען. די פרוי איז געווען אַ מין טמא באַשעפעניש, אַז ווען דער מאַן האָט זי מקריב געווען איז זי נישט געשאָכטן געוואָרן אויפן הייליקן מזבח אין טעמפּל, נאָר אויף אַ פּשוטן שטיין אינדרויסן, און איר פלייש האָט קיינער נישט געגעסן, נאָר פלעגט אינגאַנצן פאַרברענט ווערן...

אויך די ערד פלעגט באַאַרבעט ווערן דורך די ווייבער, וועלכע האָבן אויך געהאַט אַ גאַנץ פיינע אינדוסטריע, לויט יענער צייט, — איבערהויפּט צעראַמי־קעריי און אַ גאַנץ פיינע יעראָגליפישע שריפט, ענלעך אויף דער אַצטעקישער.

**
*

נאָך פון עטלעכע קילאָמעטער ווייט האָט זיך געהערט דורך דער געפלאָכ־טענער געדיכטעניש אַ פריילעך שרייען, געזאַנג און הילכיק געלעכטער, פייפעריי, טראָמעטעריי און באַראַבאַנעווען.

און פּונקט ווי משה, בשעת זיין קומען פון באַרג סיני, האָט נישט געוווסט דעם באַדייט פון די קולות אַרום עגל הזהב, האָב איך און מיינע פירער נישט

געווּוסט דעם באַדייט פון יענע געשרייען, געזאַנג און מוזיק אַרום די שייטערס, וואָס האָבן זיך געזען פון וויטנס.

אויף אַ ליידיק שטיקל פּלאַץ אַן ביימער, אַ הונדערט מעטער די ברייט אויף אַ דריי הונדערט מעטער די לענג, זענען געשטאַנען אַ דריי טוץ לייוונטענע פּאַ־לאַטקעס. אַכט שייטערס האָבן געפלאַקערט מיט אַ וווּלקאַנישן רויך אין די גרענעצן פון די געצעלטן, און איין פייער, גאָר אַ גרויסער, אין סאַמע מיט פונעם פּלאַץ, האָבן באַלויכטן דאָס אָרט ביז טיף אין דער געדיכטעניש אַריין.

אָנגעקומען זענען מיר אַ האַלבע שעה נאָך דער „אָפיציעלער" חתונה־צערע־מאָניע פון אַ טשאַראַטעגאַ־מיידל מיט אַ ניקאַראַגער בחור. זי — דרייצן יאָר אַלט, און ער — צוואַנציק. מיר האָבן געטראָפן דעם עולם ביי דער חתונה־סעודה.

אַלע זענען געווען אויסגעפּוצט אין די שענסטע און בעסטע בגדי־יום־טוב. דער חתן איז געווען אָנגעטון אין אַ גרויסן מעקסיקאַנער הוט פון דין־געפלאָכטע־נע פּאַלמען־בלעטער, אַ ווייסן לעדערנעם אַנצוג, אַ קורץ געבלימט שוואַרץ וועס־טעלע פון אַ בן־פּקועה, אויסגענייט מיט רויטע, ווייסע און געלע בלומען. פּעדערן ביי די זייטן פון די הויזן, לויטן טראַכט פון די רויט־הויטיקע אינדיאַנער, און גרויסע אויערינגען אין די אויערן. אויף די פּאַדעשוועס — שטיקלעך זויל אָנשטאָט שיך אָדער שטיוול. אַ ברייטער רימען פול מיט אַלערליי צאַצקעס און זילבערנע מטבעות אַרום די לענדן, און צוויי גרויסע אַלט־פּרענקישע רעוואָל־ווערן אין שיידלעך ביי די זייטן, און אַ מעסער — ברייט און לאַנג ווי אַ שווערד, מיט אַ זילבערן הענטל אין אַ זילבערנעם שייד, אין קרייץ אויפן רוקן.

אין זעלבן סטיל זענען אַלע מענער געווען אָנגעטון. די פרויען ווידער זענען אַלע געווען אַרומגעוויקלט בלויז דער אונטערשטער טייל קערפּער מיט דינע שטיקלעך פּילקאַלירטן און באַבלומטן שטאָף. די העלדזער — באַהאָנגען מיט קרעלן, אַ חוץ די קרעלן האָבן זיי געטראָגן האַלדזבענדער פון ביינדלעך און שטיינדלעך און גלעזלעך פון אַלערליי קאָלירן. די ברוסט און פּלייצע ביי די מערסטע מיידלעך און ווייבלעך זענען געווען טאַטואירט, הויפּטזעכלעך מיט מע־נער־פיגורן. די פּנימער פיין געפאַרבט, נישט ערגער פון אונדזערע צוויליזירטע טעכטער. גרויסע רייפן אין די אויערן, און קראַנצן בלומען פון אַלערליי קאָלירן אין די פּעך־שוואַרצע צעפּ, און אַ קראַנץ ווייסע בלומען, ווי אַ דיאַדעמע, אַרום קאָפּ.

איך האָב זיך זעלבסט געפרעגט: ווער ביי וועמען האָט פּלאַגיאירט דאָס באַ־צירן זיך און פאַרבן פּנים און ליפּן, וויעס, האָר און נעגל? — די ווייסע ביים אַזיאַט, נעגער און אינדיאַנער, צי פאַרקערט?... די אינדיאַנער וויסנשאַפטלער זענען אגב געקומען צו דער מסקנה, אַז דער אייראָפּעער האָט דאָס פאַרבן זיך

געגאַשט ביים אַזיאַט, אַפריקאַנער און פרימיטיוון אינדיאַנער נאָך פון קדמו־נים אָן...

איבערן צענטראַלן שייטער זענען געהאָנגען אויף אייזערנע שטאַנגען צוויי געעפּנטע טאַפּירן און צוויי גרעסערע הירשן, און יעדערער, וואָס האָט נאָר גע־האַט אַפּעטיט, איז צוגעגאַנגען זיך אָפּגעשניטן אַ שטיק, און געגעסן מיט קוקו־רוזע־פּלעצלעך, פאַרביסן מיט די פייערדיקסטע פּעפּערלעך, וויפל דאָס האַרץ נאָר געגלוסט, פאַרטרונקען וויין און בראַנפן, וואָס זיי מאַכן פון די ווילדע פּרוכטן, וועלכע וואַקסן גאָר אָן אַ שיעור אין יענע בתולהדיקע וועלדער.

נאָכן עסן האָבן די ייִנגערע חברה זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ ווילדן עקזאָ־טישן ווירבל־טאַנץ, און די עלטערע מענער און פרויען האָבן, ווי אַן ערן־וואַך, זיך אויסגעשטעלט אַרום די טענצער, געפּאַטשט מיט די הענט, געקנאַקט מיט די צונגען, געמאַכט אַלערליי העוויות, געדרייט מיט די היפטן און געשאָקלט מיט די קעפּ צום טאַקט. צוויי מוזיקער האָבן געפּויקט אויף אַנדאַלוזישע פּאַנ־דערעטאָס, אַנדערע צוויי האָבן געפּייפט אויף „פּויאַרקעס״*).

און אַזוי ווי עס זענען געווען 25 יונגע אינדיאַנערקעס און בלויז צוואַנציק יונגע יאַטן, ראַוי צום טאַנצן, האָבן מיר, פיר וואַנדערער, געהאַט דאָס גליק אויך צו כאַפּן אַ טענצל מיט די פאַראיינזאַמטע מיידלעך...

די הימלישע השגחה פונעם געטער־פּאָרל טאַמאַגאַסטאַד און ציפּאַטאָוואַל האָט געוואָלט, אַז איך זאָל טאַנצן בלויז מיט אַ גאָר־חנעוודיקער מישלינג־אינדיאַ־נערקעלע. ווי זי האָט שפּעטער דערציילט, איז זי אַ פּראָדוקט פון אַ צופעליקן טאַטן, זייער אַ פרומען אירלענדישן מיסיאָנער, אַ קאַטוילישן, פאַרשטייט זיך, וואָס טאָר נישט חתונה האָבן געזעצלעך... און היות אַ קאַטוילישער מיסיאָנער איז דאָך אָבער אויך נישט מער ווי אַ בשר־ודם, און דער רבונו של עולם האָט געהייסן — פּרו ורבו, איז זי טאַקע דערפאַר אַרויסגעקומען זייער אַ שיינע, מיט רויטלעך־קאַשטאַנענע האָר און גרויסע כאַבער־אויגן. אָבער זי איז שוין גאָר אַן „אַלטע״ געבעך, גאַנצע אַכצן יאָר אַלט, דערפאַר אָבער מיט אַ גאַנצן קאָפּ העכער פון מיר. האָט די ברענענדיקע מישלינג מיך אַ פּאָר מאָל שיעור נישט בלינד געמאַכט, ווען זי האָט „בשוגג״ מיך אַ באָדזשע**) געטון מיט אירע נאַקעטע בריסטן אין די אויגן. דערצו בין איך עטלעכע מאָל שיעור נישט געפאַלן, נאָך יעדן מאָל, וואָס איך האָב איר אַ טרעט געטון, האָט זי מיר מיט אירע פלינקע פיסלעך אַ שטאַרקערן טריט געטון אויף מיינע שפּיץ פינגער, אַז איך האָב דערזען מיין עלטער־באָבען.

---

*) אַ מין פרימיטיווע פלייט פון דער צאַרטער הויט פון אַ ווערבע.
**) האָרנשטויס, פּוילישער אויסדרוק.

— אויב דו ביסט אַזאַ טויגעניכטס און שטייף ווי אַ דראַנג, און קענסט נישט טאַנצן מיט אַן אינדיאַנער מיידל, טאָ איז קיין שום מניעה נישטאָ, זאָלסט גיין טאַנצן מיט אַ בער... — האָט זי געשריען צו מיר פון אויבן אַראָפּ, אָנווייזנדיק מיר מיט דער האַנט אויפן שוואַרצן בער, וואָס איז געשטאַנען מיט אַ גראָבער קייט, אַדורכגענומען מיט אַ מעשענער רינג די דורכגעלעכערטע ליפּ, צוגעבונדן צום שטאַם פון זקן־צעדערבוים...

מיין איבערגעוואַקסענע טענצערין און אַלע אַרום האָבן געקייכט פון געלעכטער צוליב מיין אומגעלומפּערטן טאַנצן, און דאָס האָט מיך געמאַכט זיך נאָך מער צו פאַרלירן און נאָך אומגעלומפּערטער צו שטעלן די פיס...

און בייטן די הויכע אויף אַן אַנדערער, אויף אַ נידעריקערער, האָב איך נישט געטאָרט, מחמת אַזוי איז געווען דער ווילן פון די גייסטער, ווי אויך פונעם הייליקן קאַציק, דעם דאָקטאָר, פּריסטער און כשופמאַכער פון דעם גאַנצן שבט.

נאָך אַ שניידנדיקן פּייף פונעם כשופמאַכער האָבן אַלע טענצערינס זיך פּלוצלינג אָוועקגעריסן פון זייערע קאַוואַלערן, האָבן אַראָפּגעכאַפּט פון זיך די אַרומגעוויקלטע באַבלומטע שטיקלעך שטאָף, בלייבנדיק צוגעדעקט מיט ספּעציעלע בענדלעך בלויז דאָס געשלעכט. אַלע האָבן, כמעט מוטער־נאַקעט, גענומען פּעכטן מיט די שטיקלעך ציץ, וואָס האָבן אַ רגע פריער פאַרדעקט דעם אונטערשטן טייל פון זייער נאַקעטקייט, מכלומרשט קעגן די איבערראַשטע קאַוואַלערן. יעדערער פון די דאַן־זשואַנס ווידער, האָט באַדאַרפט צוריקכאַפּן זיין טענצערין, וועלכע האָט זיך געווערט מיט איר שטיקל שטאָף, פונקט ווי די אַנדאַלוזישע טאָרעראָס קעגן די צעווילדעוועטע בוהייען...

די טענצערינס פעכטן מיט די טיכער איז אייגנטלעך אויך געווען אַזאַ מין טאַנצן, און מיט זייערע פיין־פאָרמירטע קערפּערס, האָבן זיי אויסגעטאַנצט דאָס שענסטע און עקזאָטישסטע וואָס איך האָב ווען געזען. איך האָב שוין געהאַט געזען איזידאָראַ דונקאַן, אַנאַ פּאַוולאָוונאַ, די שוואַרצע בעקער, אָבער לויט מייַ קריטעריום, איז נישט צוצוגלייכן די דריי וועלט־באַרימטע טענצערינס צו די עכטע נאַטור־קינדער, וועלכע האָבן טאַקע אויסגעטאַנצט דאָס עכטע וואָס זיי האָבן געפילט...

עס האָבן מיך זייער שאָקירט זייערע געטאָקטע קערפּערס, די סאַמעטענע בריסטן, אַן אונטערהאַלטערס, זייער אַנטוויקלטע, רונדע און שטייפע ווי אָנגעבלאָזענע פילקעס. געטראַכט האָב איך: ווי שיין ביסטו, נאַטור, ווען די צביעות פון דער פרומער ציוויליזאַציע האָט דיך נאָך נישט באַהערשט!...

אויף אַ צווייטן פייף פונעם קאַציק־כשופמאַכער האָבן אַלע מיידלעך, טאַנצנדיק מיט די עקזאָטישסטע און ליידנשאַפטלעכסטע העוויות, זיך קונסטפול צוריק אַרומגעוויקלט זייערע אונטערשטע טיילן קערפּער, און יעדע טענצערין האָט

טאַנצנדיק זיך צוריקגעקערט צו איר פריערדיקן קאַוואַלער, נאָר שוין מיט אַן ערדענעם קרוג בראָנפן און שטיקלעך שעפּסן־קעז צו פאַרבייסן.

עס זענען געווען מאָמענטן, ווען מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז איך בין מיט דאַנטען און ווירגילן אין גיהנום, און נעם אַנטייל אין אַ טייוואָלים־חתונה מיט אַ שדים־טאַנץ, צווישן כף־הקלע־שייטערס...

די שמחה האָט געדויערט ביז פונקט האַלבער נאַכט, ווען דער כשופמאַכער האָט צוגעלייגט זיינע בײדע הענט צום מויל, האָט משונהדיק אַ קריי־געטון, און נאָך אַ הפסקה פון פינף מינוט, פונקט אַזוי ווי גוטער האָן, האָט ער געקרייט גאַנצע פיר און צוואַנציק מאָל.

עס זענען מיטאַמאָל אויסגעלאָשן געוואָרן די שייטערס. יעדע טענצערין האָט זיך אַרויסגעריסן פון איר קאַוואַלערס אָרעם, און טאַנצנדיק אַ תאוההדיקס, אַריין אין דער לייוונטענער „טאָלדאָ“*) פון אירע פאַמיליאַרע, פאַרברענגענדיק די רעשט נאַכט אין דער אינטימער סביבה פון טאַטע־מאַמע, קרוב אָדער אַפּוטרופּוס.

פאַרטאָג האָט דער קאַציק ווידער אַמאָל אַ משונהדיקן קריי געטון, ווי אַן אָנזאָג, אַז אַלע פון דאַרף דאַרפן זיך גרייטן צו דער טעגלעכער אַרבעט.

אַזייגער אַכט אינדערפרי, נאָכדעם ווי איך מיט מיינע חברים האָבן גע־פרישטיקט מיט געבראָטענע יונגע קראָען, זויער, טערפּקע און האַרט ווי האַר־פּלאַקס, פאַרטרונקען מיט בראָנפן פון ווילדע טרויבן, האָב איך געגעבן חתונה־מתנות דעם קאַציק, מיין איבערגעוואַקסענער טענצערין, אין וועמענס פּאַלאַטקע איך האָב גענעכטיקט, איר מאַמען און אירע דריי שוועסטערלעך, דאַן האָב איך מיך ווידער געלאָזט אין וועג אַריין אויף גאָטס באַראָט. אַזייגער איינס נאָכמיטאָג זענען מיר שוין געווען ביים ראַנד פון דער גאָלד־מינע.

---

*) פּאַלאַטקע, געצעלט.

די גאָלד-מינע

דאָס שטיק פּלאַץ, וווּ די גאָלד־מינע געפינט זיך, האָט אַן אויסזען פון אַ סטראַטעגיש־שטיינערנער ציטאַדעל. אין אַ קוואַדרילאַנגישן טאָל פון אַ זיבן הונדערט מעטער די לענג, צוויי און פופציק מעטער די ברייט און הינדערט מעטער די טיף, אויפן שפּיץ פון באַרג, שוין ביי די צוויי טויזנט פינף הונדערט מעטער איבערן ים־פּלאַך. אַרום דעם טאָל שטאַרצן אַרויס זעקס בערגלעך־שפּיצן אין דער פאָרעם פון די אַמאָליקע פעסטונגס־טורעמס. אַלץ אַרום איז באַוואַקסן מיט אַ כמעט קאָמפּאַקטער געדיכטעניש, און בלויז דער טאָל פון דער מינע איז וויסט, אַ חוץ אַ ביסל ליקען און שאַרפגראָז, וואָס וואַקסט וווּ־נישט־וווּ, זענען דאָרט קיין שום געוויקסן נישט פאַראַן. און דאָרט וווּ עס וואַקסט יאָ עפּעס, איז אויך פאַראַן בלויז אַ דינינקער שיכט פון ווינט אָנגעטראָגענער ערד, מיט אַן אונטערגרונט פון שטיין, וואָס דערלאָזט נישט וואַקסן און אַנטוויקלען זיך קיין שום גרעסערן פלאַנץ.

איך האָב בחפזון דורכגעשטודירט די געגנט, אַראָפּגענומען פאָטאָגראַפישע בילדער, כדי ווי עס מאַכט זיך, זאָל איך נישט האָבן קיין מניעה און קיין מיכשול פעסטצושטעלן דעם פלאַץ. נאָכדעם האָב איך מיטן שטאָלענעם פּיקאָ (האַקאייזן) אָפּגעהאַט שטיקלעך פון די מאַסיווע פאַרזשאַווערטע ווענט, וווּ מיינע פירערס האָבן מיר אָנגעוויזן און אַנדערע, וואָס איך האָב אַליין אויסגעפונען.

איך האָב די מינעראַלן פון יעדער מינע באַזונדער אַריינגעלייגט אין אַ זעקעלע, זיי צונויפגעבונדן און אַרויפגעלייגט אויפן פערדס רוקן, כדי צו ברענגען די מינעראַלן צו מיינעם אַ באַקאַנטן מינעראַלאָג, וועלכער זאָל זיך אַרויסזאָגן וועגן פּראָצענט ריינעם מעטאַל פון יעדן קלאַס מינעראַל־שטיין. אַזייגער צוויי נאָכמיטאָג האָבן מיר שוין געהאַט אויסגעדרייט דעם דישעל „נאַזאַד", ד"ה צוריק־וועגס אין שטאָט אַריין. אָבער, צום באַדויערן, האָבן מיינע פירער אויסגעקליבן אַ צווייטן וועג, אַ קירצערן, באַהויפּטנדיק, אַז מיר וועלן זיך איינבערענגען אַ דריי־ציק קילאָמעטער.

אַן ערך דריי שעה גאַנג האָבן מיר טאַקע געהאַט אַ נישקשהדיקן וועג. מיט אַ שוואַכער אָבער כסדרדיקער משופּעדיקייט באַרג־אַראָפּ. נאָכדעם אָבער האָט

דער וועג גענומען ווערן געפערלעך, מיט פלוצלינגדיקע באַרג־אַראָפּן און באַרג־אַרויפן, געדרייט אין ספּיראַלן, געשלענגלט, שווינדל־זיגזאַגס און אומענדלעך־טיפע תהומען לענגאויס דער סטעזשקע.

אמת טאַקע, אַז אין טיפן אָפּגרונט האָט זיך געזען אַ זעלטן־שיינער וואַלד פול מיט די וווּנדערלעכסטע הערלעכקייטן, פּראַכטפולע און גרויזאַמע סודות פון דער קרקע־בתולההדיקער ערד פון קדמונים אָן. די דראָענדיקע סכנה אָבער פון דער בלענדנדיקער בראשית־פּאַנאָראַמע אין אדמס גן־עדן געשטאַלט איז דאָרט געווען אַזוי גרויס, אַז די דופּטיקייט פון סאַמעט־גרינע לאַנדשאַפט מיט די קאָמ־פּאַקטע בלומענקוויטן זאָל נישט פאַרשכורן; אַז דער זעלטענער און פאַרשידנ־אַרטיקער אַראָמאַט וואָס שפּאַרט אַרויף פון דעם שלל צוויט, זאָל דעם וואַנ־דערער דער קאָפּ זיך נישט פאַרדרייען און זאָל חלילה נישט אַראָפּפאַלן אויף די שפּיצן פון דער צעכוואַליעטער גרינער גרינקייט מיט דער צעבליטער צוויטי־קייט. דער פּייזאַזש וואָס איז דורכגעוועבט מיט אומצאָליקע בלומען פון אַלע קלאַסן און קאָלירן, מאַכט דעם איינדרוק ווי דו וואָלסט געזען אַן אומענדלעך גרויסן בוקעט לעבעדיקע בלומען. דאָך איז די אימהדיקע ווילדעניש, וואָס צעשפּרייט זיך איבער דריי הונדערט מעטער נידעריקער פונעם וועג באַרג־אַרויף מיט איר גאַנצער פּחד־פ־לער גרוילקייט, מיר געוועזן אַנגענעם זיס, כשופדיק־זיס. די שרעקלעכע דופּטי־ק־יט, האָט זיך מיר געדאַכט, האָט אויף מיר געווירקט ווי אַן אַנגענעמער נאַרקאָ־טיק ביז איינצושלאָפן און זיך מער קיינמאָל נישט אויפצוכאַפּן...

קוקנדיק מיט מיין פעלד־שפּאַקטיוו אַראָפּ צום אָפּשיין פון יענער העלישער ליכטיקייט וואָס אינעם חלל, פול מיט אוראַנישע עלעקטריאָנען פון שטראַלנדיקע אַטאָמען פון בלענדאַ און גאַלענאַ־שטויב, האָט אַ זעלטענער מיראַזש אָפּגעשלאָגן פון אונטן אַרויף פון אַלע געוויקסן, פון די מינעראַלן אין די בערג, פון די ביי־מער, גראָזן און פלאַנצן, שוואָמען און מאָך. פון די שטורמישע טייכלעך מיט אַן אָפּגרונט פון קוועקזילבער, פון די מאַגנעטיזירטע ריטשקעס און אָזערעס, מילאָסן קאָלירן און פאַנטאַסטישע געשטאַלטן. אַלץ אַרום האָט, ווי אומציילעכע ברי־ליאַנטן, כשופדיק געווונקען און שימערירט, וואָס האָט גע‌מאַכט מחשבותן דעם שטוינענדיקן וואַנדערער, וועלכער קען נישט משיג זיין דעם בראשיתדיקן באַ־שעפער פון בראשית ברא, אפשר נאָך פאַר יענער עפּאָכע, ווען דער מענטש האָט נאָך נישט געוווּסט, אַז ער איז דער „בראשית‟ ברא פון צוקונפטיקן מענטש...

ווי דורך אַ כשוף האָט זיך פלוצלינג פאַרענדיקט דער „גוטער‟ וועג און מיר זענען אַרויף אויף אַ בלאָטיקער און גאָר שמאָליקער „כאַבאַלינאַ‟*) ־ סטעזש־קעלע, פול מיט שפּאַלטן און גריבער, אָנגעפילט מיט שליימיקע, שטייענדיקע וואַ־

*) סטעזשקע פון אַ ווילדער חזיר.

כערלעך, באַדעקט מיט אַ גרינעם שלייער פון זשאַבע־אייעלעך, אַנגעפּיקעוועט מיט „רענאַקואַכאַס"*) (שפּאַון אָף פראָגס), זשאַבעס און פּיאַוקעס. און ווי העל־גראָז־גרינע יאַשטשערקעס פול ביי די ברעגן, און אויף די צווייגן פון דיביימער, גרויסע און קליינע קאַמאַלעאָנען מיט ריזיקע קעפּ און געשוואָלענע העלדזער. איבער די פאַרעיפּושטע וואַסערלעך האָבן געראַיעט גאַנצע כמאַרעס בלוטדורשטיקע פליגן, זשוקעס און קאָמאַרעס מכל המינים, קאָלירן און גרויס.



דער קראָקאָדיל ווערט גלייך געבוירן
מיט אַן אָפענעם פּיסק צו פאַרצוקן

פון אַ סך צווייגן אויף די ביימער אַרום, וואָס צעשפּרייטן זייערע באַבלעטערטע צווייגן איבער אַזאַ מין פאַרעיפּושט שטייענדיק וואַסערל, פון די וואַסער־בלומען און אַלגאַ־פלאַנצן וואָס אין די אָזערקעלעך, זענען געהאָנגען מיט די פּילפּאַרביקע קעפּ און שמאַראַגדן־אויגן אַראָפּ אַלערליי מינים שלאַנגען, אַלע גיפטיקע און גע־טשאַטעוועט צו כאַפּן אַ יאַשטשערקעלע, אַ זשאַבקעלע, אַ וואַסער־פייגעלע, וואָס קומט פון די מרחקים נאָך אַ זשאַבקעלע, אַ פישעלע, אַ רענאַקואַכאַ. און נישט זעלטן האָט פון פאַרעיפּושטן, פאַרגרינטן וואַסער אַרויס, פּלוצלינג אַרויסגע־שטעקט אַ ריזיקער קראָקאָדיל־פּיסק און איינגעשלונגען אַ שלאַנג, וואָס האָט נאָר וואָס זיך געהאַט אַראָפּגעלאָזט פון אַ צווייג איבערן וואַסער און איינגעשלונגען אַ מעווע, וועלכע האָט איינגעשלונגען אַ זשאַבקעלע צי אַ גרין יאַשטשערקעלע, וועלכע האָט אויך נאָר וואָס איינגעשלונגען אַן אינזעקטעלע, אָדער אַן אומבאַהאָלפן רענאַקואַכאָלע, אַ שיין גאָלדן פישעלע, צי אַן אַנדער בעל־חי...

*) זשאַבע־לאַרווע.

אַזוי לעבט זיך דאָרטן אין יענעם טראָפּישן געװעזיס, איינס פון דאָס אַנדערע, דאָס שטאַרקערע, דאָס באַװאָפנטערע, כיטרע און פאַלשע לעבט רק פונעם שװאַ־כערן, פון דעם אומשולדיקן, פון דעם תמימותדיקן...

געװען זענען מאָמענטן פון עמאָציע, אַז איך האָב זיך לגמרי פאַרגעסן, איך האָב זיך שוין, הייסט עס, אַ ביסל צופיל „פאַרגאַפּיעט"*) און פאַרטראַכט אין יענער געװאַלדיקער אידיליע...

אַ פייף פון דער שרעקלעך סמיקער באַנאַראַקאַ־שלאַנג האָט מיך װאַך געמאַכט.

— באַלעבאָס! — האָט צו מיר אַ בייזן װאָרטשע געטון דער גראָב־בייכיקער פּעפּע, — װי איך זע, האָט איר פאַרגעסן, אַז איר שטייט לעבן אַ קליינער אָזערע, און אַז אין איר ליגט אַ קראָקאָדיל, מוז זי אוודאי זיין זייער טיף. איר האָט משמעות אויך פאַרגעסן, אַז אַרום אייך, איבער אייך און הינטער אייך איז די גאַנצע פּעריפעריע געפּאַקט מיט די געפערלעכסטע שונאים פונעם מענטש און פון אַלץ װאָס לעבט. איך װיל זאָגן, אַז איר שטייט לעבן די געפערלעכסטע מזי־קים. איר האָט, װייזט אויס, פאַרגעסן, אַז איר באַאָבאַכטעט שוין צופיל אזעלכע מינים נאַרישקייטן, און איר אידענטיפיצירט זיך, דאַכט מיר, מיט דער װילד־סטער נאַטור. אמת, פאַר מיר איז אייער באַװונדערן גאָטס באַשאַף, די פּאַטאָס װאָס איר נעמט אַראָפּ אין התפעלות, קיין מניעה נישט, אָבער פאַר אייך קען יאָ זיין אַ מיכשל. אַ מערכה, װאָס מיר שטייען אויף דער װאַך... אָבער טאָמער װערט איר דאָך געביסן פון אַ שלאַנג, עקדיש אָדער גיפטיקער פליג, און איר װעט אָװעקפגרן דאָ אין דזשונגל, אָן אַ גלח אָדער ראַבינאָ, פאַר װעמען איר זאָלט זיך מתודה זיין פאַרן טויט, װעט מען אונדז שפּעטער הענגען אפשר צוליב דעם. זענט איר דען אַ פאַרשער? האָט איר דען געלערנט אָט די זאַכן? אייך פּאַסט גיכער צו זיין אַ באָקסער אָדער גאָר אַ צירק־אַטלעט. יאָ, טאָמער פּגרט איר אונדז אָװעק דאָ אין װאַלד, װעט מען זיכער זאָגן, אַז מיר האָבן אייך אָװעקגע־הרגעט, כדי אייך צו באַרויבן...

— דער סאַבאַטיסט, זייער אַ װויל מענטשל טאַקע, קען אונדזער ערלעכ־קייט. אָבער ער האָט פאַר אייך גאַראַנטירט, אַז טאָמער װעלן מיר אייך נישט צושטעלן צו אים אַ לעבעדיקן, קען ער אונדז נאָך איבערגעבן דער מיליטערי־שער פּאָליציי, און דאַן — װיי צו אונדז!...

— איר װייסט דאָך, עס איז איצט קריגס־צושטאַנד צוליב דער נאַר װאָס גע־װעזענער רעװאָלוציע און די מיליטערישע קאָמאַנדע האָט די גאַנצע מאַכט, און מיר זענען נישט מער װי אָרעמע, באָרװעסע אינדיאַנער... װיי איז צו אונדז!...

יאָ, האָב איך אַ טראַכט געטון, איך מוז שפּאַנען װייטער!

---

*) פּאַרקוקט, פּוילישער אויסדרוק.

איך רייט שוין ווידער אויף מיין „ראָסינאַנטע“. מיינע חברים לויפן פאָראויס מיט די שווערע קלומיקעס, און דער בלאָטיק־משופּעריקער וועג ווערט וואָס אַ טראָט ווײַטער, אַלץ בלאָטיקער און גליטשיקער, ווייזט אויס, אַז נעכטן האָט דאָ גערעגנט. און אָט רעגנט שוין ווידער, און איך געפין מיך נאָך אַזוי ווייט פון אַ מענטש־לעכן, ציוויליזירטן ישוב... אַז אפילו מיין פערד האָט, ווייזט אויס, פאַרשטאַנען די סכנה, און האָט געשטעלט פאָרזיכטיקע טריט, מאַכנדיק אָט אַ גאָר גרויסן טריט, און אָט גאָר אַ קליינעם, דריבנעם טראָט. בלויז די דריי אינדיאַנער מיינע האָבן מאַרשירט, רויכערנדיק גראָבע בלעטער־ציגאַרן, און געלאָפן ווי שטומע אויטאָמאַטן, אָן דעם מינדסטן צייכן פון שרעק אָדער מידקייט. אַ גליק נאָר, וואָס דאָס מאָל האָט גערעגנט נישט מיטן געוויינלעכן שטורעם פון יענע מקומות, און מיר האָבן נאָך געהאַט צייט צוצושלעפּן זיך אַ שטיק פאַרנאַכט ביז צו אַ געוועזענער אונטערערדישער היים פון אַמאָליקע הייל־אינדיאַנער.

אין דער נעזועלשאַפט פון 32 מאַלפּעס

די פאַרלאָזענע הייל איז אַזוי ווי אַ בלינדער טונעל אויסגעהאַקט אין אַ זייט פון אַ שפּיץ באַרג, וואָס האָט די פאָרעם פון אַ טויטן מענטשלעכן קאָפּ מיט אַ וועלאָסיפּעדן־היטעלע מיט אַ גרויסן דאַשעק, וואָס פאַרשטעלט די צוויי שטיינער־נע אויגן־לעכער, וועלכע דינען פאַר אַן אַרויסגאַנג און אַריינגאַנג פון דער הייל. פון וויטן האָבן זיי טאַקע אויסגעזען ווי צוויי אויגנלעכער פון אַ טויטן שאַרבן.

נישט נאָר לויט דער רוסטיקייט (רוי, פּראָסט), נאָר אויך לויט דער טעכניק, וואָס איז פון די „פּרעהיסטאָרישע אינזשיניערן" אָנגעווענדט געוואָרן צו מאַכן דעם אינעווייניקסטן חלל, די הייל, און אויסער איר, בין איך געקומען צו דער מסקנא, אַז די הייל איז נישט קיין אַרבעט פון דער נאַטור, נאָר אַ מענטשלעכע, געמאַכט פון די ערשטע מענטשן, וואָס זענען געקומען אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט, אפשר מיט טויזנטער יאָרן פריער ווי עריק דער רויטער. איך בין זיך משער, אַז די הייל האָט אַמאָל אין די צייטן פון די גרויזאַמע אינדיאַנער־אויסראָטונגען דורך די זייער פרומע קאָנקיסטאַדאָרן געדינט די טעראָריזירטע אינדיאַנער אַלס באַהעל־טעניש. שפּעטער האָט זי אוודאי געדינט די געררודפטע מאַראַנען אַלס אַנטרינונג, און נאָך שפּעטער, ווי אַ נעסט פאַר די באַנדיטן און קאָנטראַבאַנדיסטן. מסתמא האָט זי אַמאָל געדינט אויך די יאַגוואַרן, וועלף און שלאַנגען.

געוויס האָט נישט איינמאָל פּאַסירט, אַז אַן אַנטרונענער פון דער אינקוויזי־ציע, וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין דער הייל, איז אויפגעפרעסן געוואָרן פון אַ חיה רעה...

מיינע פירער האָבן דערפון געוווסט, און היות מיר אַלע פיר זענען געווען גוט באַוואָפנט, האָבן מיר, זייענדיק נאָך איבער הונדערט מעטער וויט פון דעם מיסטעריעזן בונקער, געגומען רעדן שטאַרק הויך, כדי אַרויסצורופן „די", וואָס וואָלטן געווען אינעווייניק. איך האָב אָנגעשטעלט מיין פּריזמאַטיק, און נאָכדעם ווי איך האָב נישט געזען קיין שום פאַרדעכטיקן מענטשן אָדער חיה, האָב איך צוליב געטון מיינע חברים, און מיט מיינע „הייליקע שפּרוכן" אַרויסגעטריבן פון דער הייל אַלע בייזע רוחות, שדים און טייוואָלים, פאַרשאָלטענע און פאַר־וואַגלטע נשמות, וואָס וואָלטן געקענט דאָרט זיין. מיין שפּרוך איז געווען די

התקווה, וואָס איך האָב געזונגען מיט גרויס באַגייסטערונג, און אויך דאָס פּאָ־פּולערע ליד מאי קאָ משמע לן פון אברהם רייזען...

נאָכן אָפּזינגען די צוויי לידער, וואָס מײַנע אָבערגלויבישע יונגען האָבן אָנגענומען פאַר ספּיריטיסטישע געזאַנגען, אין דער שפּראַך פון די הייליקע גייס־טער, האָב איך אָנגעצונדן שטיקער קיניק האָלץ, און מיר זענען אַריין אין דער

די מיסטעריעזע פאַרלאָזענע הייל

חושכדיקער נאָרע, ווו מיר האָבן נישט געפונען קיין סימן פון אַ לעבעדיק נפש, וואָס זאָל דאָרט האָבן געוועזן אין משך פון די לעצטע חדשים. צום סוף האָבן די יונגען אָנגעהאַקט אַ ריזיקן בינט האָלץ און געמאַכט פייער. מיר זענען אַלע געווען דורכגענעצט ביז די ביינער, האָבן מיר זיך אויסגעטון אדם־נאַקעט און אויפגע־האָנגען די אָנטועכץ כדי עס זאָל זיך אויסטריקענען.

ס'איז שוין געווען אַ שטיק נאָך שקיעה, און אונדזערע מאָגנס האָבן גע־טאַנצט „באַטשיטשאַ", מחמת פון אינדערפרי אָן האָבן מיר כמעט גאָרנישט גע־געסן. איך האָב איבערגענומען דאָס קוכערשאַפט און צוגעגרייט אַ וועטשערע, ווי אחשורושעס משתה אין שושן הבירה. די אינדיאַנער האָבן אָנגעשניטן אַ סטויג גראָז און עס אַנידערגעוואָרפן אונטערן „דאַשעק", ווו מיין פערד איז געשטאַנען צוגעבונדן צום שטאַם פון אַ באַיאָרטן אייקאַליפּטן־בוים, וואָס איז געוואַקסן קעגנאיבער דער הייל, און זיך געריסן גלייך אַרויף צו די וואָלקנס.

ביז נאָך האַלבער נאַכט זענען מײַנע וואַנדער־קאָלעגן אויף געווען, און איך

האָב אויסגעהערט זייערע מעשיות, ליבעס, לעגענדעס און אַוואַנטורעס, ליגנס, העלדישקייט און מפּלות פון זייער נע־ונד לעבן...

פון נאָענט און פון ווייט האָט זיך געהערט דאָס קריגערישע ברומען, האַוקען און מיאַוקען פון די בייזע נאַכט־חיות. די רויב־פייגל האָבן מאָמענטנווייז פאַר־הילכט דעם הלל מיט זייער אויסטערלישער געקראַקערײַ אויף אַלערליי לשונות... שלאַנגען האָבן מיט זייער פייפן געעגבערט די אויערן. פון דער נאָענט, ממש אַ שפּאַן ווייט, האָט זיך געהערט אַ פּישטשע פון אַ פייגעלע, אַ פלאַטער פון שוואַ־כע פליגעלעך, און עס איז ווידער שטיל געוואָרן: אַ שלאַנג, אַ „קאַראַנטשאָ" (אַ מין רויב־פויגל) אָדער אפשר אַ בייזע וואַלד־קאַץ האָט עס איינגעשלונגען...

— אַך, גרויסער גאָט! אל רחום וחנון, ארך אפים ורב חסד ואמת! — האָב איך אין מיין התבודדות אַ טראַכט געטון, — נאָך וואָס האָסטו, אַלמעכטיקער גאָט, באַשאַפן אַזעלכע מינים בייזע און שטאַרק־באַוואָפנטע שונאים, וואָס מאָרדן אויס די שענסטע און ליבסטע באַשעפענישן פון דיין שעפערישן טראַכט?...

— עפּעס וועט געשען! — האָט אַ ברום געטון דער כמעט שוואַרצער דואַרטע.

— פאַרוואָס זאָגסטו עס, דואַרטע? — האָב איך אים געפרעגט.

— וואָס הייסט, פאַרוואָס? ווייל דאָס פערד האָט שוין פיר מאָל זיך אַ „צאָכע"*) געטון דעם הינטן אין אייקאַליפּטן־בוים, און פונקט אַזוי פיל מאָל האָט עס שוין געפּרוווט איבערבייסן דעם שטריק, מיט וועלכן עס איז צוגעבונדן, און אויך פונקט אַזוי פיל מאָל אַ הירזשע געטון. דאָס פערד קען נישט רעדן, האָט עס אַזוי אַרום אונדז געוואָלט מתרה זיין, אַז ס'וועט געשען עפּעס שרעקלעכס, עפּעס געוואַלדיקס. גאַנץ מעגלעך, אַז אין פיר שעה אַרום...

דואַרטע, אַנטאָניאָ און פּעפּע זענען אַנטשלאָפן געוואָרן ווי די „באַנקעס"**), און דער טראַפּיק אין דער ווילדערניש האָט גענומען באַווייזן וואָס ער קען אָפּטון. דאָס רעגנדל האָט זיך אַלץ מער צעצעבערט, די בליצן זענען געוואָרן אַלץ פייער־דיקער און זיגזאַגעדיקער, און עס האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן זיך אָנגעשטרענגט עמיצן פון אונדז צו טרעפן מיט אַ פייל. די דונערקראַכן זענען געוואָרן אַלץ פאַרטויבנדיקער. עס זענען געווען מאָמענטן, ווען עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז דער גאַנצער באַרג מיט דעם געדיכטן טויזנט־יעריקן וואַלד וועט זיך איינשיטן און מיר אַלע וועלן איינזינקען, אַזוי ווי קורח מיט דתן ואבירם אין דער מדבר...

דאָך בין איך אויך אַנטשלאָפן געוואָרן.

פאַרטאָג, נאָך אַ שרעקלעכן דונער־קנאַל, וואָס האָט געמאַכט ציטערן די גאַנצע הייל, האָבן מיר זיך אַלע אויפגעכאַפּט. דער רעגן האָט געפּלייצט ווי קאַ־

*) אַ רייב אָדער קראַץ, פּוילישער אוסידרוק.

**) סקאַראַבאַש.

טאַראַקטן, הימל און ערד זענען באַהאַפּטן געוואָרן דורכן מבול ווי אַ ים־טראַמבע, דער ציקלאָן־ווינט האָט געפּייפט, געיאָמערט און געוואָיעט מיט אַ טייוולאָנישן געפּילדער. פּלוצלינג זענען מיר איבערראַשט געוואָרן דורך אַן עקזאָטישן און ווילדן געקוויטשעריי, ווי פון מחנה געשמיסענע, געטריבענע קינדער, וועלכע האָבן אַלץ מער דערנענטערט זיך און לסוף אַריין צו אונדז אין הייל אַריין.

ביי דער שיין פון דעם שייטער, וואָס מיר האָבן געלאָזט ברענען, האָבן מיר, צו אונדזער שטוינען, דערזען צוועלף גרעסערע און אַ צען קלענערע מאַלפּעס, וועלכע האָבן געטראָגן אַרומגעקלאַמערט אַרום זיך צו איינציקע און צו צוויי פּיצעלעך מאַלפּעלעך, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן מיט זייערע הענטלעך און פיס־לעך אַרום זייערע טאַטעס און מאַמעס, גאַרנישט ערגער פון אונדזערע קליינינקע מענטשן־קינדערלעך אין אַ מאָמענט פון שרעק און אינסטינקטיווער פאַרצווייפ־לונג... אייניקע מאַלפּעס זענען געווען פרייע.

אַלע פיר האָבן מיר זיך געכאַפּט צום געווער, מחמת מיר האָבן געמיינט, אַז די מאַלפּעס זענען אונדז איבערגעפאַלן. זעענדיק אָבער, ווי זיי האָבן זיך גע־טוליעט איינס צו דער אַנדערער און געציטערט, פאַר שרעק צי פאַר קעלט, האָב איך מיט אַלע מיינע כּוחות און אויטאָריטעט קוים אָפּגעהאַלטן די צערייצטע אינדיאַנער, זיי זאָלן נישט אויסהרגענען די פרידלעכע און צום טויט־איבער־געשראָקענע מאַלפּעס.

נאָכדעם ערשט ווי די אינדיאַנער האָבן זיך באַרואיקט, האָט דוואַרטע מיך מתרה געווען, אַז „עפּעס" אויסערגעוויינלעכעס וועט אוודאי אין קורצן געשען, אויב די פּאַרזיכטיקע און כיטרע מאַלפּעס האָבן געוואַגט אַריינצוגיין אין דעם לאַבירינט, וואָס דינט זייער אָפּט אַלס באַהעלטעניש פאַר זייערע גרויזאַמ־סטע שונאים, די ווילדע חיות, שלאַנגען און מענטשן. און אַז די מאַלפּעס מיט נשמות פון פאַרשטאָרבענע מענטשן, וועלכע האָבן ביים לעבן שלעכטס געטון מיט וואָרט און טאַט זייערע חברים מיטמענטשן, זענען זעלטענע שטערנזעערס און גאָר פיינע פּאָרפילער. אגב מוזן זיין צווישן זיי איינע אָדער עטלעכע מאַלפּעס, וואָס זענען שוין געווען צווישן מענטשן. ערגעץ־ווו אין אַ צירק, זאָאָלאָגישן גאָרטן, אָדער אין אַ פּריוואַטער שטוב, וועלכע זענען צוריק אַנטלאָפן אין דזשונגל, ווו זיי לעבן זיך פריי און גליקלעך...

— ווייסט איר כאָטש, באַלעבאָס, וואָס אַזוינס פרייהייט איז? — האָט דער שוואַרצער דוואַרטע מיך אַ פרעג געטון און פילאָזאָפיש פאַרגעזעצט: — פרייהייט איז דאָס שענסטע און בעסטע, וואָס אַ בעל־חי קען האָבן... אַ שטיקל טרוקענע קאָרע צו גריזשען, אַביסל רויע שטשאַוו צו קייען און ווילדע טערפּקע עפּל צו עסן, נאָר אַז עס איז פאַראַן פרייהייט און פרידן דערצו, איז עס זיסער ווי דער געשמאַקסטער האָניק־לעקעך...

— זאָגסט דעם שענסטן אמת, דואַרטע. טוב פת חרבה ושלוה בה, מבית מלא זבחי ריב... האָט אונדזער גרויסער שלמה געזאָגט צו אונדז יידן, און דורך אונדז דער גאנצער וועלט, נאָך מיט איבער דריי טויזנט יאָר צוריק, — האָב איך געענט־פערט דעם פילאָזאָפישן אינדיאַנער.

עס האָט טאַקע נישט לאַנג געדויערט און עס איז שרעקלעך פינצטער גע־וואָרן. דער צעבערדיקער רעגן האָט פלוצלינג מיטאמאָל אויפגעהערט צו פליִצן, און אויך דער ליאַרעמדיקער ווינט איז שטיל געוואָרן. זעט אויס, דער סודות־דיקער „וואַליטשע״ (שד) פון יענע קדמונימדיקע דזשונגלס האָט איינגעהאלטן דעם אָטעם, בכדי אין אַ רגע אַרום נאָך דעם „וואָפנשטילשטאַנד״, פאַררעטעריש אַרויסצווייזן זיין אומבאַגרייפלעכן כוח, זיין געוואלדיקע מאַכט און שרעקלעכע אכזריות צו אַלץ, וואָס איז שוואַכער פון אים...

אין וויטן האָריזאָנט אויפן דרום־מזרח האָט אין בלוטיק־רויטן באַגין אַ זריחה־שטראַל זיך דורכגעבראָכן דורך דער שוואַרצער וואָלקן־מאַסע און א סטראַ־טעגישן גלאַנץ געטון צו אַלע און אַלץ, וואָס האָפט צו איר שאַרלעך־רויטן ליכט און כהרף־עין אויך אַזוי סטראַטעגיש פאַרשווונדן געוואָרן צווישן די הרי־חושך...

אין א צען מינוט אַרום נאָכן „וואָפנשטילשטאַנד״ האָט מיטאמאָל אויסגע־בראָכן אַ געוואַלדיקער „טראָמבאַ״*)־ווינט מיט אַזאַ שרעקלעכן דרייען אַרום זיך, אַז מיר האָט זיך געדאַכט, די ביימער און די בערג, די גאַנצע וועלט דרייט זיך אין דער קאָפּשווינדלערישער „קאַרוזעלע״, באַגלייט מיט אַן אויסטערלישן האָגל, אַז דער ברד מצרים מעג זיך באַהאַלטן קעגן אים...

אייניקע שטיקער האָגל זענען אפילו אַריינגעפלויגן אין דער הייל אַריין. זיי האָבן זיכער געמוזט וועגן אפשר מער ווי הונדערט גראַם א שטיק. אייניקע שטי־קער זענען געווען גרעסער פון אַ גענדזן איי...

און געפאַלן איז דער האָגל מיט אַזאַ מין געפילדער, מיט אַזאַ פאַרטויבנדי־קער געטראַסקעריי, ווי מיליאַנען פולעמיאָטן וואָלטן מיטאַמאָל גענומען באָמ־באַרדירן דעם כשופפולן און פרידלעכן וואַלד. און דאָס האָט געדויערט עפּעס מער ווי צען מינוט צייט.

מיין פערד, וועלכער איז געווען צוגעבונדן צום אייקאַליפּטן־בוים, וואָס האָט פאַר אים געדינט ווי אַ דאַך, האָט אָבער געהאַט געגוג שכל, אַז ווען דער שטורעם האָט אַרונטערגעטריבן אונטערן דאַך שטיקער האָגל, קלאַפּנדיק אים אין די פיס, זאָל ער פרווון באַהאַלטן דער עיקר דעם קאָפּ אין אָפענעם לאָך פון דעם אַריינגאַנג אין די הייל. ער האָט עס אָבער נישט געקענט טון, מחמת ער איז געווען צו הויך, און דאָס אַריינגאַנגס־לאָך איז נאָך דערצו געווען מיט אַ גאַנצן מעטער נידעריקער

*) ווירבלווינט.

פונעם פאַל פון פאַדערהויז, ד״ה פון דער אונטערשטער גאַלעריע ווו דאָס פערד איז געשטאַנען.

אין אַ מאָמענט, ווען דאָס פערד האָט איבערגעריסן דעם שטריק, מיט וועלכן עס איז געווען צוגעבונדן צום איקאַליפטן־בוים, און עס האָט זיך געדרייט און געזוכט ערגעץ־ווו אַרונטערצוקריכן און זיך צו באַשיצן קעגן די שטיקער האָגל, וועלכע האָבן עס מערדערלעך געקלאַפּט אין די פיס, האָט עס בעתן אויסדרייען זיך מיטן קאָפּ צום דרויסן, געקראַגן, ווי פון אַ ספּעציעל־געצילטן זאַלפּ, עטלעכע שטיקער האָגל גלייך אין מוח אַריין, און עס איז אומגעפאַלן ווי געטראָפן פון אַ בליץ...

נאָך דער פערדישער טראַגעדיע האָב איך דערזען ביי די מאַלפּעס שטריכן פון קלוגשאַפט און שכל, וואָס זענען, אין אַ געוויסער מאָס, נישט נידעריקער ווי ביים מענטש אין ענלעכע אומשטענדן: נאָכדעם ווי דאָס פערד האָט געקראָגן דעם טויטלעכן זעץ מיט די אויסטערלישע שטיקער האָגל און איז אומגעפאַלן, און די מאַלפּעס האָבן געזען, ווי דאָס פערד האָט געוואָרפן און געשליידערט מיט די פיס, בעת טויזנטער אַנדערע שטיקער האָגל האָבן עס באָמבאַרדירט, ביז עס איז איינגאַנצן שטייף געבליבן, האָבן די ייִנגערע מאַלפּעס מיט אַ יאָמערדיקן פּחד זיך אַרומגעקלאַמערט שטאַרקער און פעסטער אַרום זייערע מאַמעס און טאַטעס. זיי האָבן אַרויסגעלאָזט אַזעלכע האַרצרייסנדיקע קולות, פּונקט ווי זיי וואָלטן געוויינט. די נאָך צאַרטערע מאַלפּעלעך, די זויג־קינדער, האָבן אַריינגעכאַפּט אין זייערע מיילעכלעך זייערע מוטערס בריסטן, און מיט פאַרצווייפלונג געזויגן. די מאַמעס מיט די טאַטעס האָבן זיך צוזאַמענגעקוועטשט, און מיט זייערע לאַנגע האַריקע הענט זיך פאַרשטעלט די אויגן פאַר יעדן העפטיקן בליץ אָדער דונער און געמורמלט, ווי שעפּטשענדיק אַ תפילה... פּונקט ווי מיינע אבות, און איך זעלבסט אין מיינע פרומע יאָרן, פלעגן אין אַ גרויסער דונער־סכנה זאָגן אַ תפילה צום אַלמעכטיקן: „שכוחו וגבורתו מלא עולם" און שמע ישראל!...

די מאַלפּעס, פּונקט ווי אייניקע מענטשן ביים רעדן, האָבן געמאַכט משונהדיקע העוויות מיט זייערע לאַנגע הענט, ווי זיי וואָלטן דערציילט עפּעס שוידערלעכס, זייערע נאָך נישט דערפאַרענע קינדער...

און געדאַכט האָט זיך מיר, אַז אויך צו מיר רעדן די פאַרצווייפלטע מאַלפּעס־טאַטעס, און זיי ווייזן מיר אָן אויפן שרעקלעכן דרויסן, וואָס לויערט אויף זייערע צאַרטע קינדערלעך, ווען נישט וואָלטן זיי נישט איינגעשטעלט און נישט געקומען זיך באַהאַלטן אונטער אַ געמיינזאַמען דאַך מיט די צווייפיסיקע ברידער, די באַוואָפנטע פיר מענטשן: האָט דאָך דאַרווין געזאָגט, „אַז מיר מאַלפּעס זענען די אמתדיקע אורזיידעס פון די אורמענטשן, וואָס האָבן אַמאָל אויך געקלעטערט אויף די ביימער, פּונקט ווי מיר, מאַלפּעס, טוען עס ביז היינט"...

נאָכדעם, ווי דער האָגל־שטורעם איז אַריבער, איז די גרעסטע מאַלפּע, אַ זכר, אַרויס פון דער אַוואַנגאַרד־גרופּע פאָראויס, זיך אויפגעשטעלט אויף צוויי פיס אין זיין גאַנצער הויך, שיער נישט אַזוי הויך ווי אַ מיטלמעסיקער מענטש. ער האָט געמאַכט אַלערליי העוויות מיט די אויגן, מויל און הענט, געשאָקלט און געדרייט מיט זיין פלאַטשיקן קאָפּ אויף רעכטס און לינקס, געוווּנקען צו אונדז גאָרנישט ערגער, ווי אייניקע נאַפּאַליטאַנער און יידן, וועלכע האָבן אַ טבע צו שאָקלען מיטן קאָפּ און פאָכן מיט די הענט בשעתן רעדן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער זאָגט: „האָט איר, ברידער־מענטשן געזען דעם שרעקלעכן האָגל־שטורעם, ווי ער האָט עס אַוועקגעממיתט אַזאַ מין ריזיקן פערד, גרעסער ווי עוג מלך הבשן? היינט זשע, וואָס וואָלט געוואָרן פון אונדז מיט אונדזערע ווייבער און קינדער, ווען דער האָגל וואָלט חס וחלילה אונדז אַזוי איבערגעראַשט טיף אין דזשונגל אויף די שפּיצן און צווייגן פון די ביימער? אדרבה, זאָגט, וואָס וואָלט פון אונדזערע צאַרטע שוועלבעלעך געוואָרן, ווען זיי וואָלטן איבערגעראַשט געוואָרן אויף די ביימער דורך דער פּאַליע?...

נאָכן מאַלפּישן אָפּגאָראָכאָטשען איז ער מיט איין שפּרונג געווען ביים פערדישן בר־מינן, ער האָט ווידער געקוויטשעט, זיך געשאָקלט חסידיש און געדרייט מיטן קאָפּ, געפּאַכט מיט די לאַנגע האָריקע הענט, געשטשירעט און געקריצט מיט זיינע מעכטיקע ציין. ער האָט באַלד צוריק אַ שפּרונג געטון צום אָרט, וווּ ער איז פריער געשטאַנען, און ווידער געקוויטשעט און גאָראָכאָטשעט פּונקט ווי אַ שטומער מענטש, וועלכער וויל מיט זיינע נישט־אַרטיקולירטע קולות עפּעס זאָגן און קען נישט.

נאָך דער מאַלפּעס אַרויסשפּרינגען און אַריינשפּרינגען צוריק האָבן מיר מיט אונדזערע מעסערס און פּיסטוילן אין די הענט, זיך גענומען גיין צו דער עפענונג זען ווי עס זעט אויס דער דרויסן. די מאַלפּעס, דערזעענדיק אונדז דעפּילירן אַנטקעגן זיי מיט אונדזערע משונהדיקע מכשירים, האָבן זיך צוזאַמענגעשטופּט צו דער וואַנט אין ווינקל פון דער רעכטער זייט, נישט ווייט פון דעם אַרויסגאַנג.

די מאַמעס מיט די אַרומגעקלאַמערטע זויג־קינדער אין הינטערגרונט, און די טאַטעס פאָרנט מיט אויסגעשטשירעטע ציין, גרייט צו פאַרקויפן טייער זייערע לעבנס און זייער פרייהייט, אפשר מיט אַ סך מער מוט און ווערדע, מיט מער אַנטשלאָסנקייט און אָפּפערווייליקייט, ווי מענטשן־טאַטעס וואָלטן עס געטון פאַר זייערע ווייבער און קינדער, אָדער פאַר זייער אייגענער פרייהייט און לעבנס...

נישט אומזיסט האָט דער גרויסער שלמה געזאָגט: „לך אל נמלה, עצל, ראה דרכיה וחכם (גיי צו דער מוראַשקע, פוילער, זע אירע וועגן, וועסטו קלוג ווערן)“... יאָ, יאָ, האָב איך מיר געטראַכט: אפנים, אַז דער מענטש האָט נאָך אַ סך, זייער אַ סך צו לערנען ביי דער מאַלפּע, כדי ראוי צו זיין זיך צו רופן־מענטש...

ווייטער ווי ביז צו דער טויטן פערד האָבן מיר סיי ווי נישט געקענט צוגיין, ווייל דער רעגן, כאָטש אַ דריבנער, איז געווען אַזוי שאַרף, אַזוי אייז־קאַלט, אַז ווו נאָר ער האָט אָנגערירט, איז עס געווען ווי אַ שטאָך מיט אַן אייז־נאָדל, טאָקע צוליבן קאַלטן דרום־ווינט, וואָס האָט געבלאָזן מיט קראַפט פון די העכערע אייז־בערג.

אַ גרויל האָט מיך אַרומגעכאַפּט, ווען איך האָב אַ קוק געטון אויף מיין געהרגעט פערד און אויף מיין נאָענטן אַרום, ווי ווייט מיין אויג האָט נאָר געקענט דערגרייכן דורך דעם פלייצנדיקן רעגן: נאָכן צעלאָזן זיך פון דעם האָגל, וואָס איז פריער געלעגן אויפן פערדס קערפּער, האָב איך דערזען, אַז זיינע פיס ביז צו די קני, די גאַנצע רעכטע באַק און כמעט די גאַנצע רעכטע זייט פון דעם האַלדז אָן, וואָס איז געלעגן צו דעם דרויסן, איז געווען ווי אַראָפּגעקראַצט מיט אַ ריבאייזן. אין דעם פריער סאַמעטענעם וואַלד, דורכגעפלאָכטן און דורכגע־וועבט מיט מיליאָנען פילקאָלירטן צוויט און ביזן הימל הויכעביימער פול מיט פייגלשע נעסטן, באַדעקט מיט בלומען פון קלעטער־רויזן, יאַשמינען, נע־געלעך, ווילדע טרויבן, אָרקידייען, ליאַנאַ־קווייטן און העלעטשאָס, זענען גאָר



דער חורבן נאָכן שטורעם

אַן אַ שיעור ביימער געלעגן צעשטיקלטע ווי פון דינאַמיט אויפגעריסענע. אַ סך זענען געשטאַנען מיט די אויסגעריסענע וואָרצלען אַרויף און מיט די צווייגן אַראָפּ. און די שטאַרקערע, די וואָס זענען געבליבן שטיין, צווישן זיי דער הויכער טאָפּאָל און דער ריזיקער אייקאַליפּט, צו וועלכן מיין פערד איז געווען פריער צוגעבונדן, זענען געשטאַנען מיט אַראָפּגעריסענע הויטן און אָן איין בלעטל

אויף זייערע צווייגן, האָבן זיי אויסגעזען ווי אַ מחנה הרוגים, פון וועלכע אַ בלוט־דורשטיקער טיראַן האָט נאָר וואָס אַראָפּגעריסן דאָס פלייש, און האָט מיט דעם אָנגעשטאָפּט די מאָגנס ביי זיינע קאַניבאַלן־זעלנער. עס זענען בלויז פאַרבליבן די פאַרבלוטיקטע ביימער־סקעלעטן, מיט די ביינערדיקע סקעלעטן־אָרעמס מיט אויסגעצויגענע פליישלאָזע פינגער אַרויף, ווי אַ פּראָטעסט צום ליידיקן רוים, קעגן נשמהלאָזן האַגל־באָמבאַרדירער...

שטייען זיי, די מיליאָנען סקעלעטן־ביימער, ווי נאָך אַ שרעקלעכער און אכזריותדיקער שחיטה פון אַ גרויזאַמען שונא, וועלכער האָט מיט ברוטאַלער קראַפט אינוואַדירט דעם פרידלעכן און פרייהייט־ליבנדיקן וואַלד און צעשטערט אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געטראָפן אויף זיין בלוטיקן וועג.

צווישן די אַבסאָלוט־הויטלאָזע ביימער זענען געבליבן אָן אַ שיעור ווי פאַר־שטיינערטע סקעלעטן־ביימער מיט נאָך אין ערטער איבערגעבליבענע קאָרע־שטיקלעך, פון וועלכע עס האָט ווי פון ווונדן געטריפט פריש פלאַנצן־בלוט, צווישן אַ מענגע הרוגים־ביימער, אָנגעהויפנטע און איבערגעדעקטע מיט אַ ווייסן האַגל־ליילעך, און זיי האָבן אויף מיר געמאַכט אַן איינדרוק פון מיליאָנען מענ־טשישע טויטע גופים, איבערגעדעקטע מיט ווייסע תכריכים...

**
*

נאָכדעם ווי מיר זענען צוריק אַריין אין דער נאָרע, און זיך ווידער אַוועק־געזעצט יעדערער אויף זיין פריערדיקן אָרט, האָבן מיר זיך גענומען עפּעס עסן. די כאַפּטע אַלאַרמירטע מאַלפּעס האָבן משמעות פאַרשטאַנען אונדזערע פרידלע־כע כוונות. האָבן די מאַמעס תיכף אַראָפּגענומען פון די בייכער זייערע אַרומגע־קלאַמערטע זויג־קינדער, און זיי אַוועקגעזעצט לעבן זיך, צוהאַלטנדיק זיי פאַר די הענטלעך, אויערן אָדער סתם פאַר דער הויט. די פאַרשייטערע קינדער, די קונדייסים, שרייערס און צופּיל־זויגערס, האָבן געקראָגן פעטש אין די הינטנס און ווו עס האָט זיך נאָר געלאָזט. די טאַטעס ווידער מיט די אַ ביסל אונטער־געוואַקסענע זכרים־קינדער האָבן גענומען מאַכן אַלערליי אַקראָבאַטישע קונצ־שטיק.

דער קרעפטיקסטער און גרעסטער פון די זכרים, אַ מאַלפּע זייער ענלעך צו אַ שימפּאַנזע, ווייזט אויס אַ ראש אָדער אַ מנהיג, איז ווידער אַרויס פון דער ריי, שטאָלץ און פעסט צוגעגאַנגען ביזן אַרויסגאַנג פון דער הייל, דערגאַנגען ביזן ראַנד פון דער וועג, אַרומגעקוקט זיך אין אַלע זייטן, און דאַן ווי אַ גוט־אָנגע־בלאָזענע פּילקע צוריק אַריינגעשפּרונגען אין הייל אַריין. ער האָט גרילצנדיק און ווי לאַכנדיק עפּעס אַ גאָראָכאָטשע געטון. דאַן זענען פון דער גרופּע קונצמאַ־

כערס אַרויס נאָך דריי פון די גרעסערע מאַנסבילן, און אַלע פיר זענען זיי אַרויס פון דער הייל און אַנטרונען צווישן די חורבות פון דער געדיכטעניש.

איך האָב שטוינענדיק באַאָבאַכטעט אַלע מאַלפּישע פּאַזן: די זכרימס אַרויס־ריִפּערישקייט און אייפערזוכט, די נקבות אומבאַגרענעצטע מוטערלעכקייט און שעלמיש קאָקעטירן צו די בעסער אַנטוויקלטע זכרים. דאָס קינדערשע פּיעש־טשען זיך און טוליען זיך צו די מאַמעס און טאַטעס. איך האָב געפרעגט מיינע קאַמעראַדן, וואָס עס קען באַדייטן די פיר זכרימס אַנטלויפן אין וואַלד אַריין? — האָט דוֹאַרטע מיר געענטפערט, אַז אָדער זיי זענען אַרויסגעשפּרונגען אויסשפּירן עפּעס, אָדער זיי זענען געגאַנגען ברענגען עפּעס צום עסן פאַר די ווייבער און קינדער. נאָר טאָמער איז עס טאַקע דאָס לעצטע, איז עס אַ סימן, אַז אין קורצן וועט ווידער עפּעס געשען.

עס האָט לאַנג נישט געדויערט, און די מאַלפּעס־מרגלים זענען צוריקגעקו־מען און האָבן מיטגעבראַכט עטלעכע צווייגן, אָנגעפּיקעוועט מיט צייטיקע פייגן, מאַנדלען, וועלשענע ניס, טשירימאַיאַס און אַ צווייג מיט אַ צענדליק כמעט־צייטיקע קאַקאַאָ־ניס.

מיינע דריי שותפים, ווי נאָר זיי האָבן דערזען דעם שלל פּרוכטן, וואָס די פּירהענטיקע און האַלב־מענטשלעכע חיות האָבן מיט מסירת נפש אַריינגעבראַכט פאַר זייערע הונגעריקע ווייבער און קינדער, האָבן געוואָלט מאַכן אַן אכזריותדיקע הריגה איבער די פרידלעכע באַשעפעניש, כדי צוצוראַבעווען ביי זיי די געשמאַ־קע פּרות. עס האָט מיך געקאָסט אַן אוצר פון מאָראַלישע און לאָ־תרצח־אַרגו־מענטן, אָפּצוהאַלטן זיי פון דער רציחה. איך האָב זיי געראָטן זיי זאָלן פּרוון מיטן גוטן עפּעס קריגן ביי די גייציקע מאַלפּעס.

קיינער פון די דריי האָט נישט געקענט פועלן ביי זיך צוצוגיין צו די מאַל־פּעס. זיי האָבן געטענהט, אַז אין יעדער מאַלפּע זיצט די נשמה פון אַ בייזער מכשפה, אָדער אַזוי פון אַ נישט־גוטן, וואָס קען מזיקן. האָב איך אויף זיך גענומען די מיסיע, און איך בין, הגם מיט נישט ווייניק האַרצקלאַפּעניש, צוגע־גאַנגען נאָענט צו די מאַלפּעס, און איך האָב געמאַכט מיטן מויל אַזוי ווי איך וואָלט געגעסן די אייגענע צונג.

די מאַלפּעס האָבן אַפּנים פאַרשטאַנען, וואָס איך בין אויסן, און אַזוי ווי זיי וואָלטן געקענט ציילן, האָט דער עלטסטער זייערער, וואָס מיטן אויסזען פון אַ שימפּאַנזע, מיר צוגעוואָרפן פיר קאַקאַאָ־ניס און פיר צייטיקע טשירימאַיאַס, וועל־כע איך האָב מיט נצחון צוגעטראָגן צו אונדזער פּלאַץ.

איך האָב, אמת, מיטגענומען אין וועג אַריין אַ סך שפּייז, אפשר נאָך צופיל. אָבער אַ חוץ פליש. און די פליישפרעסערישע אינדיאַנער, כאָטש זיי האָבן געהאַט פון כל טוב, האָבן נישט פיל געטראַכט און אַנטאָניאָ האָט אַרויסגעשניטן פונעם

געהרגעטן פערד צוויי לאַנגע שטיקער פלייש, לענגאויס ביידע זייטן רוקנביין, בעת איך האָב געגרייט שטיקלעך האָלץ אויפצולעבן דאָס באַלד שוין אויסגעלאָשענע פייער.

ווען די תמימותדיקע מאַלפּעס האָבן דערזען דאָס פאַרשוועכטע טויטע פערד, האָבן זיי זיך צעקוויטשעט ווי אָפּגעבריטע, געשטשירעט און געקריצט מיט די ציין, און איינציקוויז, די ווייבער מיט די קינדער פאָראויס, זענען זיי אַרויסגעשפרונגען פון דער הייל, איבערלאָזנדיק זייער נישט־פאַרצערטע שפּייז.

נישט מער ווי עטלעכע מינוטן שפּעטער, נאָכדעם ווי די רעבעלירנדיקע מאַלפּעס האָבן פאַרלאָזט אונדזער געזעלשאַפט, און בעת עס האָט זיך נאָך נישט געהאַט פונאַנדערגעברענט דאָס פאַרנעצטע האָלץ, איז ווידער מוראדיק פאַרכמאַרעט געוואָרן און עס איז אימהדיק פינצטער געוואָרן. דער הימל־חלל איז ווידער אַלע רגע אויפגעריסן געוואָרן פון פאַרטויבנדיקע דונער־קראַכן און פייערדיקע בליצן האָבן ווידער געבלענדט מיינע מידע אויגן און האָבן אויף סעקונדן פאַרבליאַסקעט דעם שוואַרצן הימל־רוים. אַ קורצע ווײַלע שפּעטער איז ווידער אַראָפּגעפאַלן אַ מבולדיקער רעגן. צום גליק, האָט ער געדויערט נישט מער ווי אַ פּופצן מינוט צייט, און די פּרעכטיקע קאָסטאַריקער זון איז פּלוצלינג דערשינען פון צווישן די וואָלקנס, ווי אַן אַנטרונענע פון די הרי־חושך, און האָט זיך גענומען פאַרריכטן דאָס וואָס דער בייזער אוראַגאַן, האָגל און רעגן־שטורעם האָבן צעשטערט.

— איר ווייסט, באַלעבאָס, — האָט אָנגעפאַנגען דער גרויסבייכיקער פּעפּע, ווייזנדיק אַ מויל פאַרפוילטע ציין, צוליבן קיינמאָל נישט עסן קיין גרינס און נישט וואַשן דאָס מויל, — גאָט איז טאַקע אַ גוטער, ווי עס זאָגן די הייליקע גלחים און אַלע אַנדערע פרומע לייט. אַ סימן, אַז יויזל האָט זיך געלאָזט קרייציקן לעבעדיקערהייט צוליבן ווילזיין פון דער מענטשהייט. אַזוי זאָגן די גלחים, אָבער ווי איך פאַרשטיי, פּראָפּיטירן פון זיין קרייצונג און צוריק לעבעדיק ווערן, בלויז אַלע שלעק, אַלע די וואָס ווילן נישט אַרבעטן, אַלע די וואָס זיצן אויף יענעמס קאַרק און זויגן זיין בלוט... דער גאָט אונדזערער ווייסט אָבער נישט ווי צו פירן די וועלט, און טאַקע אַ סימן, ווייל ער האָט זיך געלאָזט קרייציקן... לויט מיין נאַרישער אינדיאַנער פאַרשטאַנד דיקטירט מיר, וואָלט איך, ווען איך זאָל באַגליקט ווערן צו ווערן אַ גאָט, קיינמאָל און פאַר קיין שום פאַל זיך נישט געלאָזט הרגענען... אַ חוץ דעם, וואָלט דאָך קיינער עס נישט געקענט טון אויך. אויף דערויף בין איך דאָך אַ גאָט. און ווי איך פאַרשטיי, איז דאָך גאָט נישט קיין פיגוראַטיווע פּערזאָן, נישט קיין אויסטראַכטעניש, נאָר אַ רעאַלע, אַזוי זאָגן דאָך די גלחים. גאָט איז דאָך דער באַשעפער פון אַלץ, אפילו פון דער זון און שטערן, לבנה און וואָלקנס און אַלץ

וואָס אין הימל, די ערד, טייכן און ימים. אַלץ וואָס דו זעסט און זעסט נישט, גאָט ווייסט אַלץ, אפילו יעדנס דענקען און די מינדסטע מחשבה. טאָ ווי איז עס מעגלעך, אַז אַ גאָט, וועלכער האָט אַזעלכע מינים קאָלאָסאַלע זאַכן באַשאַפן, זאָל זיך לאָזן הרגענען פון אַזוינע נישטיקע ווערימלעך ווי די מענטשן זענען?...

— און נאָכדעם ערשט ווען ער איז געטויט געוואָרן, אייער גאָט, האָט ער גענומען מאַכן אַלערליי מינים ווונדער ממש: ער איז, אויף צו להכעיס אַלעמען, געוואָרן צוריק לעבעדיק, גענומען היילן קראַנקע און באַווייזן ניסים איבער ניסים. טאָ זאָגט זשע טאַקע, פאַרוואָס האָט דער גאָט אייערער נישט אויפ־געטון די זעלבע ווונדער בעתן לעבן?...

— פאַרוואָס האָט אייער גאָט, אויב אַז ער איז טאַקע אַזוי הומאַניסטיש און אַלמעכטיק, דערלאָזט, אַז דער תמיד בייזער וואַליטשע זאָל צעשטערן דעם פּראַכט־פולן און דופטיקן שיינעם אָרום? און איצט, נאָך דער קאַטאַסטראָפע, שיקט ער אַרויס די זון צו היילן די פאַרוווּנדעטע ביימער, חיות, פייגל און בלומען? וואָלט דען נישט געווען גליכער צו הרגענען בלויז דעם וואַליטשע, וואָס מאַכט אָן אַזעלכע חורבנות און הריגות צווישן די ביימער און חיות? און איר ווייסט, באַלעבאָס, אַז דעם פערדס אומגליק האָט די מאַלפּעס געגעבן גליק? ווען נישט דער אַקצידענט מיטן פערד, וואָלט איך זיך נישט איינגעהאַלטן און געשאָסן עטלעכע מאַלפּעס, מחמת דער אינדיאַנער מוז האָבן פלייש צו מעלה גרהן, פונקט ווי דער יאַגואַר און די פּומאַ... נאָר אַזוי ווי עס איז פאַראַן אַזאַ געשמאַק פערדן־פלייש, ברויך מען נישט קיין מאַלפּע־פלייש... כי, כי, כי! נישט אַזוי, באַלעבאָס?...

הום, עס דערמאָנט מיך אין די אַמאָליקע קאַריבער מענטשן־פרעסער, יעדעס מאָל ווען איך עס אין אַ נויט מאַלפּע־פלייש. עס דאַכט זיך מיר דאַן, אַז איך בין אַ מערדער, אַן אַנטראָפּאָפאַג, אַ קאַניבאַל... — האָט דער כמעט־שוואַרצער און געשטופּלטער דואַרטע איבערגעשלאָגן דעם גרויסבייכיקן פּעפּע.

— רעדסט פון עבר, פון פאַרגאַנגענהייט, פון יושר און רחמנות, און אינעם עתיד, אין דער ליכטיקער צוקונפט האָסטו זיך אינגאַנצן פאַרגעסן. און ווייסטו, דואַרטע? דו ביסט צוויי קעגנגעזעצלעכע זאַכן אויף אַמאָל, וואָס זענען אייגנטלעך פיר: אַ שוטה־חכם און אַ תם־דענקער, אָדער פילאָזאָף!... רעד מיר פון היינט, פון גליקלעכן מאָרגן, פונעם עתיד, פון אַ רומפולער צוקונפט. וועל איך דיך אויסהערן. איך וואָלט אפילו דיין פּגירה אויך געגעסן, ווען איך זאָל נישט האָבן קיין אַנדער פלייש, אַ געשמאַקערס פון דיין סטשערוואָ!... — האָט מיט לצנות איבערגעשלאָגן דואַרטען דער האַלב־ווילדער קיבעצער אַנטאָניאָ.

— דו, אַנטאָניאָ, ביסט פון דיין מוטערס טראַכט אָן אַ ציניקער, אַ נשמה־לאָזער נפש, פונקט אַזוי ווי דער שרעקלעכער גייסט, דער וואַליטשע, אָדער דוענ־

דע מיט זיין האַרדע טייוואַלים, וואָס האָבן אַראָפּגעשיקט דעם מערדערלעכן האָגל, וועלכער האָט אָנגעמאַכט אַזוינע חורבנות אין אָט דעם בלומענפולן וואַלד. דו ביסט אַזאַ פאַרדאָרבענער נפש ווי די גייציקע קאַודיזשאָס, די מאָדערנע קאַציקס, וועלכע פאַרוויסטן דערפער און שטעט, הרגענען אויס יונג און אַלט, פרויען און אפילו זויג־קינדער, אַבי צו דערגרייכן מאַכט, רייכטום און רום... צוליב אַ ביסל נאַריש גאָלד, וואָס איז אינדראַאמתן גאָרנישט ווערט, ווילן די „שפּאַר־בערס", די בלוטיקע קאַודיזשאָס, אונטערדריקן און פאַרשקלאָפן אַ וועלט אַ גאַנ־צע... דער עם־הארץ, וואָס איז אָבער אַ חוצפּהניק, אַן אומפאַרשעמטער, פאַר־נעמט אָפּטמאָל דעם פּאָסטן, דעם אויבנאָן, וואָס געהער צו דעם געלערנטן, דעם וויסנשאַפטלער, וועלכער ווערט דערנידעריקט און אַראָפּגעוואָרפן, אָדער אונטער־געוואָרפן דעם איגנאָראַנט, דעם אומפאַרשעמטן עם־הארץ... יאָ, די עזות־פּנימער זיגן אָפּטמאָל און פאַרשקלאָפן אַ וועלט אַ גאַנצע, וואָס איז פון גאָט, פון יענעם שיינעם און גרויסן גאָט, וועגן וועלכן דער סאַבאַטיסט דערציילט מיר תמיד, וועלכער האָט זי באַשאַפן פאַר אַלע מענטשן גלייך... — האָט מיט ווירדע און פאַרדרוס געענטפערט דער שוואַרצער דואַרטע.

אַזייגער דריי נאָכמיטאָג האָב איך פאַראָרדנט מאַרשירן, טראָץ דעם וואָס מיינע שותפים האָבן אָנגעוויזן, אַז עס איז אַ געפאַר זיך צו נעמען אַראָפּקלע־טערן פון דעם גליטשיקן באַרג באַלד נאָך דעם רעגן. איך האָב אָנגעוויזן, אַז מיר דאַרפן מאַרשירן צוליב דער מורא, אַז עס קען קומען אַ נייער האָגל אָדער מבולדיקער רעגן. הגם זיי האָבן פאַרזיכערט, אַז נישט דעם טאָג און נישט מאָרגן וועט שוין רעגענען. איך האָב אָבער נישט געוואָלט הערן זייערע עצות און גע־הייסן גיין מיט אַלע פּעק, צווישן זיי אויך דער זאַטל פון מיין געהרגעט פערד.

— אַז איך הייס גיין, איז געגאַנגען! — האָט זיך אין מיר אָנגעצונדן מיין ווילגעבוירענע פראַנצויזישע בירגערשאַפט. — וואָס ווייסן זיי, די אומוויסנ־דיקע אינדיאַנער?...

מיר זענען אָבער קוים אָפּגעגאַנגען אַ צוויי קילאָמעטער, און מיר האָבן זיך געמוזט צוריק אומקערן צום „גוב אריות", ווייל די סטעזשקע איז געווען אַזוי בלאָטיק און גליטשיק, אַז מיר זענען עטלעכע מאָל שיער נישט אַראָפּגעפאַלן אין אָפּגרונט. דער הייסבלוטיקער אַנטאָניאָ איז דריי מאָל געפאַלן, און שיער זיך נישט צעבראָכן האַלדז און נאַקן. און וואָס ווייטער אַ שפּאַן אַלץ ווייטיקלע־כער איז געוואָרן אויף אַזוי פיל, אַז אין איין פלאַץ בין איך מיט מיין וואַליזע פון עטלעכע און פערציק קילאָגראַם אויף די פּלייצעס איינגעזונקען אין אַ זומפּ ביז איבערן גאַרטל.

גאַנצע פינף שעה צייט האָבן פאַרנומען די צוויי קילאָמעטער גאַנג הין און

צוריק. און אַז מיר זענען בשלום צוריק אַריין אין דער הויכער אונטערערדישער הייל, איז שוין געווען אַ שטיק נאָך שקיעה, אָבער מיט אַ זעלטן־אויסגעשטערנטן הימל און מיט אַ פולער לויטערער לבנה, וואָס האָט אין סאַמעטענעם העל־בלויען הימל־צעלט אויסגעזען ווי אַ גרויסער שניי־באָל און האָט געוואָרפן מיט שפּע גאַנצע סנאָפּעס זילבערשיין, פאַרוואַנדלנדיק אַלץ אונטער זיך אין לויטער זיל־בער.

אַ דיאַלאָג צווישן דוואַרטע און אַנטאָניאָ

— אַזוי, אַזוי, באַלעבאָס, — האָט דוואַרטע נאָך אַ פּײַנלעכן שווײַגן גענומען רעדן: — אַלע ווײַסע זענען, ווי מיר דאַכט, פון זעלבן לײם געקנאָטן! אויך איר זענט נישט בעסער, כאָטש איר שײַנט צו זײַן אַנדערש, מענטשלעכער, פאַרנופּטיקער און מיטפילנדיקער. אָבער דאָך, האַלט איר אויך דעם אינדיאַנער, דעם געבירטיקן ברוינהויטיקן, ווי מיר דאַכט, פאַר אַן אַנדערן, פאַר אַ נידעריקערער באַשעפעניש, נישט ווי דעם ווײַסן, איבערהויפּט דעם בלאָנדן און בלוי־אויגיקן ווי איר און אײַער גלײַכן זענען...

— וואָלטן „ווײַסע מחבלים” אויף אונדזער אָרט אײַך געראָטן נישט צו מאַכן דעם לעצטנס דורכגעמאַכטן וועג, וואָלט איר זיי זיכער געפאָלגט. אָבער דערפאַר וואָס מיר זענען אינדיאַנער, זענט איר עקסטרעם מקפּיד אויף אַלע אונדזערע באַוועגונגען. דערפאַר טאַקע האָט איר נישט געוואָלט אָננעמען אונדזער עצה, און ווי אַן אמתער דיקטאַטאָר, אַ נשמהלאָזער תּקיף, באַפוילן צו גײן, און מיר האָבן, ווי געהאָרכזאַמע אײזלען, געפאָלגט און געגאַנגען אין זומפּיקן וועג הין און צוריק.

— אמת טאַקע, אַז מיר זענען נישט מער ווי באָדנלאָזע און רעכטלאָזע אינדיאַנער, אמת טאַקע, אַז מיר זענען פאַרווילדעוועטע עם־הארצים, אָבער מיר זענען זײַער פּילבאַרע מענטשן. און ווייסט איר, פאַרוואָס מיר זענען אַזעלכע עם־הארצים? ווײַל מ׳דערלאָזט אונדז נישט זיך צו בילדן, ווײַל אײַערע ווײַסע מיט מאָגנס פון הײַפּיש ווילט זיך אַזוי. עס לוינט זיך אײַערע ווײַסע טײַוואָלים, מיר זאָלן זײַן אומוויסנדיק, פאַרדאָרבן און דעגענערירט. עס לוינט זיך אײַערע ווײַסע מיט נשמות פון אַ שוואַרצן „אורובו”*), שוואַרצער ווי אַסאַבאַטשע, כדי זיי זאָלן אונדז קענען בעסער עקספּלואַטירן. וואָס מער דער אינדיאַנער איז אומוויסנדיק, אַלץ בעסער קענען זיי אים פאַרשקלאַפן און אַרויסציִען דעם מאַרך פון זײַנע ביינער. צוזאַמען מיט דעם לעצטן טראָפּן פון זײַן מענטשלעכער ווערדע. דערלײגט דיר דער רײַכער פאַבריקאַנט, סוחר, צי גוטבאַזיצער, אַ סענט אויפן טאָג,

---

*) אַזאַ מין ריזיקע קראָ.

ווערט די סחורה באַלד טייערער אויף גאַנצע הונדערט פּראָצענט. מיר זענען טאַקע אינדיאַנער, אָבער דאָך מענטשן, און דערצו נאַטור־קינדער. דאָס וואָס מיר האָבן נישט געלערנט אין די שולן, דערקענען מיר מיט אונדזערע אויגן, מיט אונדזער געהער, אינעם טאַקט פון אונדזערע פינגער, מיט אונדזער חוש־הריח, פּונקט ווי די מאַלפּעס, מוראַשקעס און בינען. אין אַ סך הינזיכטן זענען מיר בעסערע אַסטראָנאָמען ווי אייערע געלערנטע...

— יאָ, נישט אמת, אַנטאָניאָ? די ווייסע מאַכטהאָבער זאָגן, אַז מיר זענען שכורים און דעגענערירטע אויסוווּרפן! אָבער פון וועמען האָבן די אינדיאַנער זיך אויסגעלערנט צו שכורן, אויב נישט פון די ווייסע? האָבן דען נישט די שפּאַנישע דעראָבערער אויסגעלערנט די אינדיאַנער צו ווערן שכורים, היפּאָקריטן און אויסוווּרפן? מען רופט אונדז פאַררעטער, רוצחים און גנבים. ווען אפילו דאָס זאָל זיין אמת, ווער איז שולדיק? זענען דען פאַראַן ערגערע אויסוווּרפן און פאַררעטער, ווי די קאָנקיסטאַדאָרן זענען געווען זיי זענען דאָך געווען די ערשטע אין דעם העמיספער, פון וועמען דער אינדיאַנער האָט זיך אַראָפּגענומען אַ ביישפּיל... זיי, אייערע ווייסע ציוויליזירטע קאַניבאַלן און שוויס־זויפערס, האָבן נאָך פון דער אינוואַזיע־צייט און הייליקע אינקוויזיציע, אויטאָ־דעפעס, מיטן קרייץ אין דער לינקער האַנט און מיט אַ שאַרפער שווערד אין דער רעכטער, צוגענומעןביי אונדזערע אבות אַלץ: די טייכן, פעלדער, בערג, וועלדער און אַלץ וואָס די געטער האָבן פון קדמונים אָן זאָרגפעליק באַהאַלטן אין דער שויס פון מאַמע־ערד. אַלץ האָבן זיי ביי אונדז צוגענומען. אפילו דאָס ביסל ליבשאַפט, בושה און טרייהייט פון אונדזערע ווייבער און די צניעות פון אונדזערע טעכטער. אָבער אונדזער אינסטינקטיוון פאַרשטאַנד, אונדזער געוויסן, האַס און נקמה־געפיל צו אונדזערע באַדריקער האָבן זיי, אפילו מיט די גרויזאַמסטע אינקוויזיציעס, נישט באַהערשט...

— זייט אָבער רואיק, באַלעבאָס! מיר זענען טאַקע באָרוועסע און ביז גאָר אָרעמע אינדיאַנער. מירן אייך אָבער קיין שום בייזס נישט טון. איר זענט דאָך אַ ביסעלע אַנדערש פון אַלע ווייסע שלעק, מיט וועלכע מיר זענען געקומען אין באַרירונג. איר זענט דאָך ווערט, מ׳זאָל אייך שעצן און פאָלגן, כאָטש בלויז דערפאַר וואָס איר עסט מיט אונדז פון איין טעפּל, און טרינקט אַ שלונג און נאָך אַ שלונג משקה אָן עקל פון דער זעלבער פלאַש, וואָס מיר שניאָקן, פון מאָרדע צו מאָרדע, און פון פלאַש גלייך אין מאָגן אַריין...

— אַלע אַנדערע ווייסע רעדן תמיד פון גלייכהייט, פרייהייט, ליבשאַפט און ברידערשאַפט. די הימנען זייערע, זייערע פּאָעטישע לויב־געזאַנגען און די געשריבענע קאָנסטיטוציעס זענען ווי דער שענסטער צוויט אין אַ בלומענטאָל, דורכגעוועבט מיט די פאַרגונפּטיקסטע און דערהויבנסטע פראַזן, אַ באַשאַף פון

אמתע גרויסע גייסטער, פון אמתע פּאַטריאָטן פון דער פּאַרפאָלגטער און פרייהייט־ליבנדיקער מענטשהייט... אָבער די נאָכפאָלגער זייערע, ווען עס קומט צי עפּעס ממשותדיקעס, ד״ה צום אויספאָלגן די צען געבאָט פון דער הייליקער קאָנסטיטוציע און הימן, ווערן די נעכטיקע פרעדיקער און אויפפאָדערער, אַז אַלע זאָלן פאָלגן וואָס אין הימן און קאָנסטיטוציע שטייט געשריבן — די גרעסטע קעגנער. מאָמענטנווייז דאַכט זיך מיר, אַז אָט די פאַלשע פּאַטריאָטן וואָלטן איינער דעם צווייטן אויך דורס געווען צוליב רום, רייכטום און מאַכט. דער זעלבער קלאַס מענטשן האָבן עס געמאַכט די שחיטות איבער טויזנטער און הונדערטער טויזנטער אינדיאַנער, כדי בעסער געפעלן צו ווערן אַ דאָניאַ קאַרמענסיטאַ, אַ דאָניאַ קאָנסעפּסיאָן און אַ דאָניאַ דאָלאָרעס.

— ניין, ניין, אַנטאָניאָ, לאַך נישט אַזוי פרעך, אַנטאָניאָ! מיין נישט, אַז איך בין מסכים מיט דיין צינישקייט! ניין! דו, אַנטאָניאָ, ביסט אַ געבוירענער שוטה! איך וויל פרייהייט, גלייכהייט און ברידערשאַפט פאַר אַלע גוטע און ערלעכע מענטשן, פאַר די אינדיאַנער און פאַר די ווייסע. אדרבה, מעג זיין פון אַ דוענדע (טייוול) אַבי צום גוטן פאַר אַלע גוטע מענטשן. איך פאַרשטיי אָבער, אַז דער דריילינג־אידעאַל־פרייהייט, גלייכהייט און ברודערשאַפט, ווי יענער קאָלאָמביאַנער סאָציאַליסט האָט אין אונדז אַריינגעטראָמייטערט צען מאָל אין טאָג, די גאַנצע צייט וואָס מיר זענען געווען מיט אים אין געפענגעניש, דאַרף און מוז זיין אַ ממשותדיקייט נישט בלויז אין דער טעאָריע, נייערט אויך אין דער פּראַקטישערווירקלעכקייט, און טאַקע וואָס שנעלער: גלייכהייט, פרייהייט און ברודערשאַפט פאַר אַלעמען גלייך, פאַר אונדז אינדיאַנער אויך...

— און איצט, אַז איך ווייס שוין יאָ, וואָס איזראַעליטאַ איז: אַז איזראַעליטאַ און כודיאָ, אָדער העבּרעאָ, איז איינס און דאָס זעלבע, איצט נאָכדעם, ווי דער גוטער סאַבּאַטיסט האָט אונדז אויפגעקלערט, פאַרוואָס די שלעכטע מענטשן רעדן אויס אַלדאָס בייז, וואָס זיי אַליין טוען, אויף די יידנס חשבון, וועל איך דיך פרעגן, אַנטאָניאָ, איז דען נישט פאַראַן אַ פאַטאַלע ענלעכקייט צווישן אינדיאַנישן שיקזאַל און דעם יידישן?...

— איך ווייס דאָס אַלץ, באַלעבאָס, ווייל דער עוואַנגעלישער סאַבּאַטיסט, דער פרומער באַלעבאָס פון דעם האָטעל, ווו איר שטייט איין, האָט מיר דערציילט אַ סך, גאָר אַ סך אינטערעסאַנטע געשיכטעס און עפּיזאָדן פון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג, ווו דאָס יידישע פאָלק האָט געשפילט איינס פון די אינטערעסאַנטסטע אינסטרומענטן פון מענטשלעכן אָרקעסטער: „זיין זון־אויפגאַנג און אונטערגאַנג“...

— דו אַנטאָניאָ, האָסט דאָך אויך געהערט די געשיכטעס, וואָס דער קאָלאָמביאַנער סאָציאַליסט מיט דער קוטשמע געקרויזלטע האָר און דער סאַבּאַטיסט

פלעגן דערציילן אָדער לייענען. איז דען נישט פאַראַן אַן ענלעכקייט צווישן יידישן און אינדיאַנישן אומגליק? די אַלע לענדערייען זענען דאָך פון אונדזערע אינדיאַנער־עלטערן. טאָ פאַרוואָס זאָלן עטלעכע שפּאַניער, ענגלענדער, דייטשן און פראַנצויזן האָבן די גאַנצע ערד פון אונדזער לאַנד, און מיר, אינדיאַנער האָרעפּאַשניקעס, וואָס מאַכן פעט די ערד מיט אונדזער שווייס און בלוט, זאָלן זיין רעכטלאָז צו באַזיצן אַ שטיקל ערד, כאָטש אַ שטיקעלע ערד אויף איינצוזעצן אַ ציבעלקעלע, אַ קנאָבעלע, אַ מאַנדיאָקעלע און קוקורוזעלע? ווי איז צו אונדז, אייביקע נע־ונדניקעס!... פונקט אַזאַ ווי דער יידישער מזל, און דערצו נאָך פאַרפאָלגט פון יעדן פאַרזשאַווערטן קנאָפּ...

— מאַסן־שחיטות האָבן די שפּאַנישע דעראָבערער געמאַכט איבער די אינדיאַנער באַפעלקערונג אין נאָמען פון אַ גאָט, וואָס קען זיך אַליין נישט העלפן. און אין נאָמען פון דעם זעלבן גאָט פון ליבשאַפט, גערעכטיקייט און רחמנות האָבן זיי אומגעבראַכט אונדזער אַלטוואַרג דורך פייער און שווערד, דורך די בייזע וועלף־הינט, תליות און קוילן. און די יוגנט — ביי דער שרעקלעכער עבודת־פרך.

— לאַכסט שוין ווידער, אַנטאָניאָ? זאָג אדרבה, זאָג, ווילדער שנעק, דו, וואָס גייסט אויפן וועג צו ווערן אַ קאַציק, און אפשר אויך מיט דער צייט ווערן אַ „קנאָפּ“ מיט אַלע „קנעפּ“ צוגלייך, מיט אַ „רעבענקע“*) אין האַנט אונדז צו שמייסן, אין נאָמען פון אַ גלאַנציקערן קנאָפּ פון דיינעם. זאָג, וועסט אונדז שמייסן? מיר דאַכט, אַז יאָ, אַז דו וועסט אונדז שמייסן אין נאָמען פון אַ „ווייטן געזעץ“, קאַפּיטאַליסטישער מאָראַל, קראָקאָדילישער רחמנות און יושר פון אַ סאַמבאָ סערזשאַנט...

— דערווייל אָבער, אַנטאָניאָ, ביסטו נאָך אַן אונדזעריקער, אונדזערס גלייכן, פרעג איך דיך: זענען מיר, אינדיאַנער, קיין מענטשן נישט?... אמת, מיר זענען ברוינהויטיקע, אפשר צופיל ברוין, אָבער לויפט דען נישט קיין בלוט אין אונדזערע אָדערן? רויט בלוט, פונקט אַזאַ ווי ביים ווייסן? זענען מיר דען נישט געבוירן געוואָרן פון אַ פרוי, צו די ניין מאָנאַטן שוואַנגערשאַפט, מיט אַלע אַלטערנאַטיוון, פונקט ווי די ווייסע?... ווען מען שטעכט, צי מען ברענט מיין לייב, טוט דען מיר ווינציקער וויי, ווי מען זאָל די זעלבע ענויים אָנטון אַן עכטן ווייסן מענטש?... און די ווייסע און אַנדערע קאָלירטע תלינים, וועלכע האָבן זיך אָנגעזויפן מיט אונדזער בלוט און שווייס, שטאַרבן זיי דען נישט פונקט אַזוי ווי מיר, די פאַרפאָלגטע אינדיאַנער?...

— נו, אדרבה, זאָג, אַנטאָניאָ, דו וואָס דו שמטט פאַרן קליגסטן און גע־

---

*) אַזאַ מין קאַנטשיק ווי די קאָזאַצקע נאַהייקע.

לערנטסטן צווישן אונדז, כאָטש איך האָב אַן אַנדער מיינונג וועגן דעם: דריי גראַדן איז קיין בילדונג נישט, נאָר חוצפּה, אומפאַרשעמטקייט און חניפה האָסטו איבערגענומען!... ווי אַזוי די זאַך זאָל נישט זיין, ביסט געגאַנגען אין אַ שול און זיך אָנגעזאַפּט מיט דער ציוויליזאַציע פון יענער סביבה פון דיינע שול־קאָלעגן און לערער. זאָג, איז עס גוט אַזוי? דער ווייטיק איז נאָך גרעסער, ווען דער וואָס שמייסט דיך איז אויך אַן אינדיאַנער? דערפאַר טאַקע שרייט דאָך אַזוי דער שטאָל, ווען מען קלאַפּט אים, ווייל די קאָוואַדלע, דער האַמער און די צוואַנג צום שמידן דעם שטאָל און דאָס אייזן זענען אויך פון דעם זעלבן שטאָל און אייזן...

— כאַ, כאַ, כאַ! האָסטו זיך עפּעס היינט אַזוי צעהאַווקעט און צעוואָיעט ווי אַ פאַרליבטער הונט צו דער פולער לבנה? וואָס איז דיר היינט אַזוינס געשען, די שוואַרצער און געשטופּלטער טרוימער? — האָט דוואַרטען איבערגעשלאָגן דער ציניקער אַנטאָניאָ. — האָסט תחילת זיך פאַרטשעפּעט מיט אונדזער שותף און האָסט אויסגעלאָזט דיין כעס צו מיר, וואָס איך בין גאָט די נשמה שולדיק... הער, דוואַרטע, אַלע ווייסן, אַז דו ביסט אַ רעבעל און אַ שטיק דענקער. די דייטשן פון שטאָט און עסטאַנסיאַ רופן דיך: „דער שוואַרצער לאַסאַל“. און דערפאַר טאַקע ווערסטו מער פאַרפאָלגט ווי איך מיט פּעפּען. איך האָב מיך נאָכגעפרעגט, ווער עס איז געווען דער ווייסער לאַסאַל, האָבן די דייטשע מאַגנאַטן מיר געזאָגט, אַז ער איז געווען זייער אַ ביטערער מענטש, וועלכער איז געגאַנגען קעגן דער מאַכט און קעגן געזעץ... אגב, ווייסטו דאָך, אַז איך בין אַ שטיקל צייט געווען היינטער די קראַטעס, און אַ דאַנק מיין גוטער אויפפירונג בין איך אַרויס מיט גאַנצע ביינער... אפילו אין געפענקעניש בין איך געווען אַ גאַנצער מאַכער... די מאַכט ווייסט, אַז דו קענסט און ווייסט צופיל. דערפאַר האָבן דיך אַלע פיינט, מחמת די רייכע לייט, ווי די מאַכטהאָבער, פאַרשטייען, אַז דו קוקסט אויף זיי מיט ביטול און פאַראַכטונג; דאַן ווען דו ווייסט גוט, אַז די רייכע לייט, פונקט ווי אַלע מאַכטהאָבער, האָבן ליב חניפה און אונטערטעניקייט... ווען דו ביסט אין אַ געזעלשאַפט און האָסט צו טון מיט אַן עלטסטן, וואָס איז דערצו נאָך אַ מיוחס, זאָלסטו קיינמאָל אים נישט אַנטקעגנרעדן צווישן מענטשן, כל זמן דו ביסט אַליין נישט אויפן זאָטל... ווען דו זאָלסט אַזוי זיין, וואָלסטו מיט דיין וויסן און פאַרשטאַנד געקענט ווערן אַ שני־למלך, ווען נישט, כאָטש אַ גרויסער גביר. ביסטו אָבער, דוואַרטע, נישט קיין פּאָליטיקער און נישט קיין דיפּלאָמאַט, און דאָס איז דיין אומגליק! דערפאַר קענסטו זיך קיינמאָל און צו קיינעם נישט צופּאַסן. דער פּאָליטיקער זאָגט באָם, ווען עס לוינט אים בעסער. דער דיפּלאָמאַט זאָגט קיינמאָל נישט וואָס ער דענקט, נאָר ער דענקט און טראַכט וואָס ער זאָגט... דער פּאָליטיקער איז פּונקט ווי דער ראַץ, וואָס איז פול אין אַלע לעכער: אין אַ מיל ווי אין אַ רעסטאָראַן, אין אַ שיף אין ערשטן קלאַס, ווי אין פערטן און אין די

שיפּקעלערן, אין די לוקסוסדיקע עסצימערן, פּונקט ווי אין די פּאַרעיפּושטע בית־כּסאס, אַלץ לויט די אומשטענדן. טיילמאָל מוז דער פּאָליטיקער אָננעמען אַלערליי געשטאַלטן פּונקט ווי דער כאַמעלעאָן, זיך צופּאַסן צו די מענטשן, זאַכן און אומשטענדן, פון וועלכע ער קען פּראָפּיטירן... פאַרשטאַנען? דער פּאָלי־טיקער, פּונקט ווי דער דיפּלאָמאַט וועלן קיינמאָל נישט טון קיין זאַך און נישט זאָגן אָן דער פּאַראויסיקער באַטראַכטונג, צי עס לוינט זיך אָדער נישט פאַר זייערע פּערזענלעכע אינטערעסן, וואָס ער קען פון דעם געניסן... פאַרשטאַנען? מיך, זעסטו, טשעפּעט מען נישט מער און איך קריג אַלע מאָל אַן אַנדער דזשאָב, און בין תּמיד דאָס אויבערשטע פון שטויסל צווישן די אָרעמע ווי צווישן די רייכע, און אפילו צווישן די הויכגעלערנטע, לויט ווי איך גיי אָנגעטון. הגם איך האָב אפילו קיין הונדערטסטל חלק וויסן פון דיר. און דאָס איז, ווייל איך בין אַ פּאָליטיקער, מיט אַ שטאַרקער אינטואיציע־קראַפט און קען די דיפּלאָ־מאַטישע שפּראַך... די אינדיאַנער פון די מינעס, פון וואַלד־האַקעריי, פון די פעלדער און פון די פאַרשידענע פּלאַנטאַציעס ווייסן, אַז איך בין אַ „זייעריקער" און באַקום מתּנות. די באַלעבאַטים פון די זעלבע אונטערנעמונגען ווייסן, אַז איך בין אַ „זייעריקער" און קריג מתּנות... די רייכע זאָגן, אַז איך וועל אַמאָל זיין אַ גרויסער גביר, און די אַרבעטער — אַז איך וועל ווערן זייער דערלייזער... דוּאַרטע, דו האָסט אָנגעפּירט אַן אַלגעמיינעם שטרייק און האָסט געפּאָדערט צופּיל, גאַנצע פופציק סענט גאָלד העכערונג אויפן טאָג, — ביסטו דערפאַר גע־גאַנגען אין חד־גדיא!... נו, האָב איך איבערגענומען די אָנפירערשאַפט, און באַלד געמאַכט אַ פּשרה: צען סענט גאָלד־העכערונג אויפן טאָג, און די באַלעבאַטים האָבן עס גלייך אָקצעפּטירט... דאָס איז, אגב, אַ העכערונג אויף גאַנצע הונדערט פּראָצענט, און דאָס איז זייער אַ גרויסע העכערונג!... די אינדיאַנער פאַרדינען איצט גאַנצע צוואַנציק סענט גאָלד אַ טאָג פאַר נישט מער ווי צוועלף שעה אַרבעט... אמת, לגבי די פאַרדינסטן פון די ווייסע איז עס אַ נישטיקער לוין, אָבער צוואַנציק סענט גאָלד פאַר צוועלף שעה אַרבעט איז דאָך אַלץ מער פון צען סענט פאַר פערצן שעה, ווי זיי האָבן פריער פאַרדינט, אַ שכירות וואָס איז געווען צו פּגרן פאַר הונגער, און קיינער איז דאָך אויך פריער נישט געשטאָרבן פאַר הונגער...

— איצט וועט שוין זיין אויף אַ מאַנדיאָקעלע און מאַמעליגעלע אָנצושטאָפּן דעם מאָגן... און געוווּנען האָב איך, נישט דו, ווייל דו האָסט געפּאָדערט מיט־אַמאָל גאַנצע פיר הונדערט פּראָצענט העכערונג, וועלנדיק מיט איין מאָל שטעלן דעם אינדיאַנער אַרבעטער כּמעט אויפן זעלבן ניוואָ ווי דעם ווייסן אַרבעטער".

— אַזוי אַרום, בין איך געוואָרן אַ גאַנצער חשוב סיי ביי די באַלעבאַטים און סיי ביי די אַרבעטער, און פון אַלעמען געקראָגן מתּנות, נישט ווי דו, וואָס

דו האָסט תמיד פליי אין דער נאָז און קוקסט אויף יעדן ווי אַ ניכטערער קוקט אויף אַ שיכור...

— דרך אגב, מוז איך דיר זאָגן דעם אמת, טאַקע קעגן מיין ווילן, אַז געוועכט ביסטו, „שוואַרצער האַלקאָן"*), דו ווייסט וואָס דו האַווקעסט, ווייסט וואָס דער אומגליקלעכער אינדיאַנער דאַרף און פּילסט מיט אַלע דיינע חושים, ווו דער שוך קוועטשט, און דער עיקר, — פּאַרוואָס ער קוועטשט... נאָר קיין פּאָליטיקער ביסטו נישט און קיין דיפּלאָמאַט אוודאי און אוודאי נישט!... גייסט, דואַרטע, שוין צופיל מיטן אמת, צופיל מיט גערעכטיקייט און אָרנטלעכקייט... קיינער האָט נישט ליב אַזאַ מעלה, וואָס איז ערגער פונעם מיאוסטן חסרון... קיינער האָט נישט ליב, מ'זאָל אים זאָגן דעם אמת אין די אויגן אַריין. איבער־הויפּט, די אומוויסנדיקע, וואָס שטופּן זיך צווישן געלערנטע, פּלוצלינג אַרויפּ־געאַרבעטע גבירים און זייערע טעלער־לעקער... דערפאַר ווערסטו, דואַרטע, תמיד זיין נישט מער ווי אַ טרוימער, אַ זוכער, און אין ספּעציעלע אומשטענדן — אַ געפינער... דו וועסט אַמאָל אפשר אויך זיין אַ תבואה־שניידער, אָבער אַ צוויי־טער, אַ פּיפּיקערער פון דיר, וועט זיין דער געניסער פון דיין שניט...

— אַן אונטערשיד, אַ גרויסער אונטערשיד צווישן מיר און דיר: דו — אַ טרוימער, איך — אַ פּאָזיטיוויסט, אַ רעאַליסט... זאָל נאָר דער אַנאַליז פון די מינעראַלן זיין אַ גוטער, וועסטו שוין זען די ראָל, וואָס איך וועל נאָך שפּילן אַמאָל! כאַ, כאַ, כאַ!...

— גענוג, גענוג אויף היינט! — האָט זיך צעבייזערט דער גרויסבייכיקער פּעפּע. — אַז דער „שוואַרצער האַלקאָן" האָט זיך צעקראַקעט ווי יענער משוגענער ענגלישער מיסיאָנער אין דער פייערלעשער־אוניפאָרם, האָט דער צווייטער זיך צערעוועט מיט אַ טייוולאָנישער גיפטיקער סלינע, ווי אַ צעווילדעוועטער ביק, וועלכער איז נאָר וואָס, אַ האַלב־קאַסטרירטער, פריי געוואָרן, אוןביידע האָט איר פאַרגעסן, ווי אויך אונדזער באַלעבאָס פון אַן „אָבער", אַז אָבער דערוויַיל הונ־געריט מיך און מען מוז עפּעס מעלה־גרהן און אַ קאַפּיטשקעלע אַ שלונג טון גלייך פון דעם „ווייסן פערדל". כ'לעבן, דאָס איז זייער אַ געשמאַקער וויסקי, דאָס ווייסע פערדל... הלוואי, וואָלטן די ענגלענדער און די נאָרד־אַמעריקאַנער אַזוי געשמאַק געווען ווי דער וויסקי... כי, כי, כי, נישט אַזוי, באַלעבאָס? און פאַר־בייסן מיט אַ שטיקל געבראָטנס פונעם פערדס רוקן און נאָכדעם זיך צולייגן שלאָפן, מעג זיין אינדערפינצטער, אַבי מיט אַ פולן מאָגן, און חלומען מיט אַ דייטשישער באַראָנעסע, ווינער גרעפן און קאָזאַצקע פּרינצעסין... ווייל מיר אַלע זענען היינט מיד און צעבראָכן ווי די בעסטיעס, און עס גלוסט זיך נישט גיין אָנהאָקן האַלץ אויף פייער צו מאַכן. כי, כי, כי, נישט אַזוי, באַלעבאָס?...

---

*) אַ רויב־פויגל, ענדלעך צו אַ אָדלער.

מיר ווערן איבערגעפאַלן פון אַ מחנה וואַמפּירן

יענע נאַכט האָב איך ביז שפּעט בשום אופן נישט געקענט איינשלאָפן. פאַרשידענע מחשבות און פאַנטאַסטישע רעיונות האָבן אינוואַדירט מיין צע־שרויפטן מוח און מיך נישט געלאָזט אפילו איינדרימלען: דער שרעקלעכער האָגל־שטורעם, מיין פערד, וואָס אַט האָב איך געריטן אויף אים, און אַט ליגט ער ביי מיר אין מאָגן... די מאַלפּעס, זייערע גערעכטע טענות און פּראָטעסטן, אַראָגאַנץ און אָפּפערוויליקייט, און די פּראָטעסטן, טענות מצד דואַרטען און צוויי־דייטיקן אַנטאָניאָ, וועלכער האָט פון צביעות און חניפה זיך געמאַכט אַ טוגנט.

דער גרויסבייכיקער פּעפּע האָט נאָר אין זינען זיין „קאַלדן"*), אַ סך עסן און נאָך מער טרינקען. דאָס איז זיין פאַרנונפטיקייט, דאָס ליגט אין זיין מהות... פּעפּע לעבט רק צום עסן און טרינקען. פאַר מיר זענען זיי אַלע דריי פּראָבלע־מען, וואָס האָבן ממש געגעבערט מיין מוח. דער וווּנדערלעכער וואַלד, וואָס איז כהרף־עין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וויסטעניש, פול אָנגעהויפנט מיט צע־שטיקלטע סקעלעטן־ביימער...

האָב איך דאָס אַלץ געזען און געהערט אויף דער וואָר? אפשר איז דאָס נישט מער ווי אַ וויזיע? און אפשר אַ חלום? האָט דאָך דער גרויסער און אומ־שטערבלעכער נביא יחזקאל, להבדיל, אויך געזען אַ גרויסן טאָל פול מיט סקע־לעטן. ער האָט אָבער געזען הרוגים־מענטשן, וואָס זענען מיט גאָטס רוח צוריק לעבעדיק געוואָרן... בעת איך — אַ נאַרישקייט —ביימער־סקעלעטן, ביימער־הרוגים, פלאַנצן און בלומען, און צווישן זיי — פייגל און פייגעלעך און פריד־לעכע חיהלעך, נישט מער... און צו דעם אַלעם האָט זיך מיר נאָך געהאַלטן אין איין דאַכטן, אַז עס רודערט זיך עפּעס ערגעץ אין הייל. אַ שלאַנג, צי אַ יאַגואַר, און אפשר גאָר אַ דייטשישער באַנדיט, אַזעלכער ווי יענער דייטשישער קצב, וואָס האָט צעשטיקלט זיין הונען־שותף און לאַנדסמאַן, קאָנראַד שניידער, אין בוענאָס איירעס? און אפשר גאָר אַ רוסישער ווייסגוואַרדייער, אַ שונא פון די סאָוויעטן און שונא ישראל, אַן אַנטלאָפענער פון פּראָסקוראָוו?... מעגלעך אויך, אַז די רוי־

---

*) בויך, פוילישער־פויערישער אויסדרוק.

בער און מערדער זענען געוויר געוואָרן פון דער גאָלד־מינע און ווילן מיך באַ־ראַבעווען און דערהרגענען?... און אפשר איז דאָס דאַכטעניש נישט מער ווי מיינע אַ האַלוצינאַציע, אַ סוגעסטיע אַזאַ, צי גאָר אַ שטיקל היפּאָכאָנדריע צוליב מיינע דורכלעבענישן אין די לעצטע צען מאָנאַטן ביז היינט?... האָב איך ווידער אַ טראַכט געטון. איך וויל מיט אַלע מיינע כוחות זיך איינרעדן, אַז איך הער נישט, אָבער איך הער יאָ עפּעס זיך רודערן, עפּעס אַזוי מאָדנע פּאַרטייעט... און צום פּיין פון מיין שלאָפלאָזיקייט און מחשבותן האָבן מיינע שותפים קיין פייער אויך נישט געמאַכט מיט וואָס איבערצושרעקן די בייזע מחבלים פון טראָפּיקאַלן צע־שטערטן דזשונגל, וואָס האָבן זיך אַזוי קלעפּיק אויף מיר אָנגעזעצט... מעגלעך, אַז דאָס איז אַזאַ מין ווייטיקלעכע חרדה, אַ שרעק פאַר דער אַנטאַפּנדיקער פינצ־טערניש?

— מעגלעך!...

מיין פּאַספּאַרירנדיקער זייגער האָט געוויזן, אַז עס איז שוין געווען צוויי מיט אַ האַלב פּאַרטאָג.

משנה מקום משנה מזל! איך האָב מיך איבערגעזעצט אויפן זאָטל, וואָס איז געלעגן לעבן דער שטיינערנער וואַנט אין הינטערגרונט, אין וועלכער איך האָב אָנגעשפּאַרט מיין קאָפּ, און בין ווי אויף צו להכעיס גלייך אַנטשלאָפן געוואָרן.

עס האָט מיך באַלד פאַרוויגט אַ חלום, אַן עכט דאָן קיכאָטישע אַוואַנטורע: דער חלום האָט מיך פאַרפלאָנטערט אין אַן אידיליע מיט דואַרטעס אַ שטיפּ־שוועסטער, מיט וועלכער איך בין אויף דער וואָר בלויז איינמאָל געווען אויף אַ קאַסטריר־יום־טוב פון שעפּסן, צאַפּעס און ביקלעך ביים רייכן גוטבאַזיצער דאָן סאַנטיאַגאָ קאַרוואַכאַל דע אַבראַוואַנעל. איינמאָל בין איך מיט איר אויך געווען אין אַ קינאָ, און אַ דריט מאָל האָב איך, צוזאַמען מיט איר, פאַרבלאָנדזשעט אין דזשונגל אויף אַנדערטהאַלבן מעת־לעת, ווו מיר זענען געגאַנגען כאַפּן „קאַנ־גאַס"*), איידער מיר זענען אַרויסגעפאָרן צו דער גאָלד־מינע. איך מוז דאָ צוגעבן, אַז מאַטצאַקל — אַזוי האָט געהייסן דואַרטעס שוועסטער — איז געווען זייער אַ שיינע, האָט פאַרמאָגט ריזיקע מאַנדל־אויגן, מיט אַ געמיש פון שמאַראַגדן, אַגאַטאַ און טאָפּאַס־קאָלירן. ברעמען געדיכטע, שמאָלינקע און שוואַרצע, ווי אויס־געשניצטע מיט אַ דלאָטע. זייד־שוואַרצע וויעס, דער בליק — אַ פּייכטער, ליידנ־שאַפטלעכער און פאַרשנדיקער פון אַ גאַזעל. אַ זייער צאַרטע, האַלב־ווייסע, פאַר־חלומטע אינדיאַנערקעלע פון אַ יאָר ניינצן. און כאָטש איך האָב וועגן איר קיינ־מאָל נישט געטראַכט אפילו, איז זי דאָך מיר געקומען צו חלום:

עס האָט זיך מיר געחלומט, אַז איך בין פאַרוואונדעט געוואָרן אין אַ מעסער־

---

*) אַזאַ מין מאַלפּעלע, וועמענס געשריי מען קען הערן אויף אַ סך קילאָמעטער ווייט.

געפּעכט, טאַקע צוליב איר, און אַז די שיינע מאַטצאַקל מיט די צאַרטע פּאַר־הלומטע אויגן איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פלעדערמויז, און האָט מיט אירע פייערדיקע ליפּן געזויגן דאָס בלוט פון מיין וווּנד, און מיט אַ פּאַכער האָט זי געווייעט איבער מיין צעשניטענעם און צעפּלאָמטן קאָפּ.

נאָר אַ מערכה די האַרטע אַרויסגעשטאַרצטע שפּיציקע שטיינער פון וואַנט, וואָס האָבן געלעכערט מיין קאָפּ און פּלייצע, האָב איך באַלד דערפילט אין שלאָף עפּעס אַזאַ מין פאַרעיפּושטס, מיט אַ געשטאַנק פון פאַרפוילטע אייער, אָדער ווי פאַרפוילטער ווייכער קעז, און עפּעס אַן עקלהאַפטע באַשעפעניש איז געווען ווי אָנגעהאָפטן אין מיין פּנים און געזויגט מיין אונטערשטע ליפּ. אַ מאַך טוענדיק אינסטינקטיוו מיט דער לינקער האַנט איבער מיין פּנים, האָב איך אָנגעכאַפּט אַן אויסטערליש גרויסן וואַמפּיר, וועלכער האָט זיך שטאַרק צעפּישטשעט. איך האָב אים אַ שטאַרקן שליידער געטון אין דער שטיינערנער וואַנט און אים צע־שמעטערט.

דער ריזנדיקער וואַמפּיר האָט
זיך אָנגעזויפּט מיט מיין בלוט

אין דעם זעלבן אויגנבליק האָב איך דערזען ביי דער שיין פון דער לבנה, נאָך אפשר אַ טוץ וואַמפּירן, שוין אָנגעזויפּטע, האָבן אָפּגעלאָזט אין געאייל די דריי שלאָפנדיקע אינדיאַנער און זענען מיט אַ שטשוריש פּישטשעריי, ווי דאָס סקריפּען פון אַ נישט־געשמירטער ראָד פון אַ וואָגן, אַרויסגעפלויגן פון דער הייל.

איך האָב ווידער אַ קוק געטון אויפן פאָספאָרירנדיקן ציפערבלאַט פון מיין זייגערל — פונקט פינף מינוט נאָך האַלב דריי.

מיין דרימל האָט געדויערט פינף מינוט.

איך בין צוגעלאָפן צו מיינע קאַמעראַדן, אָבער איך האָב קיינעם פון זיי

בשום אופן נישט געקענט אויפוועקן. איך האָב זיי געשאָקלט, געקנייפּט. אָבער די וואַמפּירן האָבן, ווייזט אויס, בשעת זיי האָבן געזויגן זייער בלוט, זיי אַזוי פאַרשלעפערט מיט אַזאַ מין וואַמפּירישע אַנעסטעזיע, אַז די מענטשן זענען גע־שלאָפן ווי פאַרכלאָראָפאָרמירטע. קיין כראָפּע, אפילו קיין אָטעמצוג האָב איך פון זיי נישט געהערט.

איך אַליין האָב אויך געפילט די ווירקונג פון אַ פאַרשלעפערונג און ווי פון אַ בלוט־פאַרלוסט. אָבער אויף מיר האָט זיך, צום גליק, אָנגעזעצט בלויז איין פלעדערמויז, מעגלעך דערפאַר וואָס איך בין אַנטדרימלט געוואָרן אַן אָנגעטוענער און אויך דערפאַר, וואָס דער וואַמפּיר האָט נאָך נישט באַוויזן ווי געהעריק זיך צו באַזעצן אויף מיר און אויסצוזאַגן אַ סך בלוט, מחמת איך האָב זיך אויפגע־כאַפּט באַלד ווי ער האָט זיך גענומען צו זיין טויטלעכער אַרבעט. זיי אָבער, די אָרעמע יונגען, וועלכע זענען געשלאָפן אדם־נאַקעט, האָבן זיכער פאַרלוירן אַ סך בלוט, ווייל זיי זענען באַפאַלן געוואָרן פון אַ גאַנצער סטאַדע פון די ריזיקע פלעדערמייז.

ערשט נאָך דער געשעעניש האָב איך מיך משער געווען, וואָס אַזעלכעס איז געווען דאָס שטילינקע און סודותדיקע געררודער און געפלאַטעריי, וואָס איך האָב פריער געהערט: די אָנגעמאַטערטע יונגען האָבן נאָכן וויסקי תחילת געכראָ־פּעט אין אַן אויסטערלישן כאַר, און די פלעדערמייז, וואָס זענען געזעסן אויף די שלאָפנדיקע מענטשן, האָבן געזויגן זייער בלוט און געפלאַטערט מיט זייערע פליישיקע פליגל, כדי זייערע קרבנות זאָלן האָבן זיסע חלומות, און זאָלן זיך נישט אַזוי לייכט קענען אויפוועקן...

איך בין זיך אויך משער, אַז די וואַמפּירן פאַרמאָגן עפּעס אַזאַ מין אַנעסטעזיע־גיפט, וואָס זיי שפּריצן אַריין דעם קרבן, מחמת מיין אונטערשטע ליפּ איז אַרום דער קליינער וווּנד מיר געווען ווי פאַראַליזירט, און איך האָב כמעט נישט געפילט דעם גאַנצן אונטערשטן קיי־אַפּאַראַט אין משך פון איבער אַ שעה צייט. דאָס זעלבע איז אויך געשען מיט מיינע יונגען.

ווען איך האָב ענדלעך אויפגעוועקט די יונגען — און דאָס בלויז אַ דאַנק אַ פלעשעלע שטאַרקן אַמאָניאַק, וואָס איך האָב יעדן פון זיי אונטערגעשטעקט אונטער דער נאָז, — זענען זיי אַלע דריי געווען טויט־בלאַס און דערשעפּט. אַלע דריי האָבן מיר דערציילט, אַז זיי האָבן געהאַט מחיהדיקע חלומות, און אַז זיי זענען דערשעפּט פון דעם געשמאַקן שלאָף...

ווען עס איז ליכטיק געוואָרן, האָב איך זיי באַטראַכט: דואָרטע האָט געהאַט צוויי קוים־מערקבאַרע ווונדן, איינע הינטער דעם רעכטן אויער און די אַנדערע אויפן האַלדז, אויף די קאַראָטידאַ־אָדערן (די צוויי הויפּט־אָדערן וואָס ליווערן דאָס בלוט פון האַרץ דירעקט אין קאָפּ אַריין). פּעפּע — צו איין וווּנד ביי יעדן

אויער און צו איינע ביי ביידע קאַראַטידעס, און אַנטאַניאַ — צו איינע הינטער יעדן אויער און צו איינציקע אין ביידע זייטן גריבל פונעם קאַרק, שוין ביים באַזיס פון קאָפּ.

איך האָב זיי נישט דערציילט וועגן דער ביינאַכטיקער אַדיסייע, כדי עס זאָל אויף זיי נישט צו שטאַרק ווירקן. קאַטוליש־פרומע און האַלב־געצנדינערישע אינדיאַנער, הגם ציוויליזירטע און באַלעזענע, האָבן זיי דאָך געגלויבט, אַז דער וואַמפּיר איז אַ פאַרשטעלטער שד, און אַז דער, וועמען אַ וואַמפּיר זויגט אויס כאָטש אַ טראָפּן בלוט, מוז אומבאַדינגט שטאַרבן פאַר דער צייט און גיין אין גיהנום אַריין, ווו ער מוז חתונה האָבן מיטן וואַמפּיר, מיט וועלכן ער האָט זיך באַהאָפטן ביים לעבן אַזוי בלוטיק־אינטים...

מיר זענען שוין געווען באַקאַנט אַזעלכע פאַלן, אַז אינדיאַנער, אפילו גע־לערנטע און באַלעזענע, זענען נאָך אַזעלכע פאַרפאַלן משוגע געוואָרן פון פחד. האָב איך דערפאַר געהאַלטן, אַז עס איז בעסער זיי נישט צו דערציילן וואָס מיט זיי איז פאַרגעקומען.

דער וואַמפּיר, וואָס איך האָב אים דערהרגעט, האָט ביים שיין פון טאָג אויס־געזען גרעסער פון אַ קראָ. ער איז געווען פון קאַשטאַן־קאָליר מיט גאָלדענע פאַסן, און האָט געהאַלטן איבער זיבעציק צענטימעטער פון איין שפּיץ פליגל ביזן צווייטן, ביי צעשפּרייטע פליגל.

איך האָב דעם טויטן תכשיט אַרויסגעטראָגן פון דער הייל, נאָך איידער איך האָב אויפגעוועקט די יונגען, און אים אַראָפּגעוואָרפן אין תהום.

לויט די פאַרשונגען, וואָס איך האָב שפּעטער געמאַכט איבער דעם קלאַס וואַמפּירן, איז עס דער „דעסמאַדוס ראָטונדוס״, אָדער „קוראַפּטערוס״, וועלכער וווינט איבערהויפּט אין די הייסע געגנטן פון אַמעריקאַנער קאָנטינענט. זייערע שלאָפפלעצער זענען די טונקעלע היילן, הוילקייטן פוןביימער און שפּאַלטן אין די שטיינערנע בערג, איבערהויפּט, אין די גאָר פייכטע ערטער, און נישט ווייט פון אַ טייכל אָדער אַזערע.

יעדער וואַמפּיר, לויט זיין גרייס, דאַרף האָבן אויף איין מאָלצייט פון צוואַנ־ציק ביז פופציק גראַם בלוט. די וואַמפּירן זענען זייער געפערלעך שוין מיט דעם, וואָס זויגנדיק דאָס בלוט פונעם קרבן, פאַרפלאַנצן זיי אַזאַ מין משוגעת, ווי היפּאָ־כאָנדריע, און אין די גראָזפרעסערישע חיות און בהמות — אַ מין פאַראַליטש אין די לענדן, אַזאַ ווי אַרטריטיס, און אַנדערע עפּידעמישע קראַנקהייטן. זיי באַפאַלן מענטשן אָדער חיות סטאַדעסווייז און זויגן אויס דאָס בלוט בעת זיי שלאָפן. עס טרעפן פאַלן, אַז פערד, קי און אַנדערע בהמות פגרן אויס פון בלוט־לאָזיקייט, ווייל די וואַמפּירן זויגן זיי אויס נאַכט נאָך נאַכט מער בלוט, ווי עס קומט זיי צו אויפן נאַטירלעכן וועג.

פעפע, דואַרטע און אַנטאַניאַ זענען געווען אַזוי דערשלאָגן און ווילבסלאַז, אַז זיי האָבן נישט געהאַט קיין חשק אפילו אַראָפּצוגיין אין טאָל אָנהאָקן אַ ביסל האָלץ, כדי צו מאַכן פייער און עפּעס אָפּצוקאָכן. בין איך אַליין אַריין אין דער געדיכטעניש און אָנגעהאַקט אַ גרויסן בינט האָלץ. דערביי האָב איך שוין געפונען עטלעכע טויטע מאַרטינעטאַס*), וועלכע זענען געזעסן ווי לעבעדיקע, מיט צע־שפּרייטע פליגל אין זייערע נעסטן. אין פּאָרל אויף צוועלף אייער און דאָס צווייטע אויף זעכצן אייער.

דער נעכטיקער האָגל האָט זיי געטויט.

די אַכט און צוואַנציק אייער מיט די שוין האַלבצייטיקע עמבריאָנען אינע־ווייניק, זענען פאַר די אינדיאַנער געווען אַן אמתער יום־טוב. זיי האָבן די האַלב־צייטיקע קוראָפּאַטוועס אַראָפּגעשלונגען, אפילו נישט אַריינקוקנדיק אין איישאָ־לעכץ. זיי האָבן בלויז עפּעס אָפּגעשיילט פון ברייטערן שפּיץ, ווו דאָס איי האָט די לופטקאַמער, און אין דעם שמעלערן שפּיץ האָבן זיי געמאַכט אַ לעכל, און עס אַריינגעזופּט אין גרגרת אַריין. זיי האָבן נאָכדעם אויסגעטרונקען צו גרויסע גלעזלעך בראָנפן און פאַרביסן מיט די געבראָטענע מאַרטינעטאַס און פאַרטרונ־קען עס מיט גרויסע טעפּלעך שוואַרצן קאַפע, האָבן זיי זיך אַ ביסל דערקוויקט און לפנים מוטיקער געוואָרן.

אַזייגער איינס נאָכמיטאָג האָבן מיר ווידער גענומען קלעטערן מיט די שווע־רע פּעק אויף די פּלייצעס באַרג אַראָפּ.

די זון האָט געשרפעט מיט איר גאַנצן טראָפּישן ברען און מיט אירע גינגאָל־דענע פּורפּורנע שטראַלן ממש געבלענדט, און דעם נעכטן געל־בלאָטיקן וועג אינ־גאַנצן אויסגעטריקנט און אין זוניקן גאָלד פאַרוואַנדלט, און אַ דאַנק דעם אַט־מאָספערישן בייט האָבן מיר בלויז אין איין שעה געמאַכט מער וועג ווי נעכטן אין פינף שעה.

דאָס מאָל האָט עס מיר זייער פיין צוגעשפּילט: איך האָב דערזען אינדער־ווייט, אויף אַן אַנדער סטעזשקעלע, פּאַראַלעל מיט מיינער, גיין און רייטן אויף מולאַס**) און אויף אייזלען אַ גאַנצע קאַראַוואַנע פון אַ הונדערט אינדיאַנער, מע־נער, פרויען און קינדער, מיט פּעק אויף די בהמות, אויף די פּלייצעס, אין די הענט און אויף די קעפּ. מיינע קאָלעגן האָבן גענומען שרייען צו זיי, אַרויסלאָזנ־דיק משונהדיקע קולות: הו, הו, הו! די מחנה אינדיאַנער האָבן דערהערט, און פאַרקירעווענדיק זיך אויף אַ קרייץ־סטעזשקעלע, זענען זיי אַלע אין עפּעס מער ווי אַ האַלבע שעה צוגעקומען צו אונדז.

*) אַזעלכע ריזיקע קוראָפּאַטוועס.

**) מויל־אייזלען.

צווישן די סחורות, וואָס די אָנגעקומענע האָבן געהאַט צו פֿאַרקויפֿן, זענען געווען אויף ערדענע קרוגן מיט סמעטענע, האָניק, קוישן מיט שעפּסן־קעז און ציגן־קעז, אייער, מאָרסיליאַ*), געבראָטענע און געקאָכטע פֿייגל, פּאַנצער־חיהלעך און געפּרעגלטע רויגן.

קודם כּל האָב איך געקויפֿט פֿיר אייזעלעך פֿאַר פֿינף דאָלאַר אַ שטיק, ווייל איך האָב מורא געהאַט, מיר זאָלן נישט בלייבן אַלס שפּייז פֿאַר די „קאַראַנטשאָס“ און „גאַווילאַנען“**). אויב עס זאָל אונדז חלילה ווידער ערגעץ נאָך אַמאָל געשען אַזאַ מין נס מיט אַ פּלעזערמיינ־אווידיציע...

איך האָב איינגעקויפֿט די בעסטע מאכלים, וואָס מיינע קאַמעראַדן האָבן נאָר פֿאַרלאַנגט, און נאָכן אויפֿעסן די גרויסע פּאָרציעס און פֿאַרטרינקען מיט דעם היימישן אינדיאַנישן שנאַפּס, האָב איך מיט מיינע בלוטלאָזע, אָבער גוט־אָנגעקאָרמעטע פֿירער, ווידער גענומען קלעטערן באַרג־אַראָפּ אָבער שוין נישט צופֿוס, נאָר ווי פֿרינצן רייטנדיק אַלע אויף ווייסע אייזעלעך מיט לאַנגע שוואַרצע ווידלען ביז צו דער ערד. צום גליק נאָך, האָבן די אינדיאַנער סוחרים אונדז אַרויפֿגעפֿירט אויפֿן וועג, מיט וועלכן זיי גייען תּמיד אין שטאָט אַריין. מיט מזל און מיט ברכה בין איך אין צוויי טעג אַרום ווידער געווען אין קאַרטאַגאָ מיט אַ גאַנצן קאָפּ אויף די אַקסלען...

אין עטלעכע מאָנאַטן אַרום, ווען איך האָב שוין געהאַלטן אין ווערן אַ מולטי־מיליאָנער, בין איך מיט מיינע דריי שותּפים איבערגעפֿאַלן געוואָרן דורך אַ גרופּע באַנדיטן, שוין נישט ווייט פֿון אונדזער גאָלד־מינע. זיי האָבן אונדז גאַנץ פֿיין צעהרגעט, האָבן צוגערויבט די פֿיר הונדערט דאָלאַרן, וואָס איך האָב געהאַט ביי מיר, פֿאַרוואונדעט פֿעפֿען מיט דוואַרטען, „סעקוועסטרירט“ אַנטאָניאָן צוזאַמען מיט די פּלענער און אייגנטום־שיין פֿון די מינעס, וואָס איך האָב געהאַט אין מיין טעקע. איך וואָלט מיט אַן אמת געדאַרפֿט גומל בענטשן, וואָס איך בין כאָטש אַרויס מיטן לעבן טאַקע אַ דאַנק דעם „דיפּלאָמאַטישן“ אַנטאָניאָן, וועלכער האָט טאַקע ווי אַ געניטער דיפּלאָמאַט מיר געזאָגט צווידייטיק: „איר זעט דאָך, אַז דאָס זענען אמתע באַנדיטן. איך קען זיי נישט, אויף מיין ערנוואָרט. איר זאָלט חלילה נישט מיינען, אַז איך האָב מיט די לייט עפּעס אַ משא־ומתן. ניין, דאָס זענען, פּראָסט גערעדט, דייטשישע האַלדז־שניידער. גיט זיי בעסער די דאָ־קומענטן מיט גוטן, וועט מען מיך, ווי אייך, תּיכּף פֿריילאָזן. געדענקט, באַלעבאָס, אַז דאָס אַלץ טו איך נאָר פֿאַר אייך, בלויז פֿאַר אייך“...

*) וווּרשטלעך פֿון בלוט.

**) אַזעלכע רויב־פֿייגל.

— יאָ, איך האָב מיך דערמאָנט. איז דריי טעג אַרום גייט אָפּ אַ שיף קיין באַלבאָאַ... אין פּאַנאַמאַ. דאָס מיין איך אין דער קאַנאַל־זאָנע. ביי די יענקיס וועט איר זיך פילן בעסער און זיכערער. נישט אמת? נישט אַזוי, באַלעבאָס?... איר האָט מיך פאַרשטאַנען? — האָט אַנטאָניאָ פאַרענדיקט דיפּלאָמאַטיש.

יאָ, איך האָב דעם כיטרעז אינדיאַנער אַנטאָניאָ זייער גוט פאַרשטאַנען!

ניקאַראַגואַ

הגם דער יבשה־וועג, וואָס פירט פון קאָסטאַ ריקאַ קיין ניקאַראַגואַ, איז נישט פון די ערגסטע און כאָטש דער בירגערמייסטער פון ניקאָיאַ האָט מיר געזאָגט, אַז אַלע וועגן און סטעזשקעס צווישן קאָסטאַ ריקאַ און ניקאַראַגואַ, וואָס פירן דורך געפערלעכע דזשונגלס, בערג און טיפע זומפּן, זענען גוטע, בין איך דאָך גע־פאָרן ראשית מיטן וואַסער־וועג, פונעם האַפן־שטעטל ניקאָיאַ, ביים פּאַציפישן אָקעאַן, ווו די שיף זשאַן דע אַרק האָט מיך אויפגענומען און געבראַכט קיין קאָרינטאָ, וואָס איז לויטן געאָגראַף ד״ר דאַריאָ גאָנסאַלעז, ווי אויך לויט די ניקאַראַגוער פּאַטריאָטן, די שענסטע פּאָרשטאָט פון גאַנץ צענטראַל־אַמעריקע ביים פּאַציפיק.

פון קאָרינטאָ (נישט דער גריכישער) בין איך געפאָרן מיטן באַן ביז מאַנאַ־גואַ, די מאָדערנע הויפּטשטאָט פון ניקאַראַגואַ, די גרעסטע רעפּובליק, לויט דער טעריטאָריע, פון גאַנץ צענטראַל־אַמעריקע.

די מדינה ניקאַראַגואַ האָט צו יענער צייט געהאַט בלויז איין איינציקע באַן־ליניע, וועלכע ציט זיך פון קאָרינטאָ איבער די שטעט טשינאַנדעגאַ, טשי־טשוגאַלפּאַ, לעאָן, מאַנאַגואַ, מאַסאַיאַ און הויכט אויס איר נשמה אין דער הויכ־געשעצטער שטאָט גראַנאַדאַ. יאָ, איך האָב פאַרגעסן: די ניקאַראַגוער באַן האָט דריי אָפּצווייגונגען: איינער צו דער שטאָט „על וויעכאָ״, די צווייטע אָפּצוויג־ליניע גייט צום האַפן־שטעטל מאָמאָטאָמבאָ און די דריטע, צו די שטעטלעך כיכאָטעפּע און דיריאַלבאַ.־ פאַרשטייט זיך, אַז די באַן רירט אָן אין איר טרי־אומפאַלן מאַרשרוט אויך אַנדערע ישובים, דערפער און גרופּעס אינדיאַנער־כאַטעס מיט נעמען, האַלבע נעמען און אַזעלכע ישובים וואָס האָבן נאָך נישט זוכה געווען צו אַ נאָמען.

די גאַנצע לענג פון אַלע באַן־ליניעס, וואָס ניקאַראַגואַ האָט פאַרמאָגט צו יענער צייט, איז געווען 275 קילאָמעטער אויף אַ טעריטאָריע פון 135 טויזנט קוו׳ קילאָמעטער מיט אַ באַפעלקערונג פון 675.651 נפשות, וואָס מאַכט אויס אומגעפער פינף מענטשן אויף אַ קוו׳ קילאָמעטער.

נאָכן פאַרלירן כמעט מיין גאַנץ פאַרמעגן אין די קאָסטאַריקער טייגעס

האָב איך נאָך געמוזט באַזוכן ניקאַראַגואַ, ווו איך האָב באַדאַרפט, לויטן קאָנ־טראַקט, פאַרענדיקן מיין טור איבער צענטראַל־אַמעריקע. און ווי איר ווייסט שוין, איז ניקאַראַגואַ אַ נישקשהדיק גרויסע מדינה, מיט אַ גאַנצן מלוכה־אַפּאַראַט, ווי עס פּאַסט פאַר אַ זעלבסטשטענדיקער נאַציע, וואָס פאַרמאָגט 675.651 נפשות.

די ניקאַראַגוער באַפעלקערונג שטעלט זיך צונויף אַזוי:

ריינע פולבלוטיקע אינדיאַנער	55 פּראָצענט
מישלינגען	40 פּראָצענט
ווייסע און קרעאָלן	4,5 פּראָצענט
שוואַרצע	0,5 פּראָצענט

פאַרוואַרלאָזט איז נאָך דאָס זעלטן־שיינע לאַנד, ווו טויזנטער און צענדליקער טויזנטער קוו׳ קילאָמעטער זענען נאָך אומבאַוווינט און נישט באַאַרבעט דורך דעם מאָדערנעם, אָדער ציוויליזירטן מענטש. די ערד איז זייער פעט, זייער פּרוכטבאַר און דער אונטערגרונט איז אויך זייער רייך מיט די נויטיקסטע און טייערסטע מינע־ראַלן און מעטאַלן. דער גרעסטער טייל אויבערפלאַך איז באַדעקט מיט יצירה־בראשית, וועלדער פול מיט די טייערסטע געהילצן, ווו עס פלאַדיען זיך אין אדמס פרייהייט חיות, פייגל און רמשים אָן אַ שיעור, אומגעהויערע טייכן, וואָס נוצן פאַר וואַסער־וועגן, צעשניידן דאָס לאַנד אין אַלע זייטן, ווי פולבלוטיקע אָדערן אין אַ געזונטן קערפּער. אָזערעס — גרויסע און טיפע ווי ימען — פול מיט כלערליי פיש, אַמפיביען און אַנדערע באַשעפענישן און פלאַנצן, וואָס אַ פּרוכטבאַרער אינלענדישער ים קען אַרויסברענגען.

און דאָך איז דאָס האַרעפּאַשנע פאָלק, איבערהויפּט דאָס אינדיאַנישע עמך, שרעקלעך אָרעם. אָרעם אין עקאָנאָמישן ווי אין קולטורעלן זין. און איך האָב צום טויזנטסטן מאָל אַ טראַכט געטון: היתכן? 675.651 מענטשן אויף אַ שטח פון 135 טויזנט קוו׳ קילאָמעטער, אַ שטח, ווו עס וואָלטן געקענט לעבן און געניסן פון דער וווּנדערבאַרער ערד, מינימום, הונדערט מאָל אַזוי פיל מענטשן, וויפל קילאָמעטער דאָס לאַנד פאַרמאָגט, אָדער דרייצן מיליאָן מיט 500 טויזנט נפשות...

אָן איראָניע פון יידישן מזל: דאָס יידישע פאָלק מיט אַ באַשטאַנד פון 17—18 מיליאָן נפשות, — בעת איך האָב מיר פאַרצייכנט דעם ציפער, אין 1925, האָט מען געשאַצט אין אַזאַ צאָל יידן, — אַקטיוו אויף אַלע געביטן פון מענטשלעכן וויסן און שאַפן, האָט קיין לאַנד נישט, און אפילו דאָס אייגן שטיקל לאַנד, וואָס די גייציקע ענגלענדער האָבן צוגעזאָגט אומצוקערן די יידן, זיי זאָלן עס באַפעלקערן און צוריק אויפבויען, געפינט זיך אַלץ ביי די ענגלענדער אין די הענט. זיי דערפילן נישט זייער הייליקן צוזאָג, ווי עס האָט יאָ דערפילט כורש און דאריוש מיט קנאַפּע צוויי טויזנט און פינף הונדערט יאָר צוריק.

— גאָט, ווו איז דיין יושר? — פלעגט מיין טאַטע עליו השלום זיך ווענדן צום רבונו של עולם.

— אַט האָסטו, מענטש, גאָטס געבאָט:

— לזרעך נתתי את הארץ הזאת, מנהר מצרים עד הנהר הגדול, נהר פרת.

— גאָט, גרויסער גאָט! אַזוי האַלטסטו דיין וואָרט, ווינציקער ווי כורש און דריוש?

—גאָט, ווו איז דיין יושר?... ביסט דאָך שוין נישט בעסער פון די ענגלענדער! אַזוי פלעגט מיין טאַטע ע״ה זיך אויסטענהן מיטן רבונו של עולם.

די ענגלענדער זענען דאָך נאָך די יידן די גרעסטע ביבל־לייט און אַפּהיטער פון משהס געזעץ. און אַט זעען מיר, ווי די ענגלענדער היטן אָפּ משהס אָדער גאָטס געבאָט...

די מישלינג־באַן*), וואָס פלעגט דאָרט גיין בלויז דריי מאָל אין וואָך, האָט אויף יעדער סטאַנציע געמאַכט שעהען־לאַנגע מאַנעוורעס ביים אויסלאָדן און אָפּלאָדן, אַז עס איז מיר אַזש קאַלעמוטנע געוואָרן אויף דער נשמה.

אין איין וואַגאָן, ווו עס זענען געווען זיצפּלעצער פאַר פופציק פּערזאָן, האָבן זיך אַריינגעשטופּט אפשר מער ווי הונדערט און צוואַנציק מענטשן, מענער, פרויען און קינדער מיט פּעק, קוישן, וואַליזעס, קאַסטנס און אָנגעפּאַקטע זעק מיט כלערליי כחורות: שטייגן מיט אַלערליי פייגל, פּאַפּוגייען איבערהויפּט, און מאַלפּעס אַלערליי. אין אָרימען קלאַס, אין דושנעם וואַגאָן פון די אויסגעהאָרעוועטע מענטשן, אפשר אַכציק פּראָצענט פון זיי אינדיאַנער, זענען זיי געווען צוזאַמענגעפּרעסט ווי הערינג.

אין דער זעלבער באַן, אין איין וואַגאָן, זענען געפאָרן ווי די פּריצים נישט מער ווי 23 חזירים. אין צווייטן וואַגאָן — צוועלף אַריסטאָקראַטישע קי מיט לאַנגע שופרס, און אין דריטן וואַגאָן — ניין גרעפישע פערד. אָבער די בהמשה וואַגאָנען זענען געווען לאַנגע און הויכע, בעת פאַר די אָרימע מענטשן פון געמיינעם קלאַס, זענען די וואַגאָנען געווען קורצע און נידעריקע. דערצו נאָך, איז פאַר יעדער און נאָך יעדער סטאַנציע אַריינגעקומען אַ קאָנדוקטאָר אָדער אַ קאָנטראָליער מיט גע־שרייען און זילזולים און געפּאָדערט בילעטן, דאַן ווען די חיות און פייגל האָט מען נישט געטשעפּעט...

ווער עס איז איינגעשלאָפן — אַ צי פאַרן קאָלנער, אַ שלעפּ פאַרן אויער, אַ ריס פאַר די האָר און אַ געשריי:

— דו ווילדער אינדיאַנער, דו הינטישער זון, זון פון אַ גרויסער זונה, דו קרע־ציקער און אָפּשטויסלעכער באַרבאַר, ווייז דיין בילעט!

אַן אויפגעקאָכטער און אַ באַליידיקטער ביז אין די טיפענישן פון מיין נשמה, האָב איך דעם קאָנטראָליער אַ פרעג געטון:

---

*) לאָסט און פּאַזאַזשיר־באַן.

— הער קאַנטראָליער, פאַרוואָס האָבן די בהמות און די פייגל מער פריווילע־גיע ווי די מענטשן פון אָרימען קלאַס?

— וואָס הייסט פאַרוואָס? די קי זענען דאָך שפּאַנישע ראַסאָווע קי, עכט דייטשישע חזירים און בעלגישע פערד!...

קיין שפּאַניש וואָרט צומאָל האָב איך אין וואַגאָן כמעט נישט געהערט: בלויז ענגליש, ענגליש און ענגליש, אָדער אינדיאַניש... דאָס פאָלק, דאָס אינדיאַנישע עמך־פאָלק רעדט צווישן זיך זיינע אינדיאַנישע דיאַלעקטן, און די ציוויליזירטע, די „קולטורעלע" אַריסטאָקראַטישע פּאַסאַזשירן פון ערשטן קלאַס רעדן צווישן זיך ענגליש. די קאָנדוקטאָרן און אינספּעקטאָרן — אוודאי און אוודאי...

אינעם כמעט ליידיקן וואַגאָן פון ערשטן קלאַס, אין וועלכן איך בין געפאָרן, זענען אויך געווען עטלעכע אינדיאַנער, אָבער פון די רייכע קאַציקן, שוין גאָר ציוויליזירטע. אָבער די מערסטע טייל זענען געווען נאָרד אַמעריקאַנער אינזשי־ניערן מיט זייערע סעקרעטאָרן, וועלכע האָבן זיך צו יענער צייט געפונען אין ניקאַראַגואַ, כדי צו שטודירן דעם נייעם פּלאַן וועגן אַן אינטעראָצעאַנישן קאַנאַל. זיי אַלע האָבן געזויפט אַזוי פיל וויסקי, ווייַן און ביר, ביר און וויסקי — אין ניקאַ־ראַגואַ האָט נישט געגילט ווילסאָנס „טרוקענער געזעץ" — גערויכערט און זיך געזידלט, זיך געבאָקסעט, געכראַקעט און געשנויצט, גאָרנישט ערגער ווי די פּוי־לישע שליאַכטשצקע פּאַנעס אין אַ „טרינקאַרניע" נאָך אַ באַגרעבעניש פון אַ זייערס גלייכן. די אַנדערע הויכגעבילדעטע און הויכגעשעצטע פּאַזאַזשירן, ענגלישע, דייטשישע און פראַנצויזישע, האָבן אויך געזויפט און געבראָכן, געזויפט און ווי־דער געבראָכן, גאָרנישט ווי אינזשיניערן, מעדיקער, פיזיקער, אַגראָנאָמען און אַגרימענסאָרן, נאָר ווי אוקראַינער מוזשיקעס אין ראַספּוטינס צייטן.

איך גיי נאָך אַמאָל אַריין צו מיינע אָרעמע אינדיאַנער פון דריטן קלאַס. איך פיל מיך צווישן זיי בעסער, כאָטש זיי שטינקען. פון די אַריסטאָקראַטישע פּאַסאַ־זשירן שטינקט אָבער נאָך מער, מחמת זייער געשטאַנק איז אויסגעמישט מיט פּער־פומען־דופט, וואָס מאַכט דאָס געשטאַנק פון אַלקאָהאָל נאָך שטאַרקער. פון די אַלע געטראַנקען און ברעכעכצן בין איך שוין געווען פאַרטשאַדעט.

אין דרויסן ברענט די זון, אַ העליש פייער. זי איז דאַכט מיר אַרויסגעפאַלן פון איר שייד און זי וועט באַלד פאַרברענען די גאַנצע וועלט. דער טערמאָמעטער וויַיזט 49 גראַד אין שאָטן. אין אָנגעפּאַקטן אינדיאַנער־וואַגאָן שטינקט מיט קנאָבל, ציבעלעס, רעטעך און ביטערע פעפערלעך, אַזש עס שניידט אין די אויגן. וווּרשטן, געמיינער שנאַפּס, ביר און ווייַן פון אייגענער אויסאַרבעט, ברעכעכץ און צואה. דער שוויס גיסט זיך עמערוויַיז. דער דינינקער שטויב שפּאַרט אַריין דורך די פענצטער־לעך און שפּעלטעלעך פון די איבערגעטריקנטע וואַגאָנען, ממש דערשטיקט צו ווערן.

איך פיל מיך אָבער דאָך בעסער צווישן די האַרעפּאַשנע מאַסן, צווישן די אומגליקלעכע און רעכטלאָזע, וואָס ווערן באַהערשט דורך אַ הייפעלע ווייסע און מישלינגען, בלויז דערפאַר וואָס די ווייסע האָבן צביעות און זענען שרעקלעך באַוואָפנט.

— נו, הרגעט דען נישט אויס איין טיגער אַ גרויסע צאָל אַרבעטסזאַמע פערד?

דושעט דען נישט אויס איין וואָלף טויזנטער תמימותדיקע שאָף, ציגן און רינדער?

און דאָס איז, ווייל דער וואָלף, טיגער, היענע, פּאַנטער און לעמפּערט א״א זענען מעכטיק באַוואָפנט. וואָלטן זיי נישט געווען אַזוי שרעקלעך באַוואָפנט, וואָלטן זיי דאָך געווען אומשעדלעך פּונקט ווי די פערד, שאָף און ציגן...

די עטלעכע אויסלענדער אין דריטן קלאַס חלשן, און איך פיל, אַז איך האַלט שוין אויך דערביי. איך בין אינגאַנצן נאַס פון שווייס. עס גיסט זיך פון מיר, ווי איך וואָלט געווען אַ שטיק פעטס אויף דער זון, און מיין לייב איז געוואָרן פלאַ־קעוואַטע אַזוי ווי אַ שטיק אַלטע לונג. איך שטאַרק זיך אָבער, איך באַהערש מיין שוואַכקייט...

דאָ, אין אָנגעפּאַקטן אינדיאַנער־קלאַס, אין שמוציקן מענטשן געשטאַנק, אין פינצטערן רויך און עיפּוש, שרייט מען. די אינדיאַנער ווייבער און קינדער האָבן אין ווינקל לעבן קלאָזעט זיך צוזאַמענגעדרענגט אין אַ קנויל און געשריגן איינע איבער די אַנדערע. זיי בעטן הילף פון ערשטן קלאַס, פון דעם קלאַס פון אויסדער־וויילטע מיט די פולע בייכער און געשוואָלענע בייטלען, וווּ מען שיכורט אויף וואָס די וועלט שטייט.

פיר יונגע מענטשן, ווייזט אויס אויסלענדער, האָבן באַקומען זון־שטיך. איך גיי אַריין אין ערשטן קלאַס, איך קוק און זוך אין אַלע פיר זייטן. איך רעד, בעט, איך ריטשע ממש ווי אַן אָקס אויף דער אַרענע. קיינער פאַרשטייט מיך אָבער נישט. אַלע זויפן, שעלטן, שפּילן אין פּאָקער און אין אַנדערע קאָרטן־שפּילן. אין דעם רייכן פּריווילעגירטן סאַלאָן איז איצט נישט בנימצא אַ מענטש, וואָס זאָל פאַרשטיין די שפּראַך פון אַ ניכטערן, פון אַ נישט־שיכור...

איך לויף צוריק אין אָרעמען וואַגאָן, לייג צו אייזוואַסער צו די צעפלאַמטע, זון־שטיכיקע קעפּ. אַ שלונג אייזוואַסער, ציטרין־זאַפט, אַ שמעק אַמאָניאַק, — עס איז זיי בעסער געוואָרן.

צוויי פון די זון־שטיכיקע — האָב איך זיך דערוווּסט — זענען פּויליש־יידישע בחורים, משה דראַנג פון סראַצק, און ישראל קאָוואַל פון פעלצעוויזנע. דער ערשטער — אַ געוועזענער מוליער און סטעלמאַך, און דער צווייטער — אַ שטיינ־העקער. ביידע געוועזענע לערנער, האָבן געהערט צו דער יידישער באַוווּקע פון דער זעלבסטשוץ. ביידע פעסטע יונגען מיט עשוס ידים, האָבן זיי מיט נאָך צען

יידישע בחורים און צוויי קריסטלעכע יידנפריינט, פאַרפירט אַן אמתע מלחמה קעגן אַ מחנה פון איבער הונדערט און צוואַנציק ענדעקעס, וואָס האָבן געוואָלט פּאַגראָמירן די יידן. די צוועלף יידישע יינגלעך און די צוויי קריסטלעכע האָבן אָנ־געמאַכט אַזאַ הריגה צווישן די פאַשיסטן, נישט ערגער ווי מתתיהו מיט זיינע פינף בנים אין אַנטיוכוסעס חייל...

די בחורים האָבן מיר ווייטער דערציילט:

— די יושרדיקע פּילסודסקי־מאַכט, דערזעענדיק דעם שרעקלעכן חורבן צווישן די ענדעקעס, די צענדליקער טויטע און פאַרוואונדעטע, און פון דער יידישער „באָיוווקע" צומאָל אפילו קיין איין פאַרוואונדעטער נישט, האָט די צוועלף יידישע גבורים און די צוויי קריסטן אַריינגעזעצט אין „פּאַוויאַק" (אַ שרעקלעכע וואַרשע־ווער תפיסה).

— די אַנדערע צוויי, די פּוילישע קריסטלעכע יינגלעך, געמסרט דורך די אייגענע טאַטע־מאַמע, אַז זייערע זין זענען אפּיקורסים, גאָטלעסטערער, קאָמוניסטן, רחמנא־לצלן, וועלכע גייען קיינמאָל נישט אין קאָשטשאָל *) זיך ספּאַוויעדן **) פאַרן הייליקן „קשאָנדז" (גלח). דערצו חברן זיי זיך נאָך מיט זשידאָווסקע לאָבוסעס, אויך אַזעלכע באָלשעוויקעס ווי זיי... זיי עסן שבתדיקן קוגל, פּונקט ווי יידן, רעדן שלעכט אויפן זשאָנד ***) און אויפן קשאָנדז און לייענען ביכער וואָס דער קשאָנדז האָט מחרים געווען...

די פיר בחורים האָט דערוואַרט די „הוידלקע"...

די פּילסודסקי פּאָליציי איז געווען זייער אַן אייפעריקע, אַ געניטע און אַ געשולטע אין בערלין צו מאַטערן זייערע געפאַנגענע. זיי האָבן אָבער אויך שטאַרק ליב געהאַט נאָרד אַמעריקאַנער דאָלאַרן, און פאַר די מזומנים דאָלאַרן האָבן די „פּאַוויאַק"־שומרים „נישט געזען" ווי די פיר יינגלעך זענען, אַנגעטוענע ווי מו־ליערס, אַרויס פון הינטער די פּאַוויאַק־קראַטעס...

זיי האָבן געגומען שיפסקאַרטן קיין נאָרד אַמעריקע. אָבער אַזוי ווי די גאָטס־פאַרכטיקע יענקיס האָבן פאַר זיי פאַרמאַכט טיר און טויער, זענען זיי געקומען קיין ניקאַראַגואַ, ווו זיי אַרבעטן פאַר אַ הונגער־לוין ביי אַן איטאַליענישן גוטבאַזיצער. ווען עס וועט נאָר מעגלעך זיין, וועלן זיי זיך אַריבערפּעקלען אין לאַנד פון אמתער פרייהייט, ווו אַלע זענען פאַר איינעם און איינער פאַר אַלעמען.

די צוויי פּוילישע קריסטלעכע בחורים האָבן מיר דערציילט, אַז זיי זענען געקומען מיט די יידישע יינגלעך קיין ניקאַראַגואַ, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט

*) קירך.
**) זיך מתוודה זיין.
***) רעגירונג.

קיין אַנדער ברירה. נאָרד אַמעריקע לאָזט נישט אַריין, איז בעסער עפּעס ווי גאָר־נישט. אויך זיי האָבן געאַרבעט אין די שוידערלעכסטע באַדינגונגען ביי די אַלערליי פּלאַנטאַציעס, און וואַרטן נאָר אויף צו דערשלאָגן זיך צו אַ ביסל געלט און וויזעס צום אויסגעחלומטן מזרח־לאַנד, ווו עס שיינט אַזוי הערלעך די פּורפּורענע גיב־גאָלדענע זון...

— יאָ, — האָב איך אַ טראַכט געטון, און געזען אין מיין דמיון אַן עכט כאַציאַליסטיש, אַן עכט ישעיהס ארץ־ישראל און אַן עכט דעמאָקראַטיש אַדאַם מיצקעוויטשעס פּוילן. דאָרט ווו עס הערשט נאָר אין די מוחות דער אמת סאָציאַלער אידעאַל, איז במילא שוין אויך פאַראַן אַן אמתע חברלעכקייט און טריישאַפט פון מענטש צו מענטש, אַן אונטערשיד פון ראַסע, קאָליר און גלויבן.

אויך די קינדער פון די פּוילישע קאַטוילישע פרומע עלטערן, אפילו די קינ־דער פון די אַנטיסעמיטיש־פאַרפעסטעטע ענדעקישע עלטערן, אויב זיי ווערן נאָר באַשטראַלט מיטן הייליקן ואהבת לרעך כמוך, האָבן זיי ליב דעם ייד ווי זיך אַליין...

ניקאַראַ אָדער ניקאַראַגואַ

ווי די אינדיאַנישע געשיכטע דערציילט, איז דער ליסענסיאַדאָ*) עספינאָסאַ געווען דער ערשטער אייראָפּעער, וואָס האָט באַטרעטן די ניקאַראַגוער ערד. דאָס איז אויסגעקומען דעם 2טן יאַנואַר פון 1549. דריי יאָר שפּעטער איז געקומען כיל גאָנסאַלעז אווילאַ, וועלכער האָט אויף דער פאַראָרדענונג פון גרויזאַמען פּע־דראַריאַס דע אווילאַ „אויסגעפאָרשט" ניקאַראַגואַ פון איין עק ביזן צווייטן.

נאָך אין יאָר 1521 האָט דער זעלבער כיל גאָנסאַלעז אווילאַ אויסגעפאָרשט דעם גאַנצן ניקאַראַגוער פּאַציפישן ברעג, שיפנדיק זיך אויף אַ פּרימיטיוו זעגל־שיפל, און געפירט דורך דעם אינדיאַנער מלך ניקאַראַגואַ אָדער ניקאַראַ, איז ער אַריינגע־דרונגען אין די גרויסע אָזיערעס ניקאַראַגואַ און מאַנאַגואַ. ווייזט אויס, אַז שוין דאַן האָבן די שפּאַנישע קאָנקיסטאַדאָרן געזוכט אַן אינטעראָצעאַנישן וואַסערוועג, ד"ה אַ קאַנאַל אָדער טייך, וואָס זאָל פאַראייניקן דעם אַטלאַנטישן מיטן פּאַציפישן אָקעאַן. זיי האָבן זאָנדירט דעם טיפן טייך סאַן כואַן, וואָס הייבט זיך אָן ביי דער גרויסער אָזיערע ניקאַראַגואַ און פאַלט אַריין אין אַטלאַנטישן אָקעאַן. נאָר אַזוי ווי אַ שטיינערנער באַרג פון עטלעכע קילאָמעטער די דיק שטייט צווישן דער אָזיערע און פּאַציפישן אָקעאַן, האָבן די זעלביקע שפּאַניער, וועלכע האָבן ליב אָנצוטרעפן אויף פאַרטיקע זאַכן, אַריינגעזעצט אין אַ סך ערטער פונעם טייך סאַן כואַן דיקע סלופּעס, אָנגעוואָרפן טויזנטער טאָן שטיינער אין די מער־שיפבאַרע ערטער, כדי צו שטערן דעם שיפס־פאַרקער פונעם אַטלאַנטיק דורכן טייך אין דער ניקאַראַגוער אָזיערע אַריין.

דאָס איז געווען אַ הבה נתחכמה קעגן אַ פרייען אַריינפיר פון אויסלענדישע סחורות, אויסער דער מעטראָפּאָליע, ווי אויך קעגן אַ פרייען אַרויספיר פון ניקאַ־ראַגוער מעטאַלן, פייגל און חיות, וואָס איז געווען אַ שרעקלעכער פאַרברעכן...

דער קעניג פון ניקאַראַגואַ האָט צו יענער צייט געהערשט איבער דער צענ־טראַל־אַמעריקאַנער מדינה, וואָס הייסט היינט ניקאַראַגואַ, און ער האָט געהאַט זיין

---

*) אַ שפּאַנישער טיטל פאַר אַ סטודענט וואָס האָט אַ יאָר אָדער צוויי באַזוכט דעם אוניווערזיטעט.

„פּאַלאַץ״ אין דער געגנט, וואָס פאַרנעמט היינט די שטאָט ריוואַס, אַזעלכע פּופּציק לעגוועס פונעם ים־אויסגוס אָדער גאָלף ניקאַיאַ, וווּ עס האָט געוועלטיקט זיין אונטערטאַן, דער מעכטיקער קאַציק ניקאַיאַ.

אַלע פעלקער האָבן זייערע בוגדים, זייערע פאַררעטער. אויך די אינדיאַנער האָבן אַזעלכע.

רייך און מעכטיק איז אין יענע צייטן געווען דער קעניג ניקאַראַגואַ, וועלכער האָט געהערשט איבער הונדערטער טויזנטער קילאָמעטער לאַנד, באַפעלקערט מיט מיליאָנען אינדיאַנער אויף אַזוי פיל, אַז עס זענען געווען אַ סך פון די אָנגעזעענסטע שפּאַנישע יועצים, וואָס האָבן געראַטן כיל גאָנסאַלעז אווילאַן זיך נישט צו פאַר־מישעפּען מיטן מעכטיקן קעניג ניקאַראַגואַ.

כיל גאָנסאַלעז אַווילאַ האָט אָבער אָפּגעוואָרפן די עצה פון זיינע ראַטגעבער, און ער האָט זיך געגוצט מיט זיינע אינדיאַנישע „פירער״, וועלכע האָבן זיך גע־שמדט אויף קאַטאָליקן און זענען געוואָרן אווילאַס דאָלמעטשער, שפּיאָנען און יועצים.

אָט די נייע קריסטן האָבן איבערגעגעבן ניקאַראַגואַן, אַז די שפּאַניער זענען הימל־מענטשן, זענען פיל כחול הים, פאַרמאָגן שרעקלעך געווער און פערד וואָס זענען געפערלעכער ווי די וועלף, טיגערס, בערן און פּומאַס. די פערד צערייסן און שלינגען איין גאַנצע מחנות פון די בעסטע קריגער מיט זייערע וואָפן. דער שפּאַנישער קעניג איז אייגנטלעך דער הערשער פון דער וועלט, און עס פעלט בלויז, אַז ניקאַראַ זאָל „גוטוויליק״ ווערן זיין אונטערטאַן. ער איז גרויסמוטיק, דער קריסטלעכער שפּאַנישער הערשער, און ער פאַרלאַנגט בלויז, אַז ניקאַראַגואַ זאָל זיך נישט קעגנשטעלן די שפּאַנישע „געסט״, וואָס ווילן אַריין אין זיינע גרע־נעצן. און אַז ניקאַראַגואַ מיט זיין משפחה און דער גאַנצער אַדל זאָלן „גוטוויליק״ אָננעמען די קאַטוילישע אמונה, און זאָל פאַראיינוועגס צוגרייטן פאַר די שפּאַניער אַביסל גאָלד און איידלשטיינער. מער גאָרנישט...

נאָר טאָמער נעמט ניקאַראַ נישט אָן די געטלעכע האַנט פונעם שפּאַנישן הער־שער, רופט גאָנסאַלעז אווילאַ אים אַרויס אויף אַ שלאַכט אין אָפענעם פעלד, ווו ער וועט אים מיט זיין גאַנצן חייל פאַרניכטן כהרף עין...

— געדענק, ניקאַראַגואַ, באַדענק זיך וואָס דו האָסט צו טון! די אַצטעקן, אינ־קאַס, גוואַראַניער, טשיבטשאַס, אַראוקאַנאַס און מאַיאַס זענען געווען מעכטיקער פאַר דיר. געדענק, וואָס פון זיי איז געוואָרן!...

די עצה און די וואָרענונג פון די פאַררעטער האָט אַזוי געווירקט אויפן אינ־דיאַנישן הערשער, אַז ער האָט גלייך געשיקט זיינע פאַרטרויאונגס־מענטשן צום שפּאַנישן דעררעאָבערער, אַז ער נעמט אָן זיינע פאָדערונגען, דערונטער, אַז ער נעמט אויך אָן די קריסטלעכע רעליגיע און ער בעט פרידן.

די שפּאַניאָלן האָבן גלייך געוויזן זייער גאַטספּאַרכטיקייט און באַרמהאַרציקייט: אַלע ווידערשפּעניקע זענען מיט דער גרעסטער אַכזריות געטויט געוואָרן. אַווילאַ האָט אָפּגעשמדט ניקאַראַגואַן און נאָך ניין טויזנט מענטשן פון זיינע מקורבים, און האָט צוגעזאָגט דעם אינדיאַנער־הערשער, אַז מהיום והלאה וועט זיין נאָמען פאַראייביקט ווערן אין דער געשיכטע לדור דורות, און זיין מדינה וועט טראָגן זיין נאָמען: ניקאַראַגואַ עד עולם...

זייער טייער האָט אָבער ניקאַראַגואַן געקאָסט דער נייער גלויבן: ראשית האָט ער „גוטוויליק" געגעבן אַווילאַן 25 טויזנט גאָלדענע רענדלעך און טייערע חפצים, אַ חוץ וואָס די שפּאַניער האָבן זיך אַליין גענומען, אויסליידיקנדיק די פּריוואַטע הייזער און טעמפּלען פון גאָלד, טעפּיכער, פּערל, איידלשטיינער און קרעלן.

כיל גאָנסאַלעז אַווילאַ האָט, ווי אַ שפּאַנישער הידאַלגאָ, געגעבן דעם שוין קאַטוילישן ניקאַראַגואַ אַלס דאַנק, אַ לייוונטן העמד, אַ זיידענעם מאַנטל און אַ רויט וואָלן היטעלע, ווי עס טראָגן אַ טייל טאָרעראָס. דערפאַר האָט דער פרישגעבאַקענער קיניגלעכער אינדיאַנער־קריסט „געשאָנקען" דעם נאָבעלן שפּאַניער זייער פיל קלײדער, טייערע פעלן, קונסטפולע צעראַמיקן און עקזאָטישע טייערע פעדערן. און די לעגענדע דערציילט:

— נאָכן אויסניכטערן זיך און אָביסל היימישער ווערן מיטן שפּאַנישן דעראָבערער האָט דער „ווילדער" ניקאַראַגואַ זיך געווענדט צו אַווילאַן און אים אַזוי געזאָגט:

— גרויסער אַווילאַ, אמת אַז מיר געפעלן אַ סך פון דיינע עצות ווי צו זיין גוט און פרום, גלויבן אין דיין צלם און נישט גלויבן אין דער לעבעדיקער זון, וואָס איז געבוירן געוואָרן דורך אַ הייליקן שפּרוך פונעם געטער־פּאָרל טאַמאַגאַסטאַד און ציפּאַטאָוואַל. איך פאָלג אויס דיין באַפעל, ווייל דו פאָדערסט עס, פּונקט ווי מיין טאָכטער האָט דיך ליב, ווייל דו הייסט זי דיך ליב האָבן. אויף דערויף האָסטו דאָך דיין מעכטיקן גאָט, דיינע אויסטערלישע פערד, לאַנגע שפּיזן, שאַרפע שווערדן און אַ „שטעקן" וואָס דונערט און שפּייט מיט פייער און רויך און זייט טויט און פאַרוויסטונג... יאָ, איך גלויב אין דיין יויזל, פּונקט אַזוי ווי מיין טאָכטער האָט דיך ליב... און זאָג מיר טאַקע דו, קלוגער שפּאַניער: גלויבסטו דען, אַז ווען דו נעמסט דורך טעראָר אַ מיידל און באַזיגסט זי און דאָס באַזיגטע מיידל לאָזט דיך טון מיט איר לייב וואָס דו ווילסט נאָר, גלויבסטו אַז דאָס מיידל ליבט דיך מיט איר נשמה פּונקט אַזוי ווי מיט איר קערפּער?...

— ניין, גרויסער אַווילאַ! מיר, אינדיאַנער, פּראַקטיצירן נישט קיין געצוווּנגענע ליבע און אויך נישט קיין געצוווּנגענע רעליגיע. גלויבן אין אַזאַ זאַך און ליב האָבן קען מען נאָר דורך גייסטיקער איבערצייגונג און נישט דורך צוואַנג...

— איך וועל דיך אויך פאָלגן, און קיינמאָל נישט עסן קיין מענטשנפלייש,

מחמת איך האָב עס קיינמאָל נישט געפּרוווט עסן, כאָטש די געטער טאָמאַגאַסטאַד און ציפּאַטאָוואָל האָבן יאָ ליב געהאַט אַ שטיקל געבראָטנס פון אַ געפאַנגענעם שונא. איך וועל אויך זען ווי ווייט מעגלעך מער נישט צו פירן קיין מלחמות. ווער אָבער וועט פירן די מלחמות, אונדזערע ווייבער? און ווער וועט אַרבעטן אין פעלד? ווער וועט קינדלען, די מענער?... באַזונדער, ווי קומסטו מיר צו געבן עצות וועגן נישט פירן קיין מלחמות און נישט צו הרגענען קיין מענטשן, אַז דו אַליין און דיינע לייט הרגענען מאַסנווייז די אומבאַוואָפנטע אינדיאַנער, אַלטע לייט, פרויען און אפילו זויגקינדער שאַנעווען איר נישט, נייערט איר טויט זיי מיט די ערגסטע מיתי־משונות? דיינע לייט ברענען און בראָטן לעבעדיקע מענטשן, הענגען אָדער צעשטיקלען מיט דער שווערד, צערייסן דורך דיינע שרעקלעכע אַלאַנאַ־הינט, הייסן אָראָפּציען די הויט פון לעבעדיקע מענטשן אָן שום נוצן, בלויז דערפאַר וואָס איינער וויל נישט תיכף זיך שמדן און גלייכצייטיק אויסזאָגן, ווו ער האָט גאָלד און זילבער, דאָן וועט מיר, אינדיאַנער, הרגענען בלויז אין מלחמה... און ווען דער כשוף־מאַכער בראָט אָפּ אַ געפאַנגענעם שונא, בראָט ער אים אָפּ ערשט נאָכן טויט, און אַז ער עסט דעם געבראָטענעם שונא, איז עס אויך ווייל עס הונגערט זיך. באַזונדער איז דאָך דער געבראָטענער שונא סיי ווי טויט, און ער פילט שויז גאָרנישט. און דעם טויטן איז אַלץ איינס ווער עס עסט אים, איך אָדער ווערים, טיגערס אָדער קאָנדאָרס.

— בראָטן אַ לעבעדיקן מענטש און אים לייגן נאָסע שמאַטעס אויף דער ברוסט, כדי דער טויט זאָל זיין שרעקלכער און לאַנגזאַמער, אין נאָמען פון דיין הייליקן צלם, אין נאָמען פון דיין גרויסמוטיקן שפּאַנישן קעניג, און צוליב אַביסל געל גאָלד, אַזוינס טוען נישט די אינדיאַנער. אפילו אין דמיון נישט...

און ווי קומסטו מיך און מיין פאָלק צו שטראָפן צוליב פילווייבעריי אָדער פילמענעריי, און רופסטו אָן זנות אויב אינדיאַנער מיידלעך האָבן ליבע־פאַרהעל־טעניש מיט מענער פאַר דער חתונה, ווען דו, כיל גאָנסאַלעז אווילאַ אַליין, און דיינע לייט האָבן געשענדט די שענסטע און בעסטע טעכטער פון מיין לאַנד. און טאָמער האָט אַ טאַטע אָדער אַ מאַמע פאַרטיידיקט זייער שוצלאָז קינד, האָסטו סיי די פאַרטיידיקער און סיי דאָס יונגינקע מיידל געהייסן פאַרברענען לעבעדיקערהייט, אַלס גאָטלעסטערער, אַלס אומגלויביקע אין דיין יעזוסן, וועלכער האָט, לויט דיינע אייגענע ווערטער, קיינמאָל קיין ווייב נישט געהאַט.

— מיר אינדיאַנער פאַרשטייען נישט דאָס וואָרט „מאָראַל" אַזוי ווי איר שפּאַניער ווילט עס פאַרטייטשן. אין אונדזער שפּראַך עקזיסטירט נישט אַזאַ וואָרט. אפשר דערפאַר וואָס מיר זענען „ווילדע באַרבאַרן", קאַניבאַלן, ווי איר רופט אונדז אָן. מיר גייען אום נאַקעט און האַלב־נאַקעט, ווייל מיר שעמען זיך נישט מיט אונדזער לייב, מיט אונדזער געשלעכט, וואָס איז די באַזע פון יעדן בעל־חי,

פון יעדן לעבעדיק נפש. איך ווייס אָבער אַז קיין מאַן פון מיין פאָלק האָט נאָך קיינמאָל נישט געפּרוּווט צו צווינגען וועלכער עס איז פרוי, זי זאָל זיך אים איבערגעבן קעגן איר אייגענעם גוטן ווילן. די פרוי איז אין דעם פּרט פריי און זי מעג געניסן, מיט וועלכן מאַן זי וויל נאָר, לויט איר געשמאַק און באַדערפעניש, אָבער תמיד אָן צוואַנג...

— און זאָג מיר, דו גרויסער אַווילאַ, נאָך וואָס און צו וואָס טויג דיר אַזוי פיל גאָלד, זילבער און בלישטשענדיקע שטיינער, פעדערן, טעפּיכער, צעראַמיקן און שניצערייען פון מיין פאָלק, ווען איר זענט דאָ אַזוי ווינציק מענטשן? *). איר רעדט דאָך תמיד מיטן יויזל און טויזנטער הייליקע, וועלכע איר לאָזט ממש פון מויל נישט אַרויס, און וועלכע זענען, לויט אייערע מעשיות, געווען גרויסע ענוים און אַלטרואיסטן, וואָס האָבן פאַראַכט גאָלד און זילבער און רייכטום בכלל?...

געפרעגט האָט דער קעניג ניקאַראַגואַ גאָנסאַלעז אַווילאַן, צי ער ווייסט ווען די וועלט וועט צעשטערט ווערן? צי איז ער זיכער און צי ווייסט ער כאָטש צי די לבנה און שטערן וועלן אַמאָל נישט אַראָפּפאַלן אויף דער זון, אָדער אויף דער ערד און זיי צעשטערן? צי די זון וועט אין משך פון יאָרן נישט פאַרלירן איר וואַרעמע ליכטיקייט צוליב אויסברענען זיך די פּרימאַ־מאַטעריאַלן, וועלכע גיבן דער זון וואַרעמע ליכטיקייט?... אַזאַ מין וואַרעמען און ליכטיקן שטאָף, וואָס לייכט אַזוי שטאַרק, וואַרעמט אַזוי שטאַרק אָבער ברענט דאָך קיינמאָל נישט?... און אויב דער שפּאַנישער קעניג מיטן פּויפּסט זענען יאָ אַזעלכע בריות, יאָ אַזעלכע הימל־מענטשן, פאַרוואָס בייטן זיי נישט אַביסל די זון־סיסטעם, זי זאָל נישט וואַרעמען צופיל אין דער נידער, ד״ה אין די טאָלן און פלאַכלענדער און צו ווייניק אין די הייכקייטן, אויף די בערג...

— זאָג מיר, דו גרויסער אַווילאַ, ווייסטו אַז עס איז אַמאָל, מיט עטלעכע טויזנט יאָר צוריק, געווען אַ שרעקלעכער מבול? אַלץ, אַלע באַשעפענישן, וואָס מיר זעען היינט אויף דער ערד, זענען אין יענעם מבול דערטרונקען געוואָרן און בלויז די אויסדערוויילטע פונעם גוטן גאָט „טאָסט" (גאָט פון די קראַליקעס און פּרוכטבאַר־קייט) האָט ער צו פאַרלעך אַרויפגעזעצט אויף דער זון, וואָס האָט זיי אָפּגעראַ־טעוועט פון פאַרניכטונג.

— און ווייסטו, אַווילאַ, וועגן דער שרעקלעכער מלחמה, וואָס די אַנדערע „טעאָטלס" (געטער) האָבן פאַרפירט מיטן גאָט „טאָסט"? „קיאַטעקאָט" — דער גאָט פון „קיאַהוטיל" (מבולדיקער רעגן), „העקאָט" — דער גאָט פון שטורמווינטן, „מעזאָט" — דער גאָט פון די קראָען, האָבן געמאַכט יד אחת מיטן בייזן גאָט „וויט־

---

*) אַווילאַ האָט געהאַט מיט זיך ביים פאַרנעמען ניקאַראַגואַ 60 שפּאַנישע זעלנער, 4 אַרקאַבוסן, 4 פערד און עטלעכע הונדערט אינדיאַנישע משומדים־פּעק־טרעגער.

זעאַט" — דעם גאָט פון הונגער און טויט, כדי אַלע לעבעדיקע, געראַטעוועטע פונעם מבול, זאָלן אומקומען דורך הונגער און דורשט. און נאָר אַ דאַנק דער זון, דער גוטער זון, וואָס האָט זיך אַנגענומען „טאָטס" קריוודע, ווייל ער איז אירער אַ נאָענטער קרוב, לעבן אַלע באַשעפענישן אויף טאַמאַגאַסטאַדס־ציפּאַטאָוואַלס ערד...

— זאָג, אַווילאַ, ווי דענקסטו, וועט קומען אַ צווייטער מבול? און אויב יאָ, וועט דער שפּאַנישער קעניג, מיטן פויפּסט און יויזל, אָפּראַטעווען די מענטשן, חיות און פייגל פון דערטרונקען ווערן? אַזוי ווי עס האָט געטון אַמאָל „טאָטס", דער גאָט פון די קראָליקעס?

— זאָג מיר, אַווילאַ, צי ווייסטו, אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן דורך דעם פּאַרליבטן געטער־פּאָרל טאַמאַגאַסטאַד און ציפּאַטאָוואַל בלויז אין משך פון זעקס טעג, שוין מיטן ערשטן מענטש מיט זיין ווייב? און אויב דו ווייסט פון דעם, זאָג זשע מיר, ווי לאַנג איז שוין ווי די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, און ווו דאָס ערשטע פּאָרל געפינט זיך איצט? זיי מוזן אוודאי זיין איצט געטער, און זיכער לעבן זיי אייביק, נישט ווי אַנדערע געטער: די אַצטעקישע, אינקאַאישע, מאַיאַשע און אַנדערע, וועלכע זענען ביים לעבן געווען מענטשן ווי אַלע מענטשן, און זענען געוואָרן געטער ערשט נאָכן טויט. קומט אויס לויט מיין מיינונג, אַז דאָס זענען טויטע געטער... און אַ טויטער קען גאָרנישט טון, ווייל אויב ער קען נישט עסן און טרינקען, און קען אויך נישט קינדלען, קען ער אויך גאָרנישט טון... מיינע געטער עסן, טרינקען, שלאָפן און פּלאָדיען זיך...

אויך בעט איך דיך, זייער קלוגער אַווילאַ, זאָג מיר ווי גרויס איז די לבנה און יעדער שטערן, ווי אויך די מיסטעריעזע קראַפט, וואָס האַלט זיי אויף אין דער גלייכגעוויכט, תמיד אויף דער זעלבער דיסטאַנץ, איין הימלישער קערפּער פון צווייטן? און וועלכע איז די קראַפט, וועלכער איז דער סוד, וואָס מאַכט אָט די אַלע הימלישע קערפּערס זיך באַוועגן און קיינמאָל נישט צו פּאַרבלאָנדזשען און זיך צו פּאַרטשעפּען איינער מיטן צווייטן?

— דערווייל, גרויסער אַווילאַ, האָב איך געזען פון דיר און פון דיינע לייט בלויז טויט, תאווה און רויב. אָבער אַ טויטן לעבעדיק מאַכן, אַזאַ מין נס ווי עס איז געשען מיט דיין גאָט האָט נאָך קיינער נישט באַוויזן, ד"ה מחיה מתים זיין — קענט איר נישט, הרגענען — יאָ...

— איך בעט דיך, גרויסער אַווילאַ, זאָג מיר, וווהין גייט די נשמה פונעם מענטש נאָכן טויט? און ווי אַזוי ווייסטו, אַז די נשמה פון איינעם גייט אין גן־עדן אַריין און פון צווייטן אין גיהנום? און אויב איר, שפּאַניאָלן, זענט אַזוי קלוג און איר ווייסט אַלץ, בעט איך דיך, זאָג מיר, ווו עס געפינט זיך דער גן־עדן און דער גיהנום. איך וויל גיין זען וואָס דאָרט קומט פּאָר...

— איך, אַ ווילדער קאַניבאַל, — גלויב, אַז נאָכן טויט איז אַלץ אויס. אָבער לויט דעם פּאָטערל וואָס האָט מיך אָפּגעשמדט, קומט אויס, איז אין גן־עדן זייער גוט, און אין גיהנום זייער שלעכט. פאַרשטיי איך מיט מיין קאַניבאַלישן שכל, אַז דער מענטש האָט ביים לעבן אַלץ, צום עסן און טרינקען, אַ ווייב און אַ מלבוש, הונגער, פּיין, קרענק און געפאַנגענשאַפט. נו, איז דאָס נישט גן־עדן און גיהנום?...

— אויב דער הייליקער פּויבסט איז גאָטס פאַרטרעטער, און דער קעניג פון קאַסטיליען איז ווידער דעם פּויבסטס פאַרטרעטער, וויל איך וויסן, צי די צוויי הייליקע מענטשן שטאַרבן אויך אַזוי ווי מיר, פּשוטע מענטשן? אָדער אפשר לעבן זיי אייביק?...

— יאָ, אַווילאַ, איך האָב דיר שוין איינמאָל געזאָגט, דאַכט מיר, פאַרוואָס מיר גייען אום נאַקעטע אָדער האַלב־נאַקעטע: ווערט אונדז קאַלט, איבערהויפּט ביינאַכט, דעקן מיר זיך צו. דאַן ווען איר, ווייסע, גייט אָנגעטון אין גראָבע וואָלענע מלבושים. אייער גאַנצער גוף איז צוגעדעקט מחמת פרומקייט און צניעות. פונדעסטוועגן, אַז איר דערזעט אַ שיין מיידל, ווערט איר ווילד־משוגע, ווילדער פון די היציקע מאַלפּעס אויף דיביימער...

— דערפאַר טאַקע פגרן דיינע לייט אַזוי פיל!...

— אין יויזלס נאָמען לערנסטו אונדז, מיר זאָלן נישט שכורן, מיר זאָלן זיין גוט און פרום און געהאָרכזאַם צו דיין גאָטס וואָרט: נישט הרגענען, נישט פעלשן, נישט גנבענען, נישט זאָגן פאַלש עדות, נישט גלוסטן יענעמס הויז, ווייב, דינסט, אייזל אָדער אָקס, און קיין זאַך וואָס געהערט צו יענעם...

— גוט, אַווילאַ, זייער גוט. איך בין איינשטימיק מיט דיין שיינער לערע. איך פאַרשטיי אָבער, אַז יעדערער דאַרף זען, פריער פון אַלץ, אַז זיין שטוב זאָל זיין ריין פון אומפליייט, ראשית, דעם אייגענעם קערפּער אַרומוואַשן, און ערשט נאָכדעם עצהן דעם צווייטן אויך אַזוי צו טון... מיר ראַטסטו, איך זאָל נישט שכורן, און דו מיט דיינע לייט זויפן מער ווי דיינע אָקסן. מיך לערנסטו נישט צו הרגענען, און דו מיט דיינע לייט הרגענען צי מען דאַרף יאָ אָדער נישט. ווער צו וועמען איז געקומען מיט פייער און שווערד, איך צו דיר, צי דו צו מיר? מיינע קריגער, וועמען דו רופסט באַרבאַרן, האָבן פון דיינע לייט נאָך קיין איינעם נישט געהרגעט, דאַן ווען דיינע זעלנער האָבן שוין אויסגעמאָרדעט טויזנטער אינדיאַנער. איך האָב ביי דיר גאָרנישט צוגענומען, און דו האָסט מיין לאַנד אויסגעליידיקט. דערפאַר זענען מיינע אַלע געטער קעגן דיר, אפילו די געטער, וואָס זענען צוזאַמען מיט מיר און מיין פאָלק געוואָרן קריסטן זענען קעגן דיר. דיינע געטער צוזאַמען מיט דיין הייליקן קעניג און אַלע דיינע הייליקע, קענען דיר נישט העלפן קעגן מיינע געטערס צאָרן...

— אַט האָסטו אַ סימן, אַז מײַנע געטער, הימל און שטערן זענען קעגן דיר: — קײנער פון מײַן פאָלק האָט נאָך קײנמאָל נישט געהוסט, נישט קראַנק געוואָרן און נישט געשטאָרבן פון פאַרקילונג, כאָטש מיר גײען אַרום גאַנץ־ אָדער האַלב־ נאַקעט. קײנער פון מײַן פאָלק איז נאָך נישט קראַנק געוואָרן און נישט גע־ שטאָרבן פון מאַלאַריע, טיפוס, דיזענטעריע, געלן פיבער און געשלעכט־קראַנק־ הײטן — און אַנדערע חולאתן וואָס דײַן דאָקטאָר האָט מיך אויסגעלערנט אָנ־ צורופן — אײדער איר האָט אינוואַדירט דאָס לאַנד. און איך פאַרשטײ אַפילו נישט, ווי אַזוי קען מען זיך פאַרקילן אין אַזאַ וואַרעם לאַנד, ווי מײַנס איז?...

און נאָך גאָר אַ סך פראַגן האָט דער ווילדער האַלב־נאַקעטער ניקאַראָ, אָדער ניקאַראַגואַ, געפרעגט דעם געפלעפטן כיל גאָנסאַלעז אַווילאַ, וועלכער האָט נעבעך נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן, ווײַל אַ חוץ פרום זײַן, ליובן גאָט, לויבן די שפּאַנישע מאָנאַרכן און אַלע הײליקע, דאַווענען, רויבן, דעראָבערן, שענדן און אויסמאָרדן די פרידלעכע אינדיאַנער, האָבן די גרעסטע טײל קאָנקיסטאַדאָרן נישט געקענט.

כיל גאָנסאַלעז אַווילאַ, — דערצײלט די לעגענדע — איז נשתומם געוואָרן, הערנדיק פון דעם פריש־געבאַקענעם קריסט, פון דעם נישט־געלערנטן, נאָר וואָס געווויזענעם געצנדינער, אַזעלכע פראַגן, וואָס נאָר אַ „יידישער משומד“, אַן אפּיקורס, אַ מאַראַן, וואָלט עס געקענט פרעגן. און דער גרויסער אַווילאַ האָט מיט פאַרגלאָצטע אויגן געענטפערט, וואָס עס איז אים נאָר געקומען אין מויל אַרײַן...

מאַנאַגואַ

מאַנאַגואַ איז די הויפּטשטאָט פון דער צענטראַל־אַמעריקאַנער מדינה ניקאַ־ראַגואַ, און האָט, בעת איך האָב באַזוכט די שטאָט, פאַרמאָגט אַ באַפעלקערונג פון 34.872 נפשות. זי שטייט אין דרום פון דער ריזיקער אָזערע מיטן זעלבן נאָמען, 67 מעטער איבערן ים־פלאַך.

די שטאָט מאַנאַגואַ איז זייער ציוויליזירט. זי האָט שוין אפילו אַ באַן־סטאַנ־ציע מיט אַ באַן־ליניע, וואָס באַהעפט זי מיט דער אַריסטאָקראַטישער שטאָט גראַנאַדאַ, און צוליב גראַנאַדאַ מיט דעם רעשט וויכטיקערע ישובים פון לאַנד.

ווי נאָר דער רייזנדער גייט אַראָפּ פון באַן, ווערט ער ממש באַפאַלן פון צענדליקער פרויען פון אַלערליי עלטער און טראַכט, אפילו פון פּיצלעך מיידעלעך און יינגלעך־שטיוולפּוצער, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, מיט פאַרפּאַטשקעטע פּנימער, פול מיט בלאָטע, שטויב און קויט, אויסגעשמירטע מיטן זאַפט פון מאַנגאָ־פרוכטן, באַנאַנען, און מאַראַנצן, וואָס זיי באָטן אָן יעדן פּאַסאַזשיר, ער זאָל ביי זיי קויפן.

יעדע פרוי און קינד איז מיך באַפאַלן, ווער מיט צעקראָכענע באַנאַנען, ווער מיט טשירימאָיאַס, געקאָכטע טשאָקלאָס (פּשעניטשקעס), מאָרוועס אָדער אַגואַקאַטעס; מיט טעפּלעך קאַווע, געקאָכטע, וואַרעמע וווּרשטלעך, וואָס האָבן געשניטן אין נאָז און אויגן; מאַמעליגע און קליסקעס, גראָבע און גרויסע ווי די פּוילישע „קאַרטאָפּליאַנע קלוסקי״, געפּרעגלטע, קרעפּלעך, געפילטע מיט פלייש, בלוט, מליץ*) פון פיש, רויגן אָדער געפילטע מיט ווייכן קעז און אַנדערע עסנס. אַלע אַנדערע געקומענע מיטן באַן, נישט אַזעלכע מפונקים ווי איך, האָבן נישט געלייגט קיין אַכט אויפן קויטיקן פּנים און הענט פון דער פאַרקויפערין, אָדער דעם פאַרקויפער, און אויך נישט אויף די שמוציקע טעפּלעך, שיסעלעך און טעלערס, אין וואָס די עסנס זענען געווען, און האָבן געאַכלט, ווי זיי וואָלטן נאָר וואָס אַרויס פון אַ לאַנגיעריקער געפענקעניש...

— קויף ביי מיר, האַרעלע, מיינס איז בעסער און אַ סך געשמאַקער! איך האָב עס אַליין געקנאָטן און געקאָכט, — האָט אַ ברוין מיידעלע מיט ניס־קאָליר פון

---

*) מילך פון פיש.

אַן אומבאַשטימטן עלטער, אַן אָפּגעריסנס און מיט אַ פֿאַרפּאַטשקעט פּנים — אַ שרעק, און כמעט פֿאַרכעוואַטע הענט פֿון קיינמאָל נישט וואַשן זיך, אָבער דער־פּאַר פיין־פּאַרמירטע פּוכקע קורצע פינגער, שוואַרץ אונטער די לאַנגע נעגל, מיר געשטעקט כמעט אין מויל אַריין אַ ריזיקן „קראַפּ“, גרויס ווי דער שור־הבר.

דאָס זייער שמוציקע, אָבער זייער שיין מיידעלע, האָט מיט אירע אַלאַבאַס־טער־ווייסע ציינדלעך אָפּגעביסן אַ שטיקל און מיר געוויזן דעם רייכן אינגעווייד פֿון דעם ריזיקן קרעפּל, און מיר געשטעקט אין מויל אַריין דאָס אָפּגעביסענע שטיקל:

— מיגלסט זיך פֿון מיר? זיי נישט קיין מפונק און עס וואָס מ׳גיט דיר, גרויס האַרעלע. אפילו אַ חזיר אַ מפונק קען אויך נישט פעט ווערן, — האָט דאָס מיידל צו מיר גערעדט מיט טרערן אין די אויגן. — נעם, עס, פאַרזוך, וועסטו זען ווי געשמאַק עס איז. פֿון מיין מויל איז נאָך געשמאַקער, און באַזונדער איז עס אַ סגולה, אַז אַ בחור זאָל וויסן אַלע סודות פֿונעם מיידל, ווען ער עסט דעם כזית, וואָס אַ בתולה בייסט אָפּ...

אַ קליינינקע, אַ דראַבניטשקע ווי אַ וועווערקעלע, נאָר מיט טויזנט חנען איז דאָס אינדיאַנקעלע, מיט זאַפיר־אויגן, וואָס איז אַכצן יאָר אַלט, — לויט ווי זי האָט געזאָגט. צוויי שיינע חן־גריבלעך איינס אין יעדן בעקעלע, אַ פּיצינקע שוואַרצפינטעלע מיט אַ האַרעלע אויפן רעכטן בעקל אין סאַמע מיט חן־גריבעלע. צוויי לאַנגע, שוואַרצע אַסאַבאַטשע־צעפּ פאַרוואָרפן איבער דער ברוסט פֿוןביידע זייטן, מיט וויאָלעטן און ליריען־בלומען איינגעפלאָכטן.

אַ הונגעריקע האָט זי אויסגעזען, הגם זי פאַרקויפט אַזעלכע „געשמאַקע“ קרעפּלעך. נאָר דערפאַר מיט דינינקע שפּיציקע און פאַרשייטע בריסטעלעך, וואָס האָבן זיך געריסן אַרויס פֿונעם שטיקל רויטע עטאַמינע, וואָס האָט אַרומגע־וויקלט איר קינדערשן קערפּערל, און זענען נאָר טיילווייז געווען צוגעדעקט. אַ שניידיקער גערוך האָט זיך געטראָגן פֿון איר אַרום. איך ווייס אָבער נישט, פֿון וועמען עס האָט אַזוי געעיפּושט, צי פֿון דעם חנעוודיקן מיידל, צי פֿון די קרעפּ־לעך, וואָס זי האָט מיר געשטעקט אין מויל אַריין...

איר שטימע איז געווען ווי אַ זילבער־געקלאַנג, און יעדעס וואָרט וואָס זי האָט אַרויס געזאָגט, האָט צוגעצויגן יעדנס אויער צו איר.

— נישט מער ווי צען סענט אַ האַלבע טוץ! קויפט, האַרעלע! קויפט, שיי־נינקער!... איך בין אַ יתומה, נאָך ערגער פֿון אַ יתומה, אַ פאַרלאָזטע פֿון דער וועלט און פֿון אַלעמען. קויפט, האַרעלע קויפט מיינע עמפּאַנאַדעס*). זיי זענען

*) קרעפּלעך

בעסערע און געשמאַקערע פון אַלעמענס. מיין מאַמע ליגט קראַנק, זי איז אַ געפערלעך־קראַנקע מיין מאַמע. שוין איבער דרייסיק יאָר, איז זי יענע וואָך געביסן געוואָרן פון דער טאַבאַבאַ (אַזאַ שרעקלעך־גיפטיקע שלאַנג), בעת זי איז געגאַנגען צום טייך מיט אַ קויש וועש אויפן קאָפּ. זי ליגט אין שפּיטאָל אַ געפערלעך־קראַנקע שוין דרייסיק יאָר. קויפט, האַרעלע, קויפט, איך שווער אייך ביי מיין מאַמעס אַש, אַז איך האָב זיי אַליין געמאַכט, און מיין מאַמע האָט מיר אפילו נישט צוגעהאָלפן צו קנעטן דאָס טייג. זיי זענען אפילו בעסער פון די וואָס מיין מאַמע מאַכט, — האָט דאָס אינדיאַנקעלע געבעטן זיך, סותרנדיק זיך, און האָט געזאָגט איין ליגן גרעסער פונעם צווייטן.

— אָבער, קינד, אַז דו ביסט אַ יתומה, אַז דיין מאַמע איז געשטאָרבן, און נאָכדעם איז זי, הייסט עס, ווידער לעבעדיק געוואָרן, און ליגט שוין דרייסיק יאָר אין שפּיטאָל, צוליב אַ ביס פון דער טאַבאַאַ מיט עטלעכע טעג צוריק? איך פאַרשטיי דיך נישט, מיידל! און שווערסט ביים אַש פון דיין טויטער מאַמען, אַז די „עמפּאַנאַדאַס“, וואָס דו מאַכסט, זענען בעסערע און געשמאַקערע, ווי די וואָס דיין מאַמע מאַכט. מאַכט דען דיין מאַמע עמפּאַנאַדאַס נאָכן טויט אויך? — האָב איך געשפּאַסט מיט דער אינדיאַנערין.

— זאָל זיין, ווי עס ווילט זיך, אַבי קויף ביי מיין טעכטערל, וועלכע איז טאָקע נעבעך אַ קיילעכדיקע יתומה, אָבער בלויז פונעם טאַטנס צד, וועלכער וווינט מיט אַ צווייטער, — האָט קוויטשענדיק מיר אַריינגעשריגן גלייך אין אויער אַריין אַ הויכע און ביז גאָר מאָגערע אינדיאַנערין מיט אַ זשיראַפן־האַלדז, אָנגעטון אין אַ ציגיינער־טראַכט.

איך האָב אַרויסגענומען צוואַנציק נ׳ אַמעריקאַנער סענט און געגעבן דער סימפּאַטישער מיידעלע, און געהייסן איר און איר מאַמען אויפעסן מיינע געקויפטע קרעפּלעך.

עס האָט מיר שוין מער נישט געפעלט. איך בין שיעור נישט צעשטויבט געוואָרן פון די עטלעכע טוץ ווייבער און מיידלעך, פּאַרקויפערינס און פון סתם קינדער און ליידיק־גייער, וואָס קומען צו יעדער באַן אָנצוקוקן די אָנגעקומענע פּאַסאַזשירן. אַלע האָבן זיי מיך אַרומגערינגלט ווי אַן אבן־טוב און מיך נישט געלאָזט אַ שפּאַן טון, ביז איך האָב ביי יעדער פרוי, קינד און מיידל געמוזט עפּעס קויפן און זיי אַליין געהייסן אויפעסן...

די שטאָט מאַנאַגואַ איז אויפגעבויט געוואָרן אין דער צווייטער העלפט פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט ביים ברעג פון דער גראַנדיעזער אָזערע מאַנאַגואַ, כדי צו פאַרענדיקן דעם סכסוך צווישן דער קאָסמאָפּאַליטישער און דעמאָקראַטישער שטאָט לעאָן מיט דער אַריסטאָקראַטישער גראַנאַדאַ, אַ סכסוך, וואָס האָט טייל־

מאָל געדראָט מיט אַ געפערלעכן בירגער־קריג, מחמת יעדע פון די צוויי שטעט האָט געטענהט, אַז נאָר איר קומט די בכורה צו זיין די הויפּטשטאָט פון דער מדינה ניקאַראַגואַ...

די שטאָט מאַנאַגואַ איז מיטלאַלטערלעך און זייער אומרעגלמעסיק געבויט: די הייזער, פּערפּענדיקולאַר צווישן זיך, פון צוויי און אפילו פון דריי שטאָק די הויך. און קעגנאיבער, ווי ביי די זייטן און פון הינטן, קופּעס מיסט, הויך ווילד־גראָז, און צווישן דעם אַ כאַטקעלע פון פאַרזשאַווערטע שטיקלעך בלעך, פון בלאָטע, שטעקלעך, אָדער גאָר אַ בודע פון אַלטע צעריסענע זעק, איבערגעצויגענע איבער צעשפּרייטע צווייגן פון אַ סעיבאָ־בוים אָדער אַן אַנדער בוים. אין אָט די כאַטעס וווינט דאָס אָרעמקייט, די אַרויסגעשטויסענע פון דער פיינער געזעלשאַפט...

אין די הייזער פון פּיין האָלץ, אָדער געמויערטע, וווינען די הויכע אָנגעשטעלטע פונעם שטאַט, רייכע סוחרים, פּאָליטיקער און דיפּלאָמאַטן און די בלוטיקע אַריסטאָקראַטן פון דער גאָרער וועלט, וועלכע פאַרשווענדן דאָס געלט וואָס זיי האָבן פאַרדינט פון די אינדיאַנער און פון אַנדערע ראַסן מענטשנס האַרעוואַניע; פלאַדיען זיך די אָרעמע באָרוועסע מאַסן אין „פּאַלאַצן" פון פאַרפּוילטע ראַגאַזשעס, צוזאַמען מיט קרעציקע הינט און קעץ, מאַלפּעס און פּאַפּוגייען פול מיט לייז, פליי, און וואַנצן פון די זעלבע קעץ, הינט און פּאַפּוגייען...

אין די שטיבער פון ראַגאַזשעס, בלאָטע, און בלעך איז די פּסיטאַקאָסיס, טיפוס, קרעץ און די בובאָנישע פּעסט היימישע געסט. דאָס ברענגען די פאַרהיימישטע חיות און פייגל אַ מתנה צום אָרעמאַן...

פונדעסטוועגן האָב איך אויך געזען עטלעכע גאַנץ שיינע און עסטעטישע בנינים: דער רעגירונגס־פּאַלאַץ, וועלכער שטייט זיך שטאָלץ לעבן שיינעם און רחבותדיקן פּאַרק, וואָס פאַרנעמט אַ גאַנצן קוואַרטאַל, די ניקאַראַגוער נאַציאָנאַלע באַנק, וועלכע אָפּערירט מיט ענגלישן קאַפּיטאַל, און איז דער איינציקער אַנשטאַלט פון דעם מין, מיט אָפּטיילונגען אין די וויכטיקסטע שטעט פון לאַנד, דאָס פּאָליציי־הויז, די פּאָסט־געביידע און דער לופּאַנט־האָטעל, איינער פון די בעסטע און שענסטע אין גאַנץ צענטראַל־אַמעריקע.

אינעם עק פון „מאַרטע־פּלאַץ" שטייט זיך אַן אַרכייאישע געביידע, לויטן אויסזען, אַן אַמאָליקער שלאָס אָדער פעסטונג פון מיטלאַלטער. דאָרט וווינט דער ערשטער בירגער פון לאַנד. דער סקווער איז ממש אָנגעפּיקעוועט מיט פיינע שפּייזקראָמען, גאַלאַנטעריי־געשעפטן, שניטקראָמען און אַלקאָהאָל־קלייטלעך און אַנדערע געשעפטן, וועלכע געהערן צו אויסלענדער, מייגסטנס אַראַבער, כינעזער און יאַפּאַנעזער.

ס׳איז ווערט צו דערמאָנען, אַז מאַנאַגואַ פאַרמאָגט אויך אַ קונסט־שול, אַ פאַך־ און פּראָפעסיאָנעלע שול פאַר ביידע געשלעכטער, אַ קאָנסיסטאָריום־פּאַלאַץ און אַנדערע וויכטיקע געביידעס פאַר שכנים און פּריוואַטע טשאַלעען.

פּרויען, איבערהויפּט פּרויען־יונגוואַרג, זעט מען אַ סך מער ווי מענער. דאָס איז — האָט מען מיר געזאָגט — צוליב די אָפטע אויפשטאַנדן, מיליטערישע רעוואָלוציעס און מלחמות, וואָס קומען פאָר אין די גרענעצן און אויסער די גרע־נעצן, בעת וועלכע עס ווערט פאַרטיליקט די מענלעכע יוגנט.

עס פעלן נישט קיין „הייזלעך" מיט „ווייס", „געל" און „ברוין" פלייש.

קומענדיק צו דער שטאָט מאַנאַגואַ דורך דער אָזערע מאַנאַגואַ, ווו כמעט אַלץ אַרום איז מילענאַרע טייגע, און בלויז אין אייניקע געגנטן שטיקלעך מדבר, מאַכט די שטאָט אויף דיר זייער אַן אָנגענעמען איינדרוק, גאָרנישט ערגער ווי בעת קאָלאָן האָט דערזען ערד, נאָך זיין מאָנאַטן־רייזע איבערן צעבושעוועטן אָקעאַן... ביסטו אין דער שטאָט מאַנאַגואַ און פון דער הויכער טעראַסע פונעם לופּאַנט־האָטעל, זעסטו אויף דער אומענדלעכער מאַנאַגואַ הונדערטער אינדזלען און אינדזעלעך, ווייסע זאַמדבענק, דאַמף־שיפלעך און אינדיאַנער שטרויענע גע־פלאָכטענע לאָדקעלעך, וועלכע שיפן זיך שנעל אין אַלע ריכטונגען: קוקסטו מיט דיין פעלד־לאָרנעטקע, זעסטו אויף די געדיכטע, סאַמעט־גרינע אינדזלען אינדיאַ־נער־הייזקעס מיט מענטשן אַרום און מיט זייערע שטוביקע חיות, מאַכט עס אויף דיר זייער אַן אָנגענעמען איינדרוק, און ס׳דאַכט זיך דיר, אַז דו ביסט אַהער געקומען מיטן קאָנקיסטאַדאָר אַווילאַ, אָבער מיטן אונטערשיד, וואָס דו ביסט נישט געקומען צו הרגענען, נישט צו רויבן, נישט צו שענדן און נישט צו שמדן, נאָר ביסט אַהער געקומען צו לערנען די אומוויסנדיקע, אָבער זייער קלוגע און טאַלאַנטפולע יוגנט, העפטן, שטריקן, וועבן און אַנדערע קונסט פון האַנט־אַרבעט...

וווּנדערבאַר איז די בי־מאַנאַגואַס פּאַנאָראַמע! הייס, שרעקלעך הייס איז די שטאָט מאַנאַגואַ, ממש צעשמאָלצן צו ווערן. די זון ברענט ווי אַן אמתדיקער אכזר. דער הייסער, פייערדיקער שטויב איז שרעקלעך, און ווען נישט דאָס ווינ־טעלע, וואָס בלאָזט תמיד פון דער גראַנדיעזער מאַנאַגואַ־אָזערע, וואָלט מען, דאַכט זיך, צווישן זון און שטויב דערשטיקט און אָפּגעבראָטן געוואָרן.

די שטאָט מאַנאַגואַ האָט נישט גענוג שפּאַציר־פּלעצער, און פאַרמאָגט נישט קיין באַפּלאַנצטע און באַבוימטע אַלייען. די נישט־באַבוימטע גאַסן זענען נאָך נישט אַספאַלטירט און נישט ברוקירט, און זיי זענען אַזוי שטויביק, אַז עס איז כמעט נישט מעגלעך דורכצוגיין אַ צוויי־דריי קוואַדרעס צופוס. נאָך די מבול־דיקע רעגנס, ווען עס צעגיסט זיך מאָנאַטן־לאַנג אָן אויפהער, ווערט אַ שיטערע און זייער טיפע בלאָטע, אין וועלכער מ׳קען דערטרונקען ווערן.

איך האָב געדונגען אַ „קאַטש" אין צוויי פּערד געשפּאַנט, מאָגערע ווי פּרעהס קי, — הויט און ביין, מיט לאַנגע קודלעוואַטע גזשיווּעס אין לאַנגע ביז דער ערד גראָבע ווידלעך, פול אָנגעזעצט מיט קאַרדאַ־שישקעס, און איך מאַך מיר אַ שפּאַציר, כדי כ׳זאָל מיט מיינע אייגענע אויגן אָנקוקן דעם באַרימטן מאַנאַגוער מאַרק.

די געביידע שטייט אין סאַמע קאָמערציעלן צענטער פון דער שטאָט, און אין סאַמע מיט פון אַ ריזיקן פּירקאַנטיקן שטיק פּלאַץ. זי פאַרנעמט 120 אויף 120 מעטער, מער־ווינציקער. די ריזיקע געביידע איז פול מיט קליטן, קליילעך און שענקען. אַלע געשעפטן און רעסטאָראַנען קוקן צו דער שטויביקער גאַס אַרויס, און זענען פּראָטעזשירט קעגן זון און רעגן, דורך אַ גאַלעריע פון אויבן, עטלעכע מעטער די ברייט. מיט דער זעלבער מאָס גאַלעריע איז אויך פאַרזען די געביידע אינעווייניק אַרום דעם גאַנצן מאַרק־פּלאַץ.

דאָ, אין דעם מאַרק־פּלאַץ, קומען די אָרעמע פּראָדוקטאָרן אינדיאַנער, מיש־לינגען און אויך אַ ביסל שוואַרצע און ווייסע. די לעצטע זענען, ס׳רוב אַראַבער פון נאָענט און ווייט אַרום, ווער מיט אַ טראָפּן פּאַסאָליעס, אַ זשמעניע אַרבעס, קוקורוזע, גערשטן, אַ גאַרשטש ברוינעם צוקער, שטיקער שטיין־זאַלץ, אַ קופּ־קעלע סאַלאַטן, ציבעלעס, קנאָבל און אַנדערע קלייניקייטן. זיצן זיי, די פּאַר־קויפער מיט טראָפּיקאַלע פּרוכטן, פעלעכלעך פון עקזאָטישע חיות און פּילקאָ־לירטע עקזאָטישע פייגל, וואָס נאָר די אומענדלעכע טראָפּישע וועלדער פון אַזאַ אומבאַפּעלקערט לאַנד קען פּראָדוצירן. איך האָב דאָרט געזען פּאָפּוגייען די גרייס פון אַ קאַנאַריקל ביז אַזעלכע גרויסע ווי אַ פּאַווע, און מיט אַזאַ שלל שרייענדיקע פאַרבן, און אַזוי פיין קאָמבינירט, אַז עס האָט זיך מיר נישט געוואָלט גלויבן, אַז דער גרויסער גאָט, וועלכער האָט באַשאַפן פון אַ תוהו ובהו הימל, זון, לבנה און שטערן און אונדזער ערד־סיסטעם, וואָס האָט פון אַ ביסל בלאָטע געמאַכט אדמען און פון אדמס אַ ריפּ האָט ער געמאַכט אַ פרוי, און נאָך און נאָך אַזעלכע קונצשטיק, זאָל מסוגל זיין צו געבן אַזעלכע וווּנדערלעכע פאַרבן די ריזיקע פּאָ־פּוגייען. איך האָב די פייגל באַטראַכט ממש מיקראָסקאָפּיש, מחמת איך האָב געהאַט אַ חשד, אַז די פאַרקויפערס אַליין האָבן די פייגל אַזוי פיין אָפּגעפאַרבט; טעפּלעך פון קאַלאַבאַסאַ־פּרוכט, פון קאָקאָס־ניס און זעלטענע צעראַמיקן, וואָס ווערן קונסטפול אויסגעשניצט, אויסגעגראַווירט און געפאַרבט דורך די אינדיאַ־נערקעס פון ריוואַס, קאַראַזאַ און מאַסאַיאַ.

צו יענער צייט, ווען איך בין דאָרט געווען, האָט נאָך די ניקאַראַגוער הויפּט־שטאָט נישט פאַרמאָגט קיין טעאַטער און אפילו נישט קיין קינאָמאַטאָגראַף.

טעאַטער, קינאָ, שולן, — דאָס זענען נאַרישקייטן, — האָט מיר געזאָגט אַ דייטשישער מיליטאַר — ווען פאַר געלט קען געבויט ווערן אַ קאַזאַרמע, אַ

קריגס־שיף, אַ קאַנאָן און אַעראָפּלאַן. אַנשטאָט לערער און אַרטיסטן, וואָס טוען גאָרנישט מער ווי ווייזן פעלערן און לערנען דעם „מענטשן" צו זיין אַ מענטש, קענען זיין פּאָליציאַנטן און רעגימענטן סאָלדאַטן, וועלכע קענען, אין אַן עמער־גענץ, פאַרטיידיקן דאָס הייליקע פאָטערלאַנד קעגן אַ שלעכטן שכן, ווי אויך קעגן אַ גייציקן פּאָליטיקער, וואָס וויל אַראָפּוואַרפן דעם הערשנדיקן און פאַרנעמען זיין שטריימל...

— די גרויסע קולטור פון די אינדיאַנער, זייער ציוויליזאַציע פון קדמונים אָן, — האָט מיר ווידער דערציילט אַ געלערנטער אינדיאַנער פּאַטריאָט — האָבן די פרומע קאָנקיסטאַדאָרן פאַרניכטעט צוזאַמען מיט דער פיזישער אויסראָטונג פון מיליאָנען אַרבעטסזאַמע אינדיאַנער און קיין נייע קולטור און ציוויליזאַציע, אַ חוץ קירכעס און קאָנוועטן, האָבן זיי און זייערע אוראייניקלעך נאָך נישט געשאַפן. און איך, פון מיין זייט, האָב אָנגעטראָפן די היינטיקע אַבאָריגענער פון די ניקאַראַגוער ישובים נאָך זייער און זייער צוריקגעשטאַנען.

יאָ, חטאתי, כ'האָב פאַרגעסן צו דערמאָנען: מאַנאַגואַ פאַרמאָגט אויך אַ מוזיי פון אַלטערטימלעכקייטן און נאַטור־וויסנשאַפט, וו עס געפינען זיך גאָר אינ־טערעסאַנטע מענטשלעכע פיס־אָפּדרוקן, פאַרשטיינערטע גלידער פון מענטשן און חיות, מומיעס, רעדוצירטע מענטשלעכע קעפּ און אַנדערע זאַכן, וואָס באַ־ווייזן, אַז דער פּרימיטיווער אַמעריקאַנער מענטש איז גאָר נישט געווען אַזוי פּרימיטיוו, ווי איניקע יעזואיטישע היסטאָריקער שטעלן פאָר די אינדיאַנער פון די קאָנקיסטאַדאָרישע צייטן. די אַנטראָפּאָלאָגישע און אַרכעאָלאָגישע פאַר־צייטיקע אינדיאַנער זאַכן זאָגן עדות, אַז די צענטראַל־אַמעריקאַנער זענען גע־קומען מיט עטלעכע טויזנט יאָר צוריק מיט אַ שוין אַ העכערער קולטור לגבי די אָפּגעשטאַנענערע פון זיי...

קסאָלאַטאַן אָדער מאַנאַגוּאַ־אָזערע

די אָזערע מאַנאַגואַ אָדער קסאָלאַטאַן, ווי עס רופן זי די אינדיאַנער ביז היינט צו טאָג, האָט אַ שטח פון 61 קילאָמעטער די לענג אויף 26 די ברייט, און געפינט זיך אין צפון־מזרח פון דער גראַנדיעזער ניקאַראַגואַ־אָזערע און איז 57 מעטער מיט 62 צענטימעטער די הויך איבערן ים־פלאַך.

די מאַנאַגואַ־אָזערע איז נישט צו טיף, מיט אַן אַ שיעור זאַמד־בענק צוליבן וואַסער־אָפּלויף אין דער ניקאַראַגואַ־אָזערע אַריין, און מיט אומענדלעכע זומפּן אַרום, וואָס ווערן פאַרמירט דורך דעם טייך טופּיטאַפּאַ, וואָס ווערט געבוירן אין דער מאַנאַגואַ־אָזערע און ציט פון דאָרט אָפּ דאָס וואַסער. צוליב דער זעלבער סיבה קענען זיך באַוועגן אויף איר בלויז קליינע שיפלעך אָדער מיטל־מעסיקע דאַמף־שיפלעך. אמת איז אויך, אַז די מאַנאַגואַ־אָזערע האָט אַ סך טייכן וואָס ליווערן איר וואַסער. זיי זענען אָבער אַזוי נישטיק, אַז איך וועל בלויז דערמאָנען צוויי טייכן: סינאַקאַפּאַ און על וויעכאַ. אויף דער אָזערע געפינען זיך אויך עטלעכע נישקשהדיקע אינדזלען און דער גרעסטער פון זיי איז דער מאָמאָטאָמביטאָ. דער אינדזל הייסט אַזוי צוליבן געפערלעכן ווולקאַן מאָמאָטאָמביטאָ, וועלכער שטייט זיך שטייף און פאַרריסן אין אַ זייט פונעם אינדזל, וואָס ער זעלבסט האָט געשאַפן. דאָרט געפינט זיך אַ נישקשהדיקער ישוב פון מאָסקיטאָ־אינדיאַנער.

דער הויפּט־האַפן אויף דער אָזערע איז די שטאָט מאַנאַגואַ, וועלכע איז די הויפּטשטאָט פון ניקאַראַגואַ. דער צווייטער וויכטיקער פּאָרט אויף דער זעלבער אָזערע איז די שטאָט מאָמאָטאָמבאָ.

אויף אַ קליינער מאָטאָר־לאָדקעלע האָב איך באַזוכט 23 באַוווינטע אינדזלעך אויף דער סקאָלאָטאַן־אָזערע. קיין שום איראָפּעער, אָדער ציוויליזירטער אַמעריקאַנער ,וואָלט אפשר נישט געוואָגט זיך צו באַזעצן אויף די דאָזיקע אינדזעלעך, וואָס אייניקע פון זיי זענען נישט מער ווי צופעליקע זאַמד־בענק. די איינוווינער זענען כמעט אַלע אינדיאַנער, ס'רוב פון דעם באַרימטן קסיקאָע־שבט, וועלכע געפינען זיך נאָך אין אַ „ווילדן" צושטאַנד, — לויט עס באַהויפּטן הויכגעבילדעטע און ציוויליזירטע געסט. איך אָבער האָב אין זיי, אַ חוץ אָרעמקייט, איגנאָראַנץ און הונגער, קיין שום ווילדקייט נישט געזען. פון זייער ציכטיקייט

וואַלטן אַ סך ציוויליזירטע מענער און פרויען זיך געמעגט אַראָפּנעמען אַ ביישפּיל. זיי לעבן הויפּטזעכלעך, פון פיש־פאַנג און יאַגד אויף די פייגל און חיות, וואָס נעסטן אויף די אינדזלען און אויף די ברעגעס פון דער אָזערע און אין די וועלדער אַרום דער אָזערע. זייער הויפּט־אינדוסטריע באַשטייט אין פלעכטן קוישן פון אַלגאַ־גראָזן און אַלגאַ־שטעקלעך און אויך פלעכטן זיי אויס פון זיי אַלערליי טיפּן מעקסיקאַנער היט. זיי מאַכן אויך טעפּלעך, קרוגן, טעלער, שיסלען און וואַזאַנען פון ליים, פיינע האָלצשניצערייען און שניצערייען פון די שאָלעכץ פון קאָקאָס־ניס.

אויף אייניקע אינדזלעלעך, באַוווינטע נישט מער ווי פון עטלעכע פּאָר־פעלקער, געהערן די אינדיאַנער תושבים צו באַזונדערע שבטים: ניקאַראַגער, טשאָראָטעגאָס, טשאָנטאַלעס, מאָסקאָס, ראַמאָס, פּאַיאָס, טאָקאָס, קסיקאָעס, אָמע־טעפּעקעס, לענקאָס און אַנדערע.

אַ סך פון די דאָזיקע גרופּעס, נישט נאָר קענען זיי נישט די אָפיציעלע לאַנד־שפּראַך, נאָר פאַרשטייען אפילו נישט איינער דעם פון צווייטן שבט. די מינדסטע רודימענטאַרע בילדונג פון דער היינטיקער קולטור און ציוויליזאַציע האָבן זיי נישט, אָט די אָרעמע אינדיאַנער. ווינציק, זייער ווינציק שולן האָט דאָס לאַנד בכלל, בפּרט די קליינע אינדזלעלעך, ווו די אינדיאַנער מאַכן זיך זייערע „הייזער" אויף שטאָלצן, צוליב דער מורא פאַר געוויטערס, און ווו עס איז כמעט נישט לוינבאַר אויפצושטעלן אַ שול־בנין. עס איז נאָך אַ וווּנדער, וואָס די שוויגעוודיקע מענטשן האָבן נאָך אַזוי פיל מענטשלעכן פאַרשטאַנד, אַז זיי האַלטן אויף דאָס ביסל אַלטע קולטור און ציוויליזאַציע, וואָס זיי האָבן בירושה פון זייערע אורעלטערן: שפּראַך, געזאַנג, מוזיק, בושה, אַרבעט...

אויפן אינדזלעלע ניקיראָס, נישט ווייט פון דעם גרינעם אינדזל אָמאָטעפּעקע, האָב איך אָנגעטראָפן זעקס פּאָר־פעלקער מיט אַזוי פיל קינדער ביי יעדן פּאָרפאָלק. דאָס זענען רעשטלעך פון די מעקסיקאַנער אַצטעקן, וואָס האָבן זיך צעשפּרייט איבער גאַנץ צענטראַל־אַמעריקע. דער דאָזיקער שבט ווערט אין דער געשיכטע און געאָגראַפיע פאַרצייכנט אַלס ניקאַראַנער, אָדער ניקאַראָס־אינדיאַנער.

צו יענער צייט, ווען די שפּאַניאָלן האָבן אינוואַדירט ניקאַראַגואַ, זענען די ניקאַראַנער געווען זייער אַ ציוויליזירט פאָלק, מיט שטעט און דערפער, פיין־באַאַרבעטע פעלדער און גוטע וועגן. לויטן היסטאָריקער און געאָגראַף סקיער, איז אפילו זייער שפּראַך אויך געווען אַצטעקיש. היינט האָב איך זיי געטראָפן דערשלאָגענע און פאַרביטערטע, אומוויסנדיקע, כמעט ווילדע און פאַרדאַרבענע צי דעגענערירטע. פונדעסטוועגן, זענען זייערע הייזקעס, געפלאָכטענע פון אַלגאַ־גראָזן, אַלגאַ־שטרויען און פּאַלמען־בלעטער, צי פון באַנאַנע־בלעטער, אַזוי גע־

דיכט געפלאָכטן, ווי די געדיכטסטע שטרויענע געוועבן, מיט אָפּלויף־דעכער אין אַלע פיר זייטן, אַריבערשטאַרצנדיק דער דאַך־פליגל איבער די ווענט, איבער אַנדערטהאַלבן מעטער, באַשיצנדיק אַזוי אַרום די ווענט פונעם הויז און די מענטשן און בעלי־חיים אונטערן דאַך קעגן רעגן און זון. די מערסטע הייזקעס שטייען אויף הויכע סלופּעס, ווי אויף שטאָלצן, אַ באַשיצונג קעגן דער אַזערע געשווילעכץ, וואָס וואָלט אפשר אַלעמען דערטרונקען, ווען די שטיבער זאָלן נישט שטיין געגנוג הויך.

קיין שום ציוויליזירט מעבל האָב איך ביי די אָרעמע מענטשן נישט געזען, און זייער גאַנצע ווירטשאַפט איז באַשטאַנען פון „גאַליאַרעטאָס" (אַ פּיצעלע וואַסער־הינדעלע), אַגאָמי (אויך אַ מין ווילדע הון), פאַרהיימישטע מעוועס, ווילדע קאַטשקעס, גענדז, פעליקאַנען, „פּאַוכילעס" (ווילדע אינדיקעס) און אַנדערע פאַר־היימישטע פייגל און עופות. אַלע פאַרהיימישטע פייגל גייען אַרום מיט אונטערגע־שאָרענע פליגל. אַ גאַנצן טאָג זענען זיי אויפן וואַסער און אין אָוונט קומען זיי צוריק אַהיים שלאָפן, ווייל זיי קענען נישט אַוועקפליען ווייט, זייער ווייט, ווו זיי האָבן פריער געהאַט זייער פרייע היים...

איך האָב, אגב, אויך געזען ביי די ניקאַראַגעס־אינדיאַנער דרעסירטע נוט־ריעס, וועלכע לויפן אַלע רגע אַריין אין וואַסער און קומען באַלד צוריק אַרויס מיט אַ פלאַטערדיק לעבעדיקן פיש, וואָס דער דרעסירער נעמט אַרויס פון דער „נוטריעס"*) (אָטער) פּיסק און לייגט אַריין אין דער אַרטיפיצירטער קאַנאַווע פול מיט וואַסער. די פיש נוצן דעם אינדיאַנער פאַר אַלערליי געקעכצן פאַר זיך, פאַר ווייב און קינד, ווי אויך צום פאַרקויפן.

איך זע אַ האַלב־נאַקעטן דרעסירער, אַ בחור פון אַ יאָר אַכצן, בלויז אין אַ פּאָר צעריסענע פאַרלאַטעטע קורצע מייטקעס, פעך־שוואַרצע לאַנגע האָר, מאָגער ווי גאַנדי, זיך פּאָרן ביי אַ זון־זייגער און ער האַלט עטלעכע ווייכע רימענס, אויף וועלכע ער פאַרצייכנט עפּעס אַזוי ווי אַראַביש. ס'איז אָבער נישט אַראַביש, עפּעס ווי טאַקיגראַפישע צייכנס, אָבער ס'איז פאָרט נישט קיין טאַקיגראַפיע. איך פרעג דעם „ווילדן" יונג אויפן זייגער און אויף די רימענס מיט די צייכנס אויף זיי:

— וואָס זאָל דאָס זיין? ס'איז אַ גאָרנישט. איך האָב נישט קיין געלט זיך צו קויפן אַ זייגער, אַזעלכן ווי דו האָסט, און ווי עס האָבן אַלע רייכע לייט ווי דו ביסט. דערפאַר האָב איך מיר געמאַכט דעם זייגער. אגב, ווייזט ער עקזאַקטער ווי דיין רייכער זייגער און אויך בעסער ווי דער זייגער אויפן מוניציפּאַלן טורעם אין שטאָט. — האָט דער יונג רואיק געענטפערט.

---

*) ווידרע.

— און ווי אַזוי זעסטו די שעהען ביינאַכט? — האָב איך ווידער געפרעגט דעם אינדיאַנישן אַסטראָנאָם.

— איך האָב נאָך אַ זייגער אויפן דאַך פון מיין טאַטנס „הויז״, ווו די לבנה ביינאַכט טוט די אַרבעט פון דער זון בייטאָג. באַזונדער, האָב איך אַ דרעסירטן האָן, וואָס קרייט יעדע פערטל שעה און יעדע שעה באַזונדער.

— און וואָס אַזוינס פאַרצייכנסטו אויף די רימענס? — האָב איך אים ווידער געפרעגט.

— ווען עס וועט רעגענען, און ווען עס וועט זיין אַ שטורעם, אַן ערד־ציטער־ניש, אַ ליקוי־חמה און ליקוי־לבנה. איך פאַרצייכן אויך די געבורטן, חתונות און טויטן און אַלע אַנדערע וויכטיקע געשעענישן פון מיין שבט. איך קען נישט די שריפט און אַלע אַנדערע וויסנשאַפטן פון דיינע ווייסע רייכע מענטשן. נישטאָ דאָ ווו צו לערנען זיך. און ווען עס זאָל אפילו יאָ זיין, זענען דאָך די ציוויליזירטע מענטשן בילכער, און איך בין דאָך אויך אַ מענטש, כאָטש נישט מער ווי אַן אינדיאַנער. מוז איך דאַרום זיך נוהג זיין מיט כאָטש עפּעס ענלעכס ווי אַ מענטש... דאָס גלייכן מיינע מיטבירגער אין דער ווּיסטעניש.

— טאָ פאַרוואָס זשע גייסטו נישט וווינען צווישן די ציוויליזירטע ווייסע מענטשן, ווען דו ביסט אַזוי שטאַרק מקנא, און ווו דו וואָלסט געקענט זיך בילדן און אפשר מיט דער צייט אויך ווערן אַן אָנגעזעענער אַסטראָנאָם? ביסט דאָך נאָך אַזוי יונג, און די וועלט מיט אירע בילדונגס־אַנשטאַלטן איז דאָך תמיד אָפן פאַר באַגאַבטע, טאַלאַנטפולע מענטשן...

— יאָ, אמת, די בילדונגס־אַנשטאַלטן זענען טאַקע אפשר אָפן פאַר באַגאַבטע און טאַלאַנטירטע מענטשן, אָבער דאָס איז בלויז פאַר די ציוויליזירטע ווייסע מענטשן, נישט פאַר יונגוואַרג פון די „ווילדע״ אינדיאַנער. דערצו נאָך פאַרגעסט נישט, ווייסער, אַז איך בין אַן אָפּשטאַם פון די טשאַנטאַלעס־אינדיאַנער, ווען אפילו די אַצטעקן האָבן באַצייכנט אַלס ווילדע אינדיאַנער, און די שפּאַנישע און אַנדערע גאָטספאַרכטיקע מענטשן פון דער ווייסער, געלער און שוואַרצער ראַסע האָבן דעם נאָמען „טשאַנטאַל״ גוט געגומען אין אַכט. דערפאַר ווערט מיין ראַסע אַ סך ערגער באַהאַנדלט ווי אַ ווילדע חיה. ווען מען זאָל מיך אפילו יאָ וועלן אַריינגעמען אין אַ שול, דאַרף מען זיך דאָך קליידן אַזוי ווי דו ביסט געקליידט. פון וואַנען וועל איך נעמען געלט זיך צו קויפן אַ שטיקל ציוויליזירט מלבוש? און ווען איך זאָל שוין אפילו יאָ האָבן אָט די שיינע ווייסע מלבושים, אַזעלכע ווייסע ווי דו גייסט אָנגעטון, מיינסטו, אַז עס איז ליב צו הערן אויף יעדן טריט און שריט: עה, ווילדער אינדיאַנער! קום, אינדיאַנער! גיי, אינדיאַנער! שטיי, אינדיאַנער! זיץ, אינדיאַנער!?

— איך פֿאַרשטיי דיך נישט, — האָב איך אים איבערגעשלאָגן גאַנץ אײדל, — ביסט דאָך פֿאָרט אַן אינדיאַנער, און שטאַמסט פֿון אַ גאַנץ נישקשה־דיק־ציוויליזירטן שבט, שעמסטו זיך צו זיין דאָס וואָס דו ביסט?...

— ניין, וויסער, קיינמאָל נישט! דער מענטש וואָס פֿאַרלייקנט זיין „איך״, זיין שורש, איז גאָר קיין מענטש נישט, און איז נישט ראוי אָנגערופֿן צו ווערן מענטש. עס איז אָבער זייער וויטיקלעך, ווען מ׳רופֿט דיך קיינמאָל ביים נאָמען נישט, נאָר ביים שורש, אַלס שפּאָט, ווי אַ צייכן אַז דו ביסט פֿון אַן אונטער־דריקטער, נידעריקערער ראַסע, הגם טאַמאַגאַסטאַד און ציפּאַטאַוואַל האָבן גע־שאַפֿן אַלעמען און זענען טאַטע־מאַמע פֿון אַלע מענטשן פֿון דער וועלט. דערפֿאַר איז שוין גלייכער צו זיין איינזאַם אויפֿן וויסטן אינדזל, אָבער צווישן אייגענע, ערלעכע מענטשן, רעשטן פֿון אַמאָליקן אַ סך... דאָ, אויף דעם אינדזל, דאַרף איך נישט די שיינע קליידער, וואָס די ציוויליזירטע טראָגן און קיינער פּייניקט מיך אויך נישט, נישט מיט וואָרט און נישט מיט טאָט. דאָ רופֿט מיך קיינער נישט אינדיאַנער טשאַנטאַל, נאָר ביים נאָמען. צווישן מייניקע איז אינדיאַנער אַן ערע...

— ווי הייסטו, בחור? — האָב איך געפֿרעגט דעם אויסטערלישן אינדיאַנער פֿילאָזאָף.

— נאַגראַנדאַקטל וואַיאַפּאַנדאַטל, גרויסער האַר. אָבער וועלכן גוטן צי שלעכטן אינטערעס האָסטו צו וויסן דעם נאָמען פֿון אַ ווילדן, נאַקעטן אינדיאַ־נער? — האָט דער נאַקעטער אַסטראָנאָם מיר געענטפֿערט שטיל און אויף מיר געקוקט מיט אומצוטרוי.

— איך וועל דערציילן דער וועלט וועגן דיר, און וועל זאָגן, אַז וואָס אונ־דזערע חכמים האָבן געזאָגט מיט טויזנטער יאָרן צוריק איז נאָך היינט צו טאָג גילטיק. דער געלערנטער רבי מאיר האָט געזאָגט: אל תסתכל בקנקן, אלא במה שיש בו. יש קנקן חדש מלא ישן, וישן שאפילו חדש אין בו... לא הבישן למד, ולא הקפדן מלמד... אין ראָט דיר אָוועק אין שטאָט אַריין און זיך בילדן, און זאָל דיך נישט אַרן, וואָס מ׳רופֿט דיך אינדיאַנער. איך בין אַ ייד, און ווען מיין פֿאָלק וואָלט זיך צעקאָפּריזעוועט און אויך נישט געוואָלט זיך בילדן, בלויז דערפֿאַר וואָס מ׳רופֿט אונדז ייד, וואָלטן מיר שוין לאַנג אונטערגעגאַנגען, און עס וואָלט שוין פֿון אונדז קיין שריד ופליט נישט געבליבן... — האָב איך אים געמוטיקט.

— איך דאַנק דיר, וויסער, זייער רייכער, מענטשלעכער מענטש. זאָלן טאַמאַגאַסטאַד און ציפּאַטאַוואַל תמיד באַלייכטן און באַשירעמען דיין וועג. „טעבאַ, טעבאַ קסויאַ טאַסט״ (גוט, גוט, גייט מיטן גוטן גאָט פֿון די האָז און קראַליקעס). איך וועל דיך פֿאָלגן „טיטע״ (האַר אָדער קאַציק) — יאָ, „טאַפּאַליגעס״ (מענטש

מיט דערפֿאַרונג). איך וועל פּרוּוון, און אויב איך בין נישט צו טעמפּ, וועל איך מיך אפשר עפּעס אויסלערנען. אָבער ווו נעמט מען אַ שטיקל מלבוש צו קענען זיך ווייזן צווישן די ציוויליזירטע מענטשן וואָס אין שטאָט?... — האָט דער אינדיאַנער פילאָזאָף זיך געפרעגט, אַ פילאָזאָפיש פּאַרטראַכטער, און זיך גענומען קייען „יאַאַט״*).

*) אַ גראָז ענלעך אויף באָליוויאַנער קאָקאַ־בלעטער.

גראַנאַדאַ

נישט האָבנדיק וואָס צו טון אין דער שטאָט מאַנאַגואַ, בין איך אַוועק מיט דער באַן קיין גראַנאַדאַ, אַ קליין, אָבער זייער פרום און אַריסטאָקראַטיש שטעטעלע, וועלכע האָט אַ משך פון צענדליקער יאָרן פרעטענדירט צו זיין די הויפּטשטאָט פון ניקאַראַגואַ.

די שטאָט גראַנאַדאַ, וואָס איז אגב דער קאָפּ פונעם דעפּאַרטאַמענט מיטן זעלבן נאָמען, האָט אַ באַפעלקערונג פון 17.092 נפשות, כמעט בלויז בלוי־בלוטיקע שפּאַניאָלן און זייערע אָפּשטאַמלינגען. אַלע זענען זיי זייער פרומע לייט, האָבן אַ סך גלחים, מאָנאַשקעס און אַנדערע כלי־קודש, וועלכע קוקן אויף די רעשט מענטשן פון לאַנד׳ פון אויבן־אַראָפּ, ווי עס פּאַסט פּאַר אַ ראַסע פון טאָרעראָס, אינקוויזיטאָרן און קאָנקיסטאַדאָרן. מן־הסתם קענען די גראַנאַדער באַלעבאַטים זייער גענעאַלאָגיע, און זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז זיי קומט די בכורה...

גראַנאַדאַ איז אַ האַפן־שטעטעלע ביי דער ריזיקער אָזערע ניקאַראַגואַ, געפינט זיך 11,56 אין צפון ברייט, 80,51 אין מערב גרינוויטש, און ביי די 56 מעטער הויך איבערן ים־פלאַך, און זי ווערט דורך די ניקאַראַגוער פּאַטריאָטן אָנגערופן — „לאַ סולטאַנאַ דעל גראַן לאַגאָ“. די גראַנאַדער גאַסן זענען, לגבי דער הויפּטשטאָט, זייער שיינע, כאָטש זייער שמאָלע, לויטן אַמאָליקן געשמאַק און באַגריף פון די קאָנקיסטאַדאָרן. עטלעכע פון די הויפּט־גאַסן זענען ברוקירטע און אייניקע קוואַרטאַלן — אפילו אַספאַלטירטע, און אויף זיי געפינען זיך אייניקע גאַנץ־שיינע הייזער לויטן אַמאָליקן אינדאָ־הישפּאַנישן באַגריף. איך האָב מיט אַלע מיינע רמח אברים, דאַכט מיר, געפילט, אַז איך געפין זיך אין אַן אַריסטאָקראַטישער שטאָט, ווו יעדער איינוווינער איז אַ בלוי־בלוטיקער אַדעליקער, אָדער כאָטש אַן אָפּשטאַמיקער פון די אַדעליקע הידאַלגאָס, פון די סאַנטשאָפּאַנסאָס. ווען נישט פון אַ קעניגלעכער משפחה, איז פון גראַפן, מאַרקיזן, באַראָנען, גענעראַלן, קאָנקיסטאַדאָרן, קאַפּיטאַנען, אַדעלאַנטאַדאָס. נישט זעלטן געפינסטו אַן אָפּשטאַמיקן פון יידן־מאַראַנען געשמדטע איבערגעוואַלד, אָדער משומדים במזיד, וועלכע זענען שפּעטער געוואָרן די געפערלעכסטע צוררי היהודים.

זייער אַן אומעטיק שטעטעלע איז גראַנאַדאַ, מ׳זעט כמעט קיין מענטשן נישט אין גאַס. די מערסטע טייל מענער מיטן עכטן שפּאַניש־מאַראָקאַניש־נאָבעלן אויסזען, שפּילן אין „באָטשאַס“*) פאַרן עסן און נאָכן מיטאָגדיקן דרעמל. ווייבער און טעכטער, אויסגעפּוצטע אין באַבלומטע מלבושים, ליגן אויף אַ קישעלע איבערגעלייגט אין פענצטער־חלל און קוקן אַרויס צו דער גאַס: אפשר וועט דורכגיין עפּעס אַ רייכער יונגערמאַן אָדער אַ רייכער אלמן, און זאָגן: אַדיאָס ניניאַ! — אַרבעטן? — וועלכער בלוי־בלוטיקער שפּאַנישער אַדלמאַן וועט עס וואַגן איינצושמוצן די נאָבעלע הענט מיט אַרבעט? די אינדיאַנער־דינסטן און פּעאָנעס וועלן דאָך סיי ווי אַלץ באַזאָרגן. אַ ווייערד־טשאַד און קירכלעכע דומפּיקייט — האָט זיך מיר כסדר געדאַכט — פּילט זיך איבעראַל. הגם גראַנאַדאַ איז רעלאַטיוו ציכטיק, מיט אַ נישקשהדיקן מסחר מיט אַ סך פּערפומע־קליטלעך, שיינע שטיבער, ממש פּאַלאַצלעך. און אין די טירן און אָפענע פענצטער — די שענסטע טעכטער מיט אָדעקאָלאָן אויסגעשפּריצטע... מיר דאַכט זיך אָבער כסדר, אַז איך געפין מיך נישט אין ניקאַראַגוער גראַנאַדאַ, נאָר אין שפּאַנישן, און איך פיל, דאַכט מיר, אַ רעאַלן ווייערד־גערוך, געמישט מיט בלוט און געבראָטן מענטשן־פלייש פון די אויטאָדעפעס, ווו מען ברענט די אפיקורסים, אַראַבער און יידן, באַגלייט מיט גאָטספאָרכטיקן און רחמנותפולן קלויסטער־געקלאַנג און מיטליידנדיקן געזאַנג:

— „אַווע מאַריאַ — רחמנותפולע בתולה, מאַמע פון גאָט, טו תפילה פאַר אונדז“!...

איך זע אין מיין צעשרויפטן דמיון אַ גרויסן אָקסן־פּלאַץ, אַזוי ווי אַן אַמאָליקער רוימישער אַמפיטעאַטער, מיט אין פאָדערגרונט אַרויסגעשטעלטע רייך־אויסגעפּוצטע לאָזשעס, ווו עס זיצן עלעגאַנטע דאַמען און הערן, באַפּוצטע מיט דימענטן און ברילייאַנטן, און אין סאַמע פראָנט — די קעניגלעכע משפחה פון הייליקן קאַסטיליען און אַראַגאָן און אין שפּיץ — די נאָך הייליקערע איזאַבעלאַ מיט איר הייליקן מאַן פערנאַנד דעם פינפטן, מיט פינקלדיקע קרוינען אויף די קעפּ, זיצנדיק אויף גאָלדענע טראָנען, באַפּוצטע מיט פּורפּור אַרום.

טויזנטער און טויזנטער מענטשן מיט הייליק־פאַרזאָרגטע פּנימער און בענקבדיקע אויגן ווענדן זייערע בליקן צום הימל און שעפּטשן: — הייליקער פאָטער וואָס אין די הימלען, זאָל נאָר נישט רעגענען חלילה! די ריזיקע מאַסע אין יום־טובדיקע מלבושים שטייען און זיצן אויף די טרעפּ און אינעווייניקסטן חלל פון דעם ריזיקן אַמפיטעאַטער („פּלאַסאַ דע טאָראָס“) און קוקן זיך צו ווי אַ טויזנטקעפּיקער עולם, מענער, פרויען און קינדער שטייען אין דער סאַמע מיט פון

*) הילצערנע באָלן

דער „פלאַסאַ דע טאָראָס" און הונדערטער פרומע מענטשן זענען באַשעפּטיקט אין אַרומלייגן אַרום די מענטשן אײַנדערמיט אַ טראַנשיי פון טרוקן קיניק-האָלץ, וועלכע ווערט אונטערגעצונדן פון אַלע זייטן אַרום. און אין מיין דמיון הער איך די שרעקלעכע פאַרצווייפלטע געוואַלדן און האַרצרייסנדיקע געשרייען פון די מענטשן אין פייערדיקן צירקל. אַ מוזיק, אַ פרומע מוזיק, אויסגעמישט מיט אַ הילכיקן גלאָקן-געקלאַנג פאַרטויבט אָבער זייערע געשרייען און געוויינען. איך זע ווי פון פייערדיקן צירקל לויפט אַרויס אַ מיידל פון אַ יאָר זיבעצן, שיין ווי די וועלט. זי לויפט צו ביז צום טראָן פון דער הייליקער איזאַבעלאַ, וועלכע איז אַגב נישט עלטער פון איר. דאָס מיידל פאַלט אויף די קני און בעט:

— איזאַבעלאַ, איך בין דאָך דיין מיטשילערין, איך בין אַ פרומע קאַטוי-ליקן. מירביידע האָבן דאָך געלערנט אין זעלבן קאָנווענט, און איך האָב דיר אַרויסגעהאָלפן אין אַ סך לעקציעס, און דערפאַר האָסטו מיר געשווירן, אַז ווען דו וועסט אַמאָל קומען צו דער מאַכט, וועסטו אָן מיר קיינמאָל נישט פאַרגעסן, און תמיד גערדענקען מיינע טובות...

— הייליקע איזאַבעלאַ, גרויסע איזאַבעלאַ, דערמאָן זיך אָן דיין שבועה און האָב רחמנות אויף מיינע יונגע יאָרן. איך בין דאָך אַזאַ פרומע קריסטן ווי דו. האָבן רחמנות, האָב מיטלייד און דערבאַרים זיך אויף מיינע זיבעצן יאָר!...

— איזאַבעלאַ מיט אירע הויפדאַמען פאַכן זיך נערוועז מיט זייערע העלפאַנט-ביינערנע פאַכערס. אַן אייז-קאַלטע, — זע איך, — איזאַבעלאַס פנים, חושך-שוואַרץ, אירע אויגן, איר בליק פון אַ פאַנטער איז פראַסטיק-קאַלט. שוואַרץ און פינצטער איז איזאַבעלאַס האַרץ און אַ מלאך-המות-שפּראַך הער איך פון דער מיטלייד-פולער און רחמנותפולער איזאַבעלאַס מויל:

— קינד, הייב דיך אויף פון דער ערד. קניען דאַרף מען בלויז פאַר דער הייליקער מאַמען און איר זון. גיי אַוועק פון מיר, אפיקורסטע, גיי אַוועק, יידישקע. דו דאַרפסט און מוזסט אַ לעבעדיקע פאַרברענט ווערן, אַלס אַ קרבן פאַר דיינע חטאים און פאַר אונדזערע אַלעמענס זינד. וועט דיין פיין דורכן הייליקן פייער פון דער אויטאָ-דע-פע מכפר זיין. אמן סלה!...

— אָבער מיידעלע, טאָכטער מיינע, ווייַן נישט צוליבן פאַרברענט ווערן. וויין בעסער אויף דיינע זינד און אויף די זינד פון דיין טאַטע-מאַמע, שוועסטער און ברידער. האָב חרטה, האָב גלויבן אין יויזל און אין דער הייליקער בתולה, זיין אומבאַפּלעקטע מאַמע, וועסטו מיט זייער דערבאַרעמהאַרציקייט אויסגעלייזט ווערן פון גרעסערע ליידן, פון גרעסערע שטראָף, וואָס וואַרט אויף די אפיקורסים אויף יענער וועלט. גיי, קינד, זיי זיך מתודה און זאָג אויס פאַרן הייליקן טאָרקוועמאַדאַ, ווו דיינע עלטערן האָבן באַהאַלטן זייערע אוצרות. זיי שטאַרק, מיין קינד, און גלויב אין אַלמעכטיקן, וועסטו וויניקער ליידן ביים פאַרברענט ווערן. יאָ,

דזשונגלס און שטעט

ביסט טאַקע נישט עלטער פאַר מיר, נישט מער ווי זיבעצן יאָר, געזינדיקט האָסטו אָבער מער ווי איינע פון הונדערט. נאָר געדענק, אַז פון דער ערד זענען מיר געקומען, און צוריק אין דער ערד מוזן מיר גיין, דאַן וועסטו דורך די הייליקע פלאַמען גיין אַ געלייטערטע גלייך אין הימל אַריין... און געדענק, קינד, אַז הונדערט יאָר, אָדער איין יאָר, איז דאָך איינס און דאָס זעלבע... אמן סלה!...

פאַרענדיקט דאָס רעדן, האָט איזאַבעלאַ פאַרגלייזט אירע פאַרטערטע, האַר־ציקע אויגן צום הימל. און איך זע אין מיין דמיון, ווי דאָס צאַפלדיקע זיבעצנ־יעריקע מיידעלע ווערט צוריק אַריינגעשליידערט אין פלאַקערדיקן שייטער...

***

דער קלימאַט אין גראַנאַדאַ איז גאָר אַ פיינער — אַן אייביקער זומער: טאַקע הייס, זייער הייס, אָבער נישט צו הייס. דאָס איז מחמת דעם אינלענדישן ים, דער

אַ ניקאַראַגוער טשאָנטאַל

אינדיאַנערין

אומענדלעכער אָזערע ניקאַראַגואַ, פון וואַנען עס בלאָזט, איבערהויפּט אין די אָוונטן, אַ דערפרישנדיק ווינטעלע. צו דעם איז דער קלימאַט אַ טרוקענער, און אין דער מבול־תקופה רעגנט עס נישט מער ווי זעקס מאָנאַטן אין יאָר.

גאָר נישט ווייט פון דער שטאָט גראַנאַדאַ שטייט זיך איינזאַם דער שיינער וווּלקאַן־באַרג מאָמפּאַטשאָ, פון 1395 מעטער די הויך, וועלכער זייעט שוין נישט מער קיין טויט און חורבן אַ לאַנגע צייט. דער מאָמפּאַטשאָ איז היינט אַ יורד, ער איז איצט באַדעקט ביז צום סאַמע קראַטער מיט אַ גרינעם וואַלד פון אַלערליי פּלאַנטאַציעס, איבערהויפּט, קאַפע, צוקער־רערן, וואַטן, קוקורוזע און קאַקאַאָ, פון צווישן וועלכע עס סטאַרטשן אַרויס די שלאַנקע קאָקאָס־פּאַלמען, טייטל־פּאַלמען, מאַנדל־ביימער, באַנאַנען און אַלערליי ניס־ביימער, אַנאַנאַס און אַנדערע פּרוכט־ביימער, פול אָנגעזעצט מיט פּרוכטן און אייביקן צוויט. שיינע, גרינע לאָנקעס מיט „אַלפאַלפאַ"*) און פריי־סטעפּעס מיט ווילדגראָז, ווו עס פּיטערן זיך אַלערליי שטובּיקע חיות ווי אויך קלענערע און גרעסערע ווילדע חיות: האָזן, קאָבאַיאָס, וויסקאַטשאָס, סאַרנעס, טאַפּירן, ווילדע חזירים און אַנדערע גראָז פרעסערישע חיות. פייגל איז פאַראַן גאָר אָן אַ שיעור, איבערהויפּט פּאַפּוגייען פון אַלערליי מינים, וועלכע זענען אַ פּלאָג פאַר דער זריעה, אַ קללה פאַרן קאָלאָניסט און אַ ברכה פאַרן אָרעמען, באַרגלאָזן אינדיאַנער, צוליב זייער געשמאַקן פלייש און אויך צוליבן מסחר מיט די לעבעדיקע פּאַפּוגייען, וועלכע זיי כאַפּן און פאַר־קויפן פאַר אַ שיבוש די דורכרייזנדיקע.

די הויפּט־הייזער און פּאַלאַצן פון גראַנאַדאַ זענען: דאָס מאַרק־הויז, אַ ניש־קשהדיקע טעאַטער־געביידע, אַ שפּיטאָל מיט עטלעכע און צוואַנציק בעטלעך, אַ ריזיקע קירכע מיטן קלינגענדיקן נאָמען: „לאַ מערסעד" (דער חסד), אַ צווייטע קירכע, אַ קלענערע מיט אָרעמערע הייליקע בילדער פון די זעלבע הייליקע וואָס אין דער אַריסטאָקראַטישער קירכע, און אפילו יויזל מיט זיין מאַמען זענען אויך אין דער קבצנישער קירכע אָרעמער. דאָס איז די קירכע פון די פּלעבייער. די באַן־סטאַנציע ענלעך צו אַלע קליינע אַרגענטינער סטאַנציעס פון דער מיד־לאַנד־ליניע אָדער לאַקראָטע. אַ מיטל־שול און אַ האַלב טוץ אָנפאַנג־שולן. אַ נאָרמאַל־שול, וואָס איז צווישן די גראַנאַדער בלוי־בלוטיקע שפּאַניער זייער באַ־רימט, ווייל די לערער זענען אויסלענדער, איבערהויפּט ענגלישע און פראַנ־צויזישע...

ביינאַכט ווערט די שטאָט אויפגעלעבט. דאָס אָזערע־ווינטעלע פרישט אָלע־מען אָפּ. פון די שיינע פּריוואַטע הייזער און פון די געשעפטן צעשפּרייט זיך די עלעקטרישע ליכט אויף די ווייניק־באַלויכטענע גאַסן. די נאַכטיקע בין־השמשות איז אָבער אַ ברכה פאַר די יונגע, ווי אויך פאַר די עלטערע פאַרליבטע פּאָרלעך, און עס איז, אגב, אויך אַ ברכה פאַרן לאַנד. עס ווערן געבוירן קינדערלעך, צו־קונפטיקע סאָלדאַטן, דאָקטוירים און באַרמהאַרציקע שוועסטער, וואָס וועלן פאַר־

*) אַזאַ מין פּאַשע־גראָז ווי קאָניטשינע.

טײדיקן די פרײהײט און אומאָפּהענגיקײט פון זײער קולטורעל און ציוויליזירט פאָטערלאַנד קעגן אַ גײציקן און נישט-פאַרגינעדישן שכן, און עס װעלן אויך זײן ביליקע אַרבעטס-הענט פאַר די נאָבעלע און אַריסטאָקראַטישע סוחרים, פאַברי־קאַנטן און לאַטיפונדיסטן, װעלכע זאָגן מיט אַ הידאַלגישן שטאָלץ: „דער קלוגער לעבט פונעם שוטה און דער שוטה פון זײן האָרעװאַניע“...

דאָניאַ קאַרמענסיטאַ און אירע ניין בנים און פיר בתולות

דאָניאַ קאַרמענסיטאַ, די חנעוודיקע און צאַרטע באַלעבאָסטע פונעם האָטעל, וווּ איך האָב געהאַט דעם כבוד און זכיה איינצושטיין, איז אַ ווייבעלע אַ יפיפיה פון הונדערט מיט עלף קילאָגראַם, קיין עין־הרע זאָל איר חלילה נישט שאַטן, מיט אַ שוואַרצן קאָפּ האָר און גרין־בלויע אויגן, באָרד און פאות, אַ חוץ אַ האַלב טוץ בראָדעווקעס, שוואַרצע, רויטע, גרינע און בלויע. אַ ירושה פון איר טאַטן, אַן עכטן אַנדאַלוזישן טאָרעראָ מיטן דריי שטאָקיקן נאָמען און דריי שטאָקיקן פאַמיליען־נאָמען קאַנדידאָ כימענעז דע כימענעז. דאָניאַ קאַרמענסיטאַ איז אַ וואַזשנע יחסנטע, וואָרום איר פאַמיליען־נאָמען פון איר מאַמעס צד איז מיצער דע לאַ קאַבאַלאַריאַ, און פון איר טאַטנס צד איז זי — קרוז דע פועגאָ (פייערדיקער קרייץ). זי איז אַן אלמנה נעבעך שוין איבער פופצן יאָר, און געירשנט האָט זי פון איר מאַן דעם האָטעל מיט עטלעכע קוואַרטאַלן אין שטאָט־פעריפעריע, עטלעכע לעגוועס*) פעלד מיט רייכע פלאַנטאַציעס, אַ סך קי און אָקסן, פערד, שעפסן, אייזלען, מולאַס, ציגן און חזירים, ווי אויך דרייצן קינדער, זאָלן לעבן און געזונט זיין. פון זיי — פיר זעלטן־שיינע טעכטער מיט טיפישע אָריענטאַלישע פנימער און אויגן — אוי, זענען דאָס אויגן! אַז מיין האַרץ פלעגט מיר אין ברוסט־קאַסטן אַרומשפרינגען ווי אַ פילקע אויף אַ פוטבאָל־פּאַרטיע, בעת איך פלעג קוקן אויף זיי... 16, 17, 19 און 20 יאָר יעדערע פון זיי און ניין בחורים.

זי האָט יחוס־בריוו פון איר מאַמעס צד, אַז ווען כיל גאָנסאַלעז אַווילאַ איז געקומען צום ניקאַראַגוער הערשער ניקאַראָ, ער זאָל זיך אונטערגעבן „מיט גוטן”, און זאָל פאַראייניוועגס אויך אָננעמען די קריסטלעכע אמונה, איז צווישן די עקספּעדיציאָנערן געווען איר עלטער־עלטער־זיידע, אַ לעקטאָר פון הייליקן עוואַנגעליום, הויפּט־שרייבער און הויפּט־איבעררעדער ניקאַראָן, ער זאָל אָננעמען די קריסטלעכע אמונה, אָדער אַווילאַ וועט אים מאַכן אַ ווּיסטע מיתה־משונה... און טאַקע נאָר אַ דאַנק איר הייליקן זיידן, זענען צוגעקומען אַזוי פיל קריסטן, טאַקע נישט מער ווי אינדיאַנער, „צוויי־פיסיקע באַשעפענישן אָן מענטשלעכע נשמות”, וואָס זענען צומאָל אפילו נישט ווערט, וואָס זיי גייען אַרום אויף גאָטס

---

*) יעדע לעגווע איז פינף קילאָמעטער.

וועלט, אָבער דאָך זענען זיי קריסטן און קאַטוילישע דערצו... — האָט זי מיר דערקלערט מיט אַ סאַנטשאָ־פּאַנסאָ־פילאָזאָפיע.

איך האָב דאָניאַ קאַרמענסיטאַן געזאָגט, אַז אירע יחוס־בריוו ווייזן מיר, אַז זי שטאַמט פון יידן. האָט זי, ראשית, אַ שאַרלעך־רויטע און באַלד אַ טויט־בלאַסע, אויסגעגלאָצט אויף מיר אַ פּאָר אויגן, פּונקט ווי אַן איבערגעשראָקענע קו, וואָס ליגט אויף דער ערד אַ געבונדענע און קוקט אויף דעם חלף פאַר דער שחיטה.

— ניין, ניין, מיין אויסדערוויילטער הער, איר האָט אַ טעות! — האָט זי אַ טאַמעוואַטע מיט טרערן אין די אויגן צו מיר גערעדט מיט תחנונים. — עס איז דאָך נישט מעגלעך! עס איז אַ באַליידיקונג פאַר מיר און פאַר מיין גאַנצער משפחה, ביי מיר אין מיין שטוב, אַ קללה נמרצת! פון אַלע אייביקייטן אַן זענען מיינע עלטערן און אורעלטערן געווען איבערישע קריסטן, עכטע שפּאַנישע קאַטוילִיקן. איך שטאַם פון די איבעראָס, צעלטאָס און צימבראָס, וואָס געהערן צו דער אינדאָ־גערמאַנישער ראַסע, וועלכע זענען געקומען קיין שפּאַניע נאָך מיט צוויי הונדערט יאָר פאַר קריסטוסן, און דערצו נאָך בין איך אַ נאָבעלע דאַמע מיט בלוי בלוט אין מיינע אָדערן. ניין, איך האָב געהאַט אַ טעות, די איבעראָס, צימבראָס און צעלטאָס זענען געקומען קיין שפּאַניע שוין פּאַרטיקע קריסטן, נישט צוויי הונדערט יאָר פאַר קריסטוסן, נאָר צוויי טויזנט יאָר פאַר דער הייליקער ערע... יאָ, יאָ, צוויי טויזנט יאָר פאַר יויזלען זענען די איבעראָס געקומען קיין שפּאַניע, שוין פּאַרטיקע קריסטן...

— איך שטאַם פון קאָנקיסטאַדאָרן, קאַפּיטאַנען, אַדעלאַנטאַדאָס, גענעראַלן, אַדמיראַלן, אינקוויזיטאָרן און טאָרעראָס. יאָ, יאָ, די שענסטע און בעסטע טאָרע־ראָס פון דער גאָרער וועלט געהערן צו מיין הייליקן יחוס... יאָ, יאָ, די סאַמע סמעטענע, דאָס שענסטע און בעסטע געפינט זיך אין מיין יחוס, נאָר נישט חלילה קיין יידן... און אין מיין גאַנצער גענעאַלאָגיע איז, אַ דאַנק גאָט און דער בתולה, קיין פלעק נישט געווען פון אַרבעטער... ניין, ניין, אויסדערוויילטער הער! נישט קיין אַרבעטער, און נישט קיין יידן און אויך נישט קיין מאַכמעדאַנער, און אפילו קיין סאָציאַליסטן זענען קיינמאָל נישט געווען אין מיין משפחה פון קדמונים אָן...

— ניין, ניין, אויסדערוויילטער הער! גאָט באַהיט! און זאָל מיך דער הער יויזל מיט דער אומבאַפלעקטער בתולה און אַלע הייליקע באַהיטן און באַשירעמען פון אַזאַ געוואַלדיקער קללה נמרצת!... באַזונדער, ווייס איך פּאָזיטיוו, איך בין דאָך זייער אַ געלערנטע, אַ „געענדיקטע״, ווייס איך, אַז איר האָט אַ טעות, מחמת איך ווייס צומאָל נישט אין דער אמתן, ווי אַזוי עס זעט אויס אַ ייד. אַ יודאַש, וואָס האָט געהאַט די העזה צו הרגענען אונדזער גאָט, אונדזער האַר יעזוס קריס־טוס, מוז זיכער זיין אַ סאַטאַנאַס, אַן אַנטיקריסט מיט ציגענע קלויען, אַ רויט קאָזע־בערדל, איין אויג אין סאַמע מיט שטערן, און פינגער מיט נעגל פון אַ

וואַראַנע. אַזוי ווי זיי ווערן געשילדערט אין אַ סך הייליקע שריפטן... איר זעט דאָך, אַז איך בין אַ געלערנטע. איר האָט דאָך געהערט, אַז איך בין אַ ווייסערין, אַ שפּאַניערין און באַסטאַ!...

יענעם גאַנצן טאָג האָט שוין די מאַמע און אירע טעכטער מיט מיר קיין וואָרט מער נישט אויסגערעדט, און איך האָב מיך געריכט אויף אַן אמתן ברוך־הבא מצד אירע ניין בנים, פון וועלכע די עלצטע צוויי, אַ צווילינג, זענען שוין גלחים, און די יינגערע זיבן וועלן, אים ירצא השם, אין קורצן אויך זיך גראַדו־אירן, ווער פאַר אַן אַדוואָקאַט, מיליטאַר, אינזשיניער, מעדיצינער און אַרכיטעקט.

נאָר צום גליק, איז מיין שרעק געווען אַן אומזיסטע.

צו דער וועטשערע, ווו איך בין געווען דער איינציקער גאַסט, האָב איך גע־האָט דעם כבוד צו עסן ביים זעלבן טיש, מיט דער באַלעבאָסטעס פאַמיליע, ד״ה מיט די ניין בנים אויך. די צוויי גראַדואירטע גלחים האָבן דאָס מאָל מיך גענומען אין זייער מיט קעגן דער מאַמעס און שוועסטערס פּראָטעסטן, און דער ערשטער פון די צוויי, וואָס האָט געהאַט אַ העכערן ראַנג, און דערפאַר דער ראש המדברים, האָט תחילת מיך גענומען אויפן צימבל, דווקא זייער איידל, נישט לויטן אַראַגאַנטישן נוסח פון זיין פאַך, נאָר ווי אַ קלוגער קיביצער:

— זאָגט מיר, מיין זון, פון וואַנען ווייסט איר עס, אַז מיין גנעדיקע מאַמע שטאַמט פון יידן? און אויב מיין מאַמע שטאַמט פון יידן, איז זי דאָך אַ יידישקע. און אויב מיין מאַמע איז אַ יידישקע בין איך, ווי אויך מיינע ברידער און שוועס־טער, — יידן... און אַ נישט־געמלטער, אַן ערל, און אַ גלח דערצו, קען דען זיין אַ ייד?... איר זעט דאָך נישט נאָר בחוש, נאָר אין דערווירקלעכקייט, מיט אייערע אייגענע אויגן, אַז איך, ווי מיינע ברידער און שוועסטער און מיין גנעדיקע מאַמע, עסן חזיר און שטאַרבן נישט, הגם די יידישע תורה פאַרבאָט עסן חזיר־פלייש. און איר, אַלס ייד, און אוודאי אַ פרומער ייד אויך, ווייסט דען נישט, אַז יידן זענען נישט קיין קריסטן? און אויב יידן זענען נישט קיין קריסטן, טאָ ווי אַזוי בין איך אַ גייסטלעכער, אַ קאַטוילישער, אַפּאָסטאָליש, רוימישער גלח? איך בעט איך, זון מיינער, ענטפערט מיר פריי, ווי ביי זיך אינדערהיים, אָן בושה און אָן שום מורא...

איך האָב דעם זייער איידעלן און קלוגן גלח געענטפערט על ראשון ראשון, ועל אחרון אחרון. איך האָב אים געזאָגט די קוועלע פון וואַנען איך דרינג דאָס, און פאַר איין וועגס אים געענטפערט מיט אַ קיבעץ אויף זיין קיבעץ וועגן חזיר־עסן: — זייער הויכגעשעצטער און ביזן הימל־גנעדיקער גלח. איר זעט דען נישט אויך מיט אייערע הימלישע אויגן, אַז איך, אַ ייד מיט מיין גאַנצן לייב־ און לעבן, און טאַקע יאָ אַ געמלטער, און דערצו נאָך צוויי מאָל, און פונדעסטוועגן עס איך אויך חזיר, פונקט ווי איר, גנעדיקער פאַטערל, און פונקט

זוי אייער גאַנצע היכגעשעצטע און וויל־געבוירענע פאַמיליע, כאָטש איך בין נישט קיין גלח און וועל אויך קיינמאָל קיין קריסט נישט זיין, און — דאָך שטאַרב איך אויך נישט...

נאָכן פאַרטראַכטן זיך אַ רגע מיט פרום־פאַרגלאָצטע אויגן, האָט ער, מעשה קאַטעדראַטיקער, געזאָגט זיין מאַמען, אַז עס איז גאָר קיין שאַנד נישט צו זיין אַן אָפּשטאַמיקער פון „אייביקן פאָלק״, אַז זיין גאָט און זיין גאָטס טאַטע־מאַמע, די אַפּאָסטאָלן און אַ סך הייליקע גלחים, בישאָפן, קאַרדינאַלן און אינקוויזיטאָרן זענען געווען געבוירענע יידן, און אויב ער האָט קיין טעות נישט איז אַ פּויבסט אויך געווען אַ ייד...

דערנאָך האָט ער זיך ווידער געווענדט צו מיר, און, תמיד לאַקריץ־זיס, מיר געזאָגט, איך זאָל נישט מיינען, אַז ער שטאַמט חלילה אָפּ פון מאַראַנען, פון פרומע יידן אין דער נשמה, און לפנים — קריסטן. דאָס — קיינמאָל נישט, חס וחלילה!... זיין עלטער־עלטער־זיידע, ד״ה זיין אורזיידע פון זיין מאַמעס צד איז געווען אַ גרויסער ראַבינאָ, אַן אמתער הייליקער ראַבינאָ און אַן אָנגעזעענער מעדיצינער דערצו. ער איז מיט זיין גאַנץ הויזגעזינט איבערגעגאַנגען צום קריסטנטום אָן קיין שום אויסערלעכן דרוק, און זיי זענען געוואָרן אמתע גאָטס־פאַרכטיקע קריסטן, לויט די אַנאַלן פון דער הייליקער אַפּאָסטאָלי־שער געשיכטע. און אויב אַ סך פון די עכטע משומדים, ווי זיין אורזיידע, האָבן דאָך אַמאָל חתונה געהאַט בלויז צווישן זיך, צווישן געשמדטע, איז עס נישט געווען, ווייל זיי זענען געווען פאַלשע קריסטן, מאַראַנען, נאָר ווייל אַ סך פון די „אויפריכטיקע״ משומדים האָבן זיך נאָך געליבט פון פריער, בעת זיי זענען גע־ווען „אמתע״ און „עכט־פרומע״ יידן... אַ מאַראַן איז — לויט זיין שטאַנדפּונקט — געווען אַן אמתער אפיקורס, וועלכער איז ווערט געווען דאָס פייער פון טאָרקווע־מאַדאָן...

— ווי איר זעט, זון מיינער, בין איך זייער אַ גוטער מענטש, דאָך וואָלט איך, אָן שום עקל, מיט מיין גאַנצן וועזן, ווי אַ שפּאַניאָל, געהאַט דעם גרעסטן פאַרגעניגן צו ברענען און בראָטן אפּיקורסים. אָט האָט איר, זון מיינער, אַ סימן, אַז פון די בינווינישטיס אָדער דע לאַ קאַבאַלאַריאַ, פון וועלכע עס שטאַמט מיין מאַמע, זענען אַרויסגעקומען די געפערלעכסטע יידן־פאַרפאָלגער. אַנדערע משומ־דים, ווי פּאַליוס בורגענזיס דע סאַנטאַ מאַריאַ, יוסף פּפעפערקאָרן, יהושע לאָרקי אָדער פראַנציסקאָ דע סאַנטאַ פע, רב אברהם שניאורס קינדער, וועלכע האָבן זיך געשמדט אויף קאַראַנעל, לוי בן שם־טוב, אָדער אַנטאָניאָ דעל סאַגראַדאָ נאַמברע, ניקאָלאַי דאָנין, פּאָגליאַ קריסטיאַני, ד״ר אבנר פון בורגאָס, אָדער אַלפאָנאָסאָ בורגעניוס דע וואַליאַדאָליד, גאַנסאַלאָ מאַרטינעז און אַ סך אַנדערע זענען באַלד געוואָרן געפערלעכע יידן־פיינט...

— אויב ס׳איז אמת, זון מיינער, אַז איר זענט אַ ייד, וואָלט איר דאָך געדאַרפט וויסן און קענען, וואָס דער גרויסער יידישער ישעיה האָט געזאָגט: מהרסיך ומחריביך ממך יצאו. דערפאַר, זון מיינער, דאַרף דיך נישט פאַרדריסן צו שטאַרק, וואָס פרומע קריסטן, געוועזענע פרומע יידן, זענען אויף צו מאָרגנס נאָך דעם שמד געוואָרן צוררי היהודים, ווייל דאָס איז אַ גאָטס־זאַך. אַ סימן, אַז דער גרעסטער פון אַלע נביאים האָט געזאָגט אַזעלכע זאַכן זיבן הונדערט מיט פופציק יאָר פריער פאַר דער היינטיקער צייט־רעכענונג. דאָס איז גאָטס ווילן אַזאַ... דערפאַר דאַרפן טאָקע די יידן ליידן, שווייגן און אַלע צרות, פורעניות און גזירות אָננעמען באהבה...

— שטעלט איך פאַר, זון מיינער, אַז אין דער צייט פון אַלפאָנס דעם צענטן, זענען בלויז אין קאַסטיליען געווען איבער אַכט הונדערט מיט פופציק טויזנט יידישע נפשות. פון זיי האָבן ביי צוויי דריטל זיך אָפגעשמדט מיטן „גוטן ווילן״, ניט דורך צוואַנג, אָבער מיט דער צייט זענען זיי געוואָרן פולשטענדיקע שפּאַניער, עכטע איבעריקער, ד״ה קריסטלעכע שפּאַניאָלן...

— איז ווי דענקט איר, זון מיינער, קען דען אַ רעליגיע־בייט אויך ווערן אַ פיזישער בייט? זאָל, צום ביישפּיל, אַן עכט־ווייסער קריסט, ניט ייד, ווערן אַ בודיסט, וועט ער דען אויך ווערן אַ גליד פון דער געלער ראַסע מיט זייערע כאַראַקטעריסטישע קרומע און כמעט־צוגעמאַכטע אויגעלעך? ניין! דערפאַר טאָקע זעט כמעט יעדער שפּאַניער אויס ווי אַ ייד אָדער ווי אַן אַראַבער, ביידע סעמיטן, וועלכע האָבן פון שפּאַנישן פאָלק געמאַכט אַ „מאָזאַיק״, אַ שיינע מאָזאַיק. דערפאַר האָב איך זעלבסט אָפטמאָל טעותים. וויפל מאָס איך דערזע אַ ניי־אָנגעקומענעם שפּאַניער, מיין איך, אַז ער איז אַ ייד, און איך פאַרליר אַ מצווה, ווייל איך האָב נישט אַ געלעגנהייט צו מאַכן פון אַ ייד אַ קריסט. און די שפּאַניער — איך מיין נישט די אָפּשטאַמונגען פון די שפּאַניאָלן, וואָס אין אַלע אַמעריקאַנער לענדער, וועלכע זענען סיי ווי דעמאָקראַטן, און במילא קאָסמאָפּאָליטן, נאָר איך מיין די שפּאַניער פון דעם איבערישן האַלב־אינדזל, וואָלטן באַדאַרפט ליב האָבן יעדן גוטן און אָרנטלעכן ייד, ווי יעדן גוטן און ערלעכן מענטש, פון וועלכער עס איז ראַסע, קאָליר און גלויבן..

— שפּאַניע איז באַגאַנגען אַ גרויסע זינד קעגן די יידן, וואָס האָבן זי געמאַכט גרויס און מעכטיק און זענען, אין דער אמתן, שפּאַניאָלן פון יהוהס גלויבן. דערפאַר טאָקע, פאַר דער זינד איז שפּאַניע היינט צו טאָג אַזוי אָרעם, אַזוי דערשלאָגן און צוריק־געשטאַנען ווי אַבדול־האַמידס טערקיי, ווייל די יידן האָבן געלייגט אַ חרם אויף שפּאַניע, און קיינער קומט נישט מער אַהין... און ווי איך וויים, זענען דאָ אין דעם פרייען אַמעריקע עטלעכע לענדער, וואָס זענען זייער רייך, סיי עקאָנאָמיש־פינאַנציעל, און סיי גייסטיק און עטיש: ב׳ אַמעריקע, אַר־

גענטינע און בראַזיל, און דאָס איז, ווייל אין די לענדער האָבן זיך באַזעצט אַ סך ייִדן. די איזראַעליטן האָבן אויפגעשטעלט פאַבריקן, געשעפטן און לאַנדווירט־שאַפט, וואָס האָבן רייך געמאַכט די לענדער. איך בין אַ גייסטלעכער, אַ קאַטוי־ליק פון גאַנצן האַרצן, און איך ליב און שעץ די ייִדן, נישט ווייל אין מיינע אָדערן פליסט ייִדיש בלוט, אויך נישט דערפאַר, ווייל איך קען גענוי די גאַנצע ייִדישע תורה און ייִדישע געשיכטע, נאָר דערפאַר, ווייל בעת מיין זיין אין איטאַ־ליע האָב איך מיך באַקענט מיט אַ סך ייִדן און האָב זיי ליב געקראָגן. כ׳בין געווען אין אַרגענטינע, בין ספּעציעל אומגעגאַנגען אין ציווילע קליידער, זיך באַקענט מיטן ייִדישן לעבן און זיי ליב געקראָגן. כ׳בין אויך געווען אין עטלעכע אייראָ־פּעאישע לענדער און אויך אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון נאָרד־אַמעריקע און אויך ליב געקראָגן „דיין־מיין מאַרטירער־פאָלק״. און ווייסטו, זון מיינער, פאַר־וואָס? — ווייל די ייִדן האָבן אויסדויער, עקשנות, קולטור, אַקטיוויטעט, מאָראַל, געוויסן און אַרבעטסזאַמקייט. און די שענסטע מידה פון ייד איז דאָס נישט טראָגן קיין האַס אויף יענעם, וואָס האָט אים אַמאָל שלעכטס געטון...

— איך האָב גערעדט מיט רבנים, מיט פרומע פאָלקס־מענטשן, מיט אַר־בעטער־פריידענקער, סוחרים, אינדוסטריאַלן, אינטעלעקטואַלן, און קיינער פון זיי האָט מיר נישט אַרויסגעוויזן די מינדסטע שנאה צום היינטיקן שפּאַניער, ווי אויך נישט צום היינטיקן איטאַליע, און זיי זענען מוחל די אוראייניקלעך די זינד פון זייערע אורעלטערן... דאָס איז זייער אַ פיינע מידה, און דאָס ווייזט מיר, אַז דער ייד איז נישט קיין נוקם ונוטר, פונקט דער היפך פונעם קריסט, וואָס טראַכט רק פון „ווענדעטאַ״ (נקמה)... דערפאַר זאָג איך טאַקע אין מיינע דרשות צו מיינע „פּעליגרעסן״*), אַז די ייִדן זענען נישט שולדיק אין יעזוסעס טויט. ראשית, האָט ער דאָס אַזוי אַליין געוואָלט מ׳זאָל אים הרגענען, מחמת גאָט אַליין האָט אים אַזוי באַפוילן, כדי באַלד נאָכדעם זאָל ער צוריק לעבעדיק ווערן און מוחל זיין די יעניקע, וואָס האָבן אים געפּייניקט און דערהרגעט. געטון האָט עס יעזוס, כדי צו לערנען זיינע חסידים: מחילה, רחמים און טובה תחת רעה... ליידער, גייען אָבער נישט די קריסטן אין אמתן קריסטלעכן וועג, ד״ה אין יויזלס תורה. ניין, זיי היטן נישט אָפּ יויזלס תורה, און איך געפין, אַז די ייִדן זענען אין פּרט פון רחמנות, הילף, מחילה און טובה תחת רעה מער קריסטן פון דעם בעסטן קריסט. — אמן סלה!...

— מיין מוח קען גאָרנישט פונאַנדערקלייבן, אָדער פאַרשטיין, דאָס נישט לאָגישע פון אַ סך מיליאָנען קריסטלעכע לאָגיקער, וואָס פרעדיקן האַס און נקמה די היינטיקע ייִדן פאַר אַ כלומרשטן פאַרברעכן פון אַרכאַישע ייִדן, ד״ה פון ייִדן

---

*) די וואָס געהערן צו אַ קאָנגרעגאַציע.

מיט קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר צוריק, בפרט נאָך, ווען אונדזער האַר האָט אַזוי אַליין געוואָלט, כדי אויך צו קענען וויזן דערנאָך געטלעכע ניסים ונפלאות. דערפאַר טאַקע פרעג איך זיך אַליין אין מיין התבודדות: ווו איז דער מענטש־לעכער פאַרשטאַנד און געוויסן צו פאַראורטיילן אַ גאַנץ פאָלק דערפאַר, וואָס זיינס אַ גליד האָט אַליין אָנגעשטעלט רוצחים, זיי זאָלן אים דערהרגענען, כדי נאָכדעם צוריק לעבעדיק צו ווערן און נתגלה צו ווערן פאַר דער וועלט אַלס אַ געשיקטער פון אים אַליין, ד״ה פון גאָט אַליין?...

— איך, אַלס טרייער תלמיד פון יויזלען און פון אַלע יידישע נביאים, האַלט, אַז עס איז אַן אומפאַרצייַלעכע זינד די יידן־פאַרפאַלגונגען, און איך פאַרמשפּט, איבערהויפּט די קריסטן פון יידישן אָפּשטאַם, וועלכע זענען באַלד נאָכדעם גע־וואָרן דם־שונאים זייערע פריערדיקע גלויבנס־ברידער און שוועסטער!...

— אַלס גאָטס פאַרשטייער האַלט איך, אַז די יידן דאַרפן און מוזן לעבן, נישט נאָר אַלס אַ געזעלשאַפט, אַלס אַ רעליגיע, נאָר אַלס פאָלק און גראָד אין ארץ־ישראל... דאָס וועט זיין דער בעסטער עדות פון גאָטס גרויסקייט און פון ישעיהס נבואה, אַז זיין וואָרט וועגן אומקער פון די יידן צוריק אין זייער לאַנד: על הר גבה עלי לך מבשרת ציון הרימי בכוח קולך מבשרת ירושלים הרימי אל תיראי... דאָס איז אַ באַוויז פאַר אַלע פעלקער, אַז יויזל שטאַמט פון דוד מלך ישראל, אמן...

איך האָב דעם קלוגן און געלערנטן גלח נישט איבערגעשלאָגן. פון די בני־בית האָט אויך קיינער קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. פּאַלמירא, די יינגסטע טאָכטער, האָט געברענגט קאַווע, און דער צווייטער פונעם גלחים־צווילינג האָט מכבד געווען מיט עכטע האַוואַנען־ציגאַרן. מיין גלחשער בעל־דרשן האָט פּאַרוי־כערט, און מיר, ניין מענער, נאָך אים, אַלץ אויף שטום לשון. נאָך אַ ווײַלע שווייגן האָט דער בעל־דברן ווידער גענומען רעדן:

— הערט, יונגערמאַן, מיינט נישט, אַז איך וויל אייך צורעדן צו שמד. ניין! קיין שום ערלעכער און אויפריכטיקער קריסט וואָלט נישט באַדאַרפט צורעדן אַ ייד צו שמד, ווייל די יידישע רעליגיע איז די מאַמע פון דער קריסטלעכער אמונה, און די גאַנצע מאָראַל, איך מיין, די גאַנצע עטיק און דאָגמע פון קריסטנ־טום האָט איר שורש, איר גאַנצע יניקה פון די יידישע קוואַלן, פון די יידישע הייליקע ספרים. און יענער ייד, וואָס שמדט זיך, מחמת מ׳האָט אים צו דעם צוגערעדט, אָדער ווייל ער האָט אַ קאָנווענינעץ אינעם בייט פון דער רעליגיע, דער וועט זיין אַ שלעכטער קריסט, ווייל ער איז אויך געווען אַ שלעכטער ייד. איך וויל אָבער פאַר אייך, יונגערמאַן, צוגעבן, אַז קיין שום ערלעכער און אמתער ייד בלב ונפש וועט נישט בייטן דעם גלויבן וואָס ער גלויבט, אויף אַ גלויבן וואָס ער גלויבט נישט...

— איך וועל אָננעמען יעדן ייד צו דער קריסטלעכער אמונה בלויז דאַן, ווען איך וועל זיין איבערגעצייגט, אַז דער „קאַנדידאַט" האָט זיך געשמדט צוליב איבערצייגונג, ד"ה, לשמה. אָבער היות איך האָב אין די קאַנדידאַטן אויסגעפונען בלויז צינישקייט און אייגננוץ, האָב איך זיי געשיקט צו אַלדי רוחות, און איך האָב נאָך אין מיין לעבן קיינעם נישט אָפּגערעדט פון זיין רעליגיע... נאָר טאָמער מאַכט זיך יאָ אַן אויפריכטיקער און גוטער ייד, וואָס שמדט זיך, ווייל ער איז איבערצייגט, און ער שמדט זיך לשם שמים, אַזאַ משומד וועט קיינמאָל נישט זיין קיין אַנטיסעמיט, ווייל ער וועט תמיד געדענקען זיין שורש, זיין יניקה, דעם גייסטיקן קוואַל, פון וועלכן ער האָט געשעפּט גאָטס וואָרט. ער וועט נישט האָסן דעם ברודער זיינעם, ווייל ער וועט שטענדיק געדענקען, אַז ער איז אַליין אויך אַ סעמיט. ער האָט בלויז געביטן זיין דאָגמע. אָנשטאָט צו גלויבן אינעם גרויסן און אַלמעכטיקן יידישן גאָט, וואָס איז אַ רואה ואינו נראה, זעט ער אַ „ממשות־דיקן" גאָט, וועמען פאַרפירטע מענטשן האָבן געטייט, אין אַ צייט ווען די היינטי־קע הייליקע רוים איז געווען די געצנדינערישע, אויסגעלאַסענע און טיראַנישע בלוט־דורשטיקע...

— דאָס זעלבע פאַרקערט: ווען אַ שלעכטער קריסט, אַ סאַדיסט, זאָל ווערן אַ ייד צוליב אַ מיידל, צי צוליב דעם אַזוי־געוואַלדיק צעפּויקטן יידישן עשירות, דער וועט זיין אַ שלעכטער ייד פונקט ווי דער ערשטער — אַ שלעכטער קריסט...

— איך רעד אַזוי, ווייל איך קען געגנוי דאָס מוסטערהאַפטע יידישע לעבן: כפלח הרמון רקתך, וואָלט איך געזאָגט, הגם אין ניקאַראַגואַ איז, דאַכט מיר, נאָך קיין שום ייד נישט פאַראַן חוץ אייך. איך קען די יידן פון איטאַליע, פון מיי־נע צוויי מאָל באַזוכן דאָס „הייליקע לאַנד", ארץ־ישראל. אין הייליקן לאַנד בין איך געווען דאָס ערשטע מאָל דריי מאָנאַטן, און דאָס צווייטע מאָל אַ גאַנץ יאָר מיט אַ חודש, און איך האָב מיר דאָרט דערוואָרבן אַ סך פריינט צווישן דער יידישער קאָלעקטיוויטעט.

— יאָ, איך בין באַגייסטערט פון דעם גראַנדיעזן, וואָס מיינע אויגן האָבן געזען אין הייליקן לאַנד. פון זאַמד און שטיין, פון קרענקלעכע בלאָטעס און מדבריות, פול מיט „אַספּידן" און „צעראַסטאַס"*), און שאַקאַלן, וואָס איך האָב אָנגעטראָפן בעת מיין ערשטן באַזוך אין 99סטן יאָר פון פאַריקן יאָרהונדערט, האָב איך אין צווייטן באַזוך אָנגעטראָפן פאַראַדיזן. יאָ, פאַראַדיזן, וואָס די יידישע אָפּפערווויליקע חלוצים האָבן פאַרוואַנדלט פון די פריערדיקע מאַלאַריע־זומפן, ווו עס האָט געבושעוועט דער מלאך־המות...

---

*) שרעקלעכע ברילן־ און הערנער־שלאַנגען. זיי פאַרמאָגן אַ שוידערלעכן סם־המות. אין חומש ווערן זיי אָנגערופן: נחשים שרפים.

— לויט מיינע איבערצייגונגען, איז דער ייד נישט דאָס, וואָס די אַנטיסעמיטן מאָלן. ביין נישט דאָס. לויט מיינע פאָרשונגען, לויט מיינע באַאָבאַכטונגען, וואָס איך האָב געמאַכט אין די אַרגענטינער יידישע קאָלאָניעס פון ענטרע ריאָס און סאַנטאַ פע, פון דער טרוקענער סאַנטיאַגאָ דעל עסטעראָ און נאָך טרוקענערער און זאַמדיקער פּאַמפּאַ און אין די יידישע דערפער פון ארץ־ישראל, בין איך געקומען צו דער מסקנא, אַז דער ייד איז אַ באַשטאַנד־טייל פון דער הומאַנער משפחה אויף אַלע געביטן: פיזישע און גייסטיקע. דערפאַר, יונגערמאַן, וויל איך, איר זאָלט מיך פאַרשטיין און איבערגעבן די יידן פון דער גאָרער וועלט: דאָס ניקאַראַגוער לאַנד איז אַ גרויס, פריי און ברידערלעך לאַנד; די ניקאַראַגוער רעגירונגען זענען די דעמאָקראַטישסטע פון דער גאַנצער וועלט; דאָס ניקאַראַגוער פאָלק איז סאָציאַל, דעמאָקראַטיש און פראַטערנאַל (ברידערלעך), גוט ווי אַ פּיצל קינד, טאָלעראַנט צו אַלע רעליגיעס, פּונקט אַזוי ווי דאָס וווּנדערבאַרע אַרגענטינע, צאַרט און נאָבל צו יעדן גוטן מענטשן, וואָס וויל אים נישט באַדריקן. די ניקאַראַגוער ערד איז זייער פעט, פרוכטבאַר, ווי גושן איז איר אויבערפלאַך און מיט אַ נאָך רייכערן אונטערגרונט, מיט די בעסטע מעטאַלן, מינעראַלן, טאָרף און נאַפט. טייכן, וואָס האָבן פון לאַנד געמאַכט אַ מעסאָפּאָטאַמיע, אַ ביבלישן בין־נהרים. אָזערעס — ווי אינלענדישע ימים, פול מיט די בעסטע פיש, און באַלד לעבן די ברעגעס פון פּאַציפישן אָקעאַן, אונטערוואַסער־אינדזלען מיט די טייערסטע קרעלן; אומענדלעכע יונגפרוילעכע וועלדער מיט די בעסטע געהילצן, פּירות און חיות מכל המינים, פונעם פּיצעלע קאַבאַיאָ ביזן יאַגואַר, פּומאַ און ריזן־טאַפּיר. פייגל, גאָר אָן אַ שיעור, פאַרמאָגן אונדזערע וועלדער. דאָס לאַנד איז נאָך נישט באַוווינט, קיין אינדוסטריע, קיין מסחר, קיין אינטענסיווע אַגריקולטור. און דער „גרויסער שכן פון צפון“ מיט זיין „הייפיש־מאָגן“ און דאָקטרין לויערט אויף מיין פאָלקס נשמה, אומאָפּהענגיקייט און פרייהייט...

— זאָלן זיי קומען די יידן און אויפלעבן דאָס שיינע, דאָס הערלעכע ניקאַראַגואַ, וואָס איך האָב אַזוי שטאַרק ליב, דאָס לאַנד, דאָס פאָלק און אַלץ וואָס לעבט אונטער דער גינגאָלדענער ניקאַראַגוער זון. די גאַנצע נאַציע וועט זיך צעבליען ווי אַ שיינע אַרכידייע־בלום, ווען עס זאָלן זיך באַזעצן אין לאַנד, אַלס שטענדיקע תושבים, עטלעכע הונדערט טויזנט יידן... און אַז אַלע וועלן האָבן, אַ דאַנק דער יידישער אומדערמידלעכער אַקטיוויטעט, וועלן דאָך די אינדיאַנער אויך האָבן אַ ביין אַרומצובייסן... און אַז די אָרימע הונדערט טויזנט אינדיאַנער וועלן פאַרדינען געלט אין די יידישע פאַבריקן, געשעפטן און פאַרמס, וועט דאָך די הייליקע קירך אויך האָבן. אם אין קמח אין תורה... די אינדיאַנער זענען דאָך זייער אָבערגלויביש...

דער גלח האָט מיך באַהאַנדלט מיט דער גרעסטער פיינקייט, גאָטספריינט־

לעבקייט און ממש מיט ליבשאַפט, און גערעדט צו מיר ווי דער גרעסטער יידנ־פריינט.

— יאָ, יאָ, פּאַטערל! איך וועל אַזוי טון, ווי איר הייסט מיר. איך וועל אייך פאָלגן, פּאַטערל. איך וועל אייערע נביאישע רייד איבערגעבן דער גרויסער וועלט. איך האָב אייך פאַרשטאַנען, פּאַטערל, אם אין קמח אין תורה... די אינ־דיאַנער זענען אָבערגלויבעריש און אָן אַ סענט ביי דער נשמה. ווען קומען יידן, וועלן זיי רייך מאַכן דאָס לאַנד, דעם אינדיאַנער אויך, וועט מיט גאָטס הילף דאָס יידישע עשירות רייך מאַכן די גלחשע שפּעלעך... יאָ, פּאַטערל, איך האָב אייך פאַרשטאַנען... — האָב איך געענטפערט דעם זונדערבאַרן גלח.

***

אַכט טעג נאָך דער דרשה, וואָס דער גלח האָט פאַר מיר געהאַלטן אין זיין מאָמעס שטוב, האָט ער מיך איינגעלאַדן קיין לעאָן צו זען די דאָרטיקע קאַטעד־ראַלע. דאָס איז אַ וווּנדער־שיינע געביידע, מייסטערהאַפט געבויט מיט איבער

הייזער פון דער אינדיאַנישער אַריסטאָ־קראַטיע אין אייראָפּעאישע מלבושים

דריי הונדערט יאָר צוריק, און האָט אָפּגעקאָסט איבער פינף מיליאָן גאָלדענע דוראָס, אָדער 25 מיליאָן פּעזעטאַס פון יענער צייט. איר אויפבוי האָט געדויערט גאַנצע הונדערט יאָר. — האָט מיר געזאָגט דער גלח.

איך האָב מיך אָנגענומען מיט מוט און געפרעגט דעם חשובן גלח:

— אויב די קאַטעדראַלע האָט געדויערט הונדערט יאָר אַרבעט, האָט גע־קאָסט פינף מיליאָן גאָלדענע דוראָס, דאַן ווען די בויער זענען געווען אינדיאַ־

נישע שקלאַפן, ווענען מ׳האָט קיין פּרוטה אויך נישט געצאָלט, אַ חוץ שמיץ, וויפל זשע וואָלט די זעלבע קאַטעדראַלע געקאָסט ווען דאָס זאָלן בויען פרייע, געצאָלטע אַרבעטער?...

דער נאָבעלער גלח האָט אויף מיר געטון אַן עניגמאַטישן קוק, און מיר נישט געענטפערט.

דער אינעווייניק פון דער קאַטעדראַלע איז אַ ביסל פאַרלאָזט. עס קומען ווינציק בעלנים. עס זעט אויס אַזוי, ווייל עס פעלן די רייכע גאָלדענע צלמים און אָרנאַמענטן. די אַמאָליקע טייערע איידלשטיינער, געמעלן און טעפּיכער... מחמת דער אפּיקורסישער און דעמאָקראַטישער פּרעזידענט גענעראַל זעלאיא האָט דריי מאָל פאַרטריבן דעם בישאָף פון לעאָן. צוויי מאָל צוזאַמען מיט אַלע גלחים און איין מאָל דעם בישאָף אַליין. — האָט דער גלח מיר דערציילט.

ווי שוין געזאָגט, האָט די קאַטעדראַלע געקאָסט פינף מיליאָן גאָלדענע דוראָס, צו יענער צייט אַ געוואַלדיקער מטמון. און די אוצרות, וואָס זענען נאָכדעם געווען אינעווייניק אין די שטאָלענע און אַמיאַנטענע שאַצקאַסעס און געהיימע באַהעלטענישן, האָבן באַטראָפן פילפאַך מערער ווי דער קונסטפולער פּאַלאַץ גופא. די אַלע אוצרות און ווערטפולע זאַכן — האָט מיר געזאָגט דער גלח — זענען אויסגעפּלינדערט געוואָרן דורך די הונגעריקע גאַטלעסטערער אונטער זעלאיאס ממשלה...

מען מעג זיך פאָרשטעלן דעם געוואַלדיקן פאַרמעגן, וואָס איז דאָרט אָנגעזאַמלט געוואָרן, אין יענעם אָבערגלויבישן און פינצטערן אַמאָל, ווען די הייליקע קירך מיט אירע גלחים איז געווען אַלץ, בעת מען זעט בלויז דעם אַלטאַר וואָס איז געבליבן אומבאַרירט. דער אַלטאַר, וואָס זעט אויס ווי אַן אַמאָליקער מזבח פון די העברעער, איז קונסטפול געמאַכט פון ריינעם זילבער, און איז ווערט אַ שלל. אויף דער גאָלד־אוצר און איידלשטיינער, וואָס די גלחים האָבן באַוויזן גוט צו באַהאַלטן אין די ווענט און אונטערערדישע היילן, איז פאַרבליבן. צווישן די גאָלדענע חפצים איז פאַרבליבן אַ בעכער אויסגעזעצט מיט די טייערסטע שטיינער, אַ נר־תמיד פון גינגאָלד אויסגעפּלאָסטערט מיט ברילִיאַנטן, אַגאַטאַס, טאָפּאַסן, שמאַראַגדן און רובינען. אַזאַ מין אפוד און אַ ווייס־זיידן העמדל מיט גלעקלעך אונטן אַרום דעם זוים, אויסגעהאָפטן מיט גאָלד, ווי עס פלעגן נוצן די אַמאָליקע יידישע כוהנים, אַ נאָכאמונג די יידישע רעליגיעזע מלבושים, אויך אויסגעזעצט מיט בליצנדיקע שטיינער. אַנדערע חפצים פון אַן אומשאַצבאַרן ווערט, וואָס דער סימפּאַטישער גלח האָט מיר געוויזן. איך האָב געטראַכט:

— אַ יידישער זון, — אַ קריסטלעכער גאָט. זייער גאַנצע רעליגיעזע דאָגמע נאָכגעקאָפּירט די יידישע, אפילו די קליידער אויך. טאָ פאַרוואָס פאַרפאָלגן זיי אונדז? — האָב איך ווידער געטראַכט, און דאַן זיך געמאַכט אַ שטיקל חשבון:

— אַזאַ מין אָרים פאָלק, אַלץ פאַרזעצט! אפילו די אָפיציעלע שפּראַך הערט זיך נישט אַזוי ווי די יענקיש־ענגלישע. אַזוי ווינציק שולן, אַזוי פיל אַנאַלפאַבעטן, טויזנטער אינדיאַנער, נאָך אין אַ מער מיזערנעם ווילדן צושטאַנד, ווי אין דער קאַריבישער זייט. אַזוי ווינציק שפּיטאָלן, ביבליאָטעקן, אַזאַ קליינע צאָל



אַן אָמעטעפּעקע אינדיאַנערין פון די געדיכטע וועלדער און אי־רע יום־טובדיקע בגדים

טעאַטערס און קינאָס. און — אַזאַ גוואַלדאָוונע רייכקייט אין אַ קירך, שוין נאָכן אויספּלינדערן!... און איך פרעג מיך זעלבסט: וויפל אוצרות האָט דער גלח מיר נישט געוויזן?... און וויפל אוצרות ליגן באַהאַלטן אין די אַנדערע קירכעס פונעם לאַנד?... דאָס אָפּגעשטאַנענע אינדיאַנער־פאָלק, דיווירקלעכע האָרעפּאַשנע מאַסן האָבן אָפטמאָל נישט קיין מלבוש זיך צו פאַרדעקן די נאַקעטקייט, און אָפטמאָל פעלט זיי אפילו אַ שטיקל טרוקן ברויט, און אַ וואַרימע שמאַטע זיך צוצודעקן אין די קעלטערע נעכט...

— דער גוטער און באַרעמהאַרציקער גלח האָט מיר דערויף געענטפערט:

— דער אינדיאַנער לאָזט זיך נישט ציוויליזירן. ער איז נאָך ווילד, אָבער־גלויבעריש און אומוויסנדיק, לעבט ווי אַ בהמה, איז פויל ווי דער „פוילער

בער״. דעריבער, וואָס ער האָט, דער אינדיאַנער, האָט ער גענוג... און נאָך אפשר איבערגענוג...

— יאָ, האָב איך אים איבערגעשלאָגן מיט אַ שטעכערל: — דאָס פּיצעלע ערד אין די מאַלאַריע־זומפּן און געלן־פיבער־געגנטן, האָט דער אינדיאַנער אויך גענוג... און טאָמער געלינגט אים צו פּראָדוקטיוויזירן יענע קראַנקע עקרה־ערד, ווו דער ציוויליזירטער וואָגט נישט צו שטעלן אַ פוס, איז דער אומגליקלעכער אינדיאַנער גליקלעך, און ער דאַרף נישט מער... נישט אַזוי, פּאָטערל?...

— יאָ, יאָ, אמת, זון מיינער. ער איז נישט ציוויליזירט, דער ווילדער אינ־דיאַנער, ער איז רעבעליש. אַן אמתדיק עם קשה עורף! ער איז נאָך אַלץ געצענדי־גנעריש... דערפאַר, להפך, דאַרף דער ציוויליזירטער אַלץ... דער ווייסער און דער מישלינג זענען נישט קיין געצנדינער, און ווידער דערפאַר פרעדיקן זיי: שלי, שלי, ושלך שלי... ער דאַרף אַלץ, אפילו דאָס וואָס ער דאַרף נישט...

די וועלט פאַרמאָגט טאַקע שפּיכלערס מיט כל־טוב, בשר ודגים וכל מיני מטעמים, יין שרף ושכר. ווערט דאָס פאַראַיאַריקע צוגעגעסן צוליב אַן אומגעריכט געדעטעניש, ווערט דאָס „איבעריקע״ פאַרניכטעט, פאַרברענט, אַריינגעוואָרפן אין ים, און מיליאָנען טאָנען עכטער טרויבן־ווײַן, ווערט אויסגעגאָסן אין די רינשטאָקן. דאָס איז פּאָליטישע עקאָנאָמיע: דאָס טוט מען בכדי, חלילה, נישט צו שטערן די פרייזן, צוליב אַ גרויסער שפע. און ווי זאָגט ער דאָרט דער כלב צום פערד: אמת, איך קען טאַקע נישט עסן קיין שעטסקע, קאַליע זאָל עס ווערן, איך וועל עס אָבער דיר אויך נישט לאָזן עסן.

מיר נישט, אָבער דיר אויך נישט...

אַלע ווילדע ווייסן פון דעם לאָזונג, און זיי שווייגן. שווייג איך אויך...

לעאָן

אַ שיינע שטאָט איז לעאָן מיט אַ באַפעלקערונג פון איבער 62.500 נפשות, און זי האָט אַ זייער רייכע און רומפולע פאַרגאַנגענהייט.

די שטאָט לעאָן איז אויפגעבויט געוואָרן דורך דעם שפּאַניער פראַנציסקאָ הערנאַנדעז אין יאָר 1523, און ער האָט אויך געלייגט דעם גרונטשטיין צום פונדאַמענט פאַר דער קונסטפולער קאַטעדראַלע אין יאָר 1537, אַ חוץ אַנדערע וויכטיקע געביידעס. לעאָן איז אויך געווען אַ משך פון איבער דריי הונדערט יאָר די הויפּטשטאָט פון ניקאַראַגואַ, און צו איר שבח דאַרף געזאָגט ווערן, אַז אין משך פון דער גאַנצער צייט, וואָס זי איז געווען די הויפּטשטאָט, האָט זי געשמט פאַר אַ דעמאָקראַטישע, ווייל אין לעאָן איז קאָנצענטרירט די גאַנצע אַרבעטער־שאַפט, אינדוסטריע, מסחר, בילדונג און דער גאַנצער לעבעדיק־פּראָדוקטיווער נערוו פון דער רעפּובליק.

לעאָן איז, הייסט עס, דער שמעלצטאָפּ פון ניקאַראַגואַ.

יאָרנלאַנג האָט געהאַט לעאָן געהאַט אויסצושטיין אַ געפערלעכן שטרייט מיט דער קליינער, אָבער אַריסטאָקראַטיש־פאַריסענער שטאָט גראַנאַדאַ, וועלכע האָט געטענהט, אַז איר, און נאָר איר, קומט די בכורה, איר קומט צו זיין די הויפּטשטאָט פון לאַנד, מחמת איר באַפעלקערונג באַשטייט כמעט אויסשליסלעך פון שפּאַניער און זייערע דירעקטע אָפּשטאַמלינגען. — פאַרשטייט זיך, אַז אַ חוץ די פאַרשקלאַפטע אינדיאַנער קנעכט, וואָס באַדינען די נאָבעלע אַריסטאָקראַטישע גראַנאַדער שפּאַניאָלן.

אין יאָר 1610 איז די שטאָט לעאָן צעשטערט געוואָרן דורכן ווולקאַן מאָמאָטאָמבאָ, און איז נאָך אַ שענערע צוריק אויפגעבויט געוואָרן, רחבותדיקער און גרעסער ווי פריער, ווי אַן אַרויסרוף קעגן דעם אכזריותדיקן מאָמאָטאָמבאָ.

שיין און ציכטיק זענען אירע גאַסן, גאַנץ־שיינע געביידעס, שטאָטלעכע און פּריוואַטע. אַ נישקשהדיקער שפּיטאָל מיט מער ווי הונדערט בעטלעך פאַר אַלערליי מינים קראַנקע. דער שפּיטאָל פאַרמאָגט כמעט אַלע נויטיקע איינריכטונגען, וואָס אַ מאָדערנער שפּיטאָל דאַרף האָבן. די שטאָט האָט אויף די פּרינציפּעלע גאַסן העכערע הייזער — מיט טעראַסן, אַנדערע — מיט אַפּלויף־דעכער.

שיינע גערטנער פול מיט בלומען אין די פראָנטן פון כמעט אַלע הייזער. פּרוכט־ביימער און שאָטנביימער מיט אייביקן צוויט, קנאָספּן און פּרוכטן, וואָס זעען אויס ווי איין גרויסער בלומענקוויט, באַצירן און באַשיינען די פראָנטן און הינטער־גרונטן פון די הייזער. די שטאָט פאַרמאָגט אויך עטלעכע שפּאַציר־פּלעצער און פּאַרקן, ווי אויך בולוואַרן אָדער אַוועניִדאָס מיט אַ שלל בלומען־פלאַנצן און ביי־



ווולקאַן מאָמאָטאָמבאָ־ניקאַראַגואַ

מער באַבלומטע, וואָס נאָר דער ניקאַראַגוער טראָפּיק קען אַרויסגעבן, און וואָס מאַכט די לופט אָנגענעם, הגם די זון ברענט אַ העליש פייער באַלד פון סאַמע זריחה אָן ביז נאָך בין־השמשות.

לעאָן איז זייער אַ רייכע שטאָט, מחמת דאָ איז קאָנצענטרירט כמעט דער גאַנצער קאַפּיטאַל פון דער רעפּובליק. נאָר די אָרימקייט פון די האַרעפּאַשנע מאַסן, פון עמך, איבערהויפּט פון די אַרבעטסלאַזע, איז אַ שווידערלעכע: בעטלער, שטיוול־פּוצער, פּעקלטרעגער און סתם באַדינער, זענען פאַראַן גאָר אָן אַ שיעור. אַנאַלפאַבעטן האָט מען געזאָגט מיר, זענען אויך פאַראַן זייער אַ סך.

יאָ, איך האָב מיך דערמאָנט, פאַרדאָן, אַז דער דאָלאַר איז דער פּאַקטישער מחותן, אפילו כמעט פון דער לופט וואָס איך האָב געאָטעמט. איך האָב דאָרט אויך מער געהערט די ענגלישע שפּראַך ווי די שפּאַנישע, וועלכע איז די אָפּי־ציעלע לאַנדסשפּראַך. און די דזשענטעלמענישע יענקיס? — זיי שאַלטן און וואַלטן איבער אַלץ, אפילו איבער די געדאַנקען. פאַלגסטו נישט, — אַ זעץ אין דער מאָרדע, אַז דו פאַרכליניעסט זיך מיט דיין אייגן ביסל מאָגער בלוט. נו, אויף דערויף זענען דאָך די יענקיס די געשוּלטסטע פויסטן־העלדן, בפרט נאָך, ווען עס האַנדלט זיך כלפּי אַ שוואַכערן, סיי אין קלינגערס, סיי אין גבורה און

„ציוויליזאַציע". פון „קולטור" איז דאָך שוין אָפּגערעדט. ווער איז דען קולטור־רעלער פונעם שלעגער, פונעם מעסערהעלד, פויסטן־העלד און פיסטוילן־העלד?

— און ווער קען זיין אָרימער פון אַן אָרימען אַרבעטסלאָזן קראַנקן אַרבעטער?

— און ווער קען זיין אָרימער פונעם נאָך־אָרימערן, אומוויסנדיקן און פאַר־פאַלגטן אינדיאַנער?

אַ דייטשישער גאַסניונג האָט אין באַלבאַא געשלאָגן אַ שוואַרצן, בין איך צוגעשפרונגען און צעמזיקט דעם ריזיקן יעקע, וועלכער האָט רק גערעוועט: — דעם שוואַרצן, דעם ייד און אינדיאַנער מעג מען שלאָגן, ווייל קיינער נעמט זיך נישט אָן פאַר זיי. דערפאַר פרעג איך דיך טאַקע, פאַרשאָלטענער און פאַרע־טערישער וויסער: ביסטו נישט אַמאָל אַ פאַרשאָלטענער ייד? — ווייל נאָר אַ ייד קען זיך איינשטעלן פאַר אַ שוואַרצן און פאַר אַן אינדיאַנער...

די פּאָליציי איז דווקא יאָ געקומען צו הילף, נאָר זי האָט אַ ביסעלע פאַר־שפּעטיקט. דערפאַר האָט זי פאַרנומען דעם צעממיתטן נעגער, מחמת דער שלעגער איז אַנטרונען... און די יוסטיץ איז תמיד קאָרעקט, זי קען דאָך אָבער, נעבעך, גאָר־נישט טון — זי האָט נישט קיין קאָנקרעטע באַווייזן, ווייל אויפן „שלאַכטפעלד" איז געלעגן בלויז אַ פּעך־שוואַרצער, און ווי איר ווייסט, מן הסתם, קען דאָך קיינער נישט זיין אַן עדות פאַר זיך זעלבסט. און פאַרמשפּטן אַ ווייסן יעקע פאַר אַ צעממיתטן שוואַרצן איז דאָך נישט קאָרעקט, נישט עטיש...

און אמת, די יוסטיץ האָט רעכט: עס פעלן איר באַווייזן, קאָנקרעטע באַ־ווייזן, — „קאָרפּוס דעליקטי" אָדער „דעליקטום" ווי ציצעראָ פלעגט זאָגן, און באַזונדערס, ווען דאָך די צעשלאָגענע די קלעפּ פון זיך סיי ווי שוין נישט אַראָפּ־נעמען, און דער געהרגעטער, נישט ער קען דברן און נישט ער קען צוריק לע־בעדיק ווערן. „קאָנסומאַטום עסט" (אַלץ איז שוין אָפּגעטון געוואָרן) — זאָגט אַ לאַטייניש שפּריכוואָרט, — ווייל ווען די אָרדענונגס־היטער זענען געקומען צום שוי־פּלאַץ, איז דער דזשענטעלמעניש פייטער שוין געווען אין אַ שאַנדהויז, געזויפט ביר און געטאַנצט שימי, בוגי־בוגי און טאַנגאָ, און אויפן קאַמפּספּלאַץ איז בלויז געווען דער צעממיתטער נעגער און זיך געגאָרעט אין דער נאָך־שוואַר־צערער בלאָטע, באַפאַרבטע מיט רויט פון אַ שוואַרצן מענטש...

יאָ, יאָ, רויט בלוט פון אַ שוואַרצן מענטש...

קיין עד ראיה איז, ווי תמיד אין אַזעלכע פאַלן, נישט בנמצא, און ווען יאָ, ווען אַ צווייטער נעגער האָט אפילו יאָ געזען, ליגט זיך גאָר דער עדות ווי אַ פרינץ אויפן שטיינערנעם דיל אין ציוויליזירטן חד־גדיא.

— קיינער האָט נישט געזען ווי דער שוואַרצער עדות האָט אַריינגעכאַפּט...

און ווי זאָלן די אַנדערע עד־ראיה יאָ האָבן געזען, ווען דער שלעגער איז אַן אייגענער, אַ פרומער און גאָטספאַרכטיקער מענטש פון דער יעקישער ראַסע,

אַן אַנגעפּרעסענער מיט אַ רויטער מאָרדע, אַ הויכער מיט ברייטע פּלייצעס און עשוס ידים, בעת דער צעשלאָגענער איז אַן אַרבעטער אַן אָפּגעריסענער, דאַרינ־קער און הונגעריקער — אויך מן הסתם — און דערצו נאָך — אַ שוואַרצער...

און ווי איר ווייסט, איז דאָך די יוסטיץ די „גערעכטיקייט" אַליין, און די גערעכטיקייט קען בלויז באַשטראָפן, ווען זי האָט גבית־עדות... „קאָנסענסום אמניום" (אוניווערסאַלע צושטימונג).

דאָס „בעסטע" און „פּאַסיקסטע" אָרט אויף צו געבן מיינע לעקציעס האָט די סימפּאַטישע לעאָנער מוניציפּאַליטעט אויסגעפונען — איז דער מאַרק־פּלאַץ, ווו עס קומען אויך פאַר די וועכנטלעכע פעריעס (יאַרידים), און ווו די מיסיאָנערן, סאַלוואַסיאָניסטן און אַנדערע שלעק פּראָווען זייערע הימלשטיק...

הונדערטער מענטשן, איבערהויפּט פּרויען, אינדיאַנערינס און ציוויליזירטע, און מענער פון אַלע קלאַסן האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום מיין טאַבורעטקע און האָבן ממש געשלונגען מיינע ווערטער. זיי האָבן מיט קינדערשן נייגיר זיך צוגעקוקט ווי פון אונטער מיין פּשוטער נאָדל קומען אַרויס וווּנדערלעכע, פאַר זיי, בלומען און פיגורן...

קיין געצאָלט פאַר די קאָלעקטיווע עפנטלעכע לעקציעס האָב איך, פאַרשטייט זיך, נישט גענומען. אַזוי האָט געלויטעט דער קאָנטראַקט מיט מיינע באַלעבאַטים. איך האָב מיך באַנוגנט מיטן פאַרקויפן די פאָדים פון וואָל, זייד און באַוול צום אויסנייען, ווי אויך די נאָדלען, צייכענונגען און באַסטידאָרן. יאָ, איך האָב גענומען געצאָלט, ווען איך בין איינגעלאַדן געוואָרן אין אַ רייכער שטוב, אין אַ פּאַרטי־קולאַרער, איך זאָל געבן לעקציעס די אויסדערוויילטע, בלוי־בלוטיקע דאַמען, וועמען עס איז נישט אָנגעשטאַנען צו שטיין לעבן די עמך־לייט...

אין איינעם אַ צעפלאַקערטן פרימאָרגן, ווען די שמי־השמים־טויערן האָבן זיך צעפּראַלט און דער גאַנצער הימל־רוים האָט, דאַכט מיר, געברענט, — און צוליב דעם בין איך נישט געגאַנגען ווי געוועינלעך, אין מאַרק אַריין, בין איך איבעררעשט געוואָרן פון אַ צענדליק געהיים־אַגענטן, ציווילע און אוני־פאָרמירטע. אַלע זענען זיי געווען באַוואָפנט מער ווי גלית־הפלשתי און האָבן געמאַכט אַן איבערקערעניש אין מיין איינזאַמען האָטעל־צימער. זיי זוכן, ניש־טערן, איך ווייס נישט וואָס. צוויי שטייען איבער מיר מיט די געלאָדענע שפּייערס, און וואַרענען איך זאָל מיך נישט רירן פון אָרט, און זיי פאַרנעמען אַלע ביכער, זשורנאַלן און צייטונגען, וואָס זיי געפינען אויפן טיש און אין מיינע וואַליזעס, ווי אויך יעדעס שטיקל געשריבן פּאַפּיר. נאָכן אויספרעגן מיך ווער איך „איינגעלאַדן" זייער העפלעך, איך זאָל מיט זיי מיטגיין אין דער ספּעציעלער פּאָליציי־אָפּטיילונג.

דער שעף פון יענער געהיים־דינסט זעט אויס ווי אַ יענקי, אָדער אפשר גאָר אַן אָפּשטאַמיקער פון אַ יענקי, צי פון שוועדן — הויך ווי אַ דראַגונער,

ס׳פּנים — רויט ווי אַ צוויק, גרויסע אויפגעשטעלטע אויערן, רויטע ווי טאָמאַטן, אַ נאָז — אַ שופרדיקע, האָר — צייטיקער פלאַקס, אויגן — קליינינקע, גרויע, שאַרפע ווי קאַלטע שפּיזן. ברעמען — שיטערע, כמעט ווייסע. אין מויל — אַ קורצע נאָרוועגישע פּיפּקע. זעט אויס, אַז ער, ווי זיין פּיפּקע, שטאַמען אפשר פון יענע מקומות...

זיין שפּאַניש רעדן מיטן ב׳ אַמעריקאַנער אַקצענט, מיט דעם רעוואָלוועך אין גאַרטל, האָט מיך געמאַכט דענקען, אַז איך שטיי פאַר אַ ב׳ אַמעריקאַנער קאָוובאָיניק. ער האָט תחילת מיך גענומען אויספרעגן אין שפּאַניש, און נאָכדעם, אַז ער איז געוויר געוואָרן, אַז איך פאַרשטיי אַביסל ענגליש אויך, האָט ער אין אַ פּרעכטיקן יענקישן ענגליש איין מאָל און נאָכאַמאָל מיך געפרעגט, פאַרוואָס איך הייס פאַרישעווסקי און בין געבוירן געוואָרן אין מאַרסעל, און נישט אין בודאַ־פּעשט, בוקאַרעסט, אַלעקסאַנדריע אָדער ירושלים?... פאַרוואָס איך נעם נישט קיין געצאָלט פאַר מיינע לעקציעס, אַזוי ווי אַלע „אַקראָבאַטן און קונצנמאַכער״, וועלכע נעמען אפשר נאָך צופיל?... פאַרוואָס די יידישע ביכער, צייטונגען און זשורנאַלן און אַנדערע כתבים, וואָס זיינע געהיים־אַגענטן האָבן ביי מיר פאַר־נומען, זענען געדרוקט און געשריבן מיט יידישער שריפט און נישט מיט אַנ־דערע? פאַרוואָס איך פינטל נישט מיט די אויגן בעת ער רעדט, און פאַרוואָס איך האָב קנייטשן אין שטערן? צי בין איך נישט אַמאָל אַן אפיקורסישער גאָטלעס־מערער, צי אַ הינדואישער פאַקיר, און צי בין איך נישט אַמאָל אַ באָלשעוויסטי־שער פילאָזאָף, אַזוי ווי לענין, גאָט באַהיט?...

— איך בעט אייך, מיט גוטן, זאָגט מיר דעם אמת, וועט פאַר אייך זיין בע־סער. ווי קומט עס וואָס איר נעמט נישט קיין געצאָלט פאַר אָפּשטיין אין מאַרק אויף דער ברענענדיקער זון און דברן דריי־פיר שעה צייט נאָכאַנאַנד און נישט נעמען קיין געצאָלט פאַר אייערע „קאָנפערענצן״ און קונצן־מאַכן?... — האָט דער פאָליציאַנט זיך געבעטן, — האָט קיין מורא נישט. זאָגט דעם אמת, צי האָבן אייך, חלילה, נישט געשיקט קיין ניקאַראַגואַ לענין אָדער טראָצקי, כדי צו מאַכן אַן איבערקערעניש, אַראָפּצוואַרפן די ביז־גאָר דעמאָקראַטישע רעגירונג און איינפירן דעם מאַקסימאַליזם מיט אַ באָלשעוויסטישן, קאָמוניסטישן אימפּעראַטאָר אין דער שפּיץ „אַ לאַ הואינאַ קאַפּאַק?״

ער זאָגט מיר צו, אַז ער וועט מיר גאָרנישט טון, אויב איך וועל אים זאָגן דעם אמת, אַז „יאָ, אַז איך בין אַ „מאַקסימאַליסט״, אַ קאָמוניסט, צי אַ באָלשע־וויק, צי אפשר גאָר אַ „מאָסקאָוויט״ זאָל גאָט שומר ומציל זיין...

מיינע טענות, אַז איך בין אַ וועלט־רייזנדער, און פאַר אַרום בלויז צוליב ריין־געשעפטלעכע, קולטורעלע און וויסנשאַפטלעכע ענינים, האָבן גאָרנישט געהאָלפן. דער טשוואָק איז געווען: מיינע יידישע ביכער, זשורנאַלן און צייטונ־

גען, ווי „די פּרעסע", וואָס איך פלעג באַקומען צוגעשיקט אין די שטעט, ווו איך פלעג פאַרבלייבן אַ לענגערע צייט. פאַרוואָס „די פּרעסע" איז נישט געשריבן אין ענגליש, פראַנצויזיש אָדער כאָטש שפּאַניש, נאָר גאָר אין יידיש, און דערצו נאָך פון רעכטס צו לינקס, דאָס לעצטע איז גאָר אומפאַרשטענדלעך...

אין משך פון די אַכט טעג, וואָס איך בין ביז דאַן געווען אין לעאָן, האָב איך מיך נישט געקענט דערשלאָגן צו אַ יידישן נפש. דערפאַר האָב איך אין די פּאָר שעה זיין אין דער געהיים־פּאָליציי, מיך באַקאַנט מיט צוויי יידישע יידן און באַלד נאָכדעם מיט אַ דייטשישן אַסימילירטן יהודי, אָדער אַ דויטש פון „מאָזעס גלאָובן", און דאָס אויך צוליב אַ צופאַל, אָדער אַ נס מן השמים: — אַן אינדיאַנער מיידל, אַן אָנגעשטעלטע אין דער פּאָליציי, ווען זי האָט געזען די יידישע צייטונ־גען, ביכער און בריוו, האָט זי איבערגעגעבן וועמען מען דאַרף, אַז זי האָט שוין געזען אַזעלכע ביכער און צייטונגען ביי אַ „טערק" פון עסטרייך, ווו זי איז גע־ווען אַ דאַקטילאָגראַפין. דער „טערק" פון עסטרייך — האָט זי געזאָגט, — הייסט דאָן איסאַיאַס ראָזענטאַל, און ער האָט אַ שותף איגנאַץ בזשעזשינאַ. זיי שטייען מיט אַ געשעפט פון „ראַמאָס כענעראַלעס" (אַלגעמיינע וואַרע) אויף דער גאַס גראַנאַדאַ.

דער זייער חשובער הויפּט פון דער געהיים־פּאָליציי האָט זיך זייער דער־פרייט מיט די נייעס: — נאָך צוויי „קאָמוניסטן", „באָלשעוויקעס", „מאַקסימאַליסטן" און אפשר גאָר מאָסקאָוויטן, ער האָט געשאָנקען דער אינדיאַנערין אַ ציגאַר „לוקי סטרייק", און ער האָט באַלד געשיקט צוויי געהיים־אַגענטן, זיי זאָלן ברענגען די עסטרייכישע „טערקן", וועלכע זאָלן אויפקלערן די שרעקלעכע זאַכן פון דער „געהיימער" שריפט, וואָס איך פיר מיט זיך...

מיינע ביכער, וואָס די פּאָליציי האָט פאַרנומען זענען געווען: „דאָס שטעטל" און „מערי" פון שלום אַש, „טוביה דער מילכיקער" פון שלום עליכמען, צוויי בענד „צו דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור" פון ד"ר פינעס, אונטער דער רעדאַקציע פון בעל־מחשבות, און אַ תנ"כל, וואָס מיין שוועסטער, חייטשע, האָט מיר צוגעשיקט פון ניו־יאָרק, נאָך בעת מיין ווײַלן אין גוּאַטעמאַלאַ, און „די פּרעסע", וועלכע איך האָב באַקומען פּעקלעכווייז צוגעשיקט פון בוענאָס איירעס.

אין אַ האַלבע שעה אַרום זענען די געהיים־אַגענטן שוין געווען צוריק מיט די צוויי עסטרייכישע טערקן, טויט־בלאַסע און דערשראָקענע, וועלכע האָבן מן הסתם, געטראַכט: מי יודע וואָסאַראַ נייע צרה עס האָט זיך אויף זיי אָנגערוקט. זיי האָבן אין אַ צעבראָכענעם שפּאַניש איבערצייגט די פּאָליציי, אַז די ביכער, צייטונגען און זשורנאַלן זענען אומשולדיקע, אַז אין זיי איז נישט געדרוקט קיין שום שלעכטס קעגן ניקאַראַגוא, אַז איך בין גאָר אַ רעליגיעזער ייד, אַ סימן, —

דער תנ״ך, די הייליקע ביבל, הייסט עס, דאָן ווען לעניז און טראָצקי זענען געווען פרייע מענטשן, פריידענקער, הייסט עס...

— און די צייטונגען פון בוענאָס איירעס? איז דאָס נישט אַמאָל אַ קאָמו־ניסטישע, חלילה? אין בוענאָס איירעס איז דאָך אין 1919 געווען אַ קאָמוניסטישער אויפשטאַנד, אָנגעפירט פון איינעם אַ פעדראָ וואַלד, וועלכער האָט, לויט די צייטונגען פון יענער צייט, זיך פּראָקלאַמירט אַלס אימפּעראַטאָר פון אַמעריקע. און נאָר אַ דאַנק דעם ענערגישן מיניסטער עלפידיאָ גאָנסאַלעז און דעם זייער קלוגן און ענערגישן פּאָליציי־שעף, איז דער אויפשטאַנד צונישט געוואָרן, טאָקע נאָר מחמת דאָס פאַנגען דעם אַזוי גערופענעם אימפּעראַטאָר פעדראָ וואַלד?... — האָט דער קלוגער און אַלצווייסנדיקער פּאָליציי־מאַן ווידער געפרעגט די צוויי חשובע סוחרים.

— ניין, „די פּרעסע״ איז אַ בוענאָס איירעסער יידישע צייטונג, נישט חלילה קיין קאָמוניסטישע. אַ סימן: עס זענען פאַראַן אין דער צייטונג אַנאָנסן אין דער שפּאַנישער שפּראַך. זי איז אַן אַרגענטיניש דעמאָקראַטישע צייטונג און אַן אומ־פּאַרטייאישע... נאָך אַ סימן: זי פּאַרטיידיקט די אַרגענטינער אינטערעסן און איז אַן אַנטי־אימפּעריאַליסטישע און פּרעדיקט די זעלבסטבאַשטימונג און פרייהייט פון יעדן פאָלק, אַריינגערעכנט אויך ניקאַראַגוע... — האָבן געענטפערט די צוויי „טערקן״ טאָקע אַנגסטלעך, אָבער מיט זעלבסטווערדע און באַוווסטזיין...

— איר שווערט, אַז איר זאָגט דעם אמת? — האָט דער שעף פון געהיים־דינסט געפרעגט די צוויי סוחרים, וואָס זענען געווען גאַליציאַנער יידן. — גע־דענקט, אַז דאָס געזעץ באַשטראָפט זייער שטרענג פאַר פאַלש־עדות זאָגן!...

— יאָ, מיר שווערן! — האָבן די צוויי יידן געענטפערט.

— אויסדערוויילטער הער איזראַעליטאַ פראַנצעס (פראַנצויזישער ייד). איר זענט פריי! — האָט צו מיר געזאָגט דער פּאָליציי־מאַן מיט אַ מעלאַנכאָליע אין זיינע אויגן, משמעות צוליב פריילאָזן אַ מענטשן? — און קיינער וועט אייך מער נישט באַלעסטיקן אין מיין מדינה, מחמת אַזוי דעקרעטיר איך מיט מיין אייגנהענ־טיקער אונטערשריפט צו אַלע אויטאָריטעטן פון דער גרעסטער רעפּובליק פון צענטראַל־אַמעריקע!... און איצט, קומט, זייער חשובער יונגערמאַן, איך וועל אייך אָנטון כבוד און אויסטרינקען אַ לחיים מיט אייך אין דער דייטשישער קאָנפּיטעריע...

איך האָב, פאַרשטייט זיך, אַקצעפּטירט דעם כבוד פונעם הויך־געשעצטן הער פּאָליציי־מאַן, וואָס האָט מיך געקאָסט נישט מער ווי צען ב׳ אַמעריקאַנער דאָלאַר.

די צוויי „עסטרייכישע טערקן״ זענען, ווי איך האָב פריער דערמאָנט — נישט געווען קיין טערקן, נאָר אמתע גאַליציאַנער יידן, מיט עכטע יידישע נשמות אין זייערע יידישע הערצער, וועלכע וואָלטן, דאַכט מיר, אפילו זייער לעבן איינ־

געשטעלט פאַר פדיון־שבוים, בפרט נאָך ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַן אויס־טראַכטעניש, אַ בלבול אויף אַן אומשולדיקן יידן. עס איז, אגב, כדאַי צו דערמאָנען, אַז נישט אין געשטאַלט און נישט אין זייערע מלבושים האָט מען געקענט דער־קענען זיי אַלס יידן. בלויז זייער שרעקלעך געגרייזטן שפּאַניש־רעדן, מער מיט די הענט, מיט די אויגן און שאָקלען מיטן קאָפּ אויף יאָ און דרייען מיטן קאָפּ אויף ניין, אָנשטאָט רעדן מיטן מויל, האָט אַ פּויליש־דערצויגענער ייד אין בית־המדרש, אין קלויז און ישיבה, געקענט זיי דערקענען אַלס יידן.

פון דער אַרומיקער וועלט האָט קיינער נישט געוווסט, אַז די צוויי גאַלי־ציאַנער זענען יידן. באַזונדער, האָט נאָך קיינער אין גאַנץ ניקאַראַגוּאַ ביז יענער צייט נישט געוווסט אויף דער וואָר, וואָסער מין באַשעפעניש עס איז עס אַ כּודיאָ (ייד). טאַקע, אַ חוץ אַן אימפּאָרטירטער נאַריש־יעזואיטישער אַנטיסעמיטיזם, אַ טעאָרעטיש־דעמאַגאָגישער, איז קיין יודאָפאָביע נישט געווען. איך האָב שוין פריער אַ ביסל אָנגעגעבן די גרונט־מאָטיוון פון דער דערשיינונג...

דער באַלעבאָס פון דער דייטשישער קאָנפיטעריע איז טאַקע געווען אַ „דייטש" מיטן געשטאַלט: פראַנץ־יאָזעפישע באַקנבערד, שטייף־פּאַריסענע וויל־העלמישע וואָנצעס, און ביר־זויפן און אַראָגאַנטישקייט און אפילו זיין פיינטלעכ־קייט צו „אָסט־יידן" איז אויך געווען פון אַ פּריים, אָבער ער איז דאָך נישט געווען קיין אַריער, נאָר אַ „יודע פון מאָזעס גלאַובן" און דערצו נאָך אַ „פּרו־מער". געוויר געוואָרן בין איך, אַז דער דייטש איז אַ ייד צוליב אַ שטיקל שינקע, וואָס ער האָט נישט געוואָלט עסן, אָנגעבנדיק אַז עס מאַכט אים פּעט. ווען איך בין אָבער געבליבן מיט אים אויג־אויף־אויג, און אים דערציילט אַ ליגן, אַז איך האָב מיך דערצויגן אין פראַנקפורט אם־מיין, און אַז מיין טאַטע ע"ה איז געווען דעם האַמבורגערס ראַבינער ד"ר דוב אייכנהאָלצס אַ שוואָגער, האָט ער, אַלס מיין „לאַנדסמאַן" מיר אויסגעזאָגט דעם סוד, אַז ער איז אויך אַ יודע, אַ רעליגיעזער, אַ פרומער, און דער איינציקער פון די אַכט דויטשע יודן, וואָס זענען געקומען מיט דער זעלבער שיף וואָס ער מיט קאַרגע עלף יאָר צוריק, וועלכע זענען שוין אַלע אויף דער „צווייטער זייט". אַלע זיבן לאַנדסלייט זיינע האָבן געהייראָט מיט קאַטויליש־פרומע אינדיאַנערינס, גייען אין קלויסטער און קומען זעלטן צו אים.

— ער וואָלט אַזאַ מין שרעקלעכן שאַנדטאָט קיינמאָל נישט באַגאַנגען!...

זיין ווייב איז טאַקע אויך נישט קיין יידישקע, זי איז אָבער אויך נישט קיין „לויזיקע אינדיאַנערין". זיין ווייב מאַרגאַריטאַ איז אַן עכטע אַריערין און שטאַמט פון דער פראַנקפורטער אַדעליקער משפחה שמאָק־פעפער. זי איז, חלילה, נישט קיין קאַטוילישע, נאָר אַן אמתע פּראָטעסטאַנטין, אַ לוטעראַנערין, אַ טאָלע־ראַנטע, און דערצו אַ הויכגעלערנטע. זי קען כמעט אויסנווייניק ניטשעס „אַזוי

האָט געגערעדט זאַראַטוסטראַ״. זי היט זיך אָפּ איר רעליגיאָן און ער — זײַנע. אַ סימן, ער עסט נישט קיין „שווײַנען־פליישׁ״... אויף יעדן יום־כּפּור פאָרט ער קיין פּאַנאַמאַ, ווו זיין לאַנדסמאַן, דער פרומער הוגאָ אייזנשמידער, זאָגט „קדיש״, און דער היילקער „מאָזעס שפּראַכע״, נאָך זיין טאַטע־מאַמע, וועלכע זענען גע־הרגעט געוואָרן אין דער סינאַגאָגע פון פראַנקפורט דורך „אומפּאַראַנטוואָרטלעכע״ גאַסנ־יונגען, טאַקע אויך אום יום־כּפּור...

— שוין עלף יאָרע דאָס איך האָבע בערלין פאַרלאָזט, אונד נאָך ניכט פאַר־געסען, דאָס איך בין דויטשע פון מאָזעס גלאַאובען... — האָט דער פּרייס מיר גע־זאָגט שטיל אין אויער אַריין. — אָבער אום גאָטס ווילן, איר זאָלט חלילה קיינעם נישט דאַכטן, אַז איך בין אַ ייד. יאָ, איך בין אַ ייד בלויז דורך דער רעליגיע. איך בין אָבער אַ דייטש מיט מיין גאַנצן האַרצן,מיט מיין גאַנצער נשמה און מיט מיין גאַנצן מהות. דאָס לעבן מיינס, פון מיין פרוי און קינדער, וואָלט איך אָפּגעגעבן פאַר מיין דייטשישן פאָטערלאַנד, פאַר מיין דויטשעס פאָלק, וואָס איז איבער אַלעס, ווי עס פּרעדיקט דער „גרעסטער פילאָזאָף פון אַלע צייטן״ פריד־ריך ניצשע. יאָ, איך בין יודע בלאָז דורך דער היילקער מאָזעס רעליגיאָן, אָבער דויטשע — דורך און דורך! האָבן זי פאַרשטאַנען?...

יאָ, איך האָב דעם דייטשישן ייד פאַרשטאַנען. אָבער צי די דייטשן פאַר־שטייען אָפּצושאַצן אַזאַ מין יידישן פּאַטריאָטיזם? האָב איך געטראַכט מיט צווייפל. און די עסטרייכישע טערקן, ווי די אינדיאַנערין האָט זיי אָנגעגעבן, הגם זיי האָבן צו מיר קיין יידיש וואָרט נישט אויסגערעדט, נישט אין דער געהיים־פּאָליצײַ און אויך נישט ביים דייטש, האָבן זיי אָבער מיט זייערע בליקן צו מיר גאָר אַ סך גערעדט אין מאַמע־לשון, און האָבן צום סוף אויף שפּאַניש מיך איינ־געלאַדן צו זיך אַהיים.

זיי האָבן נאָכדעם, אין דער פריי ביי זיך, מיר דערציילט, אַז זיי ביידע זענען פון קראָקע, וואָס פאַר דער מלחמה פון 1914 איז עס געווען אונטער עסטרייכישער ממשלה. זיי האָבן געקראָגן שיפסקאַרטן און געלט צו פאָרן קיין נ׳ אַמעריקע צו זייערע עלטערן, וועלכע האָבן שוין געלעבט דאָרטן זיבנט צוואַנציק יאָר. לעבן קובאָ זענען זיי אָבער שטייענדיק אויפן דעק פון דער שיף און באַוווּנדערנדיק די זעל־טענע לאַנדשאַפט, געביסן געוואָרן אין די אויגן פון עפּעס אַ פליגעלע און די אויגן זענען זיי געשוואָלן געוואָרן און געוואָרן פול מיט אַ גרינער מאַטעריע. צוליב דעם אומגליקלעכן מכשול האָט מען זיי נישט אַראָפּגעלאָזט פון דער שיף אויף דער זייער דעמאָקראַטישער און פרייהייטס־ליבנדיקער ערד פון נאָרד־אַמעריקע פון דער באַשטערנטער פאָן, כאָטש אין צען טעג אַרום איז זיי די גע־שווילעכץ און די מאַטעריע אַוועק, לאָזנדיק בלויז אַ ביסעלע רויטקייט אויף די אויגן־לעפּלעך...

חדשים־לאַנג זענען זיי געווען אויפן טרערן־אינדזל עליס איילאַנד ביז זיי האָבן באַשלאָסן צו פאָרן קיין מעקסיקאָ. האָט אָבער די דעמאָקראַטישע רעגירונג פון ווענעזועלאַ קאַראַנסאַ פאַרלאַנגט צו עטלעכע טויזנט דאָלאַר דעפּאָזיט פון יעדן אימיגראַנט, כדי צו קענען אַריינקומען אין לאַנד, וועלכע די צוויי בחורים האָבן ליידער נישט פאַרמאָגט, און זיי האָבן אָפּגעשטיגן אין גואַטעמאַלאַ־סיטי. ווען זיי האָבן אָבער געהערט זאָגן, אַז אָנקל סעם דענקט צו בויען אַ צווייטן „פּאַנאַמאַ"־קאַנאַל איבער ניקאַראַגוער טעריטאָריע, זענען זיי ביידע געקומען אַהער אַרבעטן ביים גראָבן אָדער בויען דעם קאַנאַל. ביידע זענען זיי הויכע און בלאָנדע, געזונטע יונגען. האָבן זיי געוואָלט אַרבעטן און פאַרדינען עָרלעך. האָט דאָך גאָט באַלד נאָך זיין ערשטן מענטשן־באַשאַף געזאָגט: בזעת אפיך תאכל לחם... און אין דעם פּרט זענען די צוויי יונגעלייט געווען זייער פרומע יידן.

— אַרבעט האָבן זיי באַלד באַקומען. זיי האָבן געהאָרעוועט ווי די אייזלען און האָבן געקראָגן געצאָלט וואָסער אויף קאַשע, וואָס נאָר אַן אינדיאַנער קען מיט דעם דערהאַלטן די נשמה. מחמת דער אָרימער אינדיאַנער לעבט נעבעך ווי אַ געפּלאָגטע חיה, אָן אַ באַקוועמער דירה, אָן קליידונג, אָן דער מינדסטער ציוויליזירטער היגיענע, אָן אַ בוך און אָן צייטונגען און שפּייזט זיך מיט וואָס עס לאָזט זיך...

— דעם געגאַרטן קאַנאַל בויט דערווייל אָנקל סעם נישט. הונגערן, הונגערט זיך, דער אומפאַרשעמטער מאָגן וויל נישט וויסן אפילו פון דער גרעסטער עולה, לעבן מוז מען, בעל כרחך אתה חי... און אויב יעדע לעבעדיקע באַשעפעניש מוז עסן, כדי צו דערהאַלטן דעם נפש, אפילו דער מינדסטער שרץ, איז דאָך דער מענטש אוודאי און אוודאי. האָבן דאָך אונדזערע חכמים געזאָגט: ולא עם הלחם לבדו יחיה האדם. און דערצו נאָך זענען מיר יידן, וועלכע לעבן טאַקע נישט בלויז צו עסן און טרינקען, נאָר מיר עסן און טרינקען כדי צו קענען לעבן... דער ייד מוז האָבן, אַ חוץ עסן, טרינקען און קליידונג, אויך דאָס גייסטיקע... דערויף זענען מיר דאָך יידן, און דערצו נאָך גאַליציאַנער יידן, וועלכע מוזן האָבן צום פיזישן לעבן אויך דאָס קולטורעלע. אָן רוחניות קען דער גאַליציאַנער ייד נישט לעבן. ווען נישט די רוחניות, די רבנישע, איז די וועלטלעכע. נישט אומ־זיסט האָט מען אַ נאָמען געגעבן דעם יידישן פאָלק: עם הספר...

— מיר זענען, קעגן אונדזער ווילן, געוואָרן פעדלער ביי אַן איטאַליענער, אַ פרומען קאַטויליק, וועלכער האָט פאַרקויפט אויף אויסצאָלן, פונקט ווי דאָס טוען אַ סך סוחרים אין אַ סך לענדער פון דער גרויסער וועלט. דער רעזולטאַט איז געווען אַ גלענצנדיקער: נאָך צוויי יאָר פעדלען פאַרן איטאַליענער האָט ער אונדז פאַרקויפט אַ טייל פון זיין קונדשאַפט, די אָרימסטע, פאַרשטייט זיך; מיר האָבן אָבער זייער גוט פאַרדינט און מיר האָבן געוווּנען פאַר זיך די סימפּאַטיעס

פון די אָרימסטע מאַסן, ווייל מיר האָבן פאַרקויפט אַ סך און פיל ביליקער פונעם איטאַליענישן קוועטעניק.

— אייניקע אַרטיקלען האָבן מיר פאַרקויפט מיט גאַנצע פופציק פּראָצענט ביליקער פונעם איטאַליענער, פון דעם קאַרגן קריסט, און האָבן גוט פאַרדינט, מחמת מיר האָבן אפשר צען מאָל אַזוי פיל פאַרקויפט ווי דער איטאַליענער. דאָס איז געווען אונדזער דערפאָלג. אויב דער קריסט האָט פאַרקויפט אַ שטיקל שטאָף פאַר צוויי דאָלאַר דעם מעטער, און פאַרדינט אַ דאָלאַר מיט צוואַנציק סענט אויפן מעטער, האָבן מיר פאַרקויפט דעם זעלבן קונד צען אָדער צוואַנציק מעטער דעם זעלבן שטאָף פאַר איין דאָלאַר מיט פופציק סענט אַ מעטער, פאַרדינענדיק נישט מער ווי זיבעציק סענט אויפן מעטער, טאַקע אויך אויף אויסצוצאָלן און נאָך אויף אַ לענגערן טערמין און מיר האָבן פאַרדינט 14 דאָלאַר ביי די צוואַנציק מעטער, און דער באַרייסער — בלויז איין דאָלאַר מיט צוואַנציק סענט, מחמת ער האָט פאַרקויפט בלויז איין מעטער, אָבער מיט פופציק סענט טייערער.

מיר קענען אָבער אויך, דרך אגב, צוגעבן, אַז דאָס זעלבע שטיקל שטאָף האָבן מיר אָרימע אַרבעטער, אָרימע אינדיאַנער־דינסטמיידלעך און זייערע פאַמיליעס, פאַרקויפט נאָך ביליקער. טיילמאָל בלויז מיט צוואַנציק פּראָצענט פאַר־דינסט. און אויף אויסצוצאָלן איז עס ווי געגעבן אָן שום פאַרדינסט, אין פאַר־גלייך מיט דער הויט־שינדעריי פונעם איטאַליענישן קוועטעניק און אַנדערע קריסטלעכע געשעפטן, וועלכע געבן אויף אויסצוצאָלן.

מיר זענען נישט קיין פרומע יידן, ווי דער דייטשישער יאהודי. מיר זענען אָבער יידן מיט אונדזער גאַנצן לייב־ און לעבן. — האָט געזאָגט איגנאַץ בזשע־זשינאַ. — כאָטש נאָך אין גאַליציע פלעגן מיר עסן אין בלויזן קאָפּ, באַהאַלטע־נערהייט, נישט פאַסטן יום־כפור אפילו און גערויכערט אַ פּאַפּיראָס אום שבת, געגעסן אַ שטיקל קעלבאַס אום תשעה־באב, פאַרשטייט זיך, באַהאַלטענערהייט... מיר זענען וועלטלעכע יידן, געזעלשאַפטלעכע, הגם קיינער פון אונדזערע גויאישע שכנים ווייסט נישט אַז מיר זענען יידן. מיר שיקן פון דאַנען אונדזער בייטראָג צו אַלע נאַציאָנאַלע, געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע צוועקן פון יידישן פאָלק. אפילו פאַר די ישיבות פון ארץ־ישראל, פונקט ווי באַראַכאָוו־שולן און אַנדערע וועלטלעכע שולן פון פוילן...

— אונדזערע טאַטעס שיקן אונדז ביכער, צייטונגען און זשורנאַלן פון נ׳ אַמעריקע! — האָט צוגעגעבן איסאַיאַס ראָזענטאַל — און פונקט ווי אַלע קול־טורעלע און וועלטלעכע יידן בענקט זיך אונדז צו אַ יידישער קולטור־סביבה...

יאָ, איך האָב עס געפילט. זיי זאָגן אמת. און פונקט ווי אַלע בענקענדיקע יידן, וואָס איך האָב אָנגעטראָפן אין מיינע וואַנדערונגען אין די ווילדענישן, וועלן זיי מיט דער צייט ליקווידירן זייערע געשעפטן אין דעם לאַנד. די קליענטעלע,

אויף אויסצוצאָלן, האָבן זיי שוין ליקווידירט — האָבן זיי מיר געזאָגט, — און זיי שטייען היינט מיט אַ פעסט געשעפט, וואָס זיי האַלטן אויך אין איבערגעבן. מיט די יענקישע דאָלאַרן אין קעשענע וועלן זיי נישט באַלעסטיקט ווערן פון די שטרענגע געזעץ־אַפּהיטער ביים נ׳ אַמעריקאַנער ברעג. זיי וועלן זיך פאַראייניקן מיט זייערע אַלטע עלטערן, וועלכע האָבן שוין צוגעגרייט אפילו כלות פאַר זיי...

— און וואָס דענקט איר צו טון אין נ׳ אַמעריקע? אוודאי ווערן דאָרט גרויסע ביזנעסלייט? — האָב איך זיי געפרעגט האַלב־איראָניש.

— חס וחלילה! מיט די דאָלאַרן וועלן מיר קויפן פעלד, אויב עס וועט זיך נאָר לאָזן, און ווערן פויערים. מיר וועלן אַקערן, בראַנעווען, זייען און שניידן. ווינטער וועלן מיר קאָווען פערדישע קאָפּיטעס, פאַריכטן וועגענער, „פלוגן״ (אַקעראייזנס) און קאָסעס, וועלן מיר נישט קענען קריגן פעלד אין אָנקל סעמס מדינה, וועלן מיר זען אַוועקצופאָרן אין סאָוועטנלאַנד, און אויב די סאָוועטן וועלן אונדז אויך נישט וועלן אויפנעמען וועלן מיר פאָרן קיין ארץ־ישראל...

אונדזערע ביידנס טאַטעס און עלטערע ברידער זענען דאָרט, אין דאָלאַרן־לאַנד, אויך נישט קאַליע געוואָרן. זיי זענען דאָרט קאָוואַליעס און סטעלמאַכערס, פּונקט אַזוי ווי זיי זענען עס נאָך געווען אין דער פרומער קראָקע. מיר וועלן אונדזערע טאַטעס און ברידער נישט פאַרשעמען. ניין, קיינמאָל נישט פאַרשעמען. מיר וועלן שוין קיין סוחרים נישט זיין, נאָר מיר וועלן זיין דאָס, וואָס מיר האָבן אייך שוין געזאָגט: פעלדמענטשן וועלן מיר זיין! אַקערן, בראַנעווען, זייען און שניידן, קאָווען פערד, וועגענער, „פלוגן״ (אַקעראייזנס), בראָנעס און קאָסעס.

— זייט מצליח, און געבענטשט זאָלן זיין אַלע, וואָס וועלן נאָכטון אייער ביישפּיל! — האָב איך זיי געווונטשן, דריקנדיק יעדן באַזונדער די האַנט מיט אַ קאָוואַלסקן קוועטש, אַזוי ווי נאָר קאָוואַלעס האָבן ליב...

***

אין דריי יאָר אַרום איז מיר אָנגעקומען אַ בריוו פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון די צוויי אידעאַליסטן, אין וועלכן זיי שרייבן מיר, אַז זיי האָבן געקויפט זייער אַ גרויס שטיק פעלד בשותפות מיט זייערע עלטערן און ברידער. ביידע האָבן חתונה געהאַט מיט גוטע, קולטורעלע און אַרבעטסזאַמע יידישע טעכטער. זיי אַרבעטן און פּראַגרעסירן, און געבן זיך אויך אָפּ מיט געזעלשאַפטלעכע יידישע און וועלטלעכע ענינים...

אַ פרומער איטאַליענישער פּאַטריאָט און אַן ערלעכער אונגאַרישער משומד...

אין האָטעל גראַנאַדאַ האָב איך מיך באַקאַנט מיט צוויי גאָר וואַזשנע טור־ריסטן: אַן אונגאַרישער געשמדטער ייִד, וועלכער פּלעגט זיך צלמען מער פונעם פּויבסט, און אַן עכטן איטאַליענער, אויך זייער אַ פרומען און באַרעמהאַרציקן קריסט, דעם משומדס שותף.

דער איטאַליענער, דאָמעניקאָ פּערדעירא, אַ געוועזענער קאַפּיטאַן פון דער „אומבאַזיגבאַרער" איטאַליענישער אַרמיי, און דער משומד — פראַנץ מאַע העלערזאַדע.

דאָמעניקאָ פּערדעירא איז אַן עכטער רוימער, ד"ה נישט נאָר אַ געבוירענער פון רוים, נאָר ער שטאַמט טאַקע פון די אַמאָליקע רוימער. ער האָט זיך אויך גראַדואירט אין רוים, און מיטגעמאַכט די וועלט־מלחמה פון 18—1914. אַ הויכער, אַ בלאָנדער מיט גרוי־גרינע אויגן, שאַטיגע ברעמען און צוויי מאַלינעס, איינע אויפן רעכטן פליגל פון דער נאָז, און די צווייטע אויפן שטערן צווישן די אויגן, ביים אָנהויב פון דער נאָז. ברייטע פּלייצעס און אַ הויכע ברוסט, און ידים — אַן עכטער אַטלעט. אַ רויטער פּרצוף פון משקה און האַרבע פעפערלעך. צוויי דעספּראָפּאָרציאָנעלע וויאָלעטע פּאָכער־אויערן און אַ לאַנגע שופר־נאָז מיט דינינקע לעפלעך און ריזיקע נאָזלעכער, דינינקע, בלוילעכע ליפּן איבערן ברייטן מויל, פול אינעווייניק מיט גאָלדענע ציין.

דער משומד פראַנץ מאַע העלערזאַדע, פון מיטלמעסיקן וווקס, אַ בלייך פּי־לאָזאָפיש פּנים, אַ פּליישיקע, קורצע און פּאַריסענע נאָז פון אַן אוקראַינער, דיקע, רויטע ליפּן, אַ קליין מויל, כמעט שוואַרצע האָר, אַ הויכער שטערן, גלאַט און געל ווי אַלטער פּאַרמעט, אַ צו שמאָלע פּלייצע מיט אַן איינגעפאַלענער ברוסט. דערפאַר אָבער מיט אַ בויך פון אַ נאַפט־באַנקע.

די צוויי מענטשן האָבן זיך באַקאַנט אויף דער שיף, וואָס האָט זיי געברענגט אַהער.

יאָ, זיי האָבן זיך דערקענט איינאַנדער, און נאָך זייענדיק אין מיטן ים, האָבן זיי געשלאָסן יד־אחת: זיי זענען געוואָרן שותפים.

דער משומד האָט מיט זיך געהאַט 19 טויזנט דאָלאַר מזומן־געלט, וואָס ער האָט געהאַט אָפּגענומען פאַר זיין ציגאַרן־פאַבריק אין בודאַפּעשט, וועלכע ער האָט פאַרקויפט און געוואָלט קויפן אין ניקאַראַגואַ אַ שטיק פעלד אין לעאָנער דעפּאַרטאַמענט, קיקאַפּאַלער דיסטריקט, ווו מען האָט צו יענער צייט געקראָגן ערד פאַר אַ שיבוש.

יענער דיסטריקט איז זייער רייך אין מינען פון גאָלד, זילבער, קופּער און אָפּאַל. די פיינסטע מערמלשטיינער, קאַאָלין, טאַגואַ, קאַלסיטאַ (נאַטירלעכער קאַלך־קאַרבאָנאַט) און אַ שלל אייזן, אַ חוץ אַנדערע מינעראַלן.

דער זייער ערלעכער, רחמנותפולער און מיטליידנדיקער האַרציקער רוימער האָט געוווּסט פונעם משומדס געלט און פון זיינע פּראָיעקטן, און אים געשווירן טרייהייט און געוואָרן זיין שותף.

— שותפות מיטן אַדעליקן איטאַליענער האָט דער משומד געמאַכט, ווייל דער לעצטער האָט מיט זיך געפירט אַ גאַנצן קאַסטן עסטרייכישע „גאָלדענע" רענדלעך פון איבער פופציק קילאָגראַם וואָג, וועלכע דער געוועזענער קאַפּיטאַן פון די „בערסאַגליערי" האָט געלאָזט אויסטוישן אויף נ׳ אַמעריקאַנער דאָלאַרן, און מיט דעם געלט צוטרעטן צום משומדס מינעס און מאַכן מיליאָנען...

ביידע האָבן זיך דערקענט, ווי זיי וואָלטן געווען געשניטן פון איין טייג!...

אַ דאַנק מיין באַזיצן די איטאַליענישע שפּראַך מיט כמעט אַלע איטאַליענישע דיאַלעקטן, בין איך מיט דאָמעניקאָ פּעררעירא געוואָרן זייער היימיש.

— פון וועלכער שטאָט פון איטאַליע ביסטו? — פרעגט ער מיך.

— פון דער זעלבער וואָס דו, דאַכט מיר, — ענטפער איך מיטן רוימישן אַקצענט.

— פון רוים?

— יאָ, פון רוים. פון וואַנען ווייסטו, אַז איך בין פון רוים? — פרעג איך אים.

— וואָס הייסט, פון וואַנען איך ווייס? איך בין דאָך עפּעס אַ רוימער, באַזונדערס, האָב איך דאָך אין דיר גלייך דערקענט מיינעם אַ לאַנדסמאַן, לויט דיין האַרמאָנישן און קלינגענדיקן רוימישן איטאַליעניש, — האָט ער מיט אַ שטאָלצער פּאַטריאָטישקייט מיר געזאָגט. — איך האָב געוווינט אויף דער וויא קאָדאָרנאָ נומער 18. און דו, לאַנדסמאַן?

— איך האָב געוווינט אויף דער דאַנטע אַליגיערי גאַס נומער 17, — האָב איך געענטפערט, נישט ווייסנדיק אפילו, צי די גאַס האָט אַזאַ נומער און צו עס עקזיסטירט אַזאַ גאַס בכלל.

עה, מאַרקאָ (מאַרקוס), ביסט געווען אין דער מלחמה? געוואָרן פאַרוווּנדעט? אַ סך מאָל? און אין געפאַנגענשאַפט ביי די דייטשן ביסטו נישט געווען? און אפשר ביסטו גאָר אַ דעזערטיר?

— האָסט אַלץ געטראָפן, טייערער און ווילגעבוירענער קאַפּיטאַן, — האָב איך געענטפערט און גענומען ציען ווייטער זיין נאָבעלן פּאַטריאָטישן פאָדים.

— ווי איך זע און פאַרשטיי, טייערער מאַרקאָ, מוזט איר — איבערגייענדיק פון דוצן אויף אירצן — אוודאי זיין אַ פאַרשער פון עפּעס אַ רייכער נ׳ אַמעריקאַנער אָדער ענגלישער פירמע, און אייער באַשעפטיקונג דאָ מוז אוודאי זיין נישט מער ווי אַ שלייער, אָדער „שפּינוועבעכץ" צו גרויסע אונטערנעמונגען. נישט אַזוי, סעניאָר מאַרקאָ?

— ווידער געטראָפן, טייערער און נאָבעלער קאַפּיטאַן, — האָב איך אים נאָכגעגעבן.

נאָכדעם ווי מיין נייער „גוטער פריינט" האָט געהאַט מער אין קעפל ווי איך אין פלעשל, האָט ער מיך איינגעלאָדן אין אַ ליבע־אַנשטאַלט, ווו ער האָט מיר דערציילט דאָס פאָלגנדע:

— הער מיך אויס, טייערער לאַנדסמאַן מאַרקאָ. איך און דו זענען מיר פון דער זעלבער קאַטעגאָריע, ד״ה פון זעלבן ליים געקנאַטן, און דערפאַר טאָקע דאַרפן מיר זיין חברים אויף לעבן און טויט. איך, דאָמעניקאָ פערערירא, בין אַ דעזערטיר, און דו מאַרקאָ פאַריזי, ביסט אויך דאָס זעלבע. מיך אָבער זוכט נישט די איטאַליענישע יוסטיץ, ווייל אַלע דאָרט אין מיין פאָטערלאַנד ווייסן, אַז איך בין טויט. און דיך, מאַרקאָ פאַריזי, זוכט אוודאי יאָ די יוסטיץ, די מיליטערישע, און אפשר אויך די ציווילע, ווייל אַלע ווייסן דאָרט אוודאי, אַז דו לעבסט. איז אויב דו וועסט מיר זיין געטריי, ווי אַן אמתער איטאַליענער קען טריי זיין, אַזוי ווי אורסוס צו לידזשיאַן, און ווי לוקרעציאַ צו איר מאַן, וועסטו ווערן מיין ריכטיקער שותף. דעם „איבערגעקערטן" יידן, דעם משומד פראַנץ מאַע העלערזאָדע, וועל איך אָוועקשיקן אַהין, פון וואַנען מען קומט נישט צוריק... זעסטו, איך האָב ביי זיך תמיד אַ „סעוויזשאַנאַ"*), שאַרף ווי אַ בריטווע... און מיט זיינע דאָלאַרן וועלן מיר זיך צעטיילן גלייך אויף גלייך. איך האָב זייער פיינט די אונגאַרן, די קריסטלעכע, וועלכע זענען ציגיינער. אין מיין לאַנד רופט מען די אונגאַרן — צינגאַראָ, וואָס וויל זאָגן — ציגיינער. און נאָך מער פיינט האָב איך די יידן, ווייל זיי זענען צו קלוג, צו געלערנט און צו טאַלאַנטירט. אָבער מער פון אַלע האָב איך פיינט די אונגאַרישע משומדים. דאָס זענען אמתע גייסטיקע פאַרברעכער! דער משומד איז פונקט ווי אַ האַלב־קאַסטרירטער אָגער. ער האָט ליב די קאָבילע, פונקט ווי די אייזלעכע, און איז ביידן פאַלש... און אַן אוצר, וואָס איך פיר מיט זיך, וועסטו מיר העלפן אויסטוישן אויף נ׳ אַמעריקענער, אָדער ענגליש געלט, און מיר וועלן מיט דעם שלל געלט אַוועקפאָרן

*) אַ שאַרף־מעסער.

קיין בראַזיל. דאָרט וועלן מיר מאַכן אַזאַ מין „געשעפט" ווי דאָס... איך האָב גאָר אַ סך פּאַרערערינס אין איטאַליע, פּאַשיסטקעס — בלוט און מילך, און מיר וועלן פירן מסחרים אויפן גרויסן מאַסשטאַב, און ווערן רייכער ווי ראָטשילד, דעם יידישן באַנקיר, וואָס האָט מער געלט פון אַלע רייכע מענטשן פון דער גאָרער וועלט צוזאַמענגענומען...

בשעתן רעדן, זענען דעם איטאַליענערס לאַנגע הענט געפלויגן אין אַלע זייטן, און מיר זיינע פינגער געשטעקט כמעט אין די אויגן אַריין. עס זענען געווען מאָמענטן פון עקסטאַז, ווען זיינע הענט זענען געפלויגן אַזוי ווי טאַשמע־לעך פאַפיר ביי אַ פונקציאָנירנדיקן ווענטילאַטאָר. באַמערקנדיק מיין געפּלעפּט־קייט פון זיין שענדלעכן פּלאַן, האָט ער פאַרגעזעצט:

— מאַרקאָ, עה, מאַרקאָ! זיי נישט צופיל קריסט, זיי נישט צופיל צנועה!... פרומער פונעם פויבסט טאָר מען נישט זיין, און הייליקער פון מאַגדאַלענאַן טאָר מען אויך נישט זיין. איז דאָך די הייליקע מאַגדאַלענאַ געווען אַ זינדיקע, און לויט דעם פילאָזאָף באַראָן דע אויערבאַך, איז דער הייליקער פּאַול אויך געווען אַ זינדיקער, איידער ער איז געוואָרן אַ הייליקער. דו מעגסט טון אַלע ערגסטע זינד, און אַלץ וועט דיר פאַרגעבן ווערן, ווען דו וועסט זיך ספּאָוועדן פאַרן גלח און חרטה האָבן... באַזונדערס, בין איך אַן אַקטיווער ספּיריטיסט, אַ מעדיום פון גרעסטן פאַרנעם און אַלס ספּיריטיסט וועל איך דיר, מאַרקאָ, זאָגן מיין אויטאָריטעט וואָרט, אַז דער קערפּער האָט גאָרנישט צו טון מיטן גייסט: דער קערפּער איז הוילע מאַטעריע, און דער עספּיריטו, ד"ה די נשמה וואָס לעבט אַלע אייביקייטן, דאָס איז דער גייסט... דער קערפּער אָדער מאַטעריע, דער גייסט אָדער עטער, דאָס זענען צוויי באַזונדערע זאַכן, אָדער קעגנשטאַנדן, פּונקט ווי אַ פלאַש און דער בראָנפן וואָס די פלאַש אַנטהאַלט. אויסגעטרונקען דעם בראָנפן, וואַרפט מען אַוועק די פלאַש, אָדער אַן איילבירט, כל זמן ער איז נישט אויס־געקוועטשט. איז די פּרוכט אַן איילבירט, נוצט מען דעם בוימל, און דעם אָפּפאַל, ד"ה די מאַטעריע וואַרפט מען אין מיסט אַריין... דאָס זעלבע קומט פאָר מיטן מענטשן. זיצט דער גייסט אין דער מאַטעריע, ד"ה אין מענטשלעכן קערפּער איז ער אַ מענטש מיט אַלע לעבעדיקע באַדערפעניש. אַרויס דער גייסט — דער עטער, וואַרפט מען דעם קערפּער — די מאַטעריע — אין אַ פינצטערן און נאַסן גרוב אַריין, וווּ ער ווערט פאַרפוילט, און דער גייסט שוועבט אַוועק אין די אייביקייטן אַריין. דערפאַר מעג דער לעבעדיקער מענטש, די מאַטעריע, מיין איך, געניסן פון וואָס ער באַגערט נאָר. און איך — אַ גאָר־ריכטיקער קריסט, אַ גרויסער „ווידענטע"*), וועלכער גלויבט אין דער דריי־אייניקייט, קען דיר

*) אַזעלכע וואָס זעט פאָראויס ווי אַ נביא.

בפירוש זאָגן, אַז איך בין אָרנטלעכער פון דיר. ווייסטו, מאַרקאָ, פאַרוואָס? — ווייל דו ביסט זיכער אַ קאַטויליק, גלויבסטו זיכער אין אַלע הייליקע און אין פּויבסט אוודאי און אוודאי. דאַן ווען איך בין אַ ספּיריטיסט, איך גלויב נישט אין קיין שום הייליקע, בלויז אין דער דריי־אייניקייט...

— הערסט, מאַרקאָ! לאַרזשאַן פּע לאַ גער! — זאָגט אַ פראַנצויזיש ווערטל. מיט געלט קענסטו אַלץ קריגן, און מאַכן וואָס דו ווילסט נאָר אַליין. דעם גרעסטן געקרוינטן קאָפּ וועסטו אָפּקויפן, אויב דו האָסט נאָר אַ גענוגנדיקע זשמעניע קלינגערס, און נישט נאָר געקרוינטע קעפּ, נאָר אפילו פּויבסטן פאַרקויפן זייער נשמה פאַר אַ זאַק גאָלדענע רענדלעך...

— מאַרקאָ, עה, מאַרקאָ! וויסן זאָלסטו, אַז איך בין נישט קיין פּשוטער מענטש. אַ חוץ וואָס איך בין אַ קאַפּיטאַן פון די בערסאַגליערי, פון די אַלפּיניסטן, וואָס ווערן פאַררעכנט פאַר די בראַווסטע און קליגסטע סאָלדאַטן פון דער גאָרער וועלט, בין איך דערצו נאָך אַן אמתער יחסן: איך שטאַם פון די אַמאָליקע גלאָררייכע רוימער, וואָס האָבן באַזיגט די גאַנצע וועלט, האָבן פון די מעכטיקע אַטענעזער און ספּאַרטאַנער געמאַכט רוימישע שקלאַפן. זיי האָבן צעשטערט קאַרטאַגאָ און ירושלים. אין מיינע אָדערן פליסט אפילו קעניגלעך בלוט. וואָס זאָג איך — קעניגלעך! ניין, עפּעס מער, אימפּעריאַלע בלוט!... ניין, ניין, נאָך מער! צעזאַריש בלוט! איך שטאַם פון וועספּאַסיאַנען, דעם טאַטן פון גרויסן טיטאָן, דעם ליבלינג פון די שענסטע פרויען, צווישן זיי די וווּנדערלעכע בערעניקאַ פון דער מעכטיקער יהודהס משפחה. אַלס אַזעלכער, ווי איך בין, ווייס איך אַלץ...

— איך האָב פיינט די יידן, ווייל זיי זענען יידן. איך האַס די קאַטויליקן, ווייל זיי זענען קאַטויליקן. איך האָב פיינט די דייטשן, ווייל זיי זענען טעווטאָנען, באַרבאַרן, גערמאַנער און הונען. איך האָב פיינט די פּראָטעסטאַנטן, ווייל זיי זענען פּראָטעסטאַנטן, און נישט עפּעס אַנדערש...

— די איטאַליענער האָב איך יאָ ליב, ווייל איך בין אַן איטאַליענישער פּאַטריאָט, אַ ספּיריטיסט סוי זשענעריס, אַן עכט־פרומער און באַרימהאַרציקער קריסט, און דערפאַר טאַקע דער ערלעכסטער און לאָיאַלסטער פון אַלע איטאַליענער, אַ חוץ דיר... יאָ, אַ חוץ דיר, ווייל איך האָב אין מיין ספּיריטיסטישער נבואה דיך געזען אַלס דעם ערלעכסטן און לאָיאַלסטן איטאַליענער אַ חוץ מיר...

— און דו, אפילו טאַקע נישט מער ווי אַ קאַטויל, ווייסטו דאָך אָבער, אַלס איטאַליענער קריסט, פּונקט ווי איך, אַז ווען אַן איטאַליענישער אָפיציר פון עכט־רוימישן אָפּשטאַם און מיט קעניגלעכן בלוט אין די אָדערן זאָגט עפּעס צו, איז דער צוזאָג טאַקע זייער אַ הייליקער: — הייליקער פון אַלע הייליקייטן! הייליקער אפילו פון הייליקן פּעטרוס און פּאַול, מחמת ווי הייליק די צוויי אַפּאָסטאָלן זאָלן נישט האָבן געווען, זענען זיי דאָך אָבער געווען יידן, און האָבן געמוזט אַראָפּבייגן

די קעפּ. דאַן ווען איך, אַ רוימישער קריסט, פּונקט ווי דו, מאַרקאָ, עה, מאַרקאָ, האָבן מיר קיינמאָל די קעפּ אונדזערע נישט געבויגן פאַר קיינעם...

— נישט אַזוי, לאַנדסמאַן? עה, מאַרקאָ, נישט אַזוי?

צוריק אין האָטעל, האָט דאָמעניקאָ פּעררעירא מיך אַריינגעפירט אין זיין צימער, און נאָכן פאַרשווערן מיך ביי זיין „סעוויזשאַנאַ" צו האַלטן סוד, מיר געוויזן אַ פּירקאַנטיקן קאַסטן פון פיבראַ, פול מיט גאָלדענע רענדלעך, איבער־הויפּט ענגלישע פונטן־מטבעות, וואָס ער האָט געקראָגן אַ מתנה פונעם עסטרייכישן קיסר פראַנץ־יאָזעף זעלבסט... — און ער האָט מיר דערציילט:

— דאָמעניקאָ פּעררעירא האָט פאַר דער מלחמה פון 1914—18 געדינט דעם איטאַליענישן פאָטערלאַנד לעבן דער עסטרייכישער גרענעץ. און ווי אַ פאַכמאַן, אַ שטיק אינזשיניער און געאָגראַף, גוט געקענט די איטאַליענישע ווי די עסט־רייכישע אַלפּן. ווען עס האָט אויסגעבראָכן די מלחמה צווישן איטאַליע און עס־טרייך צוליב טרענטאָ און טריעסט האָט דער איטאַליענישער גענעראַל־שטאַב געגעבן פּעררעיראַן די קאָמאַנדע ביי דער איטאַליעניש־עסטרייכישער גרענעץ, ווייל דער בריגאַדע־גענעראַל פראַנטשעסקאָ טראַצימענאַ און דער קאָראָנעל פּי־ליפּאָ מאַצאַלופּי זענען געפאַלן באַלד אין די ערשטע שעהען פון דער בלוטיקער שלאַכט. האָט ער, דאָמעניקאָ פּעררעירא, איבערגענומען די קאָמאַנדע איבער דער בריגאַדע, און אַלס „דעצידירטער קעגנער" פון ברודער־מאָרד האָט ער איבער־געגעבן דעם עסטרייכישן גענעראַל־שטאַב אַלע סטראַטעגישע פּלענער און סו־דות פון איטאַליענישן גענעראַל־שטאַב...

צוליב זיין הומאַנישקייט, זענען בלויז אין די בערג פון גאָריציע געפאַלן אין איין מעת־לעת איבער פערציק טויזנט טויטע פון די בעסטע איטאַליענישע סאָל־דאַטן, געקליבענע אַלפּיניסטן, און ער מיט זיינע נאָענטע מיטאַרבעטער, הומאַני־טאַריסטן און קעגנער פון ברידער־מאָרד זענען „געפאַנגען" געוואָרן... אַלע פון זיין גענעראַל־שטאַב זענען, אַלס באַלוינונג, אויף זיין פאַראָרדענונג, גלייך גע־טויט געוואָרן, כדי עס זאָל נישט זיין קיין פּתחון־פּה. און ער, דאָמעניקאָ פּעררעירא, איז פאַר זיין פּאַטריאָטישקייט און קעגנערשאַפט צו ברידער־מאָרד, באַלוינט געוואָרן מיט אַ „גאָלדענעם" מעדאַל, וואָס פראַנץ־יאָזעף זעלבסט האָט אים אָנגעהאָנגען אויף דער ברוסט, און דערצו אים נאָך געגעבן דעם גאַנצן קאַסטן גאָלד, אַלס אָנערקענונג פאַר די איבער פערציק טויזנט איטאַליענישע זין, קאַטויליקן, פרומע קאַטויליקן פונקט ווי עס זענען די עסטרייכישע און ווי עס איז דער איטאַליענישער קאַפּיטאַן דאָמעניקאָ פּעררעירא, וועלכער האָט אי־בערגעגעבן צום מאָרד זיינע אייגענע ברידער, פּונקט ווי דאָס האָט געטון אַמאָל, זיבעציק יאָר פאַר יויזלען, יוסף בן מתתיהו הכוהן מיט זיינע סאָלדאַטן, וועלכע ער האָט פאַראַטן צו טיטוסן.

— ביסטו אַ בראַווער איטאַליענער, טאַקע אַן אמתער רוימער! — האָב איך אים געזאָגט צווײדײטיק.

— נישט אַזוי אפשר? — האָט ער פאַרשנדיק מיך איבערגעפרעגט.

— ווייס איך וואָס. איך מיין ערנסט, אַז דו ביסט ראוי צו זיין אַן אמתער רוימישער אַפּשטאַם, נישט נאָר פון וועספּאַסיאַן, נאָר פון ראָמולאָ בכבודו ובעצמו... איך וויל זאָגן, אַז דו פאַרשטייסט ווי אַזוי אָפּצוהיטן דיין אייגענע הויט...

— איך בין צופרידן, אַז דו פאַרשטייסט מיך, און דערפאַר טאַקע, טייערער מאַרקאָ, ביסטו ראוי צו זיין מיין פאַרטרויליכע פּערזאָן. אָט וועל איך דיר וויזן דעם אוצר, ווי אויך דעם גאָלדענעם מעדאַל, וואָס זיין מאַיעסטעט אַליין, פראַנץ־יאָזעף, האָט מיר אָנגעשפּיליעט אויף דער ברוסט... — האָט דער פאַרטעטער צו מיר גערעדט, ווייזנדיק זיין אוצר...

איך באַקוק דעם אויסטערלישן גרויסן מעדאַל, און איך זע, אַז עס איז נישט קיין גאָלד — צו גרינג. נאָר די דעק איז יאָ פון גאָלד.

איך האָב אָפּגעריבן אַ ביסעלע מיטן עסמעריל־שטיינדל, און אַרויפגעגאָסן אַ טראָפּן ספּעציעלן זאַלץ־זויער. האָט עס געגומען קאָכן פונקט ווי יעדעס שטיקל מעש אָדער קופּער. דאָס זעלבע איז אויך פאַרגעקומען מיט די גאָלדענע מטבעות.

— אַך, טייערער קאַפּיטאַן! דער עסטרייכער האָט דיך גענאַרט: ער האָט דיך אָפּגעשווינדלט פאַר דיין באַרעמהאַרציקייט! — האָב איך אים געזאָגט מיט אַ באַהאַלטענער פרייד.

— מאַלעדעטי טעדעסקי!*) פערציק טויזנט קאַמאַראַדן געפאַלן טויט צוליב אַ ביסל מעש! איבער פערציק טויזנט אַלפּיניסטן צוליב אַ ביסל מעש, וואָס איז ווערט נישט מער ווי אַ צוואַנציק דאָלאַר! דיאָ מיאָ, אָ, סאַנטאַ מאַדאָנאַ!...**) — האָט ער זיך צעוואָיעט ווי אַ משוגענער שאַקאַל, און זיך געביסן די פינגער ביז בלוט.

— ווי אַזוי האָסטו זיך געלאָזט אַזוי העסלעך אָפּנאַרן, גרויסער קאַפּיטאַן? — האָב איך אים געפרעגט.

— ווי אַזוי? גאַנץ פשוט! נאָכדעם ווי איך האָב געקראָגן דעם מעדאַל און דעם קאַסטן מיט די גאָלדענע רענדלעך, האָב איך דעם מעדאַל, אַלס פאַרזיכט, גלייך באַהאַלטן. אַ גרויסע עסטרייכישע פּערזענלעכקייט, דאַכט זיך, אַ גראַף און גענעראַל דערצו, מיטן נאָמען פאָן גלאַנץ, האָט מיר געוויזן דעם קאַסטן מיטן שימערירנדיקן גאָלד, און ער האָט פון דאָרט אַראָפּגענומען צוויי הונדערט גאָלדענע פונט סטערלינגס און האָט זיי אַריינגעלייגט אין מיין פאַרטפעל אויף

*) פאַרשאָלטענע דייטשן.
**) גאָט מיינער, הייליקע מאַדאָנאָ.

רייזע־הוצאות, אַ חוץ צען טויזנט עסטרייכישע קראָנען, וואָס האָבן צו יענער צייט נאָך געהאַט אַ רעאַלן ווערט, און איך האָב זיי אויסגעטוישט אויף שווייצער־געלט. דער קאַסטן מיט די גאָלדשטיקלעך האָב איך מיט זיך מיטגעפירט אַ פאַר־שלאָסענעם און פאַרזיגלטן. געפאָרן בין איך ראשית דורך דייטשלאַנד און שווייץ, וועלכע האָט איבערגענומען די עסטרייכישע געשעפטס־פירונג, און נאָכדעם דורך אַלע אַנדערע לענדער, מיט וועלכע עסטרייך איז נישט געווען אין קריג, ביז איך בין אָנגעקומען קיין שפּאַניע, ווו דער אוצר איז באַהאַלטן געוואָרן פאַרשלאָסן און פאַרחתמעט אין דער עסטרייכישער אַמבאַסאַדע אין משך פון אַ לאַנגער צייט, און ער איז מיר אָפּגעגעבן געוואָרן פאַרשלאָסן און פאַרחתמעט אַזוי ווי ער איז געווען...

— אפשר האָט מען דיך באַגנבעט? איז דען מעגלעך, אַז אַן אימפּעראַטאָר, און אַזאַ פרומער, ווי פראַנץ־יאָזעף, זאָל דיך אַזוי העסלעך אָפּנאַרן? — האָב איך אים ווידער געפרעגט אומשולדיק.

— ניין, ניין, מאַרקאָ! קיינער האָט מיך נישט באַגנבעט, נאָר ער האָט מיך אָפּגעשווינדלט. איך דערקען, לויט מיין סימן, אַז קיינער האָט גאָרנישט גערירט. איך האָב דעם קאַסטן אין דער אַמבאַסאַדע פאַרזיכערט ביז איך האָב מיך פאַר־שיפט אַהער און קאָנטראַבאַנדיש דעם אוצר אַראָפּגענומען פון שיף און גע־בראַכט אַהער. נאָך אַ גליק, וואָס דער פאַרשאָלטענער פאָן גלאַנץ האָט מיר אַראָפּ־געגעבן די צוויי הונדערט פונט, וועלכע זענען געווען עכטע... מיט דעם געלט און „פאַרדינסטלעך" וואָס זענען מיר אונטערגעקומען, האָב איך געמאַכט אַ זייער פיין לעבן ביז איצט...

— מאַלעדעטי טעדעסקי!*) מאַלעדעטי דזשערמאַני!**) מאַלעדעטי אַסטריאַ־קי!***) שווינדלער! באַנדיטן! מאַפיאָסאָס!****) איך האָב זיי אַזוי ערלעך גע־דינט!... בלויז אין איין מעת־לעת זיי איבערגעגעבן פערציק טויזנט אַלפּינער, בערסאַגליערי!... און איך בין אַזוי העסלעך אָפּגענאַרט געוואָרן! אַלץ פאַר מיין ערלעכקייט, פאַר מיין גלויביקער קריסטלעכקייט, בין איך אַזוי עקלהאַפט אָפּ־געשווינדלט געוואָרן... נאָר אים, מיין שותף, זאָלסטו קיין וואָרט נישט זאָגן וועגן מיין אומגליק...

*) פאַרשאָלטענע דייטשן!
**) פאַרשאָלטענע גערמאַנער!
***) פאַרשאָלטענע עסטרייכער!
****) גענגסטערס!

דאָס געוויסן פון אַ משומד

— איר ווייסט, הער מאַרקוס? — האָט דער משומד פראַנץ מאַע העלערזאַדע גענומען רעדן צו מיר קאָנפידענציעל, נאָכדעם ווי דער איטאַליענער האָט פּאָר צרות איבערגעקערט אַן איבעריקע כוסה אַכעגכאַ, און איז געשלאָפן אין זיין צימער אין געהאַקטע צרות. — איך האָב דערקענט אין אייך, אַז איר זענט אַ ייד. שרעקט אייך אָבער נישט, איך וועל אייך נישט אויסגעבן, מחמת איך בין אויך דאָס זעלבע, אַ ייד בלב ונפש... איך האָב ליב די יידן, פּונקט ווי איך האָב ליב די קריסטן: איך האָב ליב די יידן, פּונקט ווי זיך אַליין, ואהבת לרעך כמוך!... ניין, נאָך מער ווי זיך אַליין. ניין, נישט אַזוי. איך האָב אַ טעות געהאַט, איך בין נישט פון אייער יידישער זרע, פונדעסטוועגן האָב איך אייך ליב, הגם איך בין אַ קריסט פון אורעלטערן, פון אַלע צייטן, דאַן ווען איר זענט אַ ייד, אָבער נישט אַ סך מער ווי אַ האַלבער, זיכער אַ משומד, ד״ה אַ נייער קריסט. דערפאַר טאַקע ווייל איך, איר זאָלט וויסן, אַז איך האָב ליב אַלע יידן, ווייל דאָס יידישע פאָלק איז זייער קלוג, ערלעך און פיין, איז זייער אָפּפערווילִיק און ליידט די גרעסטע צרות צוליב די זינד פון אַלע אַנדערע פעלקער. איך האָב ליב די יידן אויך צוליב דעם, ווייל אַלע הייליקע, אַלע אַפּאָסטאָלן, אַ סך קאַרדינאַלן, בישאָפן, אייניקע פּויבסטן, און אפילו ער אַליין. מיין גאָט — מיין איך — און די הייליקע מאַריאַ, די מאַמע זיינע, זענען אַלע געווען יידן.

איך בין אַ פרומער קאַטויל, קיין פרומערס קען שוין נישט זיין געמאָלט, און אַן ערלעכער בין איך, אַז קיין ערלעכערן מענטשן, אַ בעסערן און באַרעמ־האַרציקערן וועט איר נישט געפינען אין גאַנץ אונגאַרן און אפילו אין דער גאַ־רער וועלט אויך נישט...

— בלויז איין ייד האָב איך פיינט געהאַט אין אונגאַרן, און דאָס איז דער „באַנדיט״, איך מיין דעם קאָמוניסט בעלא־קון, צוליב וועמען איך זיץ איצט דאָ אין דער וויסטעניש.

— ווייסט איר כאָטש, ווער דער געפערלעכער „באַנדיט״ בעלא־קון איז געווען?

— ער איז אַן אונגאַרישער ייד, און הייסט קון, ווייל ער איז געווען אַ כוהן, און האָט געהייסן בערל קאָהן. טאַקע זייער אַ געלערנטער, אַ גרויסער אינטע־

ליגעגט און נאָך גרעסער־ער אָראַטאָר און אַ געפערלעכער אָרגאַניזאַטאָר. ער האָט פאַרכאַפּט די מאַכט אין אונגאַרן, האָט אַרויסגעלאָזט נייע געזעצן, האָט קאָנפיסקירט די גרעסערע פאַרמעגנס, די גרויסע לאַטיפונדיעס האָט ער צעטיילט צווישן די פויערים, אַנולירט די אַדל־טיטלען און געמאַכט די געזעצן פאַר אַלע־מען גלייך. דער נעכטיקער אַרבעטער איז געוואָרן אַ גאַנצער מאַכער, און איך, אַ גרויסער פאַבריקאַנט, אַ ברויטגעבער פאַר די פאַרכעוואַטע און לויזיקע אַר־בעטער, בין געוואָרן אַ „לא עלינו", אַ גאָרנישט. שטעלט אייך נאָר פאָר, אַז איך, וואָס האָב אין מיין לעבן נישט אַריינגעטון קיין האַנט אין קאַלט וואַסער, און תמיד געווינט געווען צו קאָמאַנדעווען מיט די שמוציקע אַרבעטער ווי מיט אייזלען, בין דעגראַדירט געוואָרן, געוואָרן אַליין אַן אַרבעטער און געמוזט שטיין אין פאַבריק און אַרבעטן אַכט שעה אַ טאָג פונקט ווי אַלע אַרבעטער. איז אַזעל־כעס געהערט געוואָרן אין דער וועלט?

איך בין אָבער פראַנק מאַע העלערזאַדע, אַ מענטש מיט איניציאַטיוו: איך בין אַריין אין דער פאַרשווערונג קעגן די קאָמוניסטישע באַנדיטן, און מיט דער הילף פון ענגלישן, ב' אַמעריקאַנער און פוילישן גאָלד, און מיט אַ ביסל וועטע־ראַנען, אוקראַינישע ווייס־גוואַרדייער און פוילישע האַלערטשיקעס, האָבן מיר צוריק פאַרכאַפּט די מאַכט און די אַנטי־קאָמוניסטן האָבן געמאַכט אַ שרעקלעכע שחיטה צווישן די באַנדיטישע קאָמוניסטן. מיינע פאַרטייער זענען געווען אַזוי צעקאָכט אויף זיי, אַז זיי האָבן געעפנט די בייכער אפילו פון מיידלעך און יונגע קינדער אין די וויגן פון די קאָמוניסטן. זיי האָבן געהרגעט יונג און אַלט, שוואַנ־גערע פרויען און זויג־קינדער פון די האַרצלאָזע באַנדיטישע קאָמוניסטלעך...

— צו אונדז זענען נאָך צוגעשטאַנען אַלע קרימינעלע עלעמענטן, רופיאַנען און פראָסטיטוטקעס, און אַלע יעניקע, וואָס זענען נישט געווען צופרידן מיט בעלא־קונס אויפטוען און מיר האָבן די באַנדע פאַרטריבן פון דער מאַכט.

— און פאַרשטייט זיך, אַז ווען בעלא־קון וואָלט נישט געווען קיין ייד און דערצו נאָך פון די וואָס האַלטן שוין צופיל פון לא תרצח, און ער וואָלט געמאַכט אַזאַ מין הריגה צווישן די אונדזעריקע, וואָלט ער געוויס טריאומפירט. איר ווייסט נישט, אַז דער ייד, — איך מיין נישט קיין משומד — נאָר אַ פולשטענדיקער ייד, האָט אין זיך צופיל רחמנות, שוין צופיל, וואָס פירט צו שלאַבערדיקייט און דאָס דערפירט די יידן צו די גרעסטע העקאַטאָמבעס. מיר אָבער — די קריסטן — האַלטן טאַקע אויך זייער שטאַרק פון די צען געבאָט: זאָלסט נישט טויטן, ד"ה דו זאָלסט מיך נישט טויטן, ווייל איך בין אַ קריסט, איך דיך — אָבער יאָ, צי דו ביסט אַ ייד, צי אַ קריסט. האָב איך די מאַכט, טו איך מיט דיר, וואָס איך וויל...

— איך קען אַ נייעם געגנאָסע, אַ שניידערל מיט אַ טאָפּלטן הויקער, וואָס

איז געווען אַ גאָרנישטל, אַ שרעקעוודיקס, האָט מורא געהאַט פאַרן מינדסטן ווינטעלע, אויף קיין ווערימל נישט אַרויפגעטראָטן פאַר מורא, עס זאָל אים נישט בייסן, אַ שוואַכינקער און אַ זיסער ווי גאָט אַליין. נו, אָט דאָס יידעלע האָט זיך פאַרליבט אין אַן אונגאַריש קריסטלעך מיידל, וועלכע האָט אים צוגעזאָגט הייראַטן, אויב ער וועט זיך שמדן. ער האָט זיך געשמדט, אָבער דאָס מיידל האָט נישט געהאַלטן איר וואָרט. ער אָבער — יאָ: ער איז געבליבן אַ קריסט, און אַ גוטער קריסט. כדי צו ווייזן, אַז ער איז ראוי צו זיין אַן עכטער אונגאַר, איז ער אַריין אַלס מיטגליד אין דער אַנטיסעמיטישער מאַדיאַרישער אָרגאַניזאַציע. נו, איר האָט באַדאַרפט זען אָט דעם נפש, וואָס פאַר אַ גאָרגלשניידער ער איז געוואָרן: אין אַ פאָגראָם אויף די קאָמוניסטן איז ער געווען דער אָנפירער פון אַ מחנה, וואָס איז איבערגעפאַלן דעם יידישן קוואַרטאַל. ער אַליין האָט מיט אַ פאַלקע דערהרגעט אפשר צען יידן, דאַרונטער זיין אייגענעם ברודער, פאַרוונדעט זיין אייגענעם פאָטער און מוטער און אויך זיין אייגענע שוועסטער. אַזוי בראַוו איז ער געוואָרן...

— הערט זשע זיך איין, מיין גנבעדיקער הער: איך ווייס פון מיין שותף, אַז איר זענט אַ וועלט־רייזנדער, אַ מענטש מיט אַ „גרויס פאַרמעגן" און אייבּפלוס. איך האָב אויך געהערט, אַז איר ווילט ווערן זיין שותף. נו, וואָלט איך אייך געמאַכט אַ פאָרשלאַג, אויב איר וועט מיר שווערן ביי גאָט אַז איר וועט האַלטן סוד, און וועט אים, דעם איטאַליענער, קיין וואָרט נישט זאָגן וועגן וואָס איך האָב מיט אייך געשמועסט.

— איך וויל נישט, אַז ער זאָל עפּעס וויסן, ווייל דאָס איז אַן איטאַליענער, אַ בויכשניידער און ער קען אונדז נאָך ביידן די בייכער אויפעפענען און אויסמעסטן די לענג פון אונדזערע קישקעס, כדי צו וויסן וויפל קעלבאַס ער וועט קענען מאַכן פון זיי...

איך שווער אים קיין וואָרט נישט צו דערציילן פון אונדזער שמועס, הגם איך האָב פאַר אים קיין מורא נישט. איך האָב ביי מיר זיין שרעקלעך מעסער און זיין 45ער פיסטויל, וואָס איך האָב ביי אים אָפגעקויפט פאַר זעקס דאָלאַר בלויז, פאַר אויטאָריטעטע עדות אין די אויגן, און מיט אַ גוט־אויסגעשטעלטער קבלה. אָט זעט — האָב איך אים געוויזן די מיתה־משונה־מכשירים. — ער האָט שוין נישט מיט וואָס צו סטראַשען די וועלט, און אָן די וואָפן וועט דאָמעניקאָ פעררעיראַ ווערן אַזוי געלאַסן ווי אַ בופל־אָקס וואָס איז קאַסטרירט געוואָרן און זיינע געפערלעכע הערנער זענען אָפגעזעגט געוואָרן...

— הערט זשע אויס מיינעם אַ פלאַן, ווי אַזוי מיר ביידע זאָלן ווערן מיליאָנערן: — איך האָב ביי מיר נישט מער ווי 19 טויזנט דאָלאַרן, וואָס זענען ווינציק צום געשעפט, וואָס איך וויל מאַכן. — דער מ׳שומד האָט זיך צעקראַטשעט אויפן

פּאַטעל־שטול, האָט אַרויסגעזעצט נאָך מער זיין אויסטערלישן בויך און פאַרגע־זעצט שטילינקערהייט. — איך האָב שוין געקויפט עטלעכע זייער רייכע מינעס. עס פעלט מיר אָבער אויס נאָך אַ שיין ביסל געלט, כדי אָנצוהויבן צו עקספּלו־אַטירן די מינעס. דער איטאַליענישער בויכשניידער פירט מיט זיך מיט אַ גאַנצן קאַסטן גאָלד, וואָס באַטרעפט איבער פופציק טויזנט גאָלדענע דאָלאַר, אַ חוץ די איידלשטיינער און מעדאַליאָנען, וואָס באַטרעפן אויך אַ מאַיאָנטעק. וואָלט אפשר געווען אַ פּלאַן אים אָפּצורוימען פון וועג, וועלן מיר ביידע בלייבן מיט זיין ריזיקן פאַרמעגן און מיר וועלן אַרבעטן בשותפות ווי אמתע פריינט, טאַקע נאָר אַזוי ווי אַ ייד מיט אַ קריסט קענען זיך שעצן און ליבהאָבן...

— ווי אַזוי האָט איר דערקענט, אַז איך בין אַ משומד, דאַן ווען איך האָב נישט אויף זיך, לעבן זיך און אַרום זיך קיין שום קריסטלעכן סימן? — האָב איך אים איבערגעשלאָגן.

— פּשוט: אין אונגאַרן זענען די יידן, וואָס האַלטן זיך אין אַלטן טעסטאַ־מענט, זייער פרומע, זיי דאַווענען, האַלטן שבת און עסן נישט קיין טרפות, און קיין חזיר־פלייש אוודאי און אוודאי נישט. אָבער ווי נאָר ער שמדט זיך נעמט ער פרעסן אַלערליי טרפות און חזיר־פלייש, ממש צעזעצט צו ווערן. איך האָב אייך קיינמאָל נישט געזען דאַווענען, און חזיר פרעסט איר מער פון דעם פרומסטן קריסט. איך האָב אייך געזען אויפעסן אַ פאַרציע שינקע, וואָס איך וואָלט געהאַט גענוג אויף צוויי טעג אפשר, נו, דערפאַר האָב איך באַלד געדרונגען, אַז איר זענט פון מיין צד...

— און ווי אַזוי דענקט איר אָפּצוטון דאָס שטיקל אַרבעט מיט דאָמעניקאָ פּעררעירא? — האָב איך אים געפרעגט מיט אַ באַהאַלטענער דערשטוינונג.

— גאַנץ פשוט: איך וועל אייך געבן אָט דעם פּראַשעקל. דאָס איז אַזאַ נאַרקאָטיק. אַז איר וועט עס אים אַריינשיטן אין אַ גלעזל ביר, וועט ער אַנט־שלאָפן ווערן, און אויב מע וועט אים נישט אויפוועקן באַצייטנס, וועט ער אַנט־שלאָפן ווערן אויף אייביק. מיר וועלן זיך גלייך צעטיילן מיט זיין קאַסטן גאָלד און אַנדערע ווערטפולע זאַכן, און נאָכדעם וועלן מיר צוזוויסן טון דער פּאָליציי, אַז ער איז געשטאָרבן פון אַ האַרצשלאַק. — האָט דער „ערלעכער" און „גאָטס־פאַרכטיקער" מגוול מיר געענטפערט מיט אַ מיסיאָנערישער קאַלטבלוטיקייט, און ער האָט מיר געוויזן אַ פּראַשעקל ווייס ווי סאָדע ביקאַרבאָנאַט.

איך האָב דאָס אַ שמעק געטון, און דערקענט דעם געפערלעכן סם־המות, וואָס ווערט גענוצט אין דער שפּיגל־אינדוסטריע, ווי אויך צו הרגענען מו־ראַשקעס.

— דאָס איז דאָך סיאַנוראַ־פּאַטאַס! דו ביסט אַ מערדער און אַ פייגלינג, קרעציקער משומד! און דערצו נאָך ווילסטו מאַכן דיין מערדערלעך שטיקל אַרבעט

מיט די הענט פון אַ יידו — האָב איך, ווי אַ צערייצטער טיגער געריעוועט אויסער זיך פאַר כעס און מענטשלעכער באַליידיקונג. — איך גיי שוין אין פּאָליציי־פּרעפעקטור איבערצוגעבן דאָרט דעם געפערלעכן גיפט און דערציילן וועגן דיין געמיינעם רוצחישן פּאָרשלאָג. — איך בין אַרויס פון צימער, נישט זאָגנדיק אים, אַז דער גאַנצער קאַסטן גאָלד מיט די ברילִיאַנטן און פערל און מעדאַליאָנען פונעם פאַרעטער דאָמעניקאָ פּעררעירא איז ווערט אַן אויסגעבלאָזן איי...

אַז פּאָליציי איז געקומען, איז דער משומד שוין נישט געווען. ער איז באַצייטנס אַנטרונען, און דאָמעניקאָ פּעררעירא איז געלעגן אַ נאַקעטער אויפן בעט מיט צוגעמאַכטע אויגן, זיך געריסן די האָר פון קאָפּ און געריטשעט ווי אַ משוגענער:

— אַלץ פאַר מיין ערלעכקייט, אַלץ פאַר מיין גלויביקער קריסטלעכקייט, בין איך אַזוי עקלהאַפט אָפּגעשווינדלט געוואָרן דורכן „קאַפּאָ" אַליין פון די עסטרייך־אונגאַרישע באַנדיטן!... אַ טויט די אונגאַרן! אַ טויט די דייטשישע באַנדיטן! איך וועל נאָך אָבער מיינס אָפּנעמען: איך וועל מיין לאַנדסמאַן מאַרקאָ און דעם אונגאַר פראַנץ מאַע העלערזאדע די גערגעלעך איבערשניידן און זייערע מיליאָנען וועלן מיינע זיין!...

אַ מאַסקאָוויט אַ באַרבאַר

יענער אָוונט איז געווען אַ דומפּיקער, אַ פּייכטער. די לבֿנה און שטערן זענען געווען גרעסער און נידעריקער, און מיט רעגנבויגן־קרוינען אַרום, — אַ סימן אויף רעגן. אַזייגער ניין אין אָוונט האָב איך מיך דורכגעשפּאַצירט צו דער דיי־טשישער קאָנפּיטעריע (קאָנדיטערײ) פֿון מײַן „פֿרומען" דײַטש פֿון משהס גלויבן, וואָס עסט נישט קיין שינקע. איך האָב מיך דאָרט געדאַרפֿט טרעפֿן מיט אַ מאָסקווער ייִאָט.

די גאָס איז געווען זייער באַלעבעט. דער טרינקזאַל פֿון דער קאָנפּיטעריע איז געווען קאָמפּאַקט באַזעצט מיט מענטשן פֿון ביידע געשלעכטער, געזעלשאַפֿט און עלטער, און דער גאַנצער אַרום איז געווען ווי אַ מוראַשניק פֿון שפּאַצירנדיקע פּאַרליבטע פּאָרלעך. אין די ראָגן פֿון דעם סקווער זענען געשטאַנען גאַסניונגען, וואָס האָבן פּאַרטשעפּעט די שפּאַצירנדיקע מיידלעך און יונגע ווייבלעך מיט אויסגעלאַסענע פּאַרשלאָגן, און די שפּאַצירנדיקע פּאָרלעך מיט גראָבע וויצן, און נישט זעלטן אונטערגעשטעלט אַ פֿוס דעם בחור, וואָס האָט געשפּאַצירט געאָרעמט מיט אַ מיידל.

איך מיש זיך שוין נישט אַריין: די זוטוהאַילאַ־אינדיאַנערין האָט מיך שוין אָנגעלערנט מער נישט צו זיין קיין דאָן־קיכאָט, און אויך נישט צו ווערן אַ פּייער־לעשער, איבערהויפּט דאָרט ווו דער באַלעבאָס אַליין האָט אונטערגעצונדן דאָס פֿייער, כדי צו נעמען פּייערקאַסע... נאָר עס פּאַרדריסט מיך זייער, וואָס דער אייפּעריקער אָרדענונגס־היטער זעט נישט און הערט נישט וואָס עס קומט פּאָר. ער שמייכלט, און דאָס גיט מער מוט די באַיאַנעס צו זייערע פּראָוואָקאַציעס.

ניקיטאַ יעקאַטערינאָוו פּאַוולאָוויטש, מיט וועמען איך האָב מיך באַדאַרפֿט טרעפֿן, אַ מאָסקווער בחור פֿון 29 יאָר, מיט כמעט־ווייסע גלאַטע האָר, ווייסע ברעמען און וויעס, מער פֿון מיטעלער הויך, האָט זיך אַנידערגעזעצט נעבן מיר ביי אַ טישל אין דרויסן, אַנטקעגן ברייטן אָפֿענעם פֿענצטער פֿון דער קאָנפּי־טעריע, און מיר האָבן זיך פּאַסמאַקעוועט מיט קאַלטן שוימיקן ביר.

ניקיטאַ יעקאַטערינאָוו פּאַוולאָוויטש איז געווען דער בוכפּירער און לערער פֿון רוסיש, ענגליש און פּראַנצויזיש פֿון די צווײ „עסטרייכישע טערקן", איסאַיאַס

ראַזענטאַל און איגנאַץ בזשעזשינאַ. פריער, ווען די צוויי זענען געווען קוענטעני־קעס, האָט ער זיי געלערנט שפּאַניש, און אויך געפירט זייערע חשבונות, און טיילמאָל זיי אויך אַרויסגעהאָלפן מיט אַוועקטראָגן אַ פּעקל, און אָפּנעמען אַ חוב, פאַריכטן אַ זייגער, אַ נײ־מאַשין, אַ שרייב־מאַשינקע, עלעקטריע און אַ סך אַנ־דערע זאַכן.

שוין דריי יאָר ווי ער איז אין ניקאַראַגואַ, פּאַרט פון איין צענטראַל־אַמע־ריקאַנער מדינה אין דער צווייטער, פון לעאָן קיין מאַנאַגואַ, און ער קומט תמיד צוריק קיין לעאָן צו די צוויי האַרציקע גאַליציאַנער יידן (וואָס די אינדיאַנער רופן עסטרייכישע טערקן). ער שמט אין לעאָן און אין גאַנצן לאַנד פאַר אַ זייער פרומען קריסט, אַלע קענען אים און אַ סך טאַטעס און מאַמעס וואָלטן אים גע־וואָלט פאַר אַן איידים...

אַן עניגמאַטישער איז ער דער ניקיטאַ יעקאַטערינאָוו פּאַוולאָוויטש, זייער אַ קאַרעקטער, כמעט אַ שוויגער, אַ וואָרט — אַ רענדל, רעדט מער מיט די אויגן ווי מיטן מויל, און תמיד האָט ער מיך געפרעגט: — קאַק ווי דומאַיעטע גאָספּאָדין פּאַרישעווסקי (ווי מיינט איר, הער פּאַרישעווסקי)?

אויף דער ריזיקער מאַרימבאַ, וואָס אויפן טראָטואַר, שפּילן אַ גאַנצע כאָפּטע באָרוועסע אינדיאַנער, אַלע אין קורצע, ווייסע הייזלעך, גרינע העמדער און געלע קראַוואַטן, מיט שוואַרצע, ווייסע און רויטע פּינטעלעך, שטרויענע ריזיקע קאַ־פּעליושן, כאָטש עס איז אַ שטיק אין דער נאַכט.

אַ ריזיקער הונט מיט העלפאַנט־אויערן, מיט שוואַרצע און ווייסע לאַטעס, האָט זיך דערקלערט אין ליבע אַ פּיצעלע קאַראַקולן־שוואַרצע הינטעכטע, וואָס האָט מיט אַ וואָלפישן שטאָלץ און גבורה אָפּגעשלאָגן דעם הינטישן דאָן־זשואַן, וואָס האָט די גאַסניונגען געגעבן מער לשון פאַר זייערע געמיינקייטן.

אינעווייניק אין טרינקזאַל, וואָס איז געווען כמעט־פינצטער פון ציגאַרן־רויך, שטייט אַ ריזיקער דלת־פאָרמיקער בופעט, אויף וועלכן עס זענען געשטאַנען צוויי עקספּרעס־סאַמאָווארן פאַר קאַווע און טיי, אַן אַנדער מאַשין פאַר שאָפּן ביר; הינטערן בופעט — דער באַלעבאָס, און ביי דער קאַסע — די באַלעבאָסטע. איבערן רחבותדיקן זאַל זענען געשטאַנען פירקאַנטיקע טישלעך, און גרעסערע טישן, אַרומגעזעצט מיט טרינקערס און עסערס. ביי דעם האַלבן טוץ מאַסיווע ביליאַרד־טישן האָט געראַיעט מיט שפּילער און קוקערס־מבינים, וואָס האָבן געליאַרעמט און געלערנט די שפּילער שפּילן. איינער פון די געסט האָט זיך פלוצלינג צעזונגען דאָס בענקענדיקע נאַפּאָליטאַנער ליד „טאָרנאַ אַ סאָררענטאָ". דער שלל אַלקאָהאָל, וואָס ער האָט אַריינגעשניאָקעט האָט אים אַ ביסל געפּענטעט די צונג, דאָך האָט זיך געמערקט, אַז ער פאַרמאָגט אַ גאַנץ־נישקשהדיקע טענאָר־שטימע. ביי אַן אַנדער טישל, אַ „רעזערווירטס", איז געזעסן אַ גאַנץ שיינע

דעקאָלטירטע, געוועזענע ברונעטקע, געפאַרבט אויף רויט. זי איז געזעסן צווישן צוויי פּיין־געקליידטע מיטליעריקע הערן. דאָס דריילינג האָט שוין געהאַט אויס־געטרונקען אַ ליטראָווע פלאַש קאָניאַק און געבעטן נאָך איינע.

די זעלטן־שיינע רויטהאָריקע ברונעטקע, פון אַ יאָר צוויי־דריי און צוואַנציק, אַן עלאַסטישע, אַ שלאַנקע און זעלטן־פיין געבויטע, האָט אַלע ווײַלע אַרויפ־געלייגט אויף אַ צווייטנס אָרעם אירע געטאַקטע, פולע הענט, און נאָך יעדן גלעזל געלאָזט אַ צווייטן קושן איר עטוואָס גוידערדיקן האַלדז.

ווען דער טענאָר האָט פאַרענדיקט, איז זי פּלוצלינג אַרויפגעשפרונגען אויף אַ טיש פול מיט געפעס, טעלער, טעפּלעך און גלעזער מיט געטראַנקען, און גענומען זינגען מיט אַן אַפּאַנישער שטימע שטעלן פון אידאַ, קאַרמען, באַרבעראַ דע סעווילִיאַ, און איז פאַרקראָכן אין דער מאַרסעליעזע. נאָכן צעוואַרימען זיך, האָט זי אַראָפּגעכאַפּט פון איר זעלטן־שיינעם קאָפּ דאָס אַנדאַלוזישע פיל־קאָליר־טע זיידן טיכל, און האָט זיך צעפאָכעט און צעוויגט מיט דעם, ווי אַ פרומער ייד מיטן לולב. אינמיטן עקסטאַז האָט זי אַנגעטראָטן אויפן שפּיץ פון טיש, וואָס האָט נישט אויסגעהאַלטן איר איבערוואָג, און זיך איבערגעקערט מיט די טעלער, גלעזער, פאַרצעלייענע כינעזישע קאַווע־טעפּלעך און פלעשער מיט ליקער, מיט אַן אויסטערלישן בראַזג אויפן מאָזאַיקענעם דיל. זי אָבער, כאָטש אַ שטאַרק־שכורע, איז געבליבן שטיין אויף אירע וואַקלדיקע פיס, און אַזוי וואַקלענדיק זיך, איז זי צוגעגאַנגען צום פריערדיקן טישל און האָט זיך אַנידערגעזעצט לעבן אירע צוויי פאַרערער. אַן ענגלישער פּאַקוסניק, וואָס האָט געוויזן אַלערליי שוואַרצקינצלערישע שטיקלעך, האָט נישט באַמערקט, ווי דווקא נישט קיין שוואַרצקינצלער האָט באַוויזן אַ קונץ און ביי אים צוגעלאַכענט אַ גאָלדענעם זייגער מיט אַ פּלאַטינענער קייטל, דעם טייסטער מיט אַ זשמעניע דאָלאַרן, אַ מאַלפּע — אַ זשעני און אַ ריזיקן פּאָפּוגיי, וואָס האָט געשימפּט געמיינקייטן ערגער פון די גאַסניונגען, און האָט געטראָפן אַלעמענס גליק.

דער דויטש פון משהס גלויבן מאַכט אַ חשבון, אַז די זינגערין האָט אים אָנגעמאַכט שאָדן אויף צוויי הונדערט דריי און פופציק דאָלאַר. און די זינגערין זיצט זיך שוין ווידער לעבן אירע צוויי קאַוואַלירן. זי זויפט שוין ווידער. זי טרינקט און גרעבצט, טרינקט און קושט זיך, טרינקט און רויכערט. קיינער פון די קאַוואַלירן אָבער וויל נישט באַצאָלן דעם שאָדן, און אויך נישט פאַר די געטראַנקען און ציגאַרן.

דער שענקער וויל אָבער נישט שענקען, און ער סטראַשעט, אַז ער וועט רופן פּאָליציי. די דריי פאַרליבטע פאַרדריסט דעם שענקערס נישט שענקען. אַזאַ חוצפּה! זיי קערן דערפאַר איבער נאָך עטלעכע טישן, און צוזאַמען מיט דער זינגערין, באַפאַלן זיי דעם קעלנער, אַן עלטערן פּאָליאַק, מיט די פויסטן, נעגל

און פיס, און זיי שרייען: — אַך דו, פאַרשאָלטענער פּאָליאַק, אַוועק צוריק קיין וואַרשע, וואָס שטעקט דאָרט ערגעץ אין פּאַלעסטינע לעבן בערלין, און נישט קו־מען צו אונדז דאָ שטראָפן און לערנען, ווי אַזוי מיר זאָלן זיך פירן! דו, קרעצי־קער פּאָליאַק, גיי דיר צוריק קיין וואַרשע, פּעטערבורג, אָדער ווין אין סיביר! אַוועק, אַוועק, דו מצורהדיקער, פאַרכוואַטער און לויזיקער פּאָליאַק, און קום נישט אַהער פאָדערן געלט פאַר דיינע צעבראָכענע כּלים און פלעשער!

כּל־זמן די שכּורים האָבן דעם קעלנער בלויז געזידלט, איז פּאַוולאָוויטש געזעסן רואיק. ווען ער האָט אָבער דערזען, אַז ער ליגט אויף דער ערד, און די אויסוורפן ווילן אים אפשר דערהרגענען, איז ער, ווי אַ לייב, אַריינגעשפּרונגען דורכן פענצטער, און מיט די לײדיקע פויסטן אָפּגעווערט דעם שוין־צעממיתטן קעלנער.

בעתן געשלעג איז די גאַנצע קאָנפיטעריע אָרומגערינגלט געוואָרן פון ניי־געריקע, לײדיקגייער און סתם אינדיאַנער, וואָס האָבן געקוואָלן און זיך צע־שמאָלצן אין אייגענעם פעטס, זעענדיק ווי עטלעכע מענטשן האָבן געשלאָגן מכּות־רצח אַן עלטערן מענטשן. און לא די, וואָס קיינער איז נישט אונטערגע־קומען צו פאַרטיידיקן אַ שוואַכערן, אַ געפאַלענעם, האָבן נאָך אַלע כּמעט גע־פּאַטשט מיט די הענט. און ווען פּאַוולאָוויטש אַליין האָט בלויז מיט די הענט אַוועקגעטריבן די שכּורע נאַכאַלן, האָבן די זעלבע ווייסע־חברהניקעס געפּאַטשט בראַוואָ און געשריגן: לעבן זאָל דער בלאָנדינער! לעבן! גיב זיי מער!...

שפּעטער אַ ביסל איז געקומען פּאָליציי, געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל, ווי עס פאָדערט דאָס געזעץ אין אַ ציוויליזירט לאַנד, האָט פאַרנומען די דריי שכּורים און אויך פּאַוולאָוויטשן. דאָס זעלבע פּעבל האָט ווידער געשריגן: — נעמט אים, נעמט אים, דעם פלאַקסענעם בער! אַזאַ מין באַרבאַר, אַזאַ מין רוס! נאָך ערגער פון אַ מאַסקאָוויט, אפילו ערגער פון אַ ייד, אַזאַ מין פרעמדער שאַקאַל איז גע־קומען צו אונדז נאָך ברויט, און ער וואַגט זיך גאָר אָנצונעמען פאַר אַ גרינעם, אַ מצורעדיקן פּאָליאַק, און מיט אַ שטול צעמזיקט צוויי גוטע ניקאַראַגוער בחו־רים און אַן אויסדערוויילטע סעניאָריטאַ, אַוודאי אַ נ׳ אַמעריקאַנערין, אַ לײדי...

עס האָבן זיך אָבער אויך אַריינגעמישט אַ צענדליק קולטורעלע מענטשן, וואָס האָבן עדות געזאָגט לטובת פּאַוולאָוויטשן, צווישן זיי דער אייגנטימער פון דער קאָנפיטעריע, דער דייטש פון משהס גלויבן, און אײך. מיר אַלע האָבן באַ־גלייט די אַרעסטירטע ביזן פּאָליציי־אַמט. נאָכן אויסהערן אונדז אַלעמען, איז פּאַוולאָוויטש באַפרייט געוואָרן און די שלעגער, נעבעך, האָבן געמוזט באַצאָלן פאַרן שאָדן און זיך אויסניכטערן אויפן שטיינערנעם דיל — הינטער די גראַטעס.

— אַהאַ, אַהאַ, — האָט דער אויספאָרשער פון דער פּאָליציי זיך געריבן די הענט אַ צופרידענער נאָכן איבערלייענען פּאַוולאָוויטשעס דאָקומענטן, —

זענט איר, הייסט עס, אַ געשיקטער פון דער סאָוועטישער מאַכט, הייסט עס, אַ דיפּלאָמאַט, און איר אַרבעט גאַר, און דערצו זענט איר אַ דזשענטלמאַן, אַ שטיק באָקסער, אַן אַטלעט, אַליין זיך געשלאָגן, מיט דריי מענטשן באַוואָפנטע, און איר מיט די בלויזע פויסטן? איך באַגריס אייך! אויב די קאָמוניסטן זענען נישט קיין באָלשעוויקעס, קיין מאַקסימאַליסטן און מאָסקאָוויטן, נעמען זיך אָן פאַרן שוואַכערן, פאַרן געפאַלענעם, אַזוי ווי איר האָט געוויזן אַ פּרומען, קאַטוילישן, אַפּאָסטאָלישן, קריסטלעכן ביישפּיל, מעג מיין לאַנד פירן געשעפטן מיט אייער לאַנד, און איך דערקלער אייך פריי...

אין מיינע צאָלרייכע רייזעס און וואַנדערונגען איבער שטעט און לענדער, איבער דזשונגלס און בערג מיט אויסגעטראָטענע און געמאַכטע וועגן, און צווישן ישובים, וואָס האָבן אפילו קיין סאַרנע־סטעזשקעלע אויך נישט, האָב איך מיך אָנגעטראָפן מיט מענטשן האַרציקע, תמימותדיקע, גוטע, אָבער אויך זיך אָנגעטראָפן אין די אומבאַקאַנטע מקומות מיט אַלערליי מינים שלעק, אויסווורפן, טמאים, רוצחים, באַנדיטן, מוסרים און פאַרעטער. איך האָב ניקיטאַ יעקאַטערינאָוו פּאַוולאָוויטשן, ראשית, אָנגענומען פאַר אַ באַהאַלטענעם רוסישן ווייס־גוואַרדייער, איינעם פון די פיל פאַרמאַסקירטע פּאָגראָמשטשיקעס — אַ שפּיאָן. דערפאַר האָב איך מיך פאַר אים געהיט מיט אַ וואָרט, און איך האָב אויך מער גערעדט מיט די אויגן ווי מיטן מויל, און איך האָב געזוכט אַלערליי תחבולות אים איבערצוכיטרעווען און איבערצוחקרנען אין דיפּלאָמאַטיע, און איך האָב מער געהאַלטן פון פרעגן, און נישט געענטפערט אויף זיינע פראַגעס, אָדער יאָ געענטפערט מיט אַ הום־הום...

אַ דאַנק מיין עדות־זאָגן פאַר אים, איז פּאַוולאָוויטש מיט מיר געוואָרן אָפנהאַרציקער. און איך מעג זיך אפילו באַרימען, אַז איך בין אַ דיפּלאָמאַט, און טאַקע אַ טריאומפירנדיקער.

איך בין פון אים געוויר געוואָרן:

— ניקיטאַ יעקאַטערינאָוו פּאַוולאָוויטש איז אַ געשיקטער פון דעם גרויסן סאָוועטנלאַנד, — אָבער נישט צו מאַכן רעוואָלוציעס, חלילה וחס, נישט חלילה צו פּראָפּאַגאַנדירן פאַר קאָמוניזם, נאָר כדי צו זאָנדירן און אויסצופאָרשן אין אַלע צענטראַל־אַמעריקאַנער לענדער די מעגלעכקייטן איינצושטעלן דיפּלאָמאַטישע, אָדער כאָטש קאָמערציעלע באַציאונגען. רוסלאַנד האָט טויזנטער מינים אַרטיקלען, וואָס זענען אַ גוד־סעלער פאַר די צענטראַל־אַמעריקאַנער מדינות, און די לעצטע האָבן טויזנטער אַרטיקלען, וואָס וואָלטן געווען אַ גוד־סעלער פאַר רוסלאַנד.

נאָר יענע צייט איז געווען אַן אומרואיקע, אַ צערודערטע, די קאַפּיטאַליסטישע וועלט האָט שטאַרק מורא געהאַט פאַר די באָלשעוויקעס, און במילא דערפאַר אויך פאַר יעדן מענטש, וואָס איז געקומען פון יענעם גרויסן לאַנד, און

פאַר יעדן מענטש, וועמענס פאַמיליע־נאָמען האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ „ב", „וו" אָדער „ף". בכדי נישט צו וואַרפן זיך צופיל אין די אויגן און נישט אַרויס־צורופן קיין אומזיסטן חשד אויף זיך, האָט ער געאַרבעט ביי די צוויי יידן.

— גאָספּאָדין פּאַרישעווסקי. איר זאָלט מיר אַנטשולדיקן מיין אומקאָרעקט־קייט און נאַאיווקייט, וואָס איך וועל אייך פרעגן, — איז פּאַוולאָוויטש אַרויס מיט אַ פּרעאַמבול — ווי קומט עס וואָס איר זענט אַ פראַנצויזישער ייד, און איר האָט גאָר אַ פולשטענדיק שליאַכעצקי פּוילישן נאָמען?

— ווי וואָלט געווען, ווען איר זאָלט דאָ האָבן אַ פרוי, וואָס זאָל אייך דאָ הי געבוירן קינדער וואָלטן זיי געהייסן קזאַנטלאָל, טזינטלאַטלן, ראָדריגעז צי פּערנאַנדעז?... — האָב איך פּאַוולאָוויטשן צוריק געפרעגט.

— גערעכט, גאָספּאָדין פּאַרישעווסקי! איך האָב אייך פאַרשטאַנען. די גע־בורט איז אַ צופעליקע זאַך, ווען דער שורש־נאָמען איז אַ באַזישע, פריער־באַשטימטע זאַך... כל־זמן דער אינדיוויד בייט נישט יורידיש־לעגאַל, צי אומ־לעגאַל, זיין פאַמיליען־נאָמען...

— אירט אפשר שפּילן אַ שאַך? — האָט מיך פּאַוולאָוויטש אַ פרעג געטון מיטנדערינען, און נישט וואַרטנדיק אויף מיין ענטפער, האָט ער געבעטן דעם קעלנער, ער זאָל ברענגען דעם שאַך...

— מיר שפּילן.

איך שטרענג אָן אַלע מיינע פינף חושים צום שאַכברעטל און צו די פיגורן אויף אים. איך ווער וואָס אַ רגע אַלץ נערוועזישער. מיין קעניג האָט זיך שוין נישט ווו צו באַהאַלטן. ער, דער קעניג, האָט שוין פאַרלוירן זיין גאַנץ חייל, די קעניגן און די פעסטונגען. ער איז, נעבעך, אַ פאַרשפאַרטער ביי זיך אין זיין איי־גענעם פּאַלאַץ...

— איר שפּילט אויסגעצייכנט, פריינט ניקיטאַ יעקאַטערינאָוו פּאַוולאָוויטש, איר שפּילט ווי אַן אמתער רויט־אַרמייער, — האָב איך אים געזאָגט שטילינקער־הייט, כמעט אין אויער אַריין.

— איר שפּילט אויך נישט שלעכט. נאָר וואָס דען, איר שפּילט ווי אַ קאַפּי־טאַליסטישער פאַרשטייער, דערפאַר מוזט איר ביי מיר פאַרשפּילן... די קאַפּיטאַ־ליסטישע שאַכמאַטיסטן שפּילן וואַקלדיק, מחמת זיי האָבן נישט קיין פעסטן באָדן אונטער זיך, דאַן ווען דער סאָוועטישער בירגער שפּילט פעסט און זיכער, אויף אַ פונדאַמענט וואָס איז טיף, זייער טיף איינגעגראָבן ביז דעם פעסטן אונטערגרונט... ביזן זיכערן אָפּגרונט... מיין לאַנד גייט אויף אַן אַנגעצייכנטן וועג, וואָס דער גרעס־טער זשעני האָט אויסגעאַרבעט די פּלענער, און זיינע טרייע מיטהעלפער האָבן דעם וועג איבערן אומגעהויערן רוסלאַנד אויסגעפלאַסטערט מיטן בעטסן בעטאָן און גראַניט. די דילעמע פון דעם גרונטמאָטיוו איז: אויפהויבן אַ ניי לעבן, אַ פרייס,

אַ ווירדיקס אויף דער אומענדלעכער סאָוועטישער טעריטאָריע, אַן אמתע קאָמאַנ־וועלט, נישט ווי די ענגלישע, וואָס פאַרשקלאַפט און עקספּלואַטירט אַ וועלט אַ גאַנצע. דער גרונטמאָטיוו פון דעם גרונט־געדאַנק איז איינצופלאַנצן אין די מוחות פון אַלע פעלקער און ראַסן, וואָס לעבן אויף דער רוסישער טעריטאָריע, אַן אמתן קאָנצעפּט פון פרייהייט, גלייכקייט און אומאָפּהענגיקייט, פעדעראַטיוו צווישן אַלע פעלקער פון געוועזענעם צאַרישן און אימפּעריאַליסטישן רוסלאַנד...

— די קאַפּיטאַליסטישע וועלט און די געלע סאָציאַליסטן און אַנדערע דע־מאַגאָגן קוקן אויף אונדז מיט שרעק און אומצוטרוי און פּאַנישער אימה. זיי מיינען רק, אַז די סאָוועטן וועלן טון ווי טראָצקי האָט געוואָלט — אַן אַלוועלט־לעכע רעוואָלוציע. דאָס איז דאָך אַן אוטאָפּיע, אַ דעמאַגאָגיע, און אַ משוגעת. די פירער פון מיין לאַנד טראַכטן אפילו נישט אריינצומישן זיך אין די אינער־לעכע ענינים פון קיין שום אַנדער לאַנד. אַזוינס קען נאָר איינפאַלן אַ פאַשיסטישן מוסאָליני, אַ ליבעראַלן ענגלאַנד, אַ דעמאָקראַטישער נאָרד־אַמעריקע און אַ קאָ־מונאַרער פראַנקרייך. קיינמאָל אָבער וועט עס נישט טון דאָס פּראָלעטאַרישע באָלשעוויסטישע רוסלאַנד... — האָט פּאַוולאָוויטש פאַרענדיקט מיט אַ ירגזון.

— שוין פינף מינוט נאָך האַלבער נאַכט! — האָט עמיץ אַ בורטשע געטון.

פּאַוולאָוויטש האָט פון זיך אַוועקגעשאַרט דעם שאָך און געבעטן דעם שענ־קער ער זאָל דערלאַנגען אַ פלעשל בעסערן וויין און אַ צענדליק האַרט־געקאָכ־טע אייער. דער פּאַקוסניק האָט געהאַט גליק: ער האָט געפונען דעם גנבֿ, און ער האָט ביי אים אַלץ אָפּגענומען. דער זאַל איז שוין געווען האַלב־ליידיק, מענטשן זענען געווען שלעפעריק, און אינדערפרי דאַרף מען גיין זען די פוטבאָל־פּאַרטיע, פערד־געיעג און אַנדערע „קולטור־אַקטן" פון דעם מין...

דער קונצנמאַכער איז אַרויס אויף דער גאַס און גענומען וויזן זיינע וווּנ־דערלעכע שטיק: ער האָט אויפגעהויבן ליידיקע בלעכענע באַלן, אויף וועלכע עס איז געווען אָנגעשריבן: 300 קילאָגראַם יעדערער. ער האָט אויפגעגעסן אַ כזית הויט פון אַ געבראָטענער גאַנדז, און אַלע האָבן געמיינט, אַז ער האָט אויפ־געגעסן די גאַנצע ריזיקע גאַנדז...

דער גאַנצער עולם, וואָס האָט מיט אַ ווילע פריער זיך געאיילט אַהיימצוגיין, איז, ווי פּאַרהיפּנאָטיזירט, געבליבן שטיין און געקוקט פאַרגאַפט אויפן שטרוי־ענעם ענגלענדערס שנעלער שוואַרצקינצלעריי. אַ פּאָר צענדליק מענטשן זענען נאָך געווען אינעווייניק אין סאַלאָן און געשפּילט שאָך, דאָמינאָ, קאָרטן און דאַ־דאָס. ביי די ביליאַרד־טישן איז געווען אַ בינשטאָק.

— אויב אייך שלעפערט נאָך נישט, גאָספּאָדין פּאַרישעווסקי, קומט וועלן מיר אויך אַריין אין סאַלאָן, וועט אונדז זיין באַקוועמער, און די זשוקעס וועלן

אפשר אונדז נישט אַזוי האַקן אין די אויגן. דאָרט איז דאָך שטאַרק אָנגעפּלי־טעוועט. — האָט פּאַוולאָוויטש פאַרגעשלאָגן.

— און וואָס זאָגט איר וועגן דעם מאָרגן פון דעם יידישן פאָלק, וואָס אויף דער גרענעצלאָזער סאָוועטישער טעריטאָריע? מען האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז אין רוסלאַנד איז פאַראַן פאַרפאָלגונג, איבערהויפּט, קעגן די רעליגיעזע יידן. איז דאָס אמת? — האָב איך געפרעגט פּאַוולאָוויטשן.

— ניין, עס איז אַ ליגן! דאָס איז אַ בייזוויליקע אויסטראַכטעניש פון דער פחדנישער רעאַקציע, פון די אַנטרונענע ווייס־גוואַרדייער, פון די באַנדיטישע פּאָגראָמשטשיקעס, פון דער „טשאָרניאַיאַ סאָטניאַ", פון די פאַשיסטישע שטשו־רעס, וואָס ראַיען אין די פאַריפּושטע קאַנאַוועס אַרום די גרענעצן פון דער סאָ־וועטישער טעריטאָריע. דאָס איז יאָ אמת, אַז עס איז קיינעם נישט דערלויבט צו אימפּאָנירן זיין דאָגמע אויף אַ צווייטן. נאָר ווער עס וויל זיין רעליגיעז פון אייגענעם ווילן, און דערביי נישט זיין פאַרעטעריש קעגן שטאַט און פאָלק, דער איז אַבסאָלוט פריי צו גלויבן אפילו אין אַ טשערעפּאַכע, אפילו אין אַ שטעקן פון אַ בעזים, אינעם מיסט פון אַ קו, אַזוי ווי די הינדוסן אין אינדיע, אַבי ער זאָל הונדערט־פּראָצענטיק דערפילן זיינע פליכטן אַלס אַ פרייער ביר־גער פון אַ פריי לאַנד...

— מ'האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז פאַר מל זיין אַ קינד פאַרשיקט מען אין די אייז־קאַלטע געביטן פון סיביר, סאַכאַלין אָדער אין די טונדרעס פון לאַפּינער געביט, אָדער צום באַיקאַל. — האָב איך זיך ווייטער געחקרנט און זיך געשפּאַרט איינגעעקשנט.

— דאָס איז אַן איינפאַל פון די גרויסע פּיר־פּיסיקע פערזענלעכקייטן, איני־ציטאַטאַ, דאָס פערד פון קאַליגולאַ, בונציפאַל, דאָס פערד פון פיליפּאָ, אַלעק־סאַנדער מוקדונס טאַטע און ראַסינאַטע פון דאָן קיכאָט... וואָס איז שייך מילה, איז נישט פאַראַן קיין שום קאָדעקס, קיין שום געזעץ קעגן דעם ריטואַל, וואָס שעדיקט קיינעם נישט, אַבי די אָפּעראַציע איז נאָר כירורגיש גוט דורכגעפירט געוואָרן. נאָר וואָס דען, אייגענע קינדער, אָדער ווער פון פאַרפאָלק זעלבסט, פלעגט אָנגעבן אַ מסירה צו דער יעווסעקציע, וועלכע פלעגן אַליין, אויפן אייגע־נעם חשבון פאַרפאָלגן דעם געמסרטן, אָבער קיינמאָל נישט אַלס אַ רעליגיעזן יידן צי יידישקע, נאָר אַלס אַ רעאַקציאָנער, אַלס קאָנטער־רעוואָלוציאָנער, אָן דער אַריינמישונג, און אפילו אָפּטמאָל אָן דעם וויסן פון דער צענטראַלער מאַכט, וועלכע האָט געגעבן געוויסנס־פרייהייט אַלע פעלקער, וואָס זענען אונטער איר פאָן. די יעווסעקציע האָט קיינמאָל קיינעם נישט פאַרפאָלגט צוליב זיינע רעלי־גיעזע איבערצייגונגען און אַנשויאונגען, נאָר, ווי איך האָב פריער דערמאָנט, צוליב רעאַקציע, ווייל די מוסרים האָבן דעם קרבן אָנגעגעבן אַלס אַזעלכן... און

אין אייער ליבער פראַנקרייך? איר זענט דאָך אַ פראַנצויזישער פּאַטריאָט, האָט איר אַ סך פרייהייטן? אפילו אַרבעטן טאָר דאָך נישט דער אויסלענדער, אַרבעטן און ערלעך פאַרדינען דאָס שטיקל דאַרע ברויט, טאָרט איר נישט אין אייער פרייען פראַנקרייך, טאָמער זענט איר דאָרט נישט געבוירן געוואָרן.

— און די קרעציקע פּאַשיסטן גייען רק אַרום ווי די עקלהאַפטע היענעס און פאַרלוימדן אונדז, אַז מיר פאַרפאַלגן אָט דעם, אָט יענעם. אין מיין לאַנד ווערט נאָר פאַרפאָלגט דער שווינדלער, דער פוילענצער, דער גנב, דער כאַבאַר־ניק, אַלקאָהאָליקער און פאַרעטער־רעאַקציאָנער אין אַלגעמיין. — האָט פּאַוולאָ־וויטש כמעט זיך צעשריגן אויף מיר...

פּאַוולאָוויטש האָט זיך געהיצט, און כאָטש איך האָב נאָר געשטעלט נישט מער ווי קלאָץ־קשיות, האָב איך דאָך געשוויצט ווי אַ ביבער. פּאַוולאָוויטש האָט געבעטן אַ שאַכטעלע קאַלאַמאַרעס און אַ שאַכטעלע מעלירטע קאַמאַראָנעס און אַ פלאַש אַרגענטינער מאַרסאַלאַ־וויין מיט אייז. גיין אין האָטעל איז אויך נישט געווען מעגלעך. דער רעגן האָט זיך געשטאַרקט און זיך צעגאָסן לויטן טראָפּיקאַלן נוסח. אַ בליץ, אַ דונער, אַ בליאַסק און אַ כליאַפּ, אַן אוראַגאַן! דער זאַל האָט זיך ווידער אָנגעפילט מיט מענטשן, דורכגענעצטע, דורכגעווייקטע, אַנטלאָפענע פון רחבותדיקן שפּאַציר־פּלאַץ און פון די וואָס זענען אַרויס פון די טעאַטערס און קינאָס. עס האָט זיך באַזונדערס קיינער נישט געאײַלט אַהיימצוגיין, ווייל מאָרגן איז דאָך זונטיק, און מ׳קען זיך פאַרגינען צו שלאָפן און צו כראָפּען אויף וואָס די וועלט שטייט, און דאָך נישט פאַרשפּעטיקן די פערדלעך־געיעגן און אַנדערע געיעגן...

איצט, נאָך דעם פיינעם מאכל, האָב איך געבעטן אַ שאַכטעלע ב׳ אַמעריקאַנער קאַוויאַר, וואָס דער קעלנער האָט זיך געשווירן ביים קריסטלעכן גאָט און אַלע הייליקע, אַז דאָס איז עכטער רוסישער עסטוריאָן־קאַוויאַר פון דער באַיקאַל־אָזערע. דער באַלעבאָס, דער שטייף־וואָנסיקער און מיט די פראַנץ־יאָזעפישע באַקנבערד, איז צו צו אונדז מיטן קאַוויאַר און מיט אַ פלאַש ווישקי, און האָט אָנגעגאָסן די גלעזער פאַר זיך, פאַר פּאַוולאָוויטשן און פאַר מיר.

— איר ווייסט מיינע הערן, — האָט דער פרייס פון מאָזעס גלויבן צו אונדז גענומען רעדן מיט דער גלאָז וויסקי אין האַנט: — אָט וועל איך אייך ווייזן אַן אמתן דויטשן זשעסט, אַז הגם מיר זענען פון דער העכערער אַרישער ראַסע, ווי ניטשע אַליין זאָגט, וועל איך פונדעסטוועגן אייך אָנטון גרויס כבוד און וועל מיט אייך טרינקען וויסקי פון אונדזער ערגסטן שונא, וויסקי פון סקאָטלאַנד און כאַפּן אַ שלונג קאַוויאַר פון ב׳ אַמעריקע. איך וועל ביי אייך נעמען געצאָלט נאָר פאַר דעם, וואָס מירן אויפעסן און אויסטרינקען. איך טו עס, אַלס דאַנקבאַרקייט, פאַר אייער הילף אין איינצוימען די שכורים, ווי אויך פאַר דעם געלט, וואָס איך

האָב צוריקגעקראָגן פאַר די שאָדנס, וואָס די לייט האָבן מיר געמאַכט, אַ דאַנק אייער עדות־זאָגן. אָך, לעבן זאָל דער מאַרשאַל הינדענבורג! לעבן זאָל דויטש־לאַנד! דויטשלאַנד איבער אַלעס!...

דער נאָבעלער דויטש האָט אויסגעטרונקען מיט איין צי אַ גרויסע גלאָז וויסקי, און האָט אויפגעפרעסן מער ווי העלפט פון דעם קאַוויאַר. נאָכן אָפּווישן זיך זיינע אַריסטאָקראַטישע דראָטענע וואָנצעס מיט די שפּיציקע באַקנבערד האָט ער נעבעך געהאַט אַ טעות אין חשבון און געוואָלט נעמען געצאָלט פאַר צוויי פלעשער וויסקי...

יאָ, ער האָט געוויזן נאָך אַ נאָבעלן זשעסט: פאַרן האַוואַנאַ־ציגאַר, וואָס פּאַוו־לאָוויטש האָט אים מכבד געווען, האָט ער נישט גענומען געצאָלט, מחמת פּאַוולאָ־וויטש האָט אים געקויפט אין האָטעל ווו מירביידע זענען איינגעשטאַנען.

— איר ווייסט, ליבער און ווילגעבוירענער האַר, אַז פאַר די ציגאַרן וואָס איר רויכערט ביי מיר אין מיין סאַלאָן, און אפילו פאַר דעם ציגאַר, וואָס איר האָט מיך מכבד געווען, וועל איך נישט נעמען קיין געצאָלטס. אַזוי ביך איך, מיינע ליבע הערן, אַ פּרייס פון מאָזעס גלויבן ביז אין קבר אַריין. דויטשלאַנד, דויטש־לאַנד איבער אַלעס!...

— און וואָס זאָגט איר וועגן דער צוקונפט פון די יידן אין סאָוועטנלאַנד? — האָב איך ווידער גענומען נודיען פּאַוולאָוויטשן, ווען איך האָב באַמערקט זיין אויפגעהייטערטקייט.

— אַ גלענצנדיקע, אַ זעלבסטשטענדיקע, אַ פרייע און ווירדיקע אינעם קאַנ־צערט פון אַלע נאַציעס, וואָס שטעלן צוזאַמען די פעלקער־משפחה פון דער סאָ־וועטישער נאַציאָנאַלער טעריטאָריע. איך וויס דאָס, ווייל איך האָב עס געהערט פון אונדזער אַלעמענס באַליבטן סטאַראָסטאַ, חבר קאַלינין, אייביק זאָל ער לעבן! און די רעשט וועט זיין אָפּהענגיק פון די יידן אַליין, פון זייער קולטורעלער און גייסטיקער אייניקייט, פון זייער נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין און קאָנטינואיטעטן־אָפּפערוויליקייט און קולטורעלער אידיאָמאַטישער ריינקייט, יידיש — מיין איך...

— וואָס מיינט איר דערמיט, פריינט ניקיטאַ יעקאַטערינאָוו פּאַוולאָוויטש?

— איך מיין צו זאָגן, אַז די יידן פון אונדזער סאָוועטישער טעריטאָריע וואָלטן זיך באַדאַרפט צוזאַמענגרופּירן אויף איין שטח, פּונקט ווי די גרוזינער, קאָזאַקן, אַרמעניער, אוקראַינער און אַנדערע. אפילו די קאַלמיקן, סאַמאָיעדן, עסקימאָסן, טאָטאַרן און קירגיזן געפינען זיך יעדעס פאָלק, ווי איין משפחה, אויף איין טעריטאָריע. די אַלע פעלקער וועלן אין דער גאָר נאָענטער צוקונפט זיין „איינס“, פרייע און אויטאָנאָמע רעפּובליקן פון דער סאָוועטנמאַכט. ערד האָט רוסלאַנד גאָר אַ סך, און די יידן דאַרפן נישט מער ווי נישט וועלן זיין אַסימי־לאַנטן, וועלן זיי זיין אַן איינס, וועלן זיי האָבן אַן אויטאָנאָמע רעפּובליק. נאָר

געדענקט, פריינט פאַרישעווסקי, אַז זוכה צו זיין צו דעם, דאַרף מען זיין גרויסע עקשנים, גרויסע דאָפּלטע פּאַטריאָטן, אומבאַגרענעצטן ווילן, אָפּפערווויליקייט און קרבנות־גרייטקייט און אומענדלעכע אייניקייט!... געדענקט, אַז עס וועט נאָך זיין אַ שרעקלעכע מלחמה, און פאַר די יידן וואָלט גוט געווען צו זיין וואָס ווייטער פון די צענטראַל־אייראָפּעאישע מלוכות און ווייט פון דער פּוילישער שליאַכטע...

— מער קען איך אייך נישט זאָגן! — האָט פאַרענדיקט פּאַוולאָוויטש עניגמאַטיש.

— איצט פריינט ניקיטאַ יעקאַטערינאָוו פּאַוולאָוויטש, האָב איך אייך אַ ביי־סעלע פאַרשטאַנען — האָב איך אים געזאָגט זיצנדיק אין דער צוגעמאַכטער דראָזשקע, וואָס האָט אונדז געפירט אין שטורעמדיקן רעגנגאָס צום האָטעל.

די אָזערע ניקאַראַגואַ אָדער „קאָסיבאָלקאַ"

ווי איך זע, איז דער אינדיאַנער־הערשער ניקאַראַ, אָדער ניקאַראַגואַ, טאַקע געוואָרן אַן אַנגעזעענע פּערזענלעכקייט ביי די שפּאַנישע קאָנקיסטאַדאָרן. אַ סימן: דאָס גרעסטע אין שטח צענטראַל־אַמעריקאַנער לאַנד טראָגט איצט זיין הייליקן נאָמען, און אפילו קאָסיבאָלקאַ, וואָס איז די גרעסטע אָזערע פון גאַנץ צענטראַל־אַמעריקע, טראָגט איצט אויך זיין נאָמען און הייסט היינט ניקאַראַגואַ, פּונקט אַזוי ווי די רעפּובליק, וווּ די ריזיקע אָזערע געפינט זיך.

אַלזאָ, די אָזערע ניקאַראַגואַ, אָדער קאָסיבאָלקאַ, ווי זי האָט געהייסן אין ניקאַראַגואַס צייטן, פאַרנעמט אַ שטח פון 64 קילאָמעטער די ברייט אויף 156 קילאָמעטער די לענג, און איז באַהאָפטן מיט דער אָזערע קסאָלאָטאַן (היינט מאַנאַגואַ) דורכן טייך טיפּיטאַפּאַ.

דרך אגב וויל איך דערמאָנען, אַז די ניקאַראַגואַ אָזערע איז די גרעסטע, טיפסטע און אינטערעסאַנטסטע פון גאַנץ צענטראַל־אַמעריקע. זי האָט אַן עליפּטישע פאָרעם, וועלכע צעשפּרייט אירע הוראַקאַנישע כוואַליעס פון צפון־מערב צו דרום־מזרח. די אָזערע איז, ווי איך האָב שוין פריער דערמאָנט, עליפּטיש־פאָרמיק, אָדער ווי אַן איבערגעשניטן איי לענגאויס, מיט אומגעפער 9 טויזנט קוואַדראַט קילאָמעטער און מיט אַ טיפקייט פון איבער 82 מעטער אין טיפסטן אָרט און ביי די זעכצן מעטער טיף אין דורכשניט.

— אַן אמתדיקער ים־התיכון פון זיסע וואַסער!...

איבער הונדערט גרעסערע באַוווינטע אינדזלען האָט די ניקאַראַגואַ־אָזערע, און איבער טויזנט פאַרמאָגט זי, וועלנדיק אַרייַנרעכענען אויך די נישט־באַוווינטע אינדזלען און אינדזלעך.

צוויי פון די באַוווינטע אינדזלען זענען גאָר גרויסע: אַלטאַ־גראַסיאַ מיט אַן אינדיאַנער דאָרף, וואָס טראָגט דעם זעלבן נאָמען וואָס דער אינדזל. דער אינדזל אַלטאַ־גראַסיאַ הייסט אַזוי צוליבן גראַציעזן באַרג מיט די צוויי שפּיצן פונעם ווולקאַן־באַרג אָמאָטעפּעק און פון דעם ווולקאַן־באַרג מאַדעראַ.

דער צווייטער גרעסטער אינדזל, סעיבאַ, אויף וועלן עס געפינט זיך דער געפערלעכער פייער־שפּייענדיקער באַרג סאַפּאַטעראַ, וועלכער שטייט אין עק פון

אינדזל, מיט זיין שוואַרצן קראַטער אין אַ זייט פון זיין שפּיץ, אין מזרח פונעם אַרכיפּעלאַג סאַלענטינאַמע.

אין צפון־מערב, אינעם גראַציעזן דריי־ווינקל פון דער קאַסיבאַלקאַ־אַקס (ני־קאַראַגוואַ־אַזוערע), פאַלט אַריין מיט שטורעם דער טייך פּאַנאַלאַיאַ, וואָס ווערט געבוירן אין דער קסאַלאַטאַן־אַזוערע, מיטן נאָמען — טיפּיטאַפּאַ.

דער טייך, אָדער באַהעפטונגס־קאַנאַל טיפּיטאַפּאַ־פּאַנאַלאַיאַ, האַלט ביי די דרייסיק קילאָמעטער די לענג און עטלעכע און דרייסיק מעטער די ברייט, און איז דער איינציקער וואַסערוועג, וואָס פאַרבינדט צווישן זיך דיביידע ריזיקע אָזערעס.

די וועגעדיקער זאָגן, אַז קיין שענערס ווי וועגעדיק איז גאַרנישט פאַראַן, צוליב די קאַנאַלן פול מיט „גאַנדאַלעס" (אָזיגע לאָדקעס), וואָס צעשניידן די שטאָט אין אַלע זייטן. די אונגאַרן זאָגן, אַז בודאַפּעשט איז דאָס שענסטע, צוליבן געוואַלדיקן דונאַי, וואָס שטורעמט מיט זיינע שוימיקע כוואַליעס די ברעגן צווישן בודא און פּעשט. די רוסן זאָגן, אַז זיי האָבן אין סאָוועטנלאַנד די שענסטע נאַטור־שיינקייטן, אַז פון איראָפּע איז לענינגראַד די שענסטע צוליב דער וווּנדערלעכער נעווא מיט איר גרויסן גרינדער און נאָך גרעסערן דעספּאָט, פּיאָטר דעם גרויסן און אַז נאָך גרעסער איז די שטאָט צוליב איר באַפרייער — לענין!

דאָס גרענעצלאָזע סיביר האָט דעם באַיקאַל און דעם אייז־קאַלטן לענאַ־טייך, פול מיט עסטוריאָנען, וואָס גיבן דעם בעסטן קאַוויאַר. דער באַרגיקער אינדזל סאַכאַלין, וואָס ליגט צווישן סיביר, יאַפּאַן און אַלאַסקאַ; בעת די שווייצער זאָגן, אַז קאָנסטאַנץ, נע־שאַטעל און מאַראַט זענען דאָס הערלעכסטע, וואָס דער רבונו של עולם האָט ספּעציעל פאַר זיי אויסגעפורעמט. און מיינע צווייי גאַליציאַנער יידן זאָגן, אַז קיין שענערע פּאַנאַראַמע, ווי עס שטעלן פאַר מיט זיך די צווילינג־אָזערעס, ניקאַראַגוואַ און מאַנאַגואַ, איז גאַרנישט פאַראַן.

און איך בין אַן אַרגענטינער פּאַטריאָט. איך האָב אין דעם זיסן אַרגענטינע נאָך שענערע פּייזאַזשן געזען: די פּייער־אינדזלען, דער מאַגאַליאַן־דורכגוס, דער געוואַלדיקער איגואַזו־וואַסערפאַל, די נאַהועל הואַפּי אָזערע, באַרילאָטשע, אקאָנ־קיכאַ פון טוקומאַן, די פּאַראַנאַ־דעלטאַ און נאָך אַן אַ שיער אַנדערע שיינקייטן. און אפשר זענען די אַנדערע פּאַטריאָטן גערעכט, וואָס זאָגן, אַז מיין שיינקייט־באַגריף איז ווייל עס איז מיינס אַ סימפּאַטיע, נאַר אַ דאַכטעניש אַזאַ, מיינס אַן אוטאָפּיע, מחמת איך האָב אנדערש געקוקט, אַן אויגן־גלעזער, און אַז דערפאַר האָב איך מיטן ריינעם אויג אנדערש געזען...

אין אַ פּרימיטיוועד, אָבער זייער אַ פעסטער, לאָדקע פון צוויי דורך פייער אויסגעהוילטע ריזיקע קלעצער פון סעיבאַ־ביימער, פאַרוואַנדלט אין אַ בי־זעגלשיף, האָב איך געמאַכט אַ שפּאַציר פון דעם האָפן פון גראַנאַדאַ איבער דער געוואַלדיק גרויסער ניקאַראַגואַ־אָזיערע.

דזשונגלס און שטעט

די ריזיקע אָזערע, קוקנדיק אויף איר פונעם ווולקאַן־באַרג סאַפּאַטעראַ, האָט אין מיינע אויגן אויסגעזען ווי אַ פּלאַטירטער אומענדלעכער טעפּיך באַטויט מיט אַ טאַרנאַסאַל־נעפּל, מיט סאמעט־גרינע געמעלן פון ביימער און בלומען, דורכגעוועבט און דורכגעפלאָכטן מיט פּורפּורנע און גינגאָלדענע פלאמיק־זוניקע פעדים.

פאַנטאַסטישע, ממש ווונדערלעכע זענען די בין־השמשותן און קאַיאָרן פון דער ניקאַראגואַ־אָזיערע. די גאַנצע פעריפעריע, איר גאַנצער הימל־רונד ביז אין דער אומענדלעכער ווייטקייט אַריין, ווו הימל און אָזיערע צעקושן זיך אַזוי אינ־טים, ווערט איינגעהילט אין אַ רעגנבויגענעם זיידנגעוועב, אין אַ שימערירנדיקן

שאַנטאַל אינדיאַנער ווייזט מיר אַן
אויסטערלישע בלום און
פאַררויכערט אַ ציגאַר

שטראַלן־וואַל. די גינגאָלדענע זון וואָס פאַרגייט אין אַ רויטן העלישן פלאַקער, גייט אויף אין באַגין, אַן אויסגעלייטערטע, ווי אַן אָנגעגליטער גאָלדענער באַל, אַ צעשטראַלטע ווי אַ שיר־השירים־טאָכטער, אַ פאַרשווענדערישע, און פון אירע טראָפּנס טוי אויף די ביימער, גראָזן און בלומענקווייטן פון די אינדזלען ווערן פּערל, בריליאַנטן און שמאַראַגדן.

כמעט אַלע אינדזלען אין דער ניקאַראגואַ־אָזיערע זענען סאַמעט־גרין, מיט

פּלאַנצן און בלומען, פול מיט בלענדנדיקע מאַסן־קאָלירן, גאַנצע בוקעטן קוויטן, אָנגעלאָדענע פול אויף דער קאָמפּאַקטער מאַסעביימער, פּלאַנצן און גראָזן. אַלץ איז צוויט, אַלץ בליט. די גאַנצע אינדזל־פּעריפעריע איז איין גרויסער בוקעט.

אַן אינדיאַנער כשוף־מאַכער האָט מיר דאָרט געוויזן אַ בלום*) אין דער פאָרעם און גרויס פון אַ גראַמאַפאָן־טרובע. איך האָב תחילת געמיינט, אַז איך זע טאַקע אַזאַ מין הערלעכע גראַמאַפאָן־טרובע. פונדערוויטנס האָט זיך מיר נישט געוואָלט גלויבן, אַז איך זע טאַקע אויף דער וואָר אַזאַ מין אויסטערליש גרויסע און אויס־טערליש־עקזאָטיש־שיינע און פיל־פאַרביקע בלום. נאָר די אמתע באַוווּנדערונג מיינע פאַרן באַשעפער פון יענער סודותפולער וועלט איז געקומען, בעת איך בין געשטאַנען אַ צוויי מעטער ווייט, פּנים־אל־פּנים פון דער עקזאָטישער בלום, אינ־מיטן פון דעם אַלגעמיינעם עקזאָטישן עקזאָטיק.

— די פאַרב, אָדער פאַרבן, פון דער אָפּענער בלום אינעווייניק, ווייס איך לגמרי נישט ווי דייטלעכער צו באַשרייבן, און איך צווייפל גאָר, צי עס איז פאַראַן אַ מאָלער, וועלכער זאָל קענען פּינקטלעך נאָכמאַכן דעם וווּנדערלעכן קאָלאָריט, דעם גאָונישן פאַרבן־געמיש, ווי פון אַ נעפּל אַרויס, פון שוואַכער צו שטאַרקער צו, פון איין פאַרב צו דער צווייטער. יעדער נעפּל האָט אַ געמיש פון רעגנבויגן־טוי, מיט אַ סך אַנדערע קאָלירטע נעפּלען, וואָס דער שעפער פון אות־הברית, האָט אפשר פאַרגעסן, אָדער נישט געוווסט, אַריינצושטעלן...

די „קאַראָלאַ“ פון דער ריזיקער בלום, אָדער בלום־בלעטלעך (פּעטאַלאָס), וועמענס קולמינאַציע־קאָליר ווערט פאַרענדיקט מיט שאַרלעך־רויט אינדערמיט, פאַנגט זיך אָן ווי דער קאַיאָר, אַ זייער שוואַך ראָזע, ווי באַטויט, און ווערט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער און שאַרפער, ביז עס פאַרענדיקט זיך אין געאָמעטרישן מיטלפּונקט, ווי אַ פונסאַ־רויט נעגעלע. צווישן אָט דעם רויטן פאַרבן־געמעל זעט זיך פון צוואַנציק מעטער ווייט, ווו איך בין תחילות געשטאַנען, אַ שימערירקייט פון טונקל־בלוי, אַ באַטויטע לבנה־ווייס, געל, רויט און אַלומיניום־גרוי, שוואַרץ און גאָלד־גרין־ווייס, און ווידער בלוט־רויט, העל־גרין, ווייס־בלוי, רויט־ווייס, און ווידער טונקל־בלוי און אָראַנזש.

איך קען, ליידער, מער נישט פאַרצייכענען אין מיין נאָטיץ־ביכל. דער פירער מיינער, דער שאַנטאַל־אינדיאַנער שפּילט זיך מיט זיין מעטער־לאַנגער „דאַגאַ“ (מעסער), און ראָט מיר „ברידערלעך“, איך זאָל מער גאָרנישט פאַרצייכענען, ווייל די בלום איז אַ הייליקע... דערצו נאָך זייער אַ שרעקלעכע... ראשית, ווערט דער מענטש, וואָס קוקט צופיל אויף איר רייצנדיקער שיינקייט, בלינד און שנית, איז אַ גרויסע געפאַר צו האָבן צו טאָן מיט דער בלום, ווייל אַזוי ווי זי לעבט פון די

*) די בלום הייסט אַרום. האָט מיר געזאָגט דער אינדיאַנער.

טויטע אינדיאַנער, וואָס ליגן אונטער איר באַגראָבן, וואָס די שפּאַניאָלן האָבן זיי אויסגעמאָרדעט אין דער קאָנקיסטאַ־צייט, איז זי קאַפּאַבל מיך צו פאַרכישופן, און מיך אויך מאַכן פאַר איר שפּייז...

אַלץ אויף דעם אינדזל איז סאַמעט־גרין, אפילו דער פייערשפּייערדיקער באַרג כאַפּאַטעראַ, אין וועמענס קראַטער עס ברויזט, זידט און קאָכט, און עס דונערט מיט טייוולאָנישע קולות ,איז באַדעקט מיט א קאָמפּאַקטן וואַלד און גרינע לאָנקעס ביז העט אַרויף, ביז נישט ווייט פון זיין פאַרוויכערטן פּיסק.

ווען נישט די כסדרדיקע שטורעמווינטן, וואָס בלאָזן אויף דער אומענדלעכער ניקאַראַגוואַ־אָזיערע, וואָלטן די אָרימע אינדיאַנער פישערס און סתם ים־לייט זיך אַ סך געשיפט, און מיט די שוואַכע לאָדקעלעך, זעגלשיפלעך און פאַראָווע סטאַט־קעס איז אָפּטמאָל א גרויסע סכנה זיך אוועקצולאָזן איבער די קלאַפּטער־הויכע כוואַליעס אויף גאָט באַראָט אין דער לענג און ברייט פון דער גיגאַנטישער אָזיערע.

קיין צו גרויסע שיפן, אפילו אויף אָפּצוהיטן די נאַציאָנאַלע ברעגעס פון ביידע אָקעאַנען, פאַרמאָגט נישט די נאַציע, בפרט נאָך אויף די אָזיערעס, וואָס זענען טאַקע ווי ימים, אָבער דאָך נישט מער ווי אָזיערעס אין אינערן פון לאַנד, איינגע־שלאָסענע אין די אייגענע גרעניצן. ווי באַוווסט איז דאָס ערשטע וואָס אַ רעגירונג שאַפט זיך איין אין די היינטיקע מאָדערנע צייטן איז קריגסשיפן, כדי אָפּצוהיטן אירע ברעגעס קעגן אַן אָנגריף פון א גייציקן שכן, אָדער פון אַ ווייט־נאָענטן אימפּעריאַליסטישן פאָלק. דאָך האָט נישט דאָס פרידלעכע ניקאַראַגוואַ קיין שום מעכטיקן געפּאַנצערטן קרייצער אויף צו פאַרמעסטן זיך קעגן אַ וועלכן עס איז דרעדנאָוט פון אַן אָנגרייפעריש פּיראַטן־פאָלק...

— מיר האָבן נישט קיין געפּאַנצערטע קרייצערס, קיין סובמאַרינען און קיין צעפּעלינען, ווייל מיין לאַנד איז טאָפּאָגראַפיש פונקט אַזוי ווי פּאַנאַמאַ, און איז פונקט אַזוי פרידלעך, פּאָליטיש און דיפּלאָמאַטיש. מיר טשעפּען קיינעם נישט, און דערפאַר וועט אונדז אויך קיינער נישט וואַגן צו פאַרטשעפּען... באַזונדערס, האָט דאָך אונדזער „גרויסער פריינט" פון צפון אונדז זייער ליב, און ער וועט אונדז באַשיצן קעגן יעטוועדער עקספּאַנסיע־פּרווו אויף אונדזער חשבון. די נאָרד־אַמערי־קאַנער באַגנעטן וועלן אונדז באַשיצן, ווייל די נ. אַמעריקאַנער מאַגנאַטן האָבן אַן אויג אויף ניקאַראַגוער ערד... — האָט מיר געזאָגט מיט איבערצייגונג א ציווילי־זירטער שאָנטאַל אינדיאַנער פּאַטריאָט.

אַ צען מינוט נאָך מיין לאַנדן אויפן אינדזל אַלטאַ־גראַסיאַ, האָט זיך צעבור־שעוועט א שרעקלעכער ציקלאָן איבער דער רייצנדיקער ניקאַראַגוואַ־אָזיערע, מיט שוימיקע ברויזנדיקע כוואַליעס, בערג איבער בערג, קאָנוווּלסיווע וואַסער־בערג האָבן געיאָגט און געשטורעמט איינע נאָך די אַנדערע, איינע איבער דער אַנדערער,

אַז עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז נישט נאָר דאָס „גראַציעזע הויכע" אינדזעלע (אַלטאַ־גראַציאַ) נאָר די גאַנצע וועלט וועט פאַרטרונקען ווערן...

נאָך אַ גליק, וואָס די גוטע און פּרימיטיווע מאָסקיטאָ־אינדיאַנער זענען זעלטענע הידראָגראַפן, געאָלאָגן, סיסמאָלאָגן און אַסטראָנאָמען, און זיי ווייסן כמעט אויף דער מינוט, ווען עס וועט אָניאָגן אַ הוראַגאַן צי אַ טייפון, און זיי אַנטרינען וואָס שנעלער פון שטורעם־אַקס, יאָגן זיך צוצוקומען צו אַ נאָענטן אינדזל פון די פילע, וואָס זענען ווי אַאַזיסן צעשפּרייט איבערן קרישטאָל־ריינעם וואַסער.

נאָך מיט אַ סך יאָרן צוריק איז געווען אַ געדאַנק צו באַנוצן זיך מיט דער ניקאַראַגוואַ־אָזיערע ווי אַ קאָמוניקאַציע צווישן אַטלאַנטיק און פּאַציפיק.



אַ ריזיקע קאַקטוס בלום

נאָכן זאָנדירן די טיפקייט פון דער אָזיערע און שטודירן איר אונטערגרונט, זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן עטלעכע פּראָיעקטן צו מאַכן אַן אינטעראָקעאַנישן קאַנאַל. אין די אַלע פּראָיעקטן און פּלענער איז אָנגעוויזן געוואָרן אַלס האַפן ביים אַטלאַנטיק דאָס האַפן־שטעטל סאַן כואַן פון צפון ביים אַריינפלוס אין אָקעאַן פון דעם טייך סאַן כואַן, דעם גרעסטן טייך פון צענטראַל־אַמעריקע. אויך דער טייך הייבט זיך אָן אין דער אָזערע ניקאַראַגואַ, און פאַלט אַריין אין אַטלאַנטיק, אָדער קאַריבישן ים, וואָס שווענקט די ברעגעס פון דער ניקאַראַגוער רעפּובליק.

דער זייער טיפער און ברייטער טייך סאַן כואַן האָט געזאָלט זיין דאָס מויל פון פּראָיעקטירטן קאַנאַל פון דער אַטלאַנטישער זייט ביז צו זיין געבוירן־אָרט

אין דער אָזערע, און פון דער צווייטער זייט, ד״ה צום פּאַציפיק, האָט מען געזאָלט גראָבן אַן אַרטיפיציעלן קאַנאַל, וואָס וואָלט אויסגעמאַכט קוים אַ צענטל פון דער גאַנצער לענג פון דעם פּראָיעקטירטן אינטעראָקעאַנישן קאַנאַל, בכדי צוצוקומען צום האַפנשטעטל בריטאָס ביים פּאַציפישן ברעג.

די אַלגעמיינע לענג פונעם קאַנאַל, פון אַטלאַנטישן אָקעאַן ביזן פּאַציפישן, וואָלט אויסגעמאַכט אַזעלכע צוויי הונדערט מיט פיר־און זיבעציק קילאָמעטער.

אָבער כלפּי די פּראָיעקטן פון אַ קאַנאַל איבערן ניקאַראַגואַ־ברייט האָבן געזיגט די פּראָיעקטן פון פּאַנאַמאַ, וואָס זענען שטודירט געוואָרן אין דער זעלביקער צייט דורך אַנטאַגאָניסטישע אינזשיניערן.

די יענקישע מיליאַרדערן האָבן תּחילת געטראַכט וועגן אַן אינטעראָקעאַנישן וואַסערוועג בלויז איבער דער ניקאַראַגוער טעריטאָריע, דורך דעם טייך סאַן כואַן, די ניקאַראַגואַ־אָזיערע און דורך דעם שמאָלן פּאַס שטיינערדיקע בערג, וועלכע טיילן אָפּ די אָזערע פונעם פּאַציפישן אָקעאַן. די שטיינערדיקע געגנט, וואָס וואָלט באַדאַרפט דורכגעהאַקט ווערן, ווערט אין דער געאָגראַפיע אָנגערופן: „איסטמאָ דע ריוואַס״, ביי וועלכן עס שטייט ווי צוגעקלעפּט דאָס ניקאַראַגוער האַפן־שטעטעלע מיט דעם זעלביקן נאָמען.

אַ קאַנאַל איבער ניקאַראַגואַ־ברייט וואָלט פאַרקירצט דעם מהלך לגבי דעם פּאַנאַמאַ־קאַנאַל אויף מער ווי 377 ים־מייל פון ניו־יאָרק קיין סאַן פראַנציסקאָ, אין קאַליפאָרניע. אַ חוץ דעם האָבן די יענקיס אויך געטראַכט צו קריגן ביי דער ניקאַראַגוער מאַכט צוויי גרויסע פּאַסן ערד פון ביידע זייטן פּראָיעקטירטן קאַנאַל, און האָבן געזאָלט אויפבויען פרייע האַפנס אין ביידע עקן פון דעם צוקינפטיקן קאַנאַל.

אָבער ווי איך האָב שוין דערמאָנט, האָט דער פּראָיעקט וועגן אַ קאַנאַל איבער פּאַנאַמאַ געזיגט לגבי ניקאַראַגואַ צוליב עטלעכע באַזישע טעמים:

— דער אַריינקום אין דער ניקאַראַגואַ־אָזערע פון דער גרינטאַן־זייט איז דער באָדן פון דער אָזערע פאַרמירט פון כמעט גרונטלאָזע בלאָטעס און פון שיטערע גרונטלאָזע און באַוועגלעכע זאַמדן, וואָס פאַרמירן „זאַמדבענק״ (באַנקאָס דע אַרענאַ — אויף שפּאַניש). דער טייך סאַן כואַן, דורך וועלכן די שיפן פון קאַריבישן ים וואָלטן געוואָלט זיך אַריינשיפן אין דער אָזערע, איז זייער אַן אימפּעטפולער, און זיין באָדן איז זייער געבערעקלט. אָט איז ער די טיף פופצן־צוואַנציק מעטער, און אָט איז ער גאָר פלאַך, נישט מער ווי אַ דריי־פיר מעטער די טיף, וואָס איז צו פליטקע פאַר אַן איבער־אַטלאַנטישער גרויסער שיף. אָט האָט גאָר דער קאַפּריזנער טייך, אין סאַמע טיפסטן מאַרשרוט פון זיין קאַנאַל, אַ ריזיקן פעלדז, אַ זייער הארטן קיזלשטיין... אַן אונטערנעמונג, וואָס וואָלט געווען אַ

סך ריזיקאַלישער, שווערער און קאָסטבאַרער ווי דער קאַנאַל איבערן טייך און אָזיערע טשאַנגרעס, איבערן האַלב־אינדזל פּאַנאַמאַ....

באַזונדערס, האָט די צוקונפט פונעם געפּלאַנטן ניקאַראַגואַ־קאַנאַל זיך אַרויס־געוויזן זייער פּראָבלעמאַטיש צוליבן געאָלאָגישן צוזאַמענשטעל פונעם אונטער־גרונט אין דער ניקאַראַגוער אָזיערע, וואָס קען גורם זיין אַ בייט פון וואַסער־ניווא, אין די מאָדערנע פאָרשונגען האָבן די געאָלאָגן און הידראָלאָגן פאַרצייכנט, אַז דער ניווא פון ניקאַראַגוער וואַסער־שפּיגל איז 32 מעטער איבערן פּאַציפישן ים, אָבער די פריערדיקע פאָרשער האָבן פאַרצייכנט גאָר אַנדערע ציפערן. צום ביישפּיל, די וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען פון יאָר 1781 האָבן געוויזן 41 מעטער די הויך פון דער אָזערע לגבי דעם אָקעאַנישן אויבערפלאַך. אין יאָר 1838 זענען פאַרצייכנט געוואָרן איבער 39 מעטער, אין יאָר 1851 — 34 מעטער. אַזוי אַז דער אויבערפלאַך פון דער קאָלאָסאַלער אָזיערע ווערט וואָס אַמאָל אַלץ נידעריקער, און דאָס גיט צו דענקען, אַז די אָזיערע האָט מער אָפּפלוס ווי צופלוס. אפשר האָט זי גאָר אַן אונטערוואַסערדיקן אָפּלויף, און עס דראָעט אַ געפאַר, אַז מיט דער צייט זאָל זי גאָר ווערן צו פלאַך...

נאָך אַנדערע דאַטעס פון דער גאָר לעצטער צייט האָבן באַקרעפטיקט די ערשטע השערות: ביזן יאָר 1883 האָט אַ נאַטירלעכער קאַנאַל, וואָס באַהעפט די אָזערעס מאַנאַגואַ און ניקאַראַגואַ געהאַלטן זעקס מיט אַ האַלבן קילאָמעטער די לענג און פיר מיט א האלבן מעטער די טיף. דער זעלביקער קאנאל איז אין יאָר 1896 רעדוצירט געוואָרן צו אַ פערט־חלק פון זיין לענג און מען קען אים אַריבער־גיין צופוס. אין אַ משך פון קאַרגע זעכציק יאָר האָט זיך אין דעם זעלביקן קאַנאַל געבילדעט אַ וואַסערפאַל פון זיבן מעטער די הויך. ווידער אַ סימן, אַז די אָזערע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף גאַנצע זיבן מעטער, און דער קאַנאַל איז געוואָרן קירצער, ווייל וואָס נידעריקער עס ווערט דער וואַסער־שפּיגל פון דער אָזיערע, אַלץ מער ווערט פאַרשאָטן דער קאַנאַל.

אַחוץ דעם, ווערן די ברעגעס פון דער ניקאַראַגואַ־אָזיערע וואָס אַמאָל אַלץ ברייטער און באַדעקט מיט אַ שיכט זאַמד. דערצו נאָך וואָלט דער ניקאַראַגואַ־קאַנאַל געדאַרפט דורכגיין איבער אַ געפערלעכן געביט, פול מיט אַקטיווע ווולקאַנען. אייניקע הויך איבערן וואַסער־שפּיגל און גאָר אַ סך אונטערוואַסערדיקע. און נעמענדיק אין אכט, אַז דער ניקאַראַגואַ־קאַנאַל וואָלט מינדעסטנס באַדאַרפט האָבן אַ לענג פון 274 קילאָמעטער איבער אַ געביט פון סיסמישן ברענפּונקט פון צענטראַל־אַמעריקע. די רייע צענטראַל־אַמעריקאַנער ווולקאַנען, אַקטיווע, איבער 1200 קילאָמעטער די לענג, צעטיילן זיך אין פיר געטרעפלטע שורות גערייכטעטע צו דער מערב־זייט. די פּונקטן ווו די ווולקאַנען־קייט פון די פיר אָפּצווייגונגען ווערט איבערגעריסן אויפן אויבערפלאַך, צוליב דער זייער טיפער ניקאַראַגואַ־

אַזיערע, קאָנצענטרירן זיך ווידער אונטערן וואַסער, ווו עס קומען אָפּטמאָל פאָר די געפערלעכסטע ווולקאַן־אויסברוכן.

די נישט־לאַנגעוודיקע סיסמאָגראַפישע דאַטן ציִיגן אַפילו, אַז אין די וואַסערן פון דער ניקאַראַגואַ־אָזערע האָבן זיך פאָרמירט צוויי נייע ווולקאַן־בערגלעך, וואָס זענען אַרויסגעקומען איבערן וואַסער־אויבערפלאַך, אַזוי ווי צוויי העסלעכע גע־שווירן אויף אַ שיינער הויט.

דער שוידערלעכער ווולקאַן־אויסברוך אין פאָנסעקאַ־גאָלף מיט דער ערד־ציטערניש, וואָס עס האָט פאַרורזאַכט דער פייערשפּייענדיקער באַרג קאָסעגינאַ אין יאָר 1835, ווייזט, אַז דער באַרג איז דער ברענפּונקט אין פולער אַקטיוויטעט. דערפאַר טאַקע איז פאַראַן די מורא, אַז יעדן מאָמענט קען אויסברעכן אַזאַ קאַ־טאַסטראָפע אויך אין דער ניקאַראַגואַ־אַזיערע, וועלכע האָט אין איר פעריפעריע עטלעכע אַקטיווע ווולקאַנען: דער אָמאָטעפּעק, וועלכער שטייט אַראָגאַנטיש אין דער אָזערע, האָט שוין באַוויזן, וואָס ער קאָן, אין יאָר 1853. און אַזוי ווי די גאַנצע ניקאַראַגוער טעריטאָריע איז אונטערגעוואָרפן דעם חסד פון אָפטע ווולקאַן־אויס־ברוכן און ערדציטערנישן, וועלכע צעשטערן דערפער און שטעט, באַגראָבן אונטערן וואַסער אָדער אונטער דער ערד הויכע בערג און מאַכן אַרויסשפּראָצן שפּאָגל־נייע בערג, פון דער טיפעניש אַרויס, אינדזלען און פעלדזן, וואָס וואָלטן צעשטערט שליוזן און האַפנס, ווי אויך פאַרטרונקען גאַנצע געביטן.

צוליב אַט די אַלע סיבות וואָלט זייער שווער געווען צו פאַרזיכערן, און אויפ־צוהאַלטן, אַן אינטעראָקעאַנישן קאַנאַל, ווען אַן אָמאָטעפּעק, מאַדעראַ, סאַפּאַטעראַ אָדער מאָמאָטאָמבאָ צי קאָסעגינאַ, אָדער אַן אַנדער ווולקאַן וואָלט זיך פאַרגלוסט אַ שפּיל צו טאָן מיט זיינע כוחות רעות אונטערן וואַסער פּונקט דאַן ווען דער קאַנאַל און דאָס וואַסער אַרום וואָלט פול געווען מיט שיפן. עס וואָלט געוואָרן פון אַלץ אַ נייער סדום ועמורה ווי אין לוטס צייטן...

איצט, נאָך צענדליקער יאָרן פון עקזיסטענץ פון פאַנאַמאַ־קאַנאַל, ווען דער וועלט־פאַרקער איז אין פולער אַקטיוויטעט, טויזנטער שיפן גייען דורך דעם פאַנאַמאַ־קאַנאַל און קיין שום אויסערגעוויינלעכס איז נישט פאָרגעקומען, נישט אין פאַנאַמאַ־קאַנאַל און נישט אין דער ניקאַראַגואַ־אַזיערע, האָבן די פּראַקטישע יענקיס זיך ווידער גענומען טראַכטן, און שוין גאָר ערנסט וועגן אַן אינטער־אָקעאַנישן קאַנאַל איבער דער ווולקאַנישער ניקאַראַגואַ־אַזיערע.

דרך אגב, איז ווערט צו דערמאָנען, אַז די לעגיסלאַטיווע קאַמער פון דעם לעצטן לאַנד, האָט דעם 11טן אַפּריל פון 1916 סאַנקציאָנירט אַ געזעץ־אָפּמאַך, לויט וועלכן די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן די עקסלוסיווע רעכט אויפצובויען און צו עקספּלואַטירן אַן אינטעראָקעאַנישן קאַנאַל איבער דער ניקאַראַגוער טעריטאָריע. עס ווערן אויך פאַרדונגען עטלעכע ביז גאָר סטראַטעגיש־וויכטיקע אינדזלען אויף

ביידע אָקעאַנען אויף דער אַזיערע, און די יענקיס האָבן די עקסקלוסיווע רעכט אויפצושטעלן א שיפס־באַזע אין דעם טיפן און רחבותדיקן פאָנסעקא־גאָלף אין פּאַציפישן אָקעאַן.

אין אָנערקענונג פון דער גאָר וויכטיקער קאָנצעסיע מצד דער ניקאַראַגוער רעגירונג און געזעצגעבערישער קאַמער, האָט די גרויסמוטיקע און דעמאָקראַטישע אָנקל סעמס רעגירונג אלס דאַנק און אָנערקענונג, זיך פאַרפליכטעט צו באַצאָלן דער ניקאַראַגוער רעפּובליק די סומע פון דריי מיליאָן דאָלער...

Este libro se terminó de imprimir el día 30 de Octubre de 1951
en la imprenta Zlotopioro Hnos. — Gascón 1231, Buenos Aires.

דרוקעריי ברידער זלאָטאָפּיורא — גאַסקאָן 1231 — בוענאָס איירעס